STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03494

LITERARISHE ESEYEN

Aaron Raskin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אהרן ראַסקין

*

ליטעראַרישע עסייען

Published by the Dr. Morris and Rachel Schulzinger Fund
of the Rena Costa Yiddish Chair of
Bar-Ilan University, Ramat Gan

אַרויסגעגעבן דורך דעם ליטעראַטור־פֿאָנד א. נ. פֿון
ד״ר משה ש. און רחל שולזינגער פֿון סינסינעטי
ביי דער רינה קאסטא יידיש־קאַטעדרע פֿון בר־אילן אוניווערסיטעט

ביישטייערער:
אפרים וויינינגער
קרן יהודה־לייב ווײַנער
קרן עמו״ס ע״ש זלמן שז״ר
קרן צדקה תיקון עולם של צעירי בתי־הכנסת המאוחדים
בצלאל און סאָניע קאַסטנער ליטעראַטור־פֿאָנד א. נ. פֿון מלך ראַוויטש
ביים י. ל. פּרץ־פֿאַרלאַג

אהרן ראַסקין

ליטעראַרישע עסייען

פון ליטעראַרישן עזבון פונעם מחבר —
וואָס האָט נישט זוכה געווען
צו פאַרווירקלעכן זיין עליה

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

ירושלים, תשמ"ט—1989

AARON RASKIN

ESSAYS IN LITERAY CRITICSM

אהרן רסקין — מסות ספרותיות

מעזבונו של הסופר

הוכן לדפוס על-ידי

גרשון ויינר ואפרים שדלצקי

©

פארלאג י. ל. פרץ, תל־אביב, רח׳ ברנר 14

נדפס בישראל תשמ״ט

Printed in Israel, 1989

דפוס ״צור־אות״, ירושלים

אהרן ראַסקין — 1910—1984

הקדמה

מיר דערפילן אַ חסד של אמת מיטן אַרויסגעבן אַן אָפּקלייב ליטעראַרישע עסייען פון יידיש-סאָוועטישן ליטעראַטור-קריטיקער אהרן ראַסקין ע״ה.

פון דער ביאָגראַפיע, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן פון זיינע טעכטער און שליסט דעם באַנד, באַקענען מיר זיך מיטן יסורים-וועג פון אַ יידישן שרייבער פּנים אל פּנים מיט דער אַכזריותדיקער ווירקלעכקייט פון דעם סטאַליניסטישן רעזשים, וואָס האָט אויך אָנגעהאַלטן עטלעכע צענדליק יאָר נאָך זיין פּטירה.

נאָך די סטודענטישע יאָרן אין יידישן אָפּטייל פאַר ליטעראַטור און שפּראַך פון מאָסקווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, פאַראינטערעסירט זיך ראַסקין דער עיקר אין פּעדאַגאָגיע, פילאָלאָגיע און ליטעראַטור פון יידיש. ביים צוריקקומען פון דינען אין דער סאָוועטישער אַרמיי ביזן סוף פון דער מלחמה, מיט אַ צוגאָב פון נאָך פינף יאָר ווי אַ מיליטערישער איבערזעצער, געלינגט אים אָבער נישט ממשיך-צו-זיין אין געביט פון יידיש. די ליקווידאַציע פון דער יידישער קולטור שליסט אויס די מעגלעכקייט פאַר אַ צאָל יאָרן.

נאָך אין יונגן עלטער פון 18 יאָר האָט ראַסקין אָנגעהויבן פאַרעפנט-לעכן לידער און סקיצעס אין דער לאָקאַלער יידישער פּרעסע. ווען ס׳הייבט אָן דערשיינען ״סאָוועטיש היימלאַנד״ אין 1961, ווערט ער אין דער איינ-ציקער יידיש-אויסגאַבע אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער.

זיינע געדרוקטע עסייען פאַרנעמען זיך מיט די קלאַסיקער, מיט אָפּ-האַנדלונגען וועגן סאָוועטיש-יידישע שרייבער און אויך מיט דער נייער העברעאישער ליטעראַטור, וואָס ווערט געשאַפן אין ישראל.

די תקופה אין זיין שאַפן איז אָבער מיטאַמאָל אָפּגעהאַקט געוואָרן אין 1977, ווען ראַסקינס צוויי טעכטער מיט זייערע משפּחות זיינען אַרויס-געפאָרן קיין ישראל. מען האָט ראַסקינען אויפגעהערט צו דרוקן, זיין נאָמען איז פאַרשוויגן געוואָרן, און מען האָט געהאַלטן אין איין אָפּזאָגן אים אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן און פאַראייניקן זיך מיט זיין משפּחה אין ישראל. אין עלטער פון 74 יאָר איז ראַסקין געשטאָרבן אין 1984, נישט באַוויזנדיק צו דערגרייכן זיין ציל. זיין פרוי, וואָס מען האָט סוף כל סוף

געלאָזן אַרויספּאָרן נאָך זיין טויט, איז נישט געלונגען אַרויסצופירן די פאַרבליבענע כתב-ידן פון איר מאַנס ליטעראַרישן עזבון.

דאָס איצטיקע בוך איז אַן אָפּקלייב פון די וויכטיקסטע עסייען דערשינען אין "סאָוועטיש היימלאַנד", עסייען וואָס האָבן אַ דויערנדיקן ווערט און וועלן פאַראינטערעסירן דעם לייענער און פאָרשער פון יידישער ליטעראַ-טור-שאַפונג אומעטום.

דער מחבר ווייזט זיך אַרויס ווי אַן אָריגינעלער אויסטייטשער פון יידיש-שאַפונגען און אַ קענער פון יידישע מקורות בכלל. מיר זעען אויך פון זיינע אַרבעטן וועגן דער מאָדערנער העברעאישער ליטעראַטור, אַז העברעאיש איז אים געווען גאָר נאָענט און אַזוי אויך די נייעסטע שאַפונגען אין דער שפּראַך.

די פּערספּעקטיוון פון דערווייטנס ביים נאָכפאָלגן די אַנטוויקלונג אין דער ישראל-ליטעראַטור, דער עיקר דורך די אויגן פון אַ סאָוועטישן שרייבער, איז פון ספּעציעלן אינטערעס פאַר לייענער און פאָרשער.

אוודאי וואָלטן די איבערגעדרוקטע עסייען אויסגעזען אַנדערש, ווען אַהרן ראַסקין וואָלט זוכה געווען צו קומען קיין ישראל. זיכער וואָלטן אייניקע פון די שאַפונגען קאָרעגירט געוואָרן אין הסכם מיט זיינע אויפ-ריכטיקע מיינונגען, אָן מורא פאַרן צענזאָר. ווי אין אַלץ געדרוקט אונטער דער קאָמוניסטישער השגחה, געפינט מען אויך אין זיינע אַרבעטן גרילצנ-דיקע זאַצן, וואָס זיינען אָפּנים אַרויפגעצוואונגען געוואָרן דורכן רעדאַקטאָר אָדער דורך דער עקזיסטירנדיקער אַטמאָספער. נישט שווער צו דערקענען אָט די פרעמד-צוגעוואָרפענע שטעלן. בלייבנדיק געטריי דעם טעקסט האָבן מיר על פּי רוב איבערגעלאָזט דעם אָפיציעלן זשאַרגאָן, און אויסדרוקן וואָס זיינען לכתחילה געשריבן געוואָרן כדי יוצא-זיין פאַר דער "ליניע".

נישט געקוקט אָבער אויף אונדזערע באַמיאונגען, איז אונדז נישט געלונגען, און אָפטמאָל ניט ראַטזאַם געווען, זיי אינגאַנצן צו באַזייטיקן.

די זאַמלונג דינט ווי אַ מוסטער פונעם שאַפן און פון דער געדאַנקען-וועלט פון דעם שרייבער-מאַרטירער, און זאָל די אַרויסגעגעבענע זאַמלונג זיין אַ נשמה-ליכט צו זיין אייביקן אָנדענק.

די עסייען פון אַהרן ראַסקין איז די ערשטע אויסגאַבע פון ליטעראַטור-פאָנד אויפגעשטעלט פון העברעאיש-יידישן געלערנטן, מעדיצין-דאָקטאָר און מעצענאַט, ד"ר משה שמחה שולזינגער און זיין פרוי רחל פון סינסינאַטי, עטאַבלירט ביי דער יידיש-קאַטעדרע פון בר-אילן-אוניווערסיטעט.

גרשון וויינער
אפרים שעדלעצקי

אהרן ראסקין — מסות ספרותיות

אהרן ראסקין (1984-1910) היה מטובי חוקרי יידיש וספרותה בבריה"מ בדור שאחרי המהפכה. הוא השתתף במלחמת העולם השניה, ואחריה שימש כמתרגם ראשי של הצבא האדום בברלין. זמן מה אח"כ נתקל בקשיים והורחק מפעילות ספרותית וחינוכית. עם הופעת הירחון הספרותי "סאָוועטיש הײמלאַנד" (1961) החל לפרסם שוב את מאמריו, שכן עוד לפני המלחמה רכש לו שם של חוקר יצירות מנדלי מוכר ספרים. הוא פירסם מסות ומחקרים על אבות ספרות יידיש ועל סופרי יידיש בבריה"מ. כן הוא נחשב כמומחה לספרות העברית החדשה שנוצרה בישראל.

בשנת 1974 הוכרז כ"בלתי הולך בתלם" המשטר ונגזר עליו אלם ספרותי — וזאת מפני ששתי בנותיו עם משפחותיהן עלו לארץ. על אף פניותיו החוזרות ולמרות ההתערבות מצד גורמים שונים, כולל במרכזי פא"ן בעולם, נדחו פניותיו ע"י השלטונות, והוא נאלץ להשאר שם ללא מקורות פרנסה וללא אפשרות לפרסם את עבודותיו.

בשנת 1984 נפטר משבץ-לב, ורק אחר-כך ניתן היתר יציאה לאשתו על מנת להתאחד עם משפחתה בירושלים.

בקובץ שלפנינו — מבחר מאמריו שהופיעו בירחון "סאָוועטיש היימ-לאַנד", עם השמטת הדברים שנכתבו מחמת אימת השלטון, כפי שאנו מוצאים בכל יצירות יידיש במשטר הקומוניסטי. כתבי-היד שלו אשר לא זכו לפרסום הלכו לטמיון מאחר שלא ניתן לאלמנתו להוציאם ממוסקבה.

מענדעלע אין יידיש און העברעיש

1

ווי באַוואוסט, האָט מענדעלע כמעט אַלע זיינע ווערק, וועלכע זיינען געווען געשריבן אין יידיש, איבערגעזעצט אין העברעיש. „איבערגעזעצט" איז אָבער ניט דאָס פּאַסיקע וואָרט, ריכטיקער וועט זיין: אויפסניי געשריבן אין העברעיש. די העברעישע ליטעראַטור־פאָרשער זיינען ניט שטאַרק מגזים, ווען זיי באַטראַכטן די דאָזיקע ווערק אַלס ביי־אויפלאַגעס אָדער אַפילו אַלס נייגעשאַפענע ווערק. פונדאַנען איז צו דרינגען, אַז דער עצם פאַרגלייך פון די יידישע און העברעישע טעקסטן איז ביז גאָר וויכטיק.

נאַטירלעך, האָבן מיר ניט קיין מעגלעכקייט אין די ראַמען פון אַ זשורנאַל־אַרטיקל נאָכצופאָלגן אַלע אָפּווייכונגען צווישן איין טעקסט און דעם צווייטן. מיר שטעלן זיך אַ באַשיידענע אויפגאַבע: אויסטיילן און באַטראַכטן אַ ריי וויכטיקע שינוים, וואָס מענדעלע האָט אַריינגעטראָגן אין זיינע ווערק, בעת ער האָט זיי געשריבן אין העברעיש, אַנצייכענען אייניקע גרונט־ליניעס, לויט וועלכע זיי זיינען געמאַכט אין פאַרבינדונג מיט דער אידעאיש־קינסטלערישער עוואָלוציע פונעם שרייבער פאַר דער צייט, וואָס טיילט אָפּ די העברעישע טעקסטן פון די יידישע.

אַלע העברעישע וואַריאַנטן פון מענדעלעס ווערק זיינען געווען געשריבן שפּעטער פון די יידישע. די כראָנאָלאָגיע איז דאָ בערך אַזאַ:

	דער יידישער טעקסט	דער העברעישער טעקסט
„מסעות בנימין השלישי"	1877	1896
„דאָס ווינטשפינגערל"		
(ערשער וואַריאַנט)	1865	
(דער פולער וואַריאַנט)	1905—1888	1909—1896
„די קליאַטשע"		
(דער ערשטער וואַריאַנט)	1873	
(דער פולער וואַריאַנט)	1898	1909
„פישקע דער קרומער"		
(דער ערשער וואַריאַנט)	1869	

	דער יידישער טעקסט	דער העברעישער טעקסט
(דער פולער וואַריאַנט)	1894	1907
״שלמה ר׳ חיימס״		
(ערשטער טייל)	1898	1903
(צווייטער טייל)	1914	1917—1916

פאַר דער צייט, וואָס טיילט אָפּ די יידישע אויסגאַבעס פון די העברעישע, האָט זיך פיל געענדערט אין מענדעלעס וועלט־אַנשויאונג. ניט וויניק אידייען, מיט וועלכע ער האָט געלעבט אין די 70־ער און אָנהייב 80־ער יאָרן, האָבן ערב און אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט לאַנג שוין פאַרלאָרן זייער צוציאונגס־קראַפט, און, פאַרקערט, עפּעס־וואָס פון דעם, וואָס מע האָט פריער אויסגעלאַכט, האָט באַקומען אַ באַשטימטן חן, געוואָרן סימפּאַטישער און נעענטער צום האַרצן. פיל פון דעם, וואָס איז פריער געווען היינטצייטיקייט, איז פאַר דער צייט געוואָרן געשיכטע. פונדאַנען אַ בולט־אויסגעשפּראָכענע נטיה צו געשיכטלעכער רעמיניס־צענעץ, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן אין די העברעישע וואַריאַנטן, אַ טענדענץ, וואָס לאָזט זיך שוין מערקן אויך אין די יידישע טעקסטן, וועלכע זיינען געווען געשריבן אין די זעלבע יאָרן, צום ביישפּיל אין ״שלומה ר׳ חיימס״. מענדעלע באַמיט זיך איצט נעמען אָפּשטאַנד פונעם געשילדערטן און באַטראַכטן דעם עבר שוין אויף אַן אַנדער אופן.

מערקווירדיק איז שוין דער פאַקט, וואָס מענדעלע ענדערט די טיטלען פון אַלע זיינע העברעישע ווערק אין פאַרגלייך מיט די יידישע. שוין אינעם נאָמען שטעקט די אַנדייטונג אויף היסטאָריש־קינסטלערישער פאַראַלגעמיינערונג. אַנשטאָט ״פישקע דעם קרומען״ קומט דער טיטל ״ספר הקבצנים״ (״דאָס בוך וועגן קבצנים״) — אַ מין פאַרשונגס־אַרבעט וועגן דער ״יידישער טאַרבע״; אַנשטאָט דער ״קליאַטשע״ קומט ״סוסתי״ (״מיין קליאַטשע״); אַנשטאָט ״דאָס ווינטש־פינגערל״ — ״בעמק הבכא״ (אין טאָל פון געוויין״) — אינעם טיטל ווערט באַטאָנט דער סאָציאַלער מהות פון געשילדערטן; אַנשטאָט ״שלמה ר׳ חיימס״ — ״בימים ההם״ (״אין יענע טעג״ — אַן אָנזאָג אויף מעמואַרן, רעטראָספּעקטיווער באַטראַכטונג, געשיכטע).

די שטרעבונג צו ברייטערער פאַראַלגעמיינערונג און טיפיזירונג באַוועגט מענדעלען אויסצומיידן אין זיינע העברעישע וואַריאַנטן לאָקאַלע באַצייכענונגען, קאָנקרעטע נעמען, איינצלנע פאַקטן און דערשיינונגען, וואָס האָבן אַן ענג־לאָקאַלן באַטייט. אין די העברעישע טעקסטן פאַלן אַרויס, צום ביישפּיל, אַזוינע געאָגראַפישע באַצייכענונגען, ווי: ״לינקס פאַרט מען קיין גלופּסק, און רעכטס — אין שטעט פון פאָדאָליער גובערניע״ (״פישקע דער קרומער״); ״מיט אַ צען ווערסטלעך פונעם

שטעטל ק. אין דער ליטע ערגעץ געפינט זיך אַ מין קליין דערפל" — אַנשטאָט דעם "ניט ווייט פון דלפונה איז דאָ אַ קליין דערפל" ("שלמה ר' חיימס"). אין דער "קליאַטשע", צום ביישפּיל, ווען ס'גייט אַ רייד וועגן די דעפּעשן, וואָס ליוציפער האָט באַקומען פון פאַרשיידענע לענדער, ווערן אין די יידישע טעקסטן אָנגערופן די לענדער עסטרייך, בעהמען און מעהרען, דער קאַרדינאַל שוואַרצענבערג — אין העברעישן טעקסט קומט אַנשטאָט דעם "דער דאַרטיקער קאַרדינאַל", זיין נאָמען, ווי אויך די נעמען פון די לענדער, פאַלן אַרויס. ס'ווערט דערציילט פון "קאַטוילישע גלחים" בכלל. אַזוינע ביישפּילן פון פאַראַלגעמיינערנדיקער טיפּיזירונג פון קאָנקרעטע פאַקטן האָבן מיר אין די העברעישע וואַריאַנטן אין אַ גרויסער צאָל.

ווען מענדעלע האָט געשריבן העברעיש, האָט ער בלי־ספק געזען פאַר זיך אַן אַנדער אוידיטאָריע. אין יידיש האָט ער געשריבן וועגן קאַבצאַנסק פאַר די קאַבצאַנסקער, זיין לייענער איז געווען דער עמך־מענטש, ווען אַלדאָס געשילדערטע איז געווען נאָענט און פאַרשטענדלעך. אין העברעיש האָט מענדעלע דאַן געהאַט פאַר זיך אַ לייענער, וועלכער האָט זיך געפונען גאַנץ ווייט פון קאַפּצאַנסק. אין פאַרגלייך מיט די טעקסטן אין יידיש האָבן די העברעישע וואַריאַנטן אַ מער אויסגעשפּראָכענעם געשיכטלעך־פאַראַלגעמיינערנדיקן כאַראַקטער. דאָ פילט זיך די נייגונג צו רעטראָספּעקציע, צו עטנאָגראַפישקייט שטאַרקער ווי אין די יידישע טעקסטן אַפילו פונעם לעצטן פּעריאָד פון מענדעלעס שאַפן.

די געשעענישן אין רוסלאַנד אין די לעצטע יאָרצענדליקער פונעם פאַריקן יאָרהונדערט האָבן געבראַכט דערצו, אַז אין די העברעישע טעקסטן פון מענדעלעס ווערק פאַרשטאַרקן זיך די אַנטי־בורזשואַזע אינטאָנאַציעס.

אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק האָבן אויף מענדעלען געמאַכט די פּאַגראָמען אין די אַכציקער יאָרן און שפּעטער אין די יאָרן ערב דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. משׂכּילישע איליוזיעס וועגן דעם, אַז מע קאָן דורך בילדונג פאַרבעסערן די לאַגע פון די ברייטע מאַסן פון פאָלק, האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס ניט־ממשותדיקע. די יידן־פראַגע האָט פאַרלאָרן איר סעפּאַראַטע באַדייטונג און זיך איינגעשלאָסן אַלס באַשטאַנדטייל אין דער אַלגעמיינער סאָציאַלער פראַגע.

אין די העברעישע טעקסטן, וואָס זיינען געווען געשריבן אינעם ערשטן יאָרצענדליק פון אונדזער יאָרהונדערט, זיינען צוגעקומען אַ ריי שטעלן, אָנגעזאָפּטע מיט קריטיק פון דער פּאָליטישער סיסטעם פון ווילקיר און אונטערדריקונג. די שילדערונג פון דער שרעקלעכער פאַראָרעמונג פון די ברייטע מאַסן פון יידישן פאָלק און זייער רעכטלאָזיקייט באַקומט אַ מער אַקצענטירטע פּאָליטישע באַאַרבונג. די קריטיק אינווייניק, קעגן די קהלשע רעדלפירער און פאַרשיידענע מינים בעלי־טובות, ווערט ניט אָפּגעשוואַכט, נאָר זי ווערט געפירט אויף אַ ברייטערן פראָנט. יענע לייט ווערן באַטראַכט אַלס אַ פּראָדוקט פון דער אַלגעמיינער אומגערעכטער געזעלשאַפטלעכער סיסטעם, אַלס איינער פון אירע פאַקטאָרן, וואָס העלפט צו

קאָנסערווירן די רעשטלעך פון די אַלטערטימלעכע לעבנס־פאָרמען און צו פאַר־טיפערן די עקאָנאָמישע און גייסטיקע פאַרשקלאַפונג פון די ברייטע מאַסן פון פאָלק.

וואו זשע איז דער אויסוועג? איז מעגלעך אַ וועלכע־ס׳איז רעטונג? געוויס איז זי ניט צו געפינען אין דער סיסטעם פון קהלשע ״צדקות״. דאָס פאָלק נייטיקט זיך אין עקאָנאָמישער געזונטמאַכונג.

אין העברעישן טעקסט פון דער ״קליאַטשע״ קומט אַזאַ וויכטיקער צוגאָב: ״צדקה פאַר אָרעמעלייט, בטלנים און קאַליקעס וועט איר געבן מיט גוואַלד, און וואָס מער איר וועט זיי געבן, אַלץ מער וועלן זיי זיך פרוכפּערן און מערן, און קיינמאָל וועלן זיך ניט אויסנעמען ביי אייך קבצנים און דלפנים, קראַנקע און קאַליקעס, בטלנים און נויטבאַדערפטיקע. און פון אַזעלכע מיטלען, וואָס קענען ראַטעווען פון אָרעמקייט און בטלנות, ווי, צום ביישפּיל, לערנען מלאכה, וויסנ־שאַפטן און דרך־ארץ, וואָס וואָלטן געקענט אייך דערהאַלטן ביים לעבן, ווילט איר ניט וויסן, עס קומט אייך אַפילו אויפן געדאַנק ניט אַרויף. אַמאָל פאַלט אייך אַ שטות אין קאָפּ אַריין, און איר נעמט אַוועק אַ העלפט פון דער קהלשער קאַסע און דער טאַקסע, וואָס דער עולם, און טאַקע דער עיקר די אָרעמע שיכטן פון פאָלק באַטייליקן זיך אין איר, און גיט עס אַוועק אויף אַ בית־עולם, דעם דאָזיקן וואָלף, וואָס פרעסט אויף אייער געלט, און נאָר אַ קליינער טייל פון די סאַמע אָרעמע חולאים האָבן די זכיה זיך דאָרט צו היילן פאַרן טויט. און אויב ס׳וועט זיך געפינען צווישן אייך אַזוינער, וואָס וועט גרייט זיין צו פאַריכטן דעם פעלער, וועט איר אים אַפילו ניט וועלן הערן; אויב ער איז נאָך דערצו אַ למדן, נאָר קיין געלט האָט ער ניט, וועט איר נאָך אויף אים אָנפאַלן: גיי, גיי אַוועק, וועט איר אים זאָגן, עס זיינען דאָ ביי אייך שיינע בעלי־בתים, וואָס זיצן אין אויבנאָן, און ווער עס האָט די מאה, דער האָט די דעה״ [1] (ז׳ שלה).

מענדעלע פאַרשטייט איצט גוט, אַז עקאָנאָמישע געזונטמאַכונג איז מעגלעך נאָר ביי אַ פולשטענדיקער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער גלייכבאַרעכטיקונג פון דער יידישער באַפעלקערונג. ער זאָגט דאָ קלאָר אַרויס זיין מיין (אין יידישן טעקסט ווערט אויף דעם נאָר אָנגעדייט).

אין יידישן טעקסט:

זאָל מען אָבער געוווען אייך לאָזן לעבן לייטן גלייך, ווי עס געהער צו זיין, וואָלטן אַזוינע זאַכן ביי אייך כלל ניט געשען (ז׳ 126).

... מיט אייערע הוצאות אויף אַלע באַדערפענישן און כלל־זאַכן זייט איר אָפּגעשיידט פון די אומות־העולם! דעריבער איז אומעגלעך, אַז איר זאָלט זיך פאַראייניקן מיט זיי אין די זעלביקע געפילן פאַר דער מדינה (ז׳ 166).

אין העברעישן טעקסט:

ווען אָבער די טויערן פון פרנסה וואָלטן זיך ניט געשלאָסן פאַר אייך און ס׳וואָלט אייך דערלויבט געווען צו לעבן פריי, ווי אַלע מענטשן, **וואָלטן די אַלע אומגליקן ביי אייך ניט געשען (ז׳ שלה).**

...אויף צאָלן צינסן און שטייערן זייט איר גלייכבאַרעכטיקט מיט די בירגער פונעם לאַנד. **איר זייט נאָר אָפּגעשיידט פון זיי, ווען ס׳גייט אַ רייד וועגן אויסגעבן** געלט פון די מלוכישע קאַסעס **אויף די באַדערפֿעניש** פונעם **כלל. זיי** טראָגן אַריין און נעמען אַרויס אויף זייערע באַדערפֿענישן, איר אָבער טראָגט אַריין, נאָר באַקומען באַקומט איר גאָרנישט. **און אויך** וויפל איר האָט קיין שום חלק אין די רייכטימער פונעם לאַנד **איז טאַקע אומעגלעך, איר זאָלט אים זיין** איבערגעגעבן מיטן גאַנצן הארצן, **ווי זיי (ז׳ שמו).**

מענדעלע באַשולדיקט אין די נויטן און ליידן פון די יידישע מאַסן די עקזיס־טירנדיקע געזעלשאַפטלעכע סיסטעם, די פּאָליטיק פון נאַציאָנאַלער דיסקרימינאַציע.

2

עס איז אַלגעמיין באַוואוסט, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט די פּאָגראָמען זיינען ביי מענדעלען אינעם לעצטן פּעריאָד פון זיין לעבן אויסגעוואַקסן די סימפּאַטיעס צום נאַציאָנאַלן עבר. פיל האָט מיטגעווירקט דערצו די סביבה, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען אין אָדעס. די דאָזיקע שטימונגען לאָזן זיך געפונג שטאַרק הערן אין די יידישע ווערק פון דעם פּעריאָד (צום ביישפּיל, אין די לעצטע טיילן פונעם "ווינטשפינגערל", אין "שלמה ר׳ חיימס"). אין די העברעישע וואַריאַנטן באַקומען די דאָזיקע געפילן נאָך אַ שטאַרקערן אויסדרוק. אין פאַרגלייך מיט די יידישע טעקסטן איז אין די העברעישע שוואַכער די קריטיק פונעם יידישן לעבנסשטייגער. פיל שטעלן, וואָס זיינען געווען געריכטעט קעגן די קהלשע רעדלפירער, שטעטל־דיקע "פּני" און כלי־קודש, זיינען אין די העברעישע וואַריאַנטן באַזייטיקט.

אָפּטער איז דאָ אין העברעישן טעקסט דער מחילה־שמייכל לגבי די רעשטלעך פון מיטלאַלטער אין יידישן לעבן. די באַשרייבונג פון די שבת־צונאַכט־זמירות פון שמואל דעם טאַנדעטניק אין "ווינטשפינגערל" איז אין העברעישן וואַריאַנט נאָך מער איינגעהילט אין אַ הייליקער שטימונג. אין העברעישן וואַריאַנט פון "שלמה ר׳ חיימס" זיינען פאַרביקער, שטימונגספולער געמאָלט די ימים־נוראים־צערע־מאָניעס. דאָס באַוואוסטע בילד פון "לייגן קנייטלעך" ווערט דאָ שטאַרק פאַר־ברייטערט, די אידעאַליזירטע פּאַטריאַרכאַלע יידישע פרוי דעראַבערט אין העברעישן טעקסט שטריכן, וואָס דערמאָנען די ביבלישע "אמהות".

"שרה שטייט, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, **און די שכנות רינגלען זי אַרום. זי** נעמט פּעדעם צו מאַכן פון זיי גראָבע קנויטן, פאַר די אָבות און מוטערס פון

ישראל, זיי זאָלן העל לייכטן; און ביי יעדן קנייטל, וואָס זי ליגט אַרויס, לייענט זי מיט אַ טרער, מיט אַ רירנדער שטימע און מיט כוונה, טיף פונעם האַרצן" (ז' 206. מיט קורסיוו זיינען געגעבן די זאַצן און ווערטער, וואָס זיינען צוגעקומען אין העברעיִשן טעקסט).

שלמהלעס רעליגיעזע פאַנטאַזיע איז אין "בימים ההם" מער פאַעטיזירט. די געטלעכע בילדער, וואָס שוועבן דורך אין זיינע רעיונות און חלומות, זיינען דאָ ברייטער פאַרגעשטעלט, רייכער מיט ביבלישער געשטאַלטלעכקייט און פּראָזע־אָלאָגיע.

אָט נאָר איין ביישפּיל:

אין יידישן טעקסט:

קרייט ערגעץ אַ האָן — דאָס זאָגט ער שירה... דאָס זיינען גאָטס טרערן, דאָס וויינט ער, יאָמערט אויף זיינע פאַרוואָגלטע קינדער. עס שלאָפט ניט, עס דרעמלט ניט דער היטער פון ישראל. עס צעשפּילט זיך שלמהלען די געבליטן, זיין כוח־הדמיון איז פלאַם־פייער, דאָס האַרץ צעגייט אים שיער פאַר גרויסע געפילן — און ער נעמט זיך לערנען מיט חשק, געשמאַק אויף אַ ניגון" (ז' 143).

אין העברעיִשן טעקסט:

עס האָבן געקרייט הענער אין איינעם פון די הייזער... אַ צפונדיק ווינטל האָט אַ ווײ געטאָן פון אונטערן פליגל פונעם הימל־האָן און אָנגערירט ביי די פליגלען די הענער פון דער ערד... אין דער שטילקייט פון דער נאַכט הערט זיך דאָס שטילע קול פון דער שכינה, וואָס קלאָגט אויף אירע קינדער, און איר צער און טרויער קוקן אַרויס פון דער טריבער געשטאַלט פון דער לבנה. עס דאַכט זיך, אַ געטלעכער סוד בלאָנקעט אום אין דער פינצטער, און די נשמה פונעם אַלמעכטיקן אָטעמט אינעם חושך פון דער נאַכט. עס צעשפּילן זיך שלמהלען די געבליטן, זיין האַרץ ווערט אָנגעפילט מיט שירה און הייליקער בענקשאַפט, און ער טוט זיך אַ כאַפּ אויף און נעמט זיך צו דער תורה מיט חשק, געשמאַק אויף אַ ניגון" (ז' 222).

אַדאַנק די אַלע שינויים און ניואַנסן האָט זיך אַ ביסל געענדערט דאָס עצם געשטאַלט פון שלמהלען. אין העברעיִשן טעקסט איז ער "געהאַרכזאַמער", מער פאַרטאָן אין "תורה ועבודה", ווייניקער באַהערשט פון "פרייע געדאַנקען", ער איז דאָ "שטאַנדהאַפטיקער", מער "באַוואָפנט" קעגן "זינד".

אייניקע שטעלן, וואו ס'ווערן געענוי באַשריבן שלמהלעס ליבע־איבערלעבונגען,

זיינען אין העברעישן טעקסט באַזייטיקט אָדער געקירצט. די באַשרייבונג פון דער ישיבה, אין וועלכער ס׳לערנט שלמהלע, פון די ישיבה־בחורים אָדער פּרושים, ווערט אין יידישן טעקסט וואו־ניט־וואו באַגלייט מיט אַ געוויסער איראָניע, אמת, ניט קיין בייזער. אין העברעישן טעקסט ווערט די איראָניע אויסגעמיטן.

כאַראַקטעריסטיש זיינען די קאָרעקטיוון, וואָס מענדעלע טראָגט אַריין אין דעם העברעישן וואַריאַנט פון ״מסעות בנימין השלישי״. דאָס דאָזיקע ווערק, וואָס איז דערשינען אין יידיש אין די זיבעציקער יאָרן, האָט גליקלעך געקרוינט מענדעלעס סאַטיריש שאַפן. מיט קאָלאָסאַלער מייסטערשאַפט האָט ער דאָ געשילדערט די שרעקלעכע באַדנלאָזיקייט פון די יידישע מאַסן אין תחום־המושב, אויף וועלכער ס׳בליען אויף פוסטע און וויסטע חלומות.

די צענטראַלע בנימין־געשטאַלט, וועלכע ווערט אין יידישן וואַריאַנט שאַרף אויסגעלאַכט, באַקומט ערטערווייז אין העברעישן וואַריאַנט אַפילו אַ טראַגישע באַפאַרבונג. מענדעלעס חוזק איבער בנימינען איז דאָ איינגעהאַלטענער.

אַזוי, צום ביישפּיל, איז שטאַרק געקירצט און אָפּגעשוואַכט דאָס סאַטירישע בילד פון בנימינס חלום אין פּיעווקער קרעטשמע. אין חלום האָט בנימין שטייף אַרומגענומען דעם רב, וועלכן ער האָט זיך געקליבן פאַרטרויען אַ וויכטיקן סוד, און זיך אויפגעכאַפּט אין די אָרעמס פון אַ קעלבל. מענדעלעס געלעכטער איז דאָ בייז און בייסיק: ״וואָס טוט זיך דאָ אַזוינס? פונוואַנען נעמט זיך פלוצעם אַ קעלבל? האָט זיך דען בנימין געקעלבט?״ אַאַוו. דאָס בילד ענדיקט זיך מיט אַזוינע ווערטער: ״ווען אַ לידלמאַכער זאָל געווען דענסטמאָל זייביידע אָנקוקן, וואָלט ער אַזוי געמאַכט: ׳די ליבהאָרצעדיקע און זיסע, אי אין ווינקל, אי אין דער לוזשע זיינען זיי ניט צעשיידט געוואָרן׳״.

אין העברעישן טעקסט איז פון דעם דאָזיקן בילד כמעט גאָרנישט געבליבן, דער חוזק־טאָן איז כמעט אינגאַנצן אויסגעמיטן. די לעצטע סאַטירישע שורות זיינען באַזייטיקט.

אויך אַנדערע קאָמישע סיטואַציעס ווערן אין העברעישן טעקסט געמילדערט.

אין די שלוס־עפּיזאָדן פונעם בוך, וואו ס׳ווערט דערציילט, ווי בנימין פּרווט זיך אויסטענהען מיטן ״יענעראַל״, אין וועמעס הענט ער און סענדערל זיינען אַריינגעפאַלן אַלס ״זעלנער״, ווערט אין יידישן טעקסט אַקצענטירט בנימינס לעפּישקייט, אומבאַהאָלפנקייט, חסר־דעהדיקייט. אין העברעישן טעקסט לאָזט זיך מער פילן דער מיטלייד צו אים. בנימינס געשטאַלט באַקומט זיך מער טראַגיש, ווי קאָמיש.

אין יידישן טעקסט קומט אין פינאַל פאָלגנדע איראָניש־פאַרניכטנדיקע כאַראַקטעריסטיק פון בנימינען:

״— נו, דאָקטער, — האָט דער יענעראַל געמאַכט צו איין אָפיצער, וואָס האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס און מיט אונדזערע פאַרשוינען זיך שטאַרק אָפּגעגעבן.

דער דאָקטער האָט אַנידערגעלייגט אַ פינגער אויפן שטערן און געמאַכט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, גלייך, ווי ער וואָלט געזאָגט — דאָ פעלט אַ קלעפּקע !"

אין העברעישן טעקסט איז די דאָזיקע שטעל באַזייטיקט.

דער יידישער טעקסט ווערט, נאַטירלעך, מיט דעם פאַרענדיקט. אונדזערע נוסעים איז געבליבן נאָר איינס : "מיט דער רעכטער פוס" זיך לאָזן צוריק אַהיים.

אין העברעישן טעקסט קומט צו אַ קליין קאַפּיטל "באַקאַנטמאַכונג", אין וועלכן ס'ווערט אָנגעזאָגט אין אַ הומאָריסטיש־פּאַראָדירנדיקן טאָן וועגן בנימינס אַ קומענדיקער צווייטער נסיעה צו די "הרי־חושך", וועלכע וועט אין איר צייט געווי באַשריבן ווערן.

אַלע געבראַכטע ביישפּילן, און אַ גרויסע צאָל אַנדערע, זאָגן עדות וועגן דעם, אַז אין די העברעישע טעקסטן, וועלכע זיינען געווען געשריבן אינעם לעצטן פּעריאָד פון מענדעלעס שאַפן, איז דאָס סאַטירישע אין אַ געוויסער מאָס אָפּגעשוואַכט און, פאַרקערט, דער עלעגיש־סענטימענטאַלער שטראָם, וואָס גייט ביי מענדעלען שטענדיק זייט־ביי־זייט מיט דער סאַטירע, איז דאָ פאַרגעשטעלט שטאַרקער.

אויך מענדעלעס הומאָר איז אין די העברעישע טעקסטן עטוואָס אָפּגעשוואַכט אין פאַרגלייך מיט די יידישע. עס לוינט זיך אָפּשטעלן אויף דעם אַ ביסל גענויער.

3

מענדעלע האָט זיך באַמיט איבערצוגעבן אין די העברעישע טעקסטן די גאַנצע רייכקייט פון פאָלקס־חכמה, וואָס איז אין אַזאַ שפע געווען אָנגעזאַמלט אין זיינע יידישע ווערק. עס רופט אַרויס גרויס באַוואונדערונג די מייסטערשאַפט, מיט וועלכער מענדעלען געלינגט, ניט געקוקט אויף די קאָלאָסאַלע שוועריקייטן, צוקלייבן אין העברעיש די אַדעקוואַטע אידיאָמען, ווערטלעך, ריידנסאַרטן. אָפט קומט אים צוהילף די מישנה־ אָדער גמרא־שפּראַך, פונוואַנען ער שעפּט די אַנטשפּרעכנדיקע גלייכווערטלעך אָדער אידיאָמען.

אָט וואָס מענדעלע אַליין דערציילט וועגן דעם לויט די גביית־עדות פון י. קלויזנער :

"די העברעישע מאַמע אונדזערע איז אַן אביונטע, — האָט ער מיר איינמאָל געזאָגט, — נאָר איך כאַפּ אָן די מאַמע פאַרן פאַרטעך און זאָג איר : 'כ'וועל דיך ניט אָפּלאָזן, ביז דו וועסט מיר ניט געבן אַלץ, וואָס איך דאַרף !' און זי גיט מיר ! זי גיט מיר מיט גוואַלד ! איך טרעט ניט אָפּ פון איר, ביז זי שטעלט מיר ניט צו אַלץ, וואָס איך געפין אין אַן אַנדער שפּראַך ! געווען אַ מעשה, איך האָב געדאַרפט דאָס וואָרט אין העברעיש "קרעלן", פאַטשערקעס, גיי געפין דאָס וואָרט אין דער אַלטער שפּראַך ! — איך האָב ניט אָפּגעטראָטן פון שרייבטיש, ביז איך האָב געפונען. איך האָב איבערגעריסן דאָס שרייבן אויף אַ גאַנצער וואָך, נאָר געזוכט אין אַלע ווינקלען פון דער ליטעראַטור. און איך האָב געפונען דאָס וואָרט אין גמרא

„זכוכתא״. ווען איך וואָלט דאָס וואָרט ניט געפונען, וואָלט איך ווייטער ניט געשריבן״[2].

מענדעלע האָט טאַקע פיל געשעפט פון דער תלמוד־שפּראַך, וועלכע האָט אים געהאָלפן באַפרייען זיין העברעיש פון מליצה־שטאַמפן, וואָס זיינען שטאַרק פאַר־שפרייט געווען אין דער העברעישער ליטעראַטור. אים האָט זיך איינגעגעבן אָרגאַניש צו באַהעפטן די אוצרות פון דער נביאים־שפּראַך מיט די אוצרות פון דער אַזויגערופענער „חכמים״־שפּראַך, דער שפּראַך פון משנה, תלמוד, וואָס איז עטלעכע יאָרהונדערטן געווען די רייד־שפּראַך פון די מאַסן. אַדאַנק דעם האָט מענדעלעס העברעיש, ווי עס באַמערקט מיט רעכט ח. נ. ביאַליק, „דעראָבערט, ווי אין די אוראַלטע צייטן, די פאַרב, דעם טעם און דעם ריח פון לעבן״[3].

אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג פאַר מענדעלעס נייעם העברעישן סטיל האָט געהאַט זיין יידיש. די טעגלעכע שפּראַך פון די פאָלקסמאַסן האָט אים געהאָלפן פאַרהיטן אויך אין העברעיש דעם פרישן צאַפּל פון לעבן. מענדעלע האָט געדענקט אין יידיש, אַפילו ווען ער האָט געשריבן העברעיש. „ווען ס׳האָט זיך געענדיקט דער יידישער טעקסט, — דערציילט אין זיינע זכרונות ש. דובנאָוו, — און ער האָט באַדאַרפט שרייבן די ווייטערדיקע קאַפּיטלען אויף העברעיש (עס האַנדלט זיך וועגן דער איבערדיכטונג פונעם „ווינטשפינגערל״. — א. ר.), האָט מענדעלע אויף אַזאַ אופן פאַרגרינגערט זיך די אַרבעט. ער האָט פריער געשריבן די קאַפּיטלען אין יידיש און דערנאָך אַליין זיי איבערזעצט אין העברעיש. „אַזוי איז מיר גרינגער, — האָט ער געזאָגט, — שאַפן דעם אינהאַלט, די לעבנס־בילדער אויף דער שפּראַך פון אָט דעם לעבן און דערנאָך ערשט אָנקליידן די בילדער אין די קלאַסישע נאַציאָנאַלע קליידער״. „דער באַנייטער העברעיש, — רעזומירט ווייטער דובנאָוו, — האָט אויפגעלעבט אונטער דעם פעדער פון מענדעלען אויך דערפאַר, וואָס ער האָט אים צוגעפּאַסט צו דעם סטיל פון דער פאָלקס־שפּראַך פון די רוסישע יידן״[4]. יידיש האָט טאַקע אין אַ גרויסער מאָס מיטגעווירקט דער לעבעדיקייט, פאָלקס־טימלעכקייט און פשטות פון מענדעלעס העברעיש[5]. פּרץ איז געוויס געווען גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט וועגן מענדעלען: „און רעדט ער העברעיש... שרייבט ער יידיש — העברעיש, אַזוי וואָלט דאָס פאָלק גערעדט, ווען עס רעדט העברעיש״[6]. אין מענדעלעס העברעיש פולסירט טאַקע לעבן, הערט זיך דער דופק פון אַ פאָלקסטימלעכער ריידשפּראַך, וואָס שיידט אים ראַדיקאַל אונטער פונעם העברעיש ביי פיל פון זיינע מיטצייטלער.

דאָך איז שווער געווען אפילו מענדעלען, ניט געקוקט אויף אַלע זיינע טיטאַנישע באַמיאונגען, איבערצוגיסן אין זיינע העברעישע איבערדיכטונגען די קאָלאָסאַלע אוצרות פון פאָלקלאָרישער לעקסיק און אידיאָמאַטיק, וועלכע זיינען געווען אין זיינע יידישע טעקסטן. ניט אַלעמאָל געלינגט אים צו געפינען דאָס נייטיקע יאָדער־דיקע פאָלקס־וואָרט, דאָס אַנטשפּרעכנדיקע גלייכוווערטל, דעריבער באַקומען זיך

איינעקע שטעלן ווייניקער הומאָריסטיש, ווייניקער שאַרפזיניק, ווייניקער פאָלקס־טימלעך אין פאַרגלייך מיט די יידישע אָריגינאַלן.

פון אַ גרויסער צאָל ביישפּילן וועלן מיר אויסטיילן די מער כאַראַקטעריסטישע.

פון "מסעות בנימין השלישי":

יידישער טעקסט:

...היינט האָלט איך אַ שענקל, וואָס מעלקט זיך צוביסלעך. איך האָב אַ ציג, וואָס מעלקט זיך, אָן עין־הרע, זייער גוט. איך האָב ניט ווייט פונדאַנען אַ רייכן קרוב אָט־אָ, וואָס לאָזט זיך אונטער אַ שלעכטער צייט אויך אַ ביסל מעלקן... (ז' 9).

העברעישער טעקסט:

איך האָב אין שטוב... אַ ביסל משקה, למשל, י"ש צום פאַרקויפן, וואָס שפּייזט מיך צוביסלעך; אַ ציג וואָס מעלקט זיך... דערצו האָב איך ניט ווייט פונדאַנען אַ רייכן קרוב, וואָס האָט רחמנות און גיט, ברצון אָדער מיט גוואַלד, אַבי ער גיט אונטער אַ שלעכטער צייט... (ז' בח).

פון "פישקע דעם קרומען":

יידישער טעקסט:

ביז עס וועט קומען דערצו, אַז ביי יידן אין די שפּעטערדיקע דורות וועט, חוץ מערידן, אַפילו אויך קיין סימן פון קיין מאָגן ניט זיין. יידן וועלן דענסטמאָל אין דער וועלט זייער אַ שיין פּנים האָבן (ז' 176).

ער וויל ניט דעם שידוך, ער וויל ניט די כלה. רופט מיך, זאָגט ער, קנאַקניסל און לאָדט מיך צום נתנה־תוקף! מיר אַלע זיינען געבליבן ווי אויף דער מילכעדיקער באַנק (ז' 201).

אַז איך האָב אַ קוק געטאָן, אַז מיט פרייסן מלחמה צו האַלטן איז שווערלעך, אַ פּריים איז אַ באַשעפעניש, וואָס קריכט, און זיין שותף, די וואַנץ, שטינקט, האָב איך זיי מוחל געווען מיין שטיקל פּלאַץ, לאָזן זיי זיך מיט אים וואָרגן (זז' 291—292).

העברעישער טעקסט:

...ביז עס וועט אויפקומען אַ נייער דור, וואָס וועט זיין לגמרי אָן אַ מאָגן. דענסטמאָל וועלן די יידן זיין אַ מין מלאָכים אויף דער ערד (ז' 7).

און ער טענהעט זיינס: ״איך וויל ניט, איך וויל ניט די דאָזיקע כלה!״ און מיר זיינען אָוועק פון אים באַטריבט און פאַרומערט (ז׳ 21).

אַז איך האָב דערזען, אַז איך בין ניט אימשטאַנד מלחמה צו האַלטן מיט עקלהאַפטע באַשעפעניש, וואָס זיינען שטאַרקער פון מיר, בין איך אַנטלאָפן אין פאַדערצימער, כדי דאָרט צו איבערנעכטיקן (ז׳ 70).

ווען דעם, אַז מענדעלע האָט שטענדיק אין אויג דעם לייענער, ווען ער שרייבט יידיש אָדער העברעיש, זאָגן דעות אַ ריי אינטערעסאַנטע דעטאַלן. אין יידיש, ווען מענדעלע ברויכט ווייניק באַקאַנטע פאַר די מאַסן נעמען אָדער באַגריפן, קומט שטענדיק גלייך די נייטיקע דערקלערונג, אין די העברעישע טעקסטן פאַלן די דערקלערונגען אַרויס: פאַרשיידענע לייענער פאָדערן אַ פאַרשיידענעם צוגאַנג. צום ביישפּיל, ווען אין ״ווינטשפינגערל״ ווערט דערמאָנט ״וואָסקע דער קאָטער״, קומט אין יידישן טעקסט אַ דערקלערונג: ״יענער דאָרט פון קרילאָווס באַסניע״, אין העברעישן טעקסט — קיין דערקלערונג. ווען אין ״שלמה ר׳ חיימס״ ווערט דערמאָנט דיאָגענוס, קומט די דערקלערונג ״דער פאַרצייטיקער גריכישער פילאָסאָף״, אין העברעישן טעקסט פאַלט די דערקלערונג אַרויס. ״דאָס פּעסל פון די דאַנאַידעס״ אין העברעישן טעקסט ווערט אין יידישן פאַרביטן מיט די ווערטער ״יענץ פּעסל אין גהינום״ (״דאָס ווינטשפינגערל״) אאַ״וו. אויך ביים אויסוואַל פון ווערטלעך, וויצן, ריידנסאַרטן געדענקט מענדעלע שטענדיק, ווער עס לייענט אים. מיט דעם העברעישן לייענער איז ער ניט שטענדיק גענייגט זיך צו וויצלען, וואָס ער טוט שטענדיק זייער גערן אין יידיש, וואו ער האָט צו טאָן מיט דעם עמך־מענטש, וואָס האָט ליב אַ שאַרף ווערטל און אַפילו אַ ביסל אַ גראָבלעכן וויץ. אַז מע לייענט זיך איין אין מענדעלעס יידישע ווערק, וועלכע שפּרודלען ממש מיט שאַרפזיניקע ווערטלעך און וויצן, באַקומט מען דעם איינדרוק, אַז דעם שרייבער טוט פשוט הנאה, ווען ער חכמעט זיך, שפּאַסט, טרייבט קאַטאָוועס מיט זיין פּראָסטן לייענער. מיט דעם העברעישן, מער ״באַלעבאַטישן״ לייענער האַלט ער אַזאַ מין וויצלען זיך פאַר ניט איבעריק נייטיק. אָט איז אַ ביישפּיל פון ״ווינטשפינגערל״:

דער יידישער טעקסט:

קוים אָבער האָט איר אָפּגעשלומעליכמט, אָפּגעבאַרכעט, אָפּגעקדושט, אָפּגעסילוקט אייערע אָמנס, גיט איר אַ מאַך מיט די אַקסלען טוט זיך אַ קראַץ, שפּייט אויס גאַנץ פיין — און גייט אייך ווידער אין וועג (ז. 139).

דער העברעישער טעקסט:

קוים אָבער האָט איר אָפּגעזאָגט ״ברכו״ און ״קדוש״, געזאָגט ״אָמן״, שפּייט איר אויס גאַנץ פיין און ערנסט און גייט אייך ווידער אין וועג (ז׳ 189).

אין די יידישע טעקסטן דערלויבט זיך מענדעלע אַפט אַ שפּאַס צו טאָן אויף שפּראַכלעכע טעמעס, אויסלאַכן, צום ביישפּיל, די מליצה־שטאַמפּן, וואָס האָבן געהערשט אין דער עפּיסטאָליאַרער ליטעראַטור, די באַזונדערע פאַרליבע צו העברעיזמען, דייטשמעריזמען אָדער סלאַוויזמען ביי פאַרשיידענע סאָציאַלע גרופּן און טיפּן. אין די העברעישע טעקסטן גייט ס׳רוב די איראָניע אין אַזוינע פאַלן לאיבוד.

מיר ברענגען ווידער אַ פּאָר ביישפּילן פון ״ווינטשפינגערל״:

ייִדישער טעקסט:

איך בין מטריח ר׳ פּיוויש דעם מלמד, געזונט זאָל ער זיין, זאָג אים וואָס — און ער שרייבט, שרייבט, צוגעבנדיק פון זיך פעפער, ציבעלע, מאַכנדיק פון מיינס אַ וואָרט אַ מוסקאַטל, עפּעס אַזוי באַטעמט, גאָר אַ דער־קוויקעניש! (פעפער, ציבעלע, וכו׳, די מליצה זאָגט ניט די מאַמע — ווי קומט צו אַ ווייבערשן מוח אַזוינס? דאָס זאָג איך, פּיוויש). (1־טער טייל, ז׳ 232.

העברעישער טעקסט:

איך בין מטריח ר׳ פּיוויש דעם מלמד, זאָל געזונט זיין, און ער איז אַזוי גוט און שרייבט (ז׳ 235).

ייִדישער טעקסט:

יענץ מין דייטש, וואָס יידישע קינדער שניידן אין אַ געשריפטס, מלמדים אין דעם חומש און ווייבער אין די תחינות, ווייל אַנדערש פאַרט זיך עפּעס ניט און עס לייגט זיך טאַקע ניט די צונג, ווי אַשטייגער, נעם זאָג אַ הונט: ״גיי, זיי מוחל, אַרויס!״ און ניט אַויף יוויש: ״פּאַשאָל וואָן!״ אָדער גיי רייד מיט אַ קו, מיט אַ קעלבל יידיש... (2־טער טייל, ז׳ 16).

העברעישער טעקסט:

יענץ לשון, וואָס יידן באַנוצן אין זייערע בריוו, מלמדים ביים איבער־זעצן חומש פאַר זייערע תלמידים, און די ווייבער אין זייערע תחינות, ווייל ס׳איז צו פּשוט, דענקען זיי, זיך צו באַנוצן פאַר אַזוינע ענינים מיט דער פּראָסטער שפּראַך, אויף וועלכער זיי ריידן (ז׳ 251).

אין יידישן טעקסט פון ״שלמה ר׳ חיימס״ שעפּט מענדעלע באַזונדערס שטאַרק פון די פאָלקלאָר־קוואַלן. פיל פון דעם גייט אין העברעישן טעקסט פאַרלאָרן. צום ביישפּיל:

דער יידישער טעקסט:

יענע הייסן ביי זיי: יאָלדן, שמעלקעס, דאָס אייבערשטע פון שטייסל, צימעס, לאָקש, קאָפּהאָן — דאָס שיינע ריינע מורינוס... (ז׳ 170).

דער העברעישער טעקסט:

און מע האָט זיי געגעבן צונעמענישן, ווי אַשטייגער: בעלי־טובות, פיינע בריות, מענטשן מיט פיינע ידים וכדומה (ז׳ 238).

אין אָנהייב פון דעם זיבעטן קאַפּיטל פון צווייטן טייל טוט מענדעלע אַ שפּיל מיט אַ בינטל שפּריכווערטער אין גראַמען:

״דעם אָרעמאַן — איז דאָ אַ ווערטל — האָבן אַלע ברידער פיינט, און פיל זיינען דעם רייכנס פריינט; גייט עמעצן פון טויער און טיר, קריכט מען פאַר אים אויף אַלע פיר״. אין העברעישן טעקסט איז דאָס ניט אַריין.

פיל הומאָריסטישן חן פאַרמאָגן אַ ריי שטעלן אין מענדעלעס ווערק אין יידיש, וואו דער שרייבער, שילדערנדיק זיינע אָפּגעשטאָנענע טונעי־אַדעווקער אָדער קאָב־צאָנסקער תושבים, דערלויבט זיך אַ לאַך טאָן איבער זייער ניט איבעריקן קענען די שפּראַך פון דער מדינה. מענדעלעס שפּיל אַרום די סלאַוויזמען (צום ביישפּיל, בנימינס ״ריבי, מאַי ריבי״ אָנשטאָט ״נאַגי, נאַגי״) האָט ביים פּשוטן לייענער שטאַרק אויסגענומען. אין די העברעישע טעקסטן ווערן די סלאַווישע ווערטער געגעבן אין העברעיש, טיילמאָל אַראַמעיש. די פריילעכע שפּיל גייט פאַרפאַלן. אויף וויפל אָרעמער ס׳ווערן דערביי די קוואַלן פון הומאָר, קאָן מען זען אויף אַזאַ ביישפּיל פון ״ווינטשפינגערל״:

דער יידישער טעקסט:

ווי פּערל שיטן זיך אים פון מויל הויך און שאַרף נאָר יענע מיאוסע זידלווערטער און אויך יענע ווערטער, וואָס ווערן געברויכט אין די אַקציזנע קאָנצעליאַריעס, ווי, אַשטייגער, ״אָטנאָשעניע״, ״ראָספּאָריאַזשעניע״ וכדומה. פּיוויש איז שוין ביי אים ״פּע״, ער לאָזט זיך רופן פּאָפּנוטיע אַקימאָוויטש! (ז׳ 139).

דער העברעישער טעקסט:

און מיט כוונה און אויף אַ קול סמאַקעוועט ער אין דער פרעמדער שפּראַך מיאוסע זידלווערטער און יענע מינע ווערטער, וואָס ווערן געברויכט אין די אַקציזנע קאָנצעלאַריעס... ער הייסט שוין ניט פּיוויש, און ניט געצל הייסט זיין פאָטער, ער געפינט פאַר זיי נייטיקע ווערטער אין דער פרעמדער שפּראַך (ז׳ 314).

עס גייט פאַרלאָרן אויך דער באַשטימטער קאָמישער עפעקט, וואָס מענדעלע דערגרייכט דורך באַנוצן דיאַלעקטיזמען אָדער זשאַרגאָניזמען. צום ביישפּיל, דער גנבים־זשאַרגאָן אין ״פישקע דער קרומער״. דאָס זאַפטיקע גנבים־לשון פונעם ״רויטן ממזר״ איז אַ וויכטיקער קאָמפּאָנענט אין דער צייכענונג פון דעם דאָזיקן קאָלאָריטפולן געשטאַלט. אין העברעישן טעקסט איז דאָס דאָזיקע שפּראַכלעך־הומאָריסטישע מיטל אַרויסגעפאַלן — במילא באַקומט זיך די שילדערונג פונעם קבצנישן ״מיליע״ עטוואָס בלייכער, אָרעמער.

4

יעדער שרייבער באַמיט זיך, אַז די לעצטע רעדאַקציע פון זיינע ווערק זאָל זיין אויך די בעסטע. אַ ריי ענדערונגען, וואָס מענדעלע האָט אַריינגעטראָגן אין זיינע העברעישע טעקסטן, איז פאַרבונדן מיט דער שטרעבונג צו גרעסערער פאַרפולקומונג.

מענדעלע ברענגט אַריין אַזעלכע ניואַנסן אין דער שילדערונג פון באַזונדערע געשטאַלטן, וואָס פאַרטיפערן זיי פּסיכאָלאָגיש. ער טראָגט אַריין אייניקע נייע שטריכן אינעם פּייזאַזש, אין דער זשאַנער־צייכענונג, און זיי באַקומען זיך פּאָעטישער, פיינער. ער טוט נאָכאַמאָל אַ שליף די שפּראַך, מעקט אויס וואָר־ניט־וואו אַן איבעריק וואָרט, אַן איבעריקע שורה, און ס׳באַקומט זיך בעסער, גלאַטער, אָפּ־געשליפענער.

אַזוי, צום ביישפּיל, האָט דאָס געשטאַלט פון ר׳ אַלטערן אין ״פישקע דער קרומער״ באַקומען אייניקע נייע שטריכן און עס איז געוואָרן לעבעדיקער, רייכער. אַלטער מישט זיך דאָ אָפטער אַריין אין געשפּרעך, ווייזט אַרויס מער אומרו און אומגעדולד, איז מער ברוגז אויף דער גאַנצער וועלט.

אויך מענדעלע איז דאָ אַלס פּערסאָנאַזש אַקטיווער. ביידע שלאָגן זיי אָפּט איבער פישקען, בעת ער דערציילט זיין געשיכטע. אַדאַנק דעם באַקומט זיך דער דיאַלאָג צווישן די דריי פּערסאָנאַזשן לעבעדיקער און פישקעס געשיכטע געשפּאַנ־טער. אייניקע פישקעס אַרויסזאָגונגען, וואָס טראָגן דעם כאַראַקטער פון סאָציאַל־פילאָסאָפישע באַטראַכטונגען, ווערן דאָ דורך דעם שרייבער איבערגעגעבן מענדעלען און זיי קלינגען נאַטירלעכער, ווייל פאַר פישקען זיינען זיי אַ ביסל צו קאָמפּליצירט.

זאַפטיקע פיגורן פונעם קליינעם שטעטל: טריינע־סאָסיע און מלכה־טויבע. עס ווערן אַקצענטירט באַזונדערע כאַראַקטער־שטריכן ביי יעדערער פון זיי: ביי טריינע־סאָסיען דאָס שילטן זיך, ביי מלכה־טויבען — דאָס סמאַקעווען טריינע־סאָסיעס רכילות.

אייניקע עפּיזאָדן זיינען דאָ פאַרברייטערט אין פאַרגלייך מיטן יידישן טעקסט. צום ביישפּיל, דער עפּיזאָד, וואו הערשעלע טרעט אַרויס אין דער ראָל פון אַ דאָקטער. ווי באַוואוסט, האָט מענדעלע אָפּגעגעבן גרויס באַדייט דעם אַלעגאָרישן זין פון דעם דאָזיקן עפּיזאָד. אין אַ ריי בריוו צו שלום־עליכמען (פון 20 און 28 יוני, 12 יולי 1888) האָט ער זיך נאָכגעפרעגט, צי דערגייט צום לייענער זיין פאַרבאָרגענער מיין. אין העברעישן טעקסט איז דאָס דאָזיקע בילד סאָציאַל פאַרטיפערט און די מאָראַל, אַזוי צו זאָגן, מער אָנטבלויזט.

אין יידישן טעקסט:

— אָבי מע מאַכט דיך נאָר קראַנק, וועט מען דיר דערנאָך, נישקשה, שוין אונטערוקן עפּעס צו קייען. דו פאַרשטייסט?

ער איז געקומען הונגעריק, נאָר לעבעדיק, פריילעך, הנאה האָבנדיק פון דער ליכטיקער וועלט, פונעם שיינעם פרימאָרגן — און האָט, פאַר גרויס גוטסקייט צו אים, באַקומען אַ מכה! — —

— שאַ, שקאָץ, יענע זיינען אויך אַזוינע שקאָצים, ווי דו, הערסט, הערשל? מע איז מוחל דיר און דיין גלייכן אייערע שיינע טובות! (1־טער טייל, זז׳ 33—34).

אין העברעישן טעקסט:

— אָבי מע מאַכט דיך גאָר קראַנק, וועט מען דיך צוזעען און געבן דיר קייען פון דער פולער האַנט... וואָס ווילן מיר דען? מיר ווילן דיר טאָן אַ חסד, נאָר וויל טאָן... זיי קיין נאָר ניט און טו, וואָס מע זאָגט דיר...

ווי צו דעם דאָזיקן אומגליקלעכן, נעבעך, וואָס איז געקומען צו זיינע חברים געזונט און פריש און איז אַוועק געפּלאָגט און צענעריקט! ער האָט זיך געקוויקט מיט דער זון־שיין, זיך געוואָרעמט און הנאה געהאַט פון דער ליכטיקער וועלט. מיט אַ פּוסטן מאָגן, אָבער מיט אַ פריילעכן געמיט איז ער געקומען צו זיינע ברידער בעטן אַ שטיקל ברויט — און זיי האָבן פון גרויס רחמנות אויף אים אַרויסגעוויזן אַזויפיל חסד, אַז ער איז אַוועק פון זיי דערשלאָגן, פאַרשטויסן און דערדריקט, אַז קוים, וואָס ער האַלט זיך, נעבעך, אויף די פיס...

— שאַ, פרא־אדם, — האָט ער אויף אים אָנגעשריען, שטאַרק אין כעס... — זע, די, פון וועלכע דו רעדסט, זיינען אויך אַזוינע פראים, ווי דו.

מע איז דיר מוחל, הערשל, דיינע שיינע טובות! לא מעוקצך ולא מדובשך! די וועלט וויל ניט, אַז אַזוינע, ווי דו, זאָלן איר טאָן טובות! זיי זיינען אויך ווערט די פּערציק שמיץ!

און ער קנייפּט אים און זאָגט:

— נאָ דיר פאַר דיר און פאַר זיי און פאַר אַלע אַזוינע בעלי־טובות, ווי דו און דיין גלייכן! (זז׳ 138—139).

עס ווערן פאַרברייטערט אַ ריי עפּיזאָדן אין דער ״קליאַטשע״. עס קומען צו אַ ריי פיינע שאַטירונגען אין דער שילדערונג פון די רוחות, באַזונדערס פון דעם אַשמדאַי־געשטאַלט. מיט גרויסער פּאַטעטישער קראַפט ווערט דאָ דערציילט דאָס מעשׂהלע וועגן שלמה־המלכס לופט־רייזע (זי פאַרנעמט דאָ היפשע עטלעכע זייטלעך, אין יידישן טעקסט ווערט זי נאָר דערמאָנט). מענדעלע דערשיינט דאָ ווי אַן אויסגעצייכנטער מעשׂה־דערציילער, אים געלינגט גלענצנד איבערצוגעבן דעם גייסט פון די אַלט־העברעישע און יידישע פאָלקס־מעשׂיות.

אין די העברעישע טעקסטן טראָגט מענדעלע אַריין אַ ריי פאַרבעסערונגען אין דער קאָמפּאָזיציע פון זיינע ווערק, צום ביישפּיל — עס איז דאָ מער געלונגען די קאַפּיטלען־פאַרטיילונג (אין פישקע דער קרומער״, און ״שלמה ר׳ חיימס״). אין העברעישן וואַריאַנט פון ״שלמה ר׳ חיימס״ איז די באַשרייבונג פונעם יאַריד און פון דער קוזינע אין שטעטל ק. אָרגאַניש אַריינגעפלאָכטן אין שלמהלעס זכרונות פון זיין קינדהייט (קאַפּיטל 1, צווייטער טייל), אין יידישן טעקסט זיינען די דאָזיקע בילדער ניט אויפן אָרט, אַ ביסל קינסטלעך צוגעשטיקעוועט (קאַפּיטל 5, צווייטער טייל). די לעצטע פיר קאַפּיטלען פונעם 2־טן טייל, וועלכע זיינען קינסט־לעריש שוואַכער, זיינען אין העברעישן טעקסט בכלל ניט אַריין. אַזוי איז, צום ביישפּיל, אַרויסגעפאַלן די באַשרייבונג פון יונה דעם גביר. מענדעלע האָט, ווייזט אויס, דערפילט, ווי קינסטלעריש ניט איבערצייגעוודיק איז די דאָזיקע אידעאַ־ליזירטע שילדערונג פונעם שטעטלדיקן נגיד, וועלכע איז, אגב, קאָמפּאָזיציאָנעל ניט פאַרבונדן מיטן איבעריקן טעקסט. ערטערווייז זיינען באַזייטיקט אָדער געקירצט אייניקע פובליציסטיש־זאַכלעכע אָפּווייכונגען, וועלכע שטערן דער קינסטלערישער גאַנצקייט פונעם ווערק; אַזוי איז, צום ביישפּיל, שטאַרק געקירצט די געגנויע באַשרייבונג פון דער בילדונגס־סיסטעם אין די ״אַלטע צייטן״, וואָס טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַ מין וויסנשאַפטלעכן טראַקטאַט.

בכלל מערקט זיך אין די העברעישע טעקסטן אַ שטרעבונג צו לאַקאָנישקייט, צו מערערער קאָנדענסירטקייט און קאָמפּאַקטקייט פון געדאַנק און בילד. אָפט ווערט דער זעלבער געדאַנק אַרויסגעזאָגט מער געפּרעסט, ווי אין יידישן טעקסט. מענדעלע דערלויבט זיך צוליב די דאָזיקע טעמים אייניקע קירצונגען. זיי רופן זיך גינסטיק אָפּ אויף דעם סטיל פונעם ווערק: עס ווערן אויסגעמיטן איבערחזורונגען.

אַמערסטן געלונגען זיינען די סטיליסטישע פאַרבעסערונגען פון דעם מין אין דער "קליאַטשע" און אין "שלמה ר' חיים".

דער פאַרגלייך צווישן די יידישע און העברעישע טעקסטן פון מענדעלעס ווערק פאַרברייטערט אונדזער פאַרשטעלונג וועגן די וויכטיקסטע שאַפונגען פונעם גרויסן קלאַסיקער, וועגן זיין אידעיש־קינסטלערישער עוואָלוציע, העלפט אונדז טיפער אַריינקוקן אין זיין וואונדערבאַרער שעפערישער לאַבאָראַטאָריע.

העפט 12, 1967

1 דאָ און ווייטער ווערן די ציטאַטעס פון מענדעלען געגעבן לויט פאָלגנדיקע אויפלאַגעס: אין העברעיש: "ספר הקבצנים" און "בעמק הבכא" — כל כתבי מנדלי מוכר ספרים, קראקא, תרס"ט, כרך 1; "בימים ההם"; — די זעלבע אויסגאַבע, כרך שני, ספר רביעי, תרע"ז; "מסעות בנימין השלישי" און "סוסתי" — כל כתבי מ. מ. ספרים, תל־אביב, 1956.

אין יידיש: "מסעות בנימין השלישי" און "פישקע דער קרומער" — מאָסקווע, 1959; "דאָס ווינטשפינגערל" און "שלמה ר' חיימס", געזאַמלטע ווערק. V און VI בענדער, מאָסקווע, 1935, 1937; "די קליאַטשע", פאַרלאַג "מענדעלע", דריטער באַנד.

די יידישע איבערזעצונג פון העברעישן טעקסט איז געמאַכט דורכן אויטאָר.

2 מענדעלע מוכר־ספרים. אַלע ווערק, וואַרשע, ב. 22, ז' 132.

3 ח. נ. ביאַליק. מנדלי ושלשת הכרכים. כל כתבי מנדלי מוכר ספרים, כרך שלישי, ז' VI—VII.

4 מ. מ. ספרים. אַלע ווערק, וואַרשע, 1928, ב. 22, ז' 63.

5 די פּראָבלעם וועגן דער ווירקונג פון מענדעלעס יידיש אויף זיין העברעיש וואַרט נאָך אויף איר פאַרשער. אייניקע אינטערעסאַנטע באַאָבאַכטונגען טרעפן מיר ביי י. קלויזנערן אין זיין בוך "הסתוריה של הספרות העברית החדשה", ב. 6, תל־אביב, 1956, זז' 8, 9.

6 נ. מייזיל. מענדעלע־בוך, ניו־יאָרק, 1959, ז' 203.

מענדעלעס דערציילונגען פון די 80־ער—90־ער יאָרן

אין די יאָרן 1886—1887, נאָך פינף יאָר שווייגן, איז דערשינען מענדעלעס העברעישע דערציילונג ״בסתר רעם״ 1. אין דער דאָזיקער דערציילונג האָט זיך דער שרייבער אָפּגערופן אויף די אַקטועלסטע געשעענישן פון זיין צייט.

אין ״בסתר רעם״ און אין די אַנדערע דערציילונגען, וואָס זיינען נאָך איר געשריבן, דערשיינט פאַר אונדז מענדעלע, ווי אַ שרייבער, וועלכער רעאַגירט שאַרף און ליידנשאַפטלעך אויף אַלץ, וואָס קומט פאָר אין דער יידישער סביבה און אינעם לאַנד בכלל. דערמיט ווערט אָפּגעפרעגט די ברייט פאַרשפּרייטע מיינונג וועגן מענדעלען, אַז ער איז כלומרשט געווען אָפּגעריסן פון די געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע פּראָבלעמען פון זיין צייט, אַז ער האָט בלויז געהאַט צו טאָן מיט דער פאַרגאַנגענהייט, דער עיקר מיט דעם עבר פון די 50־ער—60־ער יאָרן פון 19־טן י״ה. וועגן דעם שרייבערס טיפסטן אינטערעס צו די געשעענישן פון זיין צייט זאָגן עדות אויך זיינע בריוו, זיינע אַרויסטרעטונגען אויף געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע ויכוחים און אפילו זיין שווייגן אין די יאָרן 1879—1884.

אונדזער סאָוועטישע מענדעלע־פאָרשונג, האָט אָפּגעוואָרפן די אָנגענומענע מיינונג, אַז מענדעלעס שווייגן סוף זיבעציקער און אָנהייב אַכציקער יאָרן לאָזט זיך דערקלערן בלויז מיט אַ ריי טראַגישע פּאַסירונגען אין זיין פּערזענלעך לעבן. נאַטירלעך, האָבן פּריוואַטע אָנגעלעגנהייטן געשפּילט דאָ אַ געוויסע ראָל, נאָר ״איינע פון די וויכטיקסטע סיבות פון זיין שווייגן איז געווען די שווערע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספער פון די אַכציקער יאָרן, די כוואַליע פון פּאָליטישער רעאַקציע אין לאַנד, די יידישע פּאָגראָמען און די אַנטיאַליקע באַגרענעצונגען פאַר יידן״ 2.

די יידן־רדיפות אין די 80־ער יאָרן האָבן אויף דעם שרייבער געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק. זיי האָבן אויפגערודערט זיין געמיט און גורם געווען צו אַ פולשטענדיקן קראַך פון אַ ריי אילוזיעס מיט וועלכע ער האָט ביז דאַן געלעבט. מענדעלע האָט, ווי אַ ריי אַנדערע משכּילים, איבערגעלעבט אַ שווערע אַנטוישונג אינעם ״אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם״ און אין די ליבעראַלע רעפאָרמען פון די 60־ער יאָרן, אויף וועלכע די משכּילים האָבן געלייגט האָפענונגען. די גרויזאַמע געשעענישן האָבן מענדעלען געצוואונגען איבערצוקוקן זיינע פריערדיקע פּאָזיציעס, דורכמאַכן אַן איבערשאַצונג פון ווערטן, אויסקלאָרן פאַר זיך זיין אייגענע ליניע,

זיין אייגענעם צוגאַנג צו דעם, וואָס קומט פאָר, זיין אייגענע שטעלונג צו פאָר־שידענע שטרעמונגען, וועלכע זיינען, אַלס רעזולטאַט פון געשעענעם, אויפגעקומען אין דער יידישער סביבה.

דער שרייבער האָט וועגן דעם קלאָר און דייטלעך געזאָגט אין זיינע בריוו: "איך קלייב זיך אַלץ עפּעס אָנשרייבן, און איך קען ביז איצט זיך ניט נעמען פאַר דער אַרבעט, אין דער נשמה איז פינצטער, שוואַרצע טרויער־וואָלקנס פון די לעצטע פּאָגראָמען בלאָנדזשען אין קאָפּ, און ביי דעם מינדסטן פּרווו אַ ריר צו טאָן מיט די געהירן דרייען זיי מיט אַ שרעקלעכן מבול פון גאַל. נייך, ניט מיט טינט, נאָר מיט גאַל און בלוט קומט איצט אויס צו שרייבן... איר וועט מיך פאַרשטיין, מיין פריינד, און איר וועט זיך ניט וואונדערן פאַרוואָס מיין פעדער ליגט ביי מיר אַזוי לאַנג ניט גענוצטערהייט"[3].

די נייע אָריענטאַציע מענדעלעס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן דערשיינען פון דער דערמאָנטער דערציילונג "בסתר רעם". זי איז דערשינען ניט אויף קיין יידיקן באָדן. טאָקע אין די יאָרן פון זיין שווייגן האָט מענדעלע געמאַכט פאַר איר אַ ריי "פאַרגרייטונגען" אין יידיש. צו זיי געהערן קודם כל די דריי בריוו וועגן די "באַרימטע מלחמות פון האבאסע קאמאנדע און בשעת האמאיאווע קדחת"[4], אין וועלכע דער שרייבער רופט זיך אָפּ אויף די פּאָגראָמען פון די יאָרן 1881—1882, און אויף די באַוואוסטע "צייטווייליקע כללים" פון 3־טן מאַי 1882 (אויפן סמך פון אָט די כללים זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פיל יידן פון די דערפער).

אין די בריוו זיינען שוין אָנוועזנד אַ ריי בילדער און געדאַנקען, וועלכע האָבן שפּעטער געפונען אַ קינסטלערישן אויסדרוק אין "בסתר רעם" און אין אַנדערע דערציילונגען. אַזוי האָבן מיר דאָ כמעט אין זיין פולער פאָרם דעם צענטראַלן עפּיזאָד פון "בסתר רעם" — דעם עפּיזאָד מיט דעם גנבה אינעם הויף פון מענדעלע מוכר־ספרים בעת דעם פּאָגראָם און דעם שרייבערס איראָנישע באַמערקונגען לגבי די צאַרישע באַאַמטע. באַגלייך מיט דעם, איז שוין דאָ דייטלעך אויסגעדריקט מענדעלעס קריטישע באַציאונג צו דער יידישער בורזשואַזער אַריסטאָקראַטיע אין געשטאַלט פון דער אַזוי גערופענעם "העכסטער קאָמיסיע אויף איבערקוקן די געזעצגעבונג וועגן יידן". אין דער מייסטערישער פּאַראָדיע אויף אַלעקסאַנדער צעדערבוימס אַ באַרימערישן אַרטיקל אין "המליץ" ווערט געבעטן אָט דער "מוסטערהאַפטער" יידישער כלל־טוער, ער זאָל איבערגעבן אַ גרוס די פּעטערבורגער יידיש גבירים לאַנד־פרידלאַנד (געמיינט פרידלאַנד), זינגבאַרג (געמיינט גינזבורג), פּאַפּילקאַם (געמיינט פּאָליאַקאָוו). דאָס איז אַן אָנדייט אויף דער קרובשאַפט צווישן צעדערבוימען און דער יידישער גרויסבורזשואַזיע. אין דריטן בריוו ווערט אָנגע־וואָרפן אַ בילד פון דער טרויעריקער לאַגע פון די יידן, אַרויסגעטריבענע פון די דערפער, אַ בילד, וואָס וועט זיך צעוואַקסן אין אַ ברייטערן לייוונט אין מענדעלעס שפּעטערדיקע דערציילונגען.

אַלס ״פּאַרגרייטונגען״ דאַרפֿן אויך באַטראַכט ווערן מענדעלעס אַרטיקל אין ״המליץ״, ״אילן שר האלף״ (1884), אין וועלכן דער שרייבער באַטאָנט, אַז ער גייט זיך פֿאַנאַנדער מיט דעם וועג פֿון א. צעדערבוים און זיין קאָמפּאַניע, די הקדמה ״אַ סגולה צו יידישע צרות״ (1884), וואו מענדעלע לאַכט אויס די רעליגיעז־נאַציאָנאַליסטישע שטרעמונגען אין דער יידישער סביבה, די בריוו צום פּראָפֿעסאָר פּ. א. בעזסאָנאָוו (1884 — אָנהייב 1885), אין וועלכע ער זאָגט אַרויס זיין שטעלונג צו אַ ריי פּראָבלעמען פֿון דער יידישער ווירקלעכקייט פֿון זיין צייט.

די דערציילונג ״בסתר רעם״ איז געקומען ווי אַן אידעאיש־קינסטלערישע ״אויסלאָדונג״, ווי אַ באַפֿרייאונג פֿון אַ שווערע משׂא, וואָס האָט יאָרן־לאַנג געדריקט. אַלץ וואָס איז אין משך פֿון די פֿינף יאָר פֿון שטיל־שווייגן געזאַמלט אין דער טיפֿסטער טיף פֿון מענדעלעס געמיט, האָט זיך איצט ווי אַ מעכטיקער שטראָם אַרויסגעריסן אויף דער פֿריי. ״איך האָב די לעצטע צייט געאַרבעט ווי אַן אָקס און כ׳האָב זייער פֿיל געשריבן — דערציילט מענדעלע זיין פֿריינד ל. בינשטאָקן בעת דער אַרבעט איבער ׳בסתר רעם׳ — איך בין איצט אינגאַנצן אַוועק אין דער וועלט פֿון פּאָעזיע, דאָרטן איז מיין טרייסט, דאָרטן רו איך אָפּ פֿון די לעבנס־זאָרגן. די מוזע איז צו מיר וווילגענייגט און איך שרייב און שרייב מיט אַ ברען ווי אין די יונגע יאָרן״ [5].

אין ״בסתר רעם״ און אין אַנדערע דערציילונגען איז מענדעלע אַריינגעטראָטן אין אַ שאַרפֿער פּאָלעמיק מיט יענעם טייל פֿון דער השכלה־אינטעליגענץ, וואָס האָט אונטערן דרוק פֿון די געשעענישן זיך אָפּגעווענדט פֿון די ווייטערדיקע פּראָבלעמען פֿונעם היינט און גענומען זוכן אַן אויסוועג אינעם ראָמאַנטיזירן דעם יידישן עבר. גלייכצייטיק איז ער אַרויסגעטראָטן קעגן די אתה־בחרתנו־טעאָריעס, קעגן די פּרוּוון צו לייזן די טראַגישע פּראָבלעמען פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אויף אַ סעפּעראַטן אופֿן, אָפּגעריסן פֿון די אַלגעמיינע סאָציאַלע פּראָבלעמען, וואָס די צייט האָט אַרויסגערוקט אין רוסלאַנד. דעם שרייבערס אַנטוישונג אין דער השׂכלה, זיין טיפֿערע אויפֿפֿאַסונג פֿון די סאָציאַל־געזעלשאַפֿטלעכע פּראָצעסן האָט פֿאַרשטאַרקט זיין דעמאָקראַטישקייט, די צוגעבונדקייט צו די ברייטע פֿאָלקס־מאַסן.

אין נאָמען פֿון דער רעכטלאָזער, אונטערדריקטער, אָרעמער מאַסע אַטאַקירט מענדעלע אין דער הקדמה ״אַ סגולה צו די יידישע צרות״ (1884) די אַלע, וואָס ״האָבן די לעצטע צייט זיך אָנגעוואָרפֿן צו זיין אונדזערע רופֿאים און אָנגעדולט אַ קאָפּ מיט זייערע בויך־סברות״, די אַלע וואָס ״זיינען פֿאַרקראָכן אין דער קדושה און געזוכט אַ רפֿואה גאָר אין אַ הייליקן יהי־רצון, אין אשר־יצר־זאָגן הונדערט מאָל אַ טאָג״ אָדער ״געהייסן אויף גאָטס באַראָט גייען מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, מיט אַ ניכטערן מאָגן און ליידיקע קעשענעס מעסטן פֿעלד דאָרט אויף דער מערת המכפּלה...״.

דער שרייבער־דעמאָקראַט מענדעלע, האָט גוט פֿאַרשטאַנען, אַז פּאָלעמיזירן

מיט די ״שרייבערלעך און פּאַטריאָטלעך״, וואָס ״שיטן מיט ניין מאָס רייד פֿונעם מויל״, מיט הויכער מליצה און פּוסטע רייד, וועלכע פֿאַרנעפּלען גאָר דעם מוח און טעמפּן אָפּ די געפֿילן, הייסט אַריינטרעטן ניט נאָר אין אַן אידעאיש־פּאָליטישער קאָנפֿראָנטאַציע, נאָר אויך אין אַ ליטעראַריש־קינסטלערישער.

די דערציילונגען זיינען געווען ניי ניט נאָר לויט זייער אינהאַלט, נאָר אויך לויט זייער פֿאָרם. דאָס איז געווען אַ ניי וואָרט אין דער העברעישער ליטעראַטור. ״בסתר רעם״ איז געווען דאָס ערשטע העברעישע ווערק פֿון ש. י. אַבראַמאָוויטש, וואָס איז געווען געחתמעט ״מענדעלע מוכר־ספרים״. ס׳איז ניט געווען קיין צופֿעליקייט. דאָס וואָרט האָט איצט גענומען דער פֿאָלקס־מענטש מענדעלע מוכר־ספרים. ער איז געוואָרן דאָס צענטראַלע געשטאַלט פֿון מענדעלעס דערציילונגען.

אינעם ״קליינעם מענטשעלע״, אין דער ״טאַקסע״, ״פֿישקע דער קרומער״, אין דער ״קליאַטשע״, מסעות בנימין השלישי״, איז די אונטערגעשטעלטע דערציילער־פֿיגור פֿון מענדעלע מוכר־ספרים געווען בלויז אַ טעכניש הילף־מיטל, זי האָט געשפּילט די ראָל פֿון עפּעס אַ מין פּאַרמיטלער צווישן דער פּאַרפֿאַסער און דעם לייענער אָדער פֿון אַ מיט־פֿאַרפֿאַסער. אין די העברעישע דערציילונגען פֿון די אַכציקער־ניינציקער יאָרן וואַקסט די פֿיגור איבער די ״פֿונקציאָנעל־טעכנישע ראַמען״ און דערשיינט אַלס אַ זעלבשטענדיק לעבעדיק געשטאַלט.

מענדעלע מוכר־ספרים טרעט דאָ אַרויס אַלס דערציילער פֿון געשעענישן, אין וועלכע ער נעמט אַליין אָנטייל. ״דאָס איז אַ פּאָזיטיווע פֿיגור פֿון אַ פֿלעבײ, פֿון אַ קלוגן און טראַכטיקן פֿאָלקס־מענטש, מיט אָפֿענע אויגן, גיריק געווענדט צו דער וועלט מיט אַלע אירע פֿאַרבן און קאָלירן, שטאַרק מאַטעריאַליסטיש, שאַרף קריטיש געשטימט בנוגע דעם יידישן אַלטוואַרג און מיטל־עלטער״ [6].

דאָס דאָזיקע געשטאַלט ווערט געשטעלט אין צענטער פֿון די געשעענישן, וועלכע ווערן אויפֿגענומען דורך זיין פּריזמע, ווערן דורך אים באַטראַכט, אַנאַליזירט, אָפּגעשאַצט. מיט דער הילף פֿון דעם דאָזיקן פֿאָלקס־מענטש באַמיט זיך דער אויטאָר אַרויסזאָגן זיינע אייגענע איבערלעבונגען, זיין אייגענע שטעלונג, וועלכע ער סטאַרעט זיך ווי ווייט מעגלעך דערנענטערן צו דער שטעלונג פֿון דער פֿאָלקס־מאַסע.

די ברענענדיקע פּראָבלעמען פֿון דער צייט האָבן געפֿאָדערט פֿונעם שרייבער־דעמאָקראַט ״ניט נאָר אַרויסשטעלן דאָס יידיש לעבן און די וויכטיקסטע ענינים, וואָס קומען היינט ביי אונדז פֿאָר״, נאָר ״שאַרף דערקלערן די יידישע לאַגע און אָנווייזן וואָס מען האָט צו טאָן, די יידישע לאַגע צו פֿאַרבעסערן״ [7]. דער שרייבער האָט געפֿילט אַז ער איז מחויב אַקטיוויזירן דעם לייענער, וועקן ביי אים דאָס געפֿיל, אַז מען טאָר ניט שווייגן, מען דאַרף עפּעס טאָן. דאָס וואָס איז ביז איצט געווען אָנגעשריבן סיי אין יידיש, סיי אין העברעיש, האָט מער ניט געקענט באַפֿרידיקן. טאַקע אין אָט די יאָרן נעמט זיך מענדעלע ענערגיש פֿאַר דער איבעראַרבעטונג פֿון זיינע יידישע ווערק. עס קומען אויך די נייע וואַריאַנטן

פון ״פישקע דער קרומער״, פון די ״קליאַטשע״, פון ״מסעות בנימין השלישי״ און ״דאָס ווינטשפינגערל״.

אין די ניי־צוגעקומענע זייטלעך, קאַפּיטלען, לאָזט זיך הערן דער הייסער אָטעם פונעם צייט־גייסט. מענדעלעס יידיש ווערט אין זיי דערהויבן צו דער העכסטער קינסטלערישער מדרגה. אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, אַז מען דאַרף רעדן צום פאָלק אויףביידע שפּראַכן, יידיש און העברעיש, פילט איצט דער שרייבער אַז זיין ביז איצטיקער העברעישער שפּראַך־נוסח פּאַסט ניט מער פאַר די אויפגאַבן, וואָס ער האָט פאַר זיך געשטעלט. עס איז נייטיק געווען צו שאַפן אַ נייעם העברעישן נוסח, אַ מער דעמאָקראַטישן, מער פאָלקסטימלעכן און מער ווירקזאַמען. מענדעלעס דעמאָקראַטיזם האָט אים געהאָלפן זיך צו באַפרייען פון דער מליצה, וואָס האָט געהאַט אַן אָרט אין ״האבות והבנים״ און אין אַנדערע זיינע העברעישע ווערק. פאַר די 20 יאָר וועלכע זיינען אַדורך זינט די ״האבות והבנים״ האָט ער, ווי עס מערקן אָפּ די העברעישע פאָרשער פון זיין שאַפן, זיך טיף איינגעגראָבן אין די דרויסיקע שפּראַך־אוצרות און אָנגעזאַמלט אַ רייכן שפּראַכלעכן מאַטעריאַל — אַנדערש איז ניט מעגלעך זיך פאָרצושטעלן דעם געוואַלדיקן שוואונג, וואָס עס האָט באַקומען זיין העברעיש־לשון אין ״בסתר רעם״.

אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג פאַר דעם נייעם העברעישן נוסח האָט געהאַט מענדעלעס יידיש, וואָס האָט אים געהאָלפן פאַרהיטן אויך אין העברעיש דעם פרישן צאַפּל פונעם לעבן. ״דער באַנייטער העברעיש האָט אויפגעלעבט אונטער דער פעדער פון מענדעלען אויך דערפאַר — האָט געשריבן ש. דובנאָוו, וואָס ער האָט אים צוגעפּאַסט צו דער סטיל פון דער פאָלקס־שפּראַך פון די רוסישע יידן״[8]. יידיש האָט טאַקע אַ גרויסע מאָס מיטגעווירקט דער לעבעדיקייט, פאָלקסטימלעכקייט און פשטות פון מענדעלעס העברעיש. ניט אומזיסט האָט י. ל. פּרץ געזאָגט וועגן מענדעלעס נייעם העברעישן נוסח: ״אַזוי וואָלט דאָס פאָלק גערעדט, ווען עס רעדט העברעיש״.

מענדעלע אַליין האָט גוט פאַרשטאַנען, ווי גרויס עס איז זיין אויפטו. נאָך ״בסתר רעם״ און אַנדערע העברעישע דערציילונגען, נאָך זיין גלענצנדיקן איבער־אַרבעטן פון די אייגענע יידישע ווערק אין העברעיש האָט מען שוין ניט געקענט שרייבן העברעיש, ווי ביז דאַן. ״אָט דער סיגנון פון מיינע דערציילונגען אין העברעיש — האָט מענדעלע געשריבן — איז איינגאַנצן אַ נייער, וואָס איך האָב אַפּריער זיך גוט באַראַטן מיט מיין האַרץ און איך האָב באַשלאָסן: לאָמיר שאַפן אַ העברעישן סיגנון, וואָס זאָל זיין לעבעדיק און זאָל רעדן אַ קלאָרע און פּינקטלעכע שפּראַך, ווי מענטשן פון אונדזערע צייטן אין אונדזערע ערטער רעדן... דאָס איז געווען אַ גאַנץ שווערע זאַך צו דערגרייכן, און געלויבט איז דער אייבערשטער, וואָס איז מיר געווען באַהילפיק און איך האָב זי געשאַפן, פון זינט דאַן האָבן יידישע שרייבער גענומען זיך באַנוצן מיט אָט דעם נייעם סיגנון און זיי שרייבן

און דערציילן, דערביי דערמאָנט מען ניט און מען דאַקענט ניט דעם באַשאַפער" 9.

ס'איז כמעט ניט געווען קיין איין געשעעניש, אויף וועלכער מענדעלע האָט זיך ניט געהאַט אָפּגערופן אין זיינע דערציילונגען. ער האָט אין זיי אויפגעשטעלט אַ מאָנומענט דעם יידישן לעבן פון זיין צייט מיט אַלע שטריכן און ניואַנסן. מענדעלעס קונסט האָט זיך דאָ דערהויבן צו אַ נייער מדרגה. דאָס זיינען ברייטע לייוונטן פון סאָציאַל־געשיכטלעכער באַטראַכטונג, וואָס צייכענען זיך אויס מיט קאָנדענסירטקייט, קאָנקרעטקייט, אַנשוילעכקייט, און וואו די כוונה, די טענדענץ, דער "דאָס בין איך אויסן" ליגט טיף פאַרבאָרגן אינעם בילד, אינעם געשטאַלט, אינעם קינסטלערישן געוועב פונעם ווערק.

אין דער דערציילונג "בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה" 10 (1894—1895), וואו די האַנדלונג קומט פאָר אויף אַ בוידעם, אויף וועלכן עס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן יידן פון פאַרשידענע שיכטן פון פאָלק, אויס פחד פאַר די פּאָגראָמען, גיט מענדעלע מיט דער הילף פון אַ ברייט צעוויקלט אַלעגאָריש בילד, וואָס ווערט באַגלייט מיט אַ סאַרקאַסטישן גאַלגן־געלעכטער, אַזאַ מין פאַראַלגעמיינערטע צייכענונג פון די שוידערלעכע געשעענישן פון יענער צייט:

"איר'ט אַמאָל געזען, ווי אַזוי סע שפּרינגען און סע הייבן זיך בולבעלעך אויף אַ וואַסער? מיינט ניט, אַז דאָס טוט זיך בניסים, אַז מלאכים שפּילן זיך דאָ. ניין, די מעשה איז פשוט בתכלית הפשטות: סע וואַרפט עמעצער אַריין אַ שטיין, אָדער מען דערוואַרעמט דאָס וואַסער, הייבט זיך עס אָן הייבן. אַזוי האָבן זיך דעמאָלט געהויבן אחינו בני־ישראל, געדראַפּעט זיך, געקלעטערט וואָס העכער... פון דעם פּאָל אויפן פענצטער, פונעם פענצטער אין הויף אַריין, פונעם הויף אויף אַ וואַנט, פון דער וואַנט ווידער אין אַ הויף, פון דאָרט אין אַ הויז אַריין, פונעם הויז אויף אַ לייטער, פונעם לייטער אויפן בוידעם, העט־העט אין אַ ווינקעלע אונטער דער סטריכע... ס'איז ניט היינט געדאַכט, געווען דעמאָלט אַ קאָכעניש, אַ געוואַלד, אַ געפּלידער. שטיינער זיינען געפלויגן, האַמערס האָבן געפּלעט יידישע קעפּ, שויבן האָבן געקלונגען".

דער שרייבער באַגנוגנט זיך ניט מיט דער שילדערונג פון די גרויליקע פּאָגראָם־בילדער, ער גיט אַ קלאָרע אָנדייטונג, אַז די רדיפות זיינען געווען איינ־ספּירירט פון אויבן, אַז די צאַרישע רעגירונג איז יד אחת מיט די פּאָגראָמטשיקעס. דאָס בילד פונעם פּאָגראָם און דער עפּיזאָד מיט דער גנבה אין מענדעלע־הויף ווערט באַגלייט מיט אַן איראָנישער באַמערקונג, וואָס צילט ניטצווייטייטיק אין די צאַרישע באַאַמטע:

"ווען באַשטראָפט מען דען אַ גנב און ווען קערט מען אום די גניבה דעם באַלעבאָס אירן? בשעת ס'איז עולם כמינהגו, דער גנב פירט זיך ווי אַ גנב, ד.ה. ער טוט אָפּ זיין שטיקל אַרבעט שטילערהייט, אין דער פינצטער, קיינער זאָל ניט זען, דעמאָלט איז אויף אים דאָ אַ משפט און אַ פסק. אָבער ווי איז דער דין, אַז

מען טוט די אַרבעט פראַנק און פריי, אין מיטן העלן טאָג, אַז מען שלאָגט אויס די פענצטער און מען טוט זיך אַ לאָז איבער די גאַסן מיט העק און מיט דרוקעס און מען באַלאַגערט די שטאָט, ווי די סאָלדאַטן, איז דאָך שוין אַ מין מלחמה. הייסט עס אַז מיין ציג און מיין פערד האָט מען געפאַנגען בשעת מלחמה. ניט גלאַט געגנבעט, נאָר געפאַנגען! פאַנגען בעת אַ מלחמה איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש... הקיצור, וואָס זאָל איך אייך ברייען: מיר האָבן געבענטשט גומל, וואָס מיר זיינען אָפּגעקומען מיט דער ציג און מיט דעם פערד: זאָלן זיי זיין פאַר אונדז אַ שיינע, ריינע כפרה...״

דער געדאַנק וועגן דעם, אַז אין די יידן־רדיפות, אין די פּאָגראָמען זיינען שולדיק די רעגירנדיקע קרייזן, וועלכע זייען באַוואוסטזיניק האַס צווישן פעלקער, כדי אָפּוועגדן פון זיך דעם צאָרן פון די פאָלקס־מאַסן, גייט דורך ווי מיט אַ רויטן פאָדעם דורך אַ ריי דערציילונגען. די פּראָסטע האָרעפּאַשנע מענטשן ווילן ניט וויסן פון פעלקער־שנאה, זי ווערט געפּלאַנצט פון אויבן. אין ״בסתר רעם״ איז דאָ אַזאַ כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד. מענדעלע מוכר־ספרים, נאָך דעם ווי מען האָט אים מאוס באַרויבט, און באַגנבעט, טרעפט זיך מיט עטלעכע ניט־יידישע בעלי־מלאכות, מיט וועלכע ער איז געווען גוט באַפריינדעט. ער ווערט איבעראַשט, ווען אַנשטאָט אַ פריינדלעכן שלום־עליכם, צו וועלכן ער איז געווען געוואוינט ווערט ער פון זיי באַפאַלן מיט גראָבע זידלערייען. ״ווער איז אין דעם שולדיק?״ — פרעגט אין פאַרלעגנהייט מענדעלע מוכר־ספרים. אַן ענטפער גיבן אים טאַקע די רוסישע האָרעפּאַשניקעס אַליין:

״ווער איז שולדיק?... לאָזן ׳זיי׳ זאָגן. זיי דערציילן אונדז: ׳פרעמדע לעבן פון אונדזער אַרבעט, האַלטן אונדז אין איין ראַבעווען און גזלענען. די דאָזיקע גרים, וואָס לעבן צווישן אונדז, זאָגן זיי, ווערן וואָס אַ מאָל רייכער, קריכן אין די פעדערן אַריין, און מיר, די היימישע, זאָגן זיי, ווערן וואָס אַ טאָג אָרעמער׳, און נאָך אַזעלכע געשיכטעס דערציילן זיי אונדז, נעבעך, גרויס רחמנות... דער רוח זאָל זיי נעמען, אָט די בעלי־רחמנות!... עפּעס האָבן זיי זיך שטאַרק פאַרמערט אָט די דאָזיקע פיינע בעלי־רחמנות, וואָס מאַכן זיך אומגעבעטענערהייט אַלס אָפּעקונעס איבער אונדז. מיטן מויל רעדן זיי גלאַטע ריידלעך און אין האַרצן ביי זיי ליגט דער שוואַרץ־יאָר ווייסט וואָס. אַנו פּרוווט נאָר אומישנע, בעט ביי די דאָזיקע באַרמהאַרציקע, זיי זאָלן געבן כאָטש איין צעבראָכענעם גראָשן, ווען מיר האַלטן שמאָל! וועלן זיי דען ניט אויסנוצן יעדער געלעגנהייט בעת אונדזער אַן עת צרה, גרויע נויט און דחקות צו פאַרקלענערן אונדזערן געצאָלטס, אַז זיי וועלן דאַרפן האָבן אונדזער אַרבעט? ברידער, שפּייט זיי אָן אַ פולן פּנים, און לאָזן זיי גייען צו אַלע רוחות!״

ווי אַ הימן דער ברידערלכקייט און פריינדשאַפט צווישן פּראָסטע מענטשן פון אַלע פעלקער קלינגט די דערציילונג ״שם ויפת בעגלה״ [11] (1890). מענדעלע מוכר

ספרים דערשיינט דאָ דאָס ערשטע מאָל אונטערוועגנס ניט מיט זיין פערד און וועגעלע, נאָר אין באַן. זיינע רייזע־באַגעגענישן און שמועסן בילדן די חוט השדרה פון דער האַנדלונג (פון דאַנעט, וואָרשיינלעך, גייט אַ גלייכער וועג צו שלום־עליכמס ״באַן־געשיכטעס״). דער דערציילער איז דאָ משה דער שניידער. ס׳איז אַ געשיכטע וועגן צוויי אַרבעטס־מענטשן, משה דעם שניידער און דעם פּוילישן שוסטער, וועמען, ער, משה, רופט אָן ״יפת״, זיי האָבן אַ צייט לאַנג געלעבט אין די בעסטע פריידלעכע באַציאונגען אין איין שטאָט אין פּרייסן. נאָר צייטן בייטן זיך: ״די ניט שמס קינדער — ׳אַנטיסעמיטן׳ הייסט עס אויף גוייש — דערציילט משה — יאָגן און פּלאָגן שמס קינדער פאַר אויסגעטראַכטע זינד, און איבערהויפּט פאַרוואָס זיי ווילן אויך עסן און טרינקען מיט מענטשן צוגלייך... די רייכע, די מנהיגים, די דעה־זאָגער האָבן זיך אָנגעכאַפּט דערינען ווי אָן אבן־טוב, און דער בלינדער פּעבל איז אַרויס מיט קולות, מיט קללות: ׳אַט פון וואַנעט עס שטינקט דער העכט, פון וואַנעט איז דער פאַלק אַזוי פאַראָרעמט! שמס קינדער, יידעלעך, הייסט עס, זויגן עס אויס דאָס בלוט...׳״ אונטערגעהעצט פון די ״רייכע מנהיגים און דעה־זאָגער״, ווערט יפת, משהס פריערדיקער פריינד, פאַרוואַנדלט אין זיינעם אַ דם שונא: ״מיט דיין האָרעוואַניע — טענהט ער צו משה דער שניידער — רייסטו אַרויס דאָס שטיקל ברויט פון אונדזער מויל״.

העט שפּעטער, ווען דער פּוילישער שוסטער איז אַדורך אַלע ״שבעה מדורי גיהנום״, ענלעכע צו די, וועלכע עס האָט דורכגעמאַכט זיין געוועזענער פריינד, דער יידישער שניידער, איז ער דערגאַנגען צו דעם ביטערן אמת:

״אַצינד, אַז מיר איז שלעכט און איך געפין זיך אין אַזאַ צושטאַנד ווי דו, ערשט איצט פאַרשטיי איך שוין, וואָס פאַר אַ ממשות עס האָבן די זינד, וואָס די זאַטע קלערן אויס אויף די הונגעריקע, דער תושב אויף דעם גר און דער שטאַרקער אויף דעם שוואַכן״.

מענדעלע פאַרענדיקט די דערציילונג מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

״רבונו של עולם! עס זאָל זיין דער ווילן פון דיר, גאָט, עס זאָלן נאָר זיין פיל, פיל תלמידים אַזעלכע — וועט זיין שם מיט יפתן ברידער, שלום אויף דער וועלט און פרידן אויף כל ישראל! אמן!״.

אין די דערציילונגען (״בסתר רעם״, ״בימי הרעש״, ״שם ויפת בעגלה״, ״די נשרפים״ א״אַ) ווערט אָנגעצייכנט אַ גרויליק בילד פון דער שרעקלעכער רעכט־לאָזיקייט, אין וועלכער ס׳האָט זיך געפונען די יידישע באַפעלקערונג. געגנוי ווערט באַשריבן אין ״שם און יפת״ אין וואַגאָן״ דער גירוש דייטשלאַנד, ווען ״דער גרויסער פריץ מיט דעם נאָמען ׳ביסמאַרק׳ איז געוואָרן שטאַרק אָנגעדרודלט און האָט גוזר געווען, אַז שמס קינדער, ניט קיין געבוירענע דייטשן, זאָלן אַרויס פונעם לאַנד און מוחל זיין זיך ווייטער רוקן! אַט אַזוי זיינען טויזנטער פאַמיליעס פאַרבליבן אָן ברויט, אָן אַ היים, און מיר האָבן זיך צעזייט און צעשפּרייט איבער די וועלט, ווי

די בלינדע שאָף״. די פּאָגראָמען, די רדיפות, די פּראָגרעסירנדיקע פּאַראַרעמונג פון די מאַסן, באַווייזט מענדעלע, איז גורם דערצו, אַז טויזנטער יידן פּאַרלאָזן די איינגעזעסענע ערטער, לויפן פון דאָרף אין שטעטל, פון איין שטעטל אין צווייטן, פון שטעטל אין שטאָט, פון איין שטאָט אין דער אַנדערער, פון איין קאַנט אין אַ צווייטן, פון איין לאַנד אין אַ צווייטן — אין געיעג נאָך פּרנסה, נאָך רו, נאָך שלום, נאָך גליק...

די שילדערונגען פונעם יידישן דלות, פון דער יידישער רעכטלאָזיקייט זיינען ווירקלעך געשריבן ״ניט מיט טינט, נאָר מיט גאַל און מיט בלוט״. די פּאַראַרעמטע, דערשלאָגענע, רעכטלאָזע, סאָציאַל- און נאַציאָנאַל-אונטערדריקטע פּאָלקס-מאַסע שטייט פאַר די אויגן פונעם פאָלקס-שרייבער, אָט ווי אַ נעסט פון מורעשקעס, וואָס ״דער אויבערשטער האָט מיט זיין גרויס חסד זיי אַריינגעגעבן אינסטינקטן און געפילן און האָט זיי פאַרזאָרגט מיט קונציקע אברים, כדי זיי זאָלן קענען זוכן זייער ברויט״ (״בסתר רעם״); אָט ווי ״אַמעבעס״, קליינע באַשעפענישלעך, וואָס יעדער פון זיי ״קען ליגן אַ גאַנצע צייט טרוקן, דאַר, אָן אַ סימן פון לעבן, פּרוווט אָבער אַרויפגיסן דערויף אַ טראָפּן וואַסער — אַהאַ, סע לעבט שוין, סע שוועבט שוין, סע יאָגט זיך אינעם טראָפּן, סע זוכט חיונה, פּריש, לעבעדיק, אַקוראַט, ווי ס׳איז גאָר קיין מאָל ניט געלעגן פאַרשמאַכט״ (״בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה״). יעדע שורה אין מענדעלעס דערציילונגען איז אָנגעזאַפּט מיט טיפן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן ווייטיק.

מאָלנדיק די קאַטאַסטראָפאַלע לאַגע פון די יידישע פאָלקס-מאַסן, מאַכט דער שרייבער צונישט דעם פאַרשפּרייטן מיטאָס פון ״כל ישראל חברים״. אין דער דערציילונג ״לא נחת ביעקב״ [12] (1892) ווערט אַרויסגעפּירט דאָס קאַלאַריטפולע געשטאַלט פונעם אויפגעקומענעם גביר, דעם געוועזענעם ״קליינעם מענטשעלע״, ר׳ יעקב. מייסטעריש אַפּעלירנדיק מיט די ״גילגולים״, וואָס ס׳מאַכן דורך אין דער נאַטור ״קליינע שרצימלעך״, ווייזט מענדעלע, ווי דער געוועזענער משרת יאַנקל, איז ביסלעכווייז, אַ דאַנק זיינע פעאיקייטן נאָך צו מאַכן ״איידעלע יידן״ און געלונגענע ״גוטע געשעפטן״, אַריין אין די גרויסע פעדערן״, געוואָרן ״אַ גרויסער פויגל, וואָס צעשפּרייט שטאַרק די פליגלען, פליט הויך איטלעכן איבער די קעפּ און הייסט שוין ר׳ יעקב״. אין געשטאַלט פון ר׳ יעקבן דעמאַסקירט דער שרייבער די געלט-זעק אין דער יידישער סביבה, ביי וועמען די מטבע האָט אָוועקגערויבט אַל דאָס מענטשלעכע:

״דאָס געלט פאַרשטאָפּט אים דאָס האַרץ, פאַרשטאָפּט אים דעם מוח. אויפן אָרט פון זיכרון דאָרט אַ מאָל ליגט איצט אַ קערבל. וואו אין אים איז אַ מאָל דאָרט געווען אַ שטיקל יושר, אַ קאַפּ רחמנות, עטוואָס מענטשלעכקייט, און אַ שטיקל פאַרשטאַנד, שטעקט איצט אַ מטבע. אין אים טוט, אַרבעט די מטבע, דאָס גאַנצע שכל איז ביי אים נאָר די מטבע: זיין קוקן, הערן, שווערן, טאַפּן און פילן

איז אַלץ נאָר די מטבע. און ביי יעדער איז דאָך פון אייביק אָן שוין אַזאַ טבע — דערזעען זיי ביי עמיצן אַ גילדענע מטבע, מעג ער זיין אַ קאַלב, אַ בהמה, איז ער ביי זיי אַ גאָט, בוקן זיי זיך צו אים, טאַנצן אַרום אים, לעקן און גיבן אים גרויס כבוד אָפּ".

אָט די ר' יעקבס, באַוויזט מענדעלע, אָנציענדיק אויף זיך אַ מאַסקע פון גוטע און פרומע יידן, בעלי־טובות און מכלומרשט בעלי־רחמנות, זויגן אויס דאָס לעצטע ביסל בלוט פון דער אָרעמער יידישער מאַסע. די דאָזיקע צבועקעס באַהערשן אַ דאַנק דעם גאָלד־זאַק די גאַנצע וועלט. אינעם געראַנגל צווישן ר' יעקב און דעם ערלעכן, טיף־מענטשלעכן און באמת באַגאַבטן פאָלקס־מענטש, ר' בנימין, האַלט אָפּ דעם נצחון ר' יעקב. ר' בנימין איז פאַראורטיילט אויסצוגייען פון הונגער, "ר' יעקב אָנטקעגן זשע — געזונט אייזן, אין עושר און כבוד, ברוך השם — דרייט ווי פריער אַ וועלט און פירט נאָך אַלץ דאָס גאַנצע שטעטל ביי דעם נאָז". מיט טיפסטן ווייטאָג פאַסט דער שרייבער אויף דעם זיג פון די ר' יעקבס, ער גיסט אויף זיי אויס זיין גאַנצן צאָרן — טאַקע זיי, וואָס האָבן פאַרנומען דעם אויבן אָן אין דער יידישער סביבה, העלפן מיט דעם גרויסן חורבן, דער מאַטעריאַלער און גייסטיקער דעגראַדאַציע פון דער רעכטלאָזער, געדרודפטער, אָרעמער יידישער פאָלקס־מאַסע. מיט ביטערן חוזק שרייבט מענדעלע וועגן דער אַזוי־גערופענער גבירישער "פילאַנטראָפּיע", דער מכלומרשטער "אַפּוטרופּסות" פון די ר' יעקבס לגבי די אָרעמע מאַסן:

"איבער יעדער גראָשן, וואָס די גבירים גיבן אויס אויף צדקה, מאַכן זיי אַ גאַנצן טאַראַראַם, כדי די וועלט זאָל וויסן, אַז ס'איז נאָך דאָ בעלי־רחמנות צווישן יידן. די רייכע גלופּסקער קמצנים, וואָס האָבן ניט ביד צו העלפן אָן אָרעמאַן מיט זייער גראָשן, העלפן אים לכל הפּחות מיט אַ קרעכץ, אַ זיפץ, גיבן אים וואוילע עצות, זאָגן אים וואַרעמען מוסר, טרייסטן אים און לערנען אים פאַרלאָזן אויף גאָט און זיינע גרויסע חסדים" ("בסתר רעם").

"חברים כל ישראל וערבים זה לזה מסיני ועד הנה" [13] — איראָניזירט מענדעלע, ווען ער שילדערט די גרופּע יידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פון די פּאַגראָמען אויפן בוידעם ("בישיבה של מעלה"). דער אָרעמער מוכר־ספרימניק, מענדעלע פּילט זיך דאָ אויפן בוידעם, אונטער איין דאַך, מעשה ברודער מיטן באַלעבאַטישן פּרומאַק, ר' שימשון און דעם אַסימילירטן גביר, דעם "דייטש" אַלבערט. אָבער קוים איז די געפאַר פון פּאַגראָם פאַרביי, און זיי האָבן זיך אַלע אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, אין "ישיבה של מטה", איז פונעם "כל ישראל אחים" קיין זכר ניט געבליבן, ווען מענדעלע ווענדט זיך צו יעדער פון זיי באַזונדער נאָך הילף, מאַכן זיי זיך ניט וויסנדיק און לייקענען שטיין און ביין, אַז זיי האָבן ווען־ס'ביט־איז זיך געהאַט מיט אים געטראָפן.

איבער זיי ביידע, סיי דעם פאַנאַטיקער שימשון, וואָס טענהט אומעטום, אַז

״אַ ייד איז ביי אים טייער נאָר דערפאַר, וואָס ער איז אַ ייד״, סיי דעם ״דייטש״ אַלבערט, וואָס שעמט זיך מיט דעם, וואָס ער איז אַ ייד — ״פוילט דאָס יידישע פאָלק, באַקומט אַ שלעכטן עיפּושדיקן ריח...״ — פירט אויס דער שרייבער.

די ״אתה בחרתנו״־אידעאָלאָגיע, דער רעליגיעזער פאַנאַטיזם, ווי אויך דער ניהיליזם לגבי דעם אייגענעם פאָלק — דאָס זיינען, לויט מענדעלען, גלייכע סימנים פון גייסטיקער דעמאָראַליזאַציע פון פאָלק, וועלכע זיינען ניט ווייניקער געפערלעך, איידער דער חורבן, וואָס איז געקומען פון אויסן. ווי זיינע מיטצייטלער פרץ און ביאַליק, טאַדלט מענדעלע אין זיינע דערציילונגען דעם גייסט פון הכנעה און שקלאַפעריי אין דער פּסיכאָלאָגיע פון די דורות־לאַנג אונטערדריקטע יידישע מאַסן: ״זיי ווערן דערנידעריקט און שווייגן, הערן ווי מען זידלט זיי, און ענטפערן ניט, פאַלן כורעים און ציען זיך אויס אין דער לענג און אין דער ברייט מיט אַן אויסערסטער אונטערטעניקייט״ (בישיבה של מעלה״...).

די רעליגיעזע, די מיטל־עלטערלעכע דינים און מנהגים, אַלטע לעגענדעס און בבא־מעשׂיות האָבן דאָס פאָלק פאַרוויגט און פאַרשלעפערט, אָפּגעווענדט די מאַסן פון זייערע נויטן און ליידן, פּאַראַליזירט זייער ווילן, אַטראָפירט זייערע געדאַנקען און געפילן, אָפּגעריסן פונעם אַרום מיט זיינע פּיינען און ראַנגלענישן.

דער שרייבער פּרוווט אין די דערציילונגען אָנוואַרפן זיין פּאָזיטיוון פּראָגראַם, וועלכע ער שטעלט קעגן די פאַרשידענע ״סגולות״ און ״באַבסקע מיטלען״, מיט וועלכען ס׳טראָגן זיך אַרום פאַרשידענע ״יידן בעלי־רחמנות... בעלי־טובות, און עצות־געבער״, וואָס ״האָבן זיך די לעצטע צייט אָנגעוואָרפן צו זיין אונדזערע רופאים און אָנגעדולט אַ קאָפּ מיט זייערע בויך־סברות״ (פון דער הקדמה צו ״אַ סגולה צו די יידישע צרות״).

די קאַטאַסטראָפאַלע לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין תחום־המושב איז אַ פּראָדוקט פון דער אַלגעמיינער אומרעכטער געזעלשאַפטלעכער סיסטעם — דער דאָזיקער געדאַנק גייט דורך אין אַלע דערציילונגען פון די אַכציקער־ניינציקער יאָרן, הגם אין ערגעץ ווערט ער אָפן ניט אַרויסגעזאָגט. דער קאַמף קעגן די קהלישע רעדל־פירער און פאַרשידענע מינים בעלי־טובות, וואָס האָט געבילדעט דעם פּאַטאָס פון מענדעלעס פריערדיקע ווערק, ווערט ניט אָפּגעשוואַכט, ער איז אָבער איינגעשלאָסן אינעם אַלגעמיינעם אָנגריף אויף אַלע פאַקטאָרן, וואָס זיינען גורם צו דער קאָנסערווירונג פון די אַלטערטימלעכע לעבנס־פאָרמען און צו דער פאַרטיפערונג פון דער עקאָנאָמישער און גייסטיקער פאַרשקלאַפונג פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן. די בילדער פון דער שרעקלעכער נויט און רעכטלאָזיקייט פון דער יידישע באַפעלקערונג באַקומען אין די דערציילונגען אַ מער אַקצענטירטע פּאָליטישע באַפאַרבונג. עס ווערט ראַדיקאַל רעווידירט די באַציאונג צו דער השׂכּלה. ניט פאַרמינערנדיק איר היסטאָרישע ראָל, באַטאָנט מענדעלע: ״איצט ווייסן מיר, אַז ניט פון השׂכּלה וועט זיך צו אונדז נעמען די גאולה. אונדזער אומגליק איז דער

דלות, די שפּלות, די געפּאַלנקייט, די נידעריקייט, אי ביי זיך, אי ביי יענעם. אונדזער אייציקע רפואה איז — ערד־אַרבעט... השׂכּלה־ספרים קענען אונדז העלפֿן ווי דער נעכטיקער טאָג" ("בישיבה של מעלה..."). די רעטונג דאַרף מען זוכן ניט אין בילדונג, ניט אין דער סיסטעם פון קהלישע "צדקות" — דער איינציקער אויסוועג איז עקאָנאָמישע געזונטמאַכונג, און זי איז מעגלעך נאָר ביי אַ פולשטענדיקער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער גלייכבאַרעכטיקונג פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע — אַזאַ איז מענדעלעס עיקרדיקער געדאַנק.

אין "לא נחת ביעקב" דערציילט דער שרייבער וועגן דעם ענטוזיאַזם, מיט וועלכן די אָרעמע שטעטלדיקע מאַסן האָבן אויפגענומען די בשורה וועגן דער גרינדונג פון יידישע קאָלאָניעס אין כערסאָנער גובערניע. דאָס פאָלק האָט געשאַפן לידער, אין וועלכע ס'האָט באַזונגען דעם "גליקלעכן קאַנט". בלויז די שטעטלדיקע גבירים און כלל־טוער האָבן אַרויסגעוויזן ווידערשטאַנד דער אידעע פון אויס־וואַנדערונג, ווייל זיי האָבן אין איר געזען אַ געפאַר פאַר זייער עצם עקזיסטענץ.

העפט 8, 1978

1 דערשינען אין אַ יידישער איבערזעצונג פון מ. אַלגין, אונטערן נאָמען "צוריק אַהיים".

2 הלל אַלעקסאַנדראָוו, יאָרן פון שווייגן — יאָרן פון זעלבסטבאַשטימונג, סאָוועטיש היימלאַנד, נומ. 11, 1968, ז' 141.

3 פון אַ בריוו צו ל. בינשטאָק, יאַנואַר 1882. מענדעלע בוך, ניו־יאָרק, 1959, ז' 473.

4 געשריבן אין די יאָרן 1882 און 1884, צוערשט פובליקירט אינעם בוך "מענדעלע און זיין צייט", מאָסקווע, 1940, זז' 12—17.

5 מענדעלע־בוך, ז' 141.

6 מ. עריק, וואָס שעצן מיר אין מענדעלען, פאַרמעסט, 1 (1936), ז' 134.

7 פון מענדעלעס אַ בריוו צו שלום־עליכמען פון 10 יוני 1888. מענדעלע־בוך, ניו־יאָרק, 1959, ז' 152.

8 מענדעלע מוכר־ספרים, אַלע ווערק, וואַרשע, 1928, באַנד 22, ז' 63.

9 פון מענדעלעס אַ בריוו צו ראַוויניצקין פון 11 סעפטעמבער 1906, מענדעלע־בוך, ניו־יאָרק, 1959, ז' 203.

10 אין יידיש (איבערגעזעצט פון מ. אַלגין) — "אין דער ישיבה של מעלה און אין דער ישיבה של מטה".

11 אין יידיש "שם און יפת אין וואַגאָן" (איבערזעצט דורך מ. אַלגין).

12 אין יידיש (איבערגעזעצט דורך מענדעלען) פאַרעפנטלעכט אין "הויז־פריינד" אין 1895 אונטערן נאָמען "די אַלטע מעשה".

13 "כל ישראל זיינען חברים און זיינען ערב איינער דעם צווייטן פון סיני ביז דאַנעט".

דער העברעישער וואַריאַנט פון "טוביה דעם מילכיקן"

אין דער רייכער ליטעראַטור וועגן שלום־עליכמען ווערט כמעט אין ערגעץ ניט דערמאָנט דער פאַקט, אַז "טוביה דער מילכיקער" איז אין אַ בוך־פאָרם צוערשט דערשינען אין העברעיש. דאָס בוך איז אַרויס אין 1911 יאָר אַלס ערשטער באַנד פון אַ ברייט פּלאַנירטער אויסגאַבע פון שלום־עליכמס ווערק אין העברעיש און איז שוין לאַנג געוואָרן אַ יקר־המציאות [1].

דער געדאַנק וועגן "איבערטראָגן" זיין "גאַנצן ליטעראַרישן באַגאַזש פון 'זשאַרגאָן' אין העברעיש" איז, ווייזט אויס, אויפגעקומען ביי שלום־עליכמען אין 1908 אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ערנסטער פאַרשאַרפונג פון זיין לונגען־קראַנקייט. דער געפערלעכער געזונט־צושטאַנד האָט געשטויסן דעם שרייבער זיך ערנסט צו פאַרטראַכטן וועגן ברענגען אין אָרדענונג זיין ליטעראַרישע באַלעבאַטישקייט, זיך צוביילן מיט אייניקע שעפערישע פּלענער, קורץ — זאָרגזאַם זיך פאַרנעמען מיט דער "ירושה" פאַר די קומענדיקע דורות.

"געוועזן מיט איין פוס אויף יענער וועלט, — האָט געשריבן שלום־עליכם אין איינעם אַ בריוו צו ספּעקטאָרן אין 1908, — זיך אַרויסגעריסן פונעם מלאך־המות, אָפּגעבעטן זיך אויף אַ קורצער צייט, ביז איך וועל אָנשרייבן אַלצדינג, וואָס איך האָב באַאַרבעט, עפּעס אַ פּאָר הונדערט סוזשעטלעך, וואָס באַמבלען זיך אין מוח, צורעכט מאַכן אַלעס פריערדיקע, איבערטראָגן מיין גאַנצן ליטעראַרישן באַגאַזש פון 'זשאַרגאָן' אין העברעיש (פּונקט דער היפך פון דעם, וואָס אונדזער גוטער, נאַאיווער, טאַלאַנטפולער אַש האָט אונדז געלאָזט הערן אין טשערנאָוויץ), און נאָכדעם, אַז איך וועל פאַרטיק ווערן מיט דעם אַלעמען, איז מהיכי תיתי, זייט זשע מוחל, פּאַני מלאך־המות" [2].

ווי ס'איז צו זען פון דעם געבראַכטן בריוו, האָט ניט קיין קליינע ראָל אין שלום־עליכמס פאַרטראַכט איבערצוזעצן זיינע אַלע ווערק אין העברעיש געשפּילט זיין רעאַקציע אויף אייניקע עקסטרעם־יידישיסטישע אַרויסטרעטונגען אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. וועגן דעם זאָגט עדות אויך די הקדמה צום בוך, אין וועלכער ס'איז ניט שווער איינצוזען אַ באַשטימטע פּאָלעמיק מיט די פאַנאַטיקער פון ביידע צדדים אינעם יאָרלאַנגן שפּראַכן־שטרייט, וועלכער האָט געפונען זיין הויכפּונקט אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. אויף וויפל די דאָזיקע פאָרעדע איז ניט באַקאַנט דעם היינטצייטיקן לייענער, וועלן מיר זיך דערלויבן זי אַ ביסל

ברייטער צו ציטירן אין אונדזער איבערזעצונג, בפרט, אַז חוץ די שטעלן, וועלכע האָבן אַ דירעקטע שייכות צום עצם ענין, וועלכן מיר באַהאַנדלען, פאַרמאָגט די פאַרעדע אַ ריי אַרויסזאָגונגען, וועלכע באַרייכערן די פאַרשטעלונג וועגן דעם גרויסן פאָלקס־שרייבער.

״היינט קענסטו מיר אָפּגעבן מזל־טוב, פריינט מיינער, לייענער, — שרייבט שלום־עליכם, — עס איז דאָ אַ צווילינג אין מיין טראַכט. דער דאָזיקער צווילינג, מיט וועלכן איך בין פאַרגאַנגען אין טראָגן, זיינען די צוויי לשונות אונדזערע, העברעיש און יידיש, וואָס לגבי מיינע קאָלעגן, די שרייבער, איז מקוים געוואָרן דער פסוק: ויתרוצצו הבנים, דאָס מיינט: אין זייער נאָמען און לשם זייער קיום אַמפּערן זיך די דאָזיקע, בוצקען זיך, איינער מיטן צווייטן, האַלטן מלחמה איינער מיטן אַנדערן, פאַרגיסן טינט, ווי וואַסער, פּטרן אַוועק אַ וועלט מיט פּאַפּיר און האַלטן אין איין פרעגן איינע און די זעלבע הארבע שאלה: וועלכע פון די צוויי שפּראַכן איז מער ווירדיק אָנגערופן צו ווערן ׳די נאַציאָנאַלע שפּראַך׳״ [3].

דער דאָזיקער פאַנאַטישער און אין תוך פּרוכטלאָזער אַמפּעריי שטעלט שלום־עליכם קעגן זיין אייגענע אָביעקטיווע שטעלונג, וועלכע איז אויסן אויסשליסלעך די אינטערעסן פון דער ליטעראַטור, פון איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג:

״וואָס אָנבאַלאַנגט מיך אַליין, — שרייבט שלום־עליכם, — איז דער דאָזיקער פּסוק פון ׳ויתרוצצו׳ אויף מיר ניט מקוים געוואָרן — איך וויל דערמיט זאָגן: ביידע די דאָזיקע לשונות שטויסן זיך ביי מיר כלל ניט צונויף איינע מיט דער צווייטער. פאַרקערט, ביידע זיינען זיי געקניפּט און געבונדן צווישן זיך, ביידע לעבן זיי ביי מיר בשלום ושלווה, אין ליבע און אין פריינטשאַפט, אָן קינאה, אָן שנאה, אָן אַ בייז אויג, חלילה, און ביידע שעפּן זיי איינע פונעם תחום פון דער צווייטער״ [4].

דער שרייבער באַטאָנט, אַז אים זיינען ביידע שפּראַכן ליב און טייער: אין יידיש שרייבט ער ״אויס ליבע און חדווה״, העברעיש פאַרשאַפט אים אַן ״עונג־יום־טוב״. אמת, דער ביבל־שפּראַך ווידמעט שלום־עליכם אין דער הקדמה באַזונדערס וואַרעמע שורות. אין דער דאָזיקער, מעגלעך, עטוואָס איבערגעטריבענער פאַרהערלעכונג, לאָזט זיך בולט שפּירן זיין שאַרפע רעאַקציע אויף דער ניהיליסטישער, אָפט פיינטלעכער באַציאונג צו העברעיש מצד די יידישיסטן אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. ער גיט צו פאַרשטיין, אַז טאַקע זיין שטעלונג צו דער דאָזיקער שפּראַכן־באַטאַליע האָט אים דיקטירט אונטערצונעמען די ברייט־געפּלאַנטע אַקציע פון איבערזעצן זיינע ווערק אויף העברעיש.

״דעם אויבנדערמאָנטן שפּראַכן־קריג, — שרייבט ניט אָן איראָניע שלום־עליכם, — לאָז איך איבער פאַר מיינע קאָלעגן, וועלכע זיינען מומחים אין דעם דאָזיקן ענין. עס איז שוין דאָ אַ חזקה ביי אַזוינע לייט, זיך ניט צו באַרואיקן, ביז זיי וועלן ניט דערפירן דעם ענין ביזן סוף. איך וועל מיר גיין מיט מיין וועג. איך וועל מיר שרייבן פאַר מיין פאָלק און וועל אים מאָלן בילדער פון זיין לעבן אין

מיין שפּראַך און נאָכדעם וועל איך זיי איבערזעצן אין אונדזער אוראַלטער שפּראַך" [5].

דער עצם פּאַרטראַכט האָט געזאָלט רעאַליזירט ווערן אויף אַזאַ אופן:

"ווי איר זעט, בין איך צוגעטראָטן צו איבערגיסן פון איין כלי אין דער צווייטער, דאָס הייסט איבערצוזעצן מיינע כתבים פון יידיש אין העברעיש, און אַלס התחלה שטעל איך דיר פאָר אַ געשטאַלט, וועלכע איז דיר פון לאַנג באַקאַנט, דאָס איז די געשטאַלט פון אונדזער אַלטן באַקאַנטן טוביה דעם מילכיקן... תיכף נאָך "טוביה דעם מילכיקן" וועל איך אונטערטראָגן אַלס מתנה די "קאַסריליקעס" אינעם צווייטן בוך. און נאָך דעם דאָזיקן בוך וועט קומען דאָס דריטע בוך — דאָס איז דאָך אונדזער פריינט מנחם־מענדל דער בעל־חלומות מיט זיינע טויזנטער און צענטויזנטער. און נאָך דעם דריטן — וועט קומען דאָס פערטע, און נאָך דעם פערטן — דאָס פינפטע בוך, און שלוס" [6].

שלום־עליכם איז ניט געווען זיכער, אַז עס וועט אים קלעקן צייט און ענערגיע מיט אייגענע כוחות אויסצופילן דעם אָנגעמערקטן פּלאַן. ער פאַרענדיקט די הקדמה מיט פאָלגנדע ווערטער:

"אויב איך וועל אַליין ניט זוכה זיין דערצו, וועלן קומען אַנדערע און וועלן עס נאָך מיר אויספילן, זיי וועלן פאַרענדיקן די אַרבעט, וועלכע איך האָב אָנגעהויבן" [7].

אונטער די "אַנדערע" איז בלי־ספק געמיינט י״ד. בערקאָוויטש, שלום־עליכמס איידעם, וועלכער האָט מיט יאָרן שפּעטער פאַרווירקלעכט דעם פאַרטראַכט. אויך די איבערזעצונג פון "טוביה דעם מילכיקן", וועלכע האָט געבילדעט דעם ערשטן באַנד פון דער געפּלאַנטער אויסגאַבע, האָט שלום־עליכם אים פאַרטרויט, הגם בערקאָוויטש האָט דעמאָלט (אין 1910) געהאַט נאָך אַ קנאַפּע דערפאַרונג. די איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן אונטער דעם מחברס השגחה און מיט זיין באַטייליקונג [0]. בערקאָוויטשעס נאָמען איז אויפן שערבלאַט פונעם בוך ניט געווען אָנגעגעבן.

די דאָזיקע אויטאָריזירטע איבערזעצונג פון "טוביה דעם מילכיקן" האָט געדינט בערקאָוויטשן אַלס מוסטער, ווען ער האָט זיך אַ צייט שפּעטער אונטערגענומען איבערצוזעצן שלום־עליכמס וויכטיקסטע ווערק אין העברעיש [9].

עס איז קיין צווייפל ניט, אַז בעת שלום־עליכם האָט פאַרטראַכט איבערצוזעצן זיינע ווערק אין העברעיש, האָט ער פאָר זיך אַלס עטאַלאָן געהאַט דעם גרויסן אויפטו פונעם "זיידן". ווי באַוואוסט, האָט מענדעלע אַליין איבערגעזעצט כמעט אַלע זיינע ווערק. עס איז אויך גוט באַקאַנט, אַז דאָס זיינען געווען אין תוך גענומען ניט איבערזעצונגען, נאָר אין אַ געוויסער מאָס ניי־שאַפונגען, אַזוי מאַסשטאַבלעך און פּילצאַליק זיינען געווען די שינוים, וועלכע מענדעלע האָט אַריינגעטראָגן אין זיינע ווערק ביים איבערזעצן זיי פון יידיש אין העברעיש. שלום־עליכם איז אַוועק מיט דעם זיידנס וועג. די איבערזעצונג פון "טוביה דעם מילכיקן" שטעלט מיט זיך פאָר אַ באַזונדערן וואַריאַנט פונעם באַקאַנטן ווערק, אין וועלכן ס'זיינען דאָ אַ ריי

ענדערונגען, וואָס האָבן אַ באַשטימטן פּרינציפּיעלן באַטייט. אין אונדזער אַרבעט זיינען מיר אויסן צו באַטראַכטן די וויכטיקסטע שינוים, וועלכע זיינען אַריינגעבראַכט געוואָרן אין דער העברעישער איבערזעצונג.

אין העברעישן וואַריאַנט האַלט זיך שלום־עליכם ביי דער ברייט־פאַרשפּרייטער אין דער יידישער און העברעישער ליטעראַטור טראַדיציע פון אויסלייגן דעם קורצן אינהאַלט פון יעדן קאַפּיטל (אין יידישן טעקסט האָט שלום־עליכם דאָס געטאָן בלויז אין ערשטן קאַפּיטל „דאָס גרויסע געווינס"). עס זיינען געענדערט אַלע קעפּלעך פון די קאַפּיטלען. סיי אינעם כאַראַקטער פון די קעפּלעך, סיי אין דער מאַניר פון אויסלייגן דעם אינהאַלט פון יעדן קאַפּיטל לאָזט זיך שפּירן אַ באַשטימטע פּאַראָדיסטישע טענדענץ.

אָט ווי עס זעט אויס די טיטולירונג פון די קאַפּיטלען אין העברעישן וואַריאַנט אין פאַרגלייך מיטן יידישן אָריגינאַל.

דאָס ערשטע קאַפּיטל „דאָס גרויסע געווינס" אין יידישן טעקסט:

„אַ וואונדערלעכע מעשה, ווי אַזוי טוביה דער מילכיקער, אַ ייד אַן אָרעמאַן, אַ מטופּל מיט קינדער, איז פּלוצעם מיטאָמאָל באַגליקט געוואָרן דורך אַ משונה־ווילדן פאַל, וואָס ס'איז כדאי, אַז מע זאָל עס באַשרייבן אין אַ ביכל. דערציילט פון טוביהן אַליין און איבערגעגעבן וואָרט ביי וואָרט".

אין העברעישן טעקסט (אין אַ יידישער איבערזעצונג) — „מעשה־ניסים":

„אַ וואונדערלעכע מעשה, וואָס עס האָט מיר דערציילט טוביה דער מילכיקער, אַ ייד אַן אָרעמאַן, אַ מטופּל מיט טעכטער, ווי אַזוי עס האָט אים צוגעשפּילט די שעה און דורך אַ משונה־ווילדן פאַל איז ער פּלוצעם נתעלה געוואָרן אַלץ העכער און העכער".

דאָס צווייטע קאַפּיטל אין יידישן טעקסט: „אַ בוידעם".

אין העברעישן טעקסט — „עורבא פרח" [10]:

„אַ מעשה, וואָס ס'האָט מיר דערציילט טוביה דער מילכיקער, ווי אַזוי ער האָט זיך געטראָפן מיט מנחם־מענדלען דעם בעל־חלומות און זיך געלאָזט פון אים איינריידן אַריינצולייגן זיין געלט אין אַ גרויס געשעפט".

דאָס דריטע קאַפּיטל אין יידישן טעקסט: „היינטיקע קינדער".

אין העברעישן טעקסט — „טוביהס טאָכטער, וואָס האָט חתונה געהאַט פאַר אַן עם־הארץ":

„אַ מעשה, וואָס ס'האָט מיר דערציילט טוביה דער מילכיקער, ווי אַזוי זיין עלטערע טאָכטער האָט אָפּגעוואָרפן דעם שידוך מיט אַ רייכן קצב און זיך אויסגעוויילט אַן אָרעמען שניידער, וועמעס ווייב זי איז געוואָרן".

איבערן מאַנגל אין אָרט ברענגען מיר ניט די קעפּלעך (איןביידע וואַריאַנטן) פון די איבעריקע קאַפּיטלען.

אַ ריי ענדערונגען אין דער איבערזעצונג פֿונעם טעקסט זיינען פֿאַרבונדן מיט דעם עצם איבערגיין פֿון יידיש צו העברעיש. מע האָט געהאַט צו טאָן מיט אַן אַנדער לייענער־אוידיטאָריע, וועלכע האָט בדרך־כּלל געהערט צו די מיטעלע און העכערע סאָציאַלע שיכטן, מערסטנטייל צו דער אינטעליגענץ, אין אונטערשייד צו דער לייענער־אוידיטאָריע פֿון שלום־עליכמס ווערק אין יידיש, וועלכע איז באַשטאַנען פֿון די ברייטע פֿאָלקסמאַסן. מעגלעך, אַז ס'איז אויך גענומען געוואָרן אין באַטראַכט אַ טעריטאָריעל ברייטערע אוידיטאָריע, אין דער צייט, ווען די ווערק אין יידיש זיינען געווען אויסגערעכנט דער עיקר אויף דעם תּחום־המושב אין צאַרישן רוסלאַנד. פֿונדאַנען שטאַמט די שטרעבונג אויסצומיידן אין העברעישן טעקסט ענג־לאָקאַלע באַצייכענונגען, אָנדייטונגען אויף איינצלנע קאָנקרעטע פֿאַקטן און דערשיינונגען, לאָקאַלע געאָגראַפֿישע נעמען, נעמען פֿון באַזונדערע פּערזאָנען אאַ"וו. אַזוי, צום ביישפּיל, קומט אומעטום אין העברעישן טעקסט אָנשטאָט דעם נאָמען בראָדסקי (וועלכער איז געווען באַקאַנט דעם יידישן לייענער אין רוסלאַנד) דער נאָמען ראָטשילד (וועלכער איז באַקאַנט אויך דעם לייענער מחוץ רוסלאַנד).

דאָס טוביה־געשטאַלט איז אין העברעישן וואַריאַנט אַ ביסל "דערהויבן" אין פֿאַרגלייך מיטן יידישן. די דאָזיקע "דערהויבונג" האָט זיך צו אַלעם ערשטן געלאָזט מערקן אין דער באַרייכערונג פֿונעם פּסוקים־"באַגאַזש", מיט וועלכן טוביה אָפּערירט. די צאָל פּסוקים איז מינדעסטנס פֿאַרדאָפּלט געוואָרן. דערביי איז אַ ריי מער פּאָפּולערע פּסוקים פֿונעם יידישן טעקסט פֿאַרביטן געוואָרן מיט ווייניקער פּאָפּולערע אין העברעישן טעקסט. נאָך מער, טוביה איז זיך דאָ נוהג געגנוי אָנצורופֿן די קוועלן, פֿונוואַנען דער אָדער יענער פּסוק איז אַנטליען, און אויב אפֿילו, די אָנגערופֿענע מקורות פֿאַלן ניט אַלעמאָל צונויף מיט די ווירקלעכע, באַקומט זיך דאָך דער איינדרוק, אַז טוביה איז מער אָדער ווייניקער באַהאַוונט אין די "שוואַרצע פֿינטעלעך". אַלנפֿאַלס, ער איז מער בקי אין זיי אין פֿאַרגלייך מיט טוביהן פֿונעם יידישן וואַריאַנט.

מיר וועלן ברענגען בלויז עטלעכע כאַראַקטעריסטישע ביישפּילן, וועלכע באַשטעטיקן אונדזער געדאַנק [11]:

אין יידישן טעקסט:

"ווי די גמרא זאָגט: במקום שאין איש — איז אַ הערינג פֿיש... האָט קיין פֿאַריבל ניט, זאָג איך, עס איז ניטאָ קיין גלייכערס פֿון אַ קרומען לייטער און קיין קרומערס פֿון אַ גלייכוואָרט, און בפֿרט, זאָג איך, אַז מע מאַכט שהכּל נהיה בדברו אויפֿן ניכטערן האַרצן..." (ז' 20).

אין העברעישן טעקסט:

"ווי עס האָבן געזאָגט אונדזערע חכמים זכרונם לברכה: במקום שאין אנשים — שם שרצים ורמשים... קוקט ניט אויף מיר, וואָס איך רייד צו

איך מיט רעטענישן, מיט אַ משל, אַ מליצה און דברי חכמים, האָט אויף מיר קיין פּאַריבל ניט. טובה תורה עם דרך ארץ, און בפרט אַזאַ בן־אדם ווי איך, וואָס האָט געמאַכט די ברכה פון שהכל נהיה בדברו אויפן ניכטערן האַרצן, ווי סע שטייט געשריבן אין מדרש: נכנס יין יצא סוד..." (ז' 18).

דער יידישער טעקסט:

די קלינגערס ליגן זיך שטילערהייט אין קאַסטן ווייט באַגראָבן, קיין בן־אדם ווייסט דערפון. (ז' 28).

דער העברעישער טעקסט:

די קלינגערס ליגן זיך שטילערהייט אין קאַסטן, און קיין בן־אדם ווייסט דערפון, ווי מיר זאָגן ביים דאַוונען שחרית יעדן שבת: אין אומר ואין דברים, איז דער פּשט: טמון וצפון וסמוי מן העין... (ז' 27).

שוין פון די דאָזיקע צוויי ביישפּילן איז צו זען, אַז טוביהס רייד אין העברעישן וואַריאַנט זיינען פיל מער אָנגעשפּיקעוועט מיט פּסוקים, ווי אין יידישן וואַריאַנט, און במילא באַקומט זיך, אַז טוביה אין העברעישן וואַריאַנט איז מער באַהאַוונט אין דער אַלטער קולטור.

אין דעם צוזאַמענהאַנג איז זייער וויכטיק פעסטצושטעלן, וואָס פאַר אַ ראָל עס שפּילן בכלל די פּסוקים אין דער עצם כאַראַקטעריסטיק פון דעם טוביה־געשטאַלט. ווי באַוואוסט, האָט מען אַ צייט לאַנג איינגעזען אין טוביהס אָפּערירן

מיט פּסוקים און זיין אָריגינעלער אויסטייטשונג פון זיי בלויז אַן אויסדרוק פון אָפּאָזיציע מצד דעם פאָלקס־מענטש לגבי דעם קאַנאָניזירטן טעקסט, אַ מין פּאַראָדיע אויף די הייליקע ספרים און אויף דער מאָדע צו קאָקעטירן מיט העברעיזמען. אַ געוויסער אמת איז אין דער דאָזיקער מיינונג באַשטימט פאַראַן. דער פּאַראָדיע־פּרינציפּ האָט זיכער געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל ביי אַזאַ גרויסן הומאָריסט, ווי שלום־עליכם.

נאָר ניט דאָס איז דער עיקר. וויכטיקער פון דעם איז די טאַט־זאַך, וואָס שלום־עליכמס פאָלקסמענטשן האָבן פאַרהיט גרויס פּיִעטעט פאַר די פונעם פאָלק קאַנאָניזירטע שריפטן מחמת דער הויכער מאָראַל, וואָס איז אין זיי פאַרבאָרגן, און מחמת זייער גרויסער פּאָעטישער שיינקייט. אַזאַ איידעלער פאָלקס־מענטש, ווי טוביה, למשל, האָט אָפּט ליב אַ שפּיל טאָן מיט אַ פּסוק סתם דערפאַר, ווייל ער איז אים אייגן און נאָענט און ער פילט זיך אָנגעהאַנגען צום אַלטן עם־הספר ניט ווייניקער פון די למדנים. פאַרקערט, אין זיינע אויסטייטשונגען פון די פּסוקים פילט זיך אַמאָל אַפילו אַ געוויסער טראַציקער אַרויסרוף לגבי דער למדנישער גאווה.

נאָך מער, אין טוביהס פרייען אָפּערירן מיט פסוקים פילט זיך אַ טראַציקער אַרויס־רוף אויך לגבי דער גבירישער קאַסטע, די פאַרוועניוס, וועלכע זיינען געווען אויס־געהוילט פון יעטווידער פאָלקס־חכמה און וועלכע ס׳זיינען כלל ניט אָנגעגאַנגען די גרויסע רייכטימער פון פאָלקס־וויזהייט, אָנגעזאַמלטע במשך יאָרטויזנטער. לאָמיר זיך דערמאָנען, מיט וואָס פאַר אַ הנאה, איך וואָלט אַפילו געזאָגט, שטאָלץ, טוביה ״האַקט אַריין״ אַ גמרא, אַ פסוק, אַ מדרש דעם רייכן קצב לייזער־וואָלף אָדער דער יעקאַטערינאָסלאַווער מיליאָנשטשיצע און איר ״סווישטשון״ אַראַנטשיק אָדער דעם גראָבן פאַרוועניוס פעדאָצער דעם פאָדריאַדטשיק:

״וואָרט אויס, פאָדריאַטשיק מיינער, אָט וועל איך דיר באַלד אַריינהאַקן אַ פסוק, וועט דיר ווערן פינצטער אין די אויגן!... אַזוי טראַכט איך מיר און רוף זיך אָן צו אים בזה הלשון: ״מילא, זאָג איך, וואָס די גמרא איז פאַר אייך אַ סוד, בין איך, זאָג איך, אייך מוחל; אַז אַ ייד זיצט אין יעהופּעץ און הייסט פעדאָצער און איז אַ פאָדריאַדטשיק, מעג, זאָג איך, די גמרא ליגן אויפן בוידעם, אָבער אַ פּראָסטן פסוק, זאָג איך, דאָס וועט דאָך שוין פאַרשטיין, זאָג איך, אַ גוי אין פּאַסטעלעס. אויך איר ווייסט דאָך, זאָג איך, וואָס דער תרגום־אונקלוס זאָגט אויף לבן הארמי: ״מזנבתא דחזירתא לא מכנתא שטריימלתא״?״ קוקט ער אויף מיר ווי אַ האָן אין בני־אָדם און מאַכט צו מיר: ״וואָס זשע הייסט עס?״ ״דאָס הייסט, זאָג איך, אַז פון אַ חזירשן עק קען מען קיין שטריימל ניט מאַכן״.

טוביה און אַנדערע פאָלקסמענטשן, אַזוינע ווי ער, האָבן, נאַטירלעך, ניט געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו דערגראָבן צו די טיפסטע טיפעגישן פון די אַלטער־טימלעכע קוואַלן, נאָר אין אונטערשייד פון די עם־הארצישע פאַרוועניוס, וועלכע זיינען לחלוטין געווען גלייכגילטיק צו אַלץ, וואָס ליגט מחוץ זייערע אייגננוציקע געלט־אינטערעסן, איז צו זיי, צו די בעסטע פאַרשטייער פון דער פאָלקס־מאַסע, דאָך דערגאַנגען דער גרויסער זין, דאָס עיקרדיקע, דאָס ניט פאַרגייענדיקע, די אַלמענטשלעכע קלוגשאַפט, וואָס איז געווען פאַרייביקט אין די דענקמעלער פון דער אַלטערטימלעכער פאָלקס־קולטור.

טאָקע אין אַזאַ אַספּעקט דאַרף באַטראַכט ווערן דאָס טוביה־געשטאַלט פוןביידע וואַריאַנטן, און באַזונדערס פונעם העברעישן וואַריאַנט. ווייזט אויס, אַז שלום־עליכם האָט אָנגעדייט אויף דער נייטיקייט פון אַזאַ מין אויפפאַסונג פון טוביה, ווען ער האָט אין דער אויבנציטירטער הקדמה צום העברעישן וואַריאַנט אָנגעוואָרפן די פאָלגנדע ביז גאָר אינטערעסאַנטע כאַראַקטעריסטיק פונעם הויפּט־העלד:

״אמת, טוביה מיינער וועט דיר ניט דערציילן קיינע באַזונדערע נייעס און חידושים, וועט פאַר דיינע אויגן ניט אַנטפּלעקן קיינע נייע הימלען און קיינע נייע וועלטן, וועט פאַר דיר ניט פּסקענען קיינע טיפע פאַרפּלאָנטערטע שאלות, וואָס ביי לייטן רופט מען זיי פּראָבלעמעס, וועלכע טראָגן זיך אום אין דער לופט. טוביה

מיינער איז אַ ייד אַ פּשוטער, אַ ייד פון מאַרק, ווי טויזנטער אַנדערע יידישע ברידער זיינע. איז וואָס קומט ער אונדז לערנען? טוביה דער מילכיקער קומט אונדז לערנען, אַז אַפילו די ברייטסטע מאַסן פון אונדזער פאָלק זיינען פול מיט תורה און חכמה, מיט שאַרפע וויציקע ווערטלעך, און אויך זייער האַרץ איז אָפן סיי פאַר פרייד, סיי פאַר צער, סיי פאַר נשמה־יסורים, סיי פאַר אַ טראַגעדיע, וואָס איז טיפער ווי די גרוב. און כאָטש דאָס זיינען תורה און חכמה, נשמה־ליידן פון קליינע מענטשעלעך, וואָס מע רופט זיי אין אונדזערע מקומות "קאַסריליקעס", וואָרן איך דיך, מיין טייערער פריינט־לייענער: אָפשיי פאַר זיי, פאַר די דאָזיקע קליינע מענטשעלעך, דרך־ארץ פאַר די דאָזיקע קאַסריליקעס... די דאָזיקע שרעטעלעך, וואָס זיינען אַ שפּאַן די הייך, און זייערע השגות זיינען ניט מער די גרייס ווי אַ כזית, שטעלן מיט זיך פאָר אַ ברייטע וועלט, און פיל וואונדער איז אין דער דאָזיקער וועלט, פיל געהיימע און פאַרבאָרגענע זאַכן זיינען דאָ אין איר, און מיר זיינען מחויב אַריינ־דרינגען אין זיי, אויסקלאָרן זיי, זיך פאַנאַנדערקלייבן אין זיי. ס'איז אַ תורה פאַר אונדז, און מיר דאַרפן זי לערנען" [12].

די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק פון טוביהן און פון די קאַסריליקעס איז אינ־טערעסאַנט ניט נאָר דערמיט, וואָס אין איר געפינען מיר אַ בולטן אויסדרוק פון שלום־עליכמס דעמאָקראַטיזם, פון זיין טיפן אָפשיי פאַר דעם עמך־מענטש, וועלכער איז שטענדיק געווען דער אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל פון דער הומאַניסטישער נאַטור פון אונדזער גרויסן פאָלקס־שרייבער, נאָר, ווי געזאָגט, אויך דערמיט, וואָס מיט איר הילף גרייט אונדז שלום־עליכם צו אין אַ געוויסער מאָס צו דער אויפפאַסונג פון די ענדערונגען, וועלכע ווערן אַריינגעבראַכט אין דעם טוביה־געשטאַלט אינעם העברעישן וואַריאַנט פונעם ווערק.

אין טוביהן פונעם העברעישן וואַריאַנט ווערט שטאַרקער, ווי אינעם יידישן, אונטערגעשטראָכן דער טעזיס, אַז "די ברייטסטע מאַסן פון אונדזער פאָלק זיינען פול מיט תורה און חכמה" און זייער "האַרץ איז אָפן... פאַר נשמה־יסורים, פאַר אַ טראַגעדיע, וואָס איז טיפער ווי די גרוב". דאָס טוביה־געשטאַלט איז דאָ ניט נאָר אינטעלעקטועל און גייסטיק רייכער אין פאַרגלייך מיטן יידישן וואַריאַנט, עס איז דראַמאַטישער, אַפילו טראַגישער, פילאָסאָפיש מער פאַרטיפערט, טוביה פאַרגלייכט זיך ניט אומזיסט מיט איובן, אָדער קוהלת. זיין "בונט" קעגן גאָט און זיין סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער פּראָטעסט קלינגט ערטערווייז שטאַרקער אינעם העברעישן וואַריאַנט, איידער אין אָריגינאַל. זיין טראַגיזם איז דאָ דייטלעכער, ער דערציילט אויספירלעכער וועגן זיינע ליידן און ווייטיקן, האָט מער טענות צו גאָט און צו דער וועלט. זעלטענער, איידער אין יידישן וואַריאַנט, קומט ער אָפּ מיט אַ וויץ.

אָט זיינען אייניקע כאַראַקטעריסטישע ביישפּילן.

פונעם אַריינפיר צו דעם קאַפּיטל
"הײַנטיקע קינדער"

דער יידישער טעקסט :

"אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט : הײַנטיקע קינדער.

בנים גדלתי ורוממתי — גיי האָב זיי, ווער פאַרשוואַרצט, זיי זיך מפקיר פונזייערטוועגן, האַרעווע טאָג און נאַכט, וואָס איז? מע מיינט, טאָמער אַזוי און אפשר אַזוי, איטלעכער נאָך זיין השגה און נאָך זיין פאַרמעגן. צו בראָדסקין, געוויינלעך, וועל איך זיך ניט אָנשלאָגן, נאָר איך זאָל מיך שוין אײַנגאַנצן אַראָפּלאָזן — בין איך אויך ניט מחויב, וואָרעם אַליין בין איך אויך ניט קיין אבי ווער כ'לעבן..." (ז' 47).

דער העברעישער טעקסט :

"דער רבונו־של־עולם האָט מיט מיר אײַנגעקנעלט אײנעם אַ פּסוק, וואָס ער גיט זיך מיר שווער און איך קען אַלץ ניט קומען צו זיין אמתער כוונה. אין דער תורה שטייט געשריבן : בנים גדלתי ורוממתי — דאָס מיינט : דער מענטש איז מחויב צו דערציען זיינע זין און טעכטער, און אויב אַזוי, פרעגט זיך אַ קושיא : איז דאָס דען די מאָס פון יושר? טויג דען אַזאַ סדר־העולם? גיט נאָר אַ טראַכט : כל־ימי צי איך די ליאַמקע, ווער פאַרפּייניקט אונטער דעם שווערן יאָך, זיי מיך מפקיר אויף דעם שטיקל ברויט, ווער פאַרשוואַרצט — און אַלץ צוליב וועמען? צוליב מיינע טעכטער, וואָס ווען זיי טראַכט איך כסדר, און מיין האַרץ איז פול מיט זאָרגן פון יענעם טאָג אָן, ווען זיי זיינען אַרויס פון דער מוטערס טראַכט, ביז דעם הײַנטיקן טאָג, ווי בעסער אײנצוריכטן זייער לעבן, ווי אַזוי בעסער צו באַפרידיקן אַלע זייערע באַדערפעניש, ווי מיר זאָגן ביים מוסף אין די יום־טוב־טעג : איש כמתנת ידו — איז דער טייטש : יעדער לויט זיין שטאַנד און זיין פרנסה; ראָטשילד, וואָס פאַרמאָגט גאָלד־גרובן, און זיין האַנט דערלאַנגט העט־ווייט, קען זיך דערלויבן פאַרהייבן די אויגן צום הימל, פאַרייסן די נאָז, אָבער איך, טוביה, אַ ילוד־אשה, וואָס איך בין אַ קבצן אין זיבן פאַלעס במחילה, פאַר מיר בלייבט נאָר אָנצוקוקן דאָס, וואָס עס לאָזט זיך זען דאָ אויף דער ערד פון אונטן. כאָטש, ווי איר ווייסט, פאַני שלום־עליכם, בין איך אַליין אויך ניט קיין אַבי ווער כ'לעבן..." (ז' 47).

פונעם אַרײַנפיר צום קאַפּיטל "האָדל"

דער ייִדישער טעקסט:

"עד־עד־עד! ווען איר זאָלט וויסן, מיט וואָס פאַראַ צרות, מיט וואָס פאַראַ ווייטיקן אָט דער טוביה טראָגט זיך אַרום! ווי אַזוי שטייט דאָרט ביי אונדז געשריבן: אדם יסודו מעפר וסופו לעפר — אַ מענטש איז שוואַכער פון אַ פליג און שטאַרקער פון אייזן" (ז' 70).

דער העברעישער טעקסט:

"לאַ־עליכם, אַזאַ ווייטיק, ווי מיינער! ווען איר ווייסט נאָר, וואָס פאַר אַ צרות און יסורים איז אויסגעקומען איבערצוטראָגן טוביהן, וואָס פאַר אַ טיפע פאַרביטערונג האָט לעצטנס זיך אויסגעבויט אַ נעסט אין זיין האַרצן, וואָלט איר געזאָגט, אַז ס'איז נאָך ניטאָ אין דער וועלט אַזאַ שטאַרקער מאַן ווי טוביה. ניט אַנדערש, אַז זיין האַרץ איז פון שטיין און זיין נשמה פון קופּער, ווי מיר זאָגן אין פּרקי־אבות: קל כצבי וגבור כארי — דאָס הייסט, דער שוואַכער וועט זאָגן: איך בין אַ גיבור... גיט נאָר אַ טראַכט: ס'איז עפּעס ניט אַנדערש ווי אַ כישוף־זאַך, רחמנא־ליצלן, עפּעס אַ מין שד אָדער אַ לץ אָדער אפשר סתם אַ מכשף האָט זיך צו מיר צוגעקלעפּט, כדי חוזק מאַכן פון מיר, זיך רייצן מיט מיר במשך פון מיין גאַנצן לעבן אויף דער ערד" (ז' 71).

פונעם אַרײַנפיר צום קאַפּיטל "חוה"

דער ייִדישער טעקסט:

"הודו לה' כי טוב — ווי אַזוי גאָט פירט, אַזוי איז גוט. דאָס הייסט, עס באַדאַרף זיין גוט, וואָרעם פּרוּווט זייט אַ חכם און מאַכט בעסער! אָט האָב איך געוואָלט זיין אַ קלוגער, געדרייט דעם פּסוק אַהער, געדרייט דעם פּסוק אַהין, געזען, עס העלפט ניט, האָב איך צוגענומען די האַנט פונעם האַרצן און האָב געזאָגט צו זיך אַליין: טוביה, ביסט אַ נאַר! דו וועסט די וועלט ניט איבערמאַכן" (ז' 91).

דער העברעישער טעקסט:

"הודו לה' כי טוב, — אַזוי, פּאַני שלום־עליכם, זאָגן מיר אין 'הלל' יעדן ראש־חודש פון יעדן חודש אין יאָר און טייטשן אויס פאַר זיך אַליין דעם פּסוק לפי תרגום־אונקלוס מיט אַזאַ פּשט: כל דעביד רחמנא לטב עביד... דער איבערשטער האָט אַלץ באַשאַפן שיין און פיין, האָט איינ־

געריכטעט זיין וועלטל מיט חכמה, צו לערנען די מענטשן פאַרשטאַנד און דערציען זיי אין יסורים, שלאָגן זיי טויט־שלעג און טיפער מאַכן זייערע וואונדן, פון איינער — זיבן, אַז עס זאָלן וויסן די קומענדיקע דורות און פון פרי ביז נאַכט געדענקען, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט. איך, טוביה, אַ ילוד־אשה, קורץ מיט יאָרן און זאַט מיט רוגז, פיל עס אַלץ אויף מיין אייגן הויט און לייב פון פילצאַליקע שלעק און צרות, וואָס באַפאַלן מיך שוין אַ לענגערע צייט און לאָזן אויף קיין רגע ניט אָפּ. עס האָבן מיר ניט געהאָלפן מיין חכמה און פאַרשטאַנד, און מיין שוואַכער שכל איז מיר ניט בייגעשטאַנען. איך האָב געדרייט דעם פסוק אַהער, געדרייט אַהין און האָב געזען, אַז הכל הבל — האָב איך זיך געשטאַרקט און געזאָגט צו זיך אַליין: גענוג, טוביה, מאַך זיך ניט צום נאַר! דו וועסט די וועלט ניט איבערמאַכן!" (ז' 93).

פון די געבראַכטע ביישפילן זעט זיך דייטלעך אַרויס די שטרעבונג אין דער העברעישער איבערזעצונג פון "טוביה דעם מילכיקן" פילאָסאָפיש צו פאַרטיפערן דאָס טוביה־געשטאַלט, אים צו דערנענטערן צו די קלאַסישע געשטאַלטן פון איובן, און נאָך מער קוהלת, וואָס עס לאָזט זיך מערקן ניט נאָר אינעם אינהאַלט, נאָר אויך אין דער פאָרם, אינעם עצם נוסח פון טוביהס רייד.

די פאַרשטאַרקונג פון די סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע אַקצענטן אין העברעישן טעקסט דאַרף דערקלערט ווערן ניט נאָר מיט דעם, וואָס טוביה איז דאָ טראַגישער, פילאָסאָפישער, נאָר אויך דערמיט, וואָס דער העברעישער וואַריאַנט איז געשריבן שפּעטער פונעם אָריגינאַל (דער גרעסטער טייל קאַפּיטלען אין יידיש זיינען געוועזן אָנגעשריבן אין די ניינציקער יאָרן און אין די ערשטע יאָרן פונעם 20־טן י.ה.). אינעם העברעישן טעקסט לאָזט זיך דייטלעכער שפּירן דער אָטעם פון דער רע־וואָלוציע פון 1905. אין דעם פּעפּערל־געשטאַלט זיינען צוגעקומען אייניקע נייע שטריכן, קאָנקרעטער ווערט גערעדט וועגן אים און זיינע חברים, וועגן זייער טעטיקייט און מסירת־נפש פאַר דער רעוואָלוציאָנערער אידיי.

אָט, למשל, איז טוביהס כאַראַקטעריסטיק פון פּעפּערלען —

אין יידישן טעקסט:

"עפּעס אַ שלימזל, ניט וויט פונדאַנען... פאַרדריסן פאַרדריסט מיר נאָר איין זאַך: למאי זאָל זיך אַ קבצן גלוסטן לערנען, שטודירן? פּראַוודאַ, דער גוטעריאָר האָט אים ניט גענומען, ער האָט אַ גוט קעפּל, גאָר אַ גוט קעפּל!..." (ז' 72).

אין העברעישן טעקסט:

"עפּעס אַ משונהדיק מענטשל מיט אַ מאָדנעם אַרט באַנעמען זיך, און שטאַמען שטאַמט ער פון אונדזערע מקומות... מיך האָט געוואונדערט נאָר

איין זאַך: אַ קבצן בן קבצן וואָס דו ביסט, וואָס איז מיט דיר די גדלות? ווי קומסטו צו חכמת יוון? האָסט דען פאַרגעסן, אַז אונדזער תורה האָט שוין פון לאַנג געלערנט דרך־ארץ דעם אָרעמאַנס קינדער: ובחוקותיהם לא תלכו — דאָס מיינט: אַרום און אַרום, קעצעלע, נאָר צו דער פוטער זאָלסטו זיך ניט צורירן. אמת, הינטער אויגן זאָגט מען וועגן אים: מע זאָל זוכן מיט ליכט, וועט מען צווישן די זינדלעך פון די יעהופּעצער נגידים אַזאַ בעל־מוח ווי ער ניט געפינען" (ז' 72).

און אָט איז האָדלס כאַראַקטעריסטיק פון פעפערלען און פון דער טעטיקייט פון אים און פון זיינע חברים —

אין יידישן טעקסט:

"ער איז, זאָגט זי, אַ מענטש, וואָס קאַטאָרי פאַר זיך אַרט אים ניט, דאָס גאַנצע טועכץ זיינס איז גאָר, זאָגט זי, יענעמס טוביה, דער וועלטס טוביה — און דער עיקר פאַר יגיע־כפּיימניקעס, די בעל־מלאכות" (ז' 89).

"...זי האָט, זאָגט זי, אַ האָפענונג, אַז עס וועט אויפגיין די זון און עס וועט ווערן ליכטיק, וועט מען אים אומקערן צוריק מיט נאָך אַ סך אַזעלכע ווי ער, און דעמאָלט וועלן זיי זיך ערשט, זאָגט זי, נעמען צו דער רעכטער אַרבעט און איבערקערן די וועלט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף" (ז' 92).

אין העברעישן טעקסט:

"דער דאָזיקער מענטש, זאָגט זי, זאָרגט זיך וועגן זיך כלל ניט. דאָס גאַנצע טועכץ זיינס, זאָגט זי, איז געווענדט דער וועלטס טובה, טובת הכלל. דאָס איינציקע, וואָס ער וויל, זאָגט זי, איז נאָר צו ברענגען אויסלייזונג פאַר די אָרעמע לייט, די אַרבעטער, די בעל־מלאכות, פאַר די אַלע, זאָגט זי, וואָס לעבן פון זייער האָרעוואַניע" (ז' 88).

"...זי טרייסט זיך מיט דער האָפענונג, זאָגט זי, אַז ס'וועלן נאָך אָנקומען די יום־טובדיקע טעג פאַר זיי און פאַר דער גאַנצער וועלט. די אומרואיקע צייט וועט פאַריבערגיין **און ס'וועט אויפגיין די זון אויך פאַר אונדז, און ס'וועט ליכטיק ווערן אין אַלע אונדזערע וואוינונגען, און דעמלט, זאָגט זי, וועט מען אים, דעם געליבטן מאַן אירן,** אומקערן פון פאַרשיקונג. און נאָך אַ סך, אַזעלכע ווי ער, וועלן אויסגעלייזט ווערן פון דער קלעם און זיי וועלן זיך אומקערן אַהער צו פאַרענדיקן די אַרבעט, וועלכע זיי האָבן אָנגעהויבן — איבערצוקערן די וועלט מיטן קאָפּ אַראָפּ און משנה צו זיין די סדרי מעשי־בראשית..." (ז' 94).

אַנשוילעכער איז אינעם העברעישן וואַריאַנט געשילדערט דער טראַגישער גורל פון די יידישע מאַסן, די יידן־רדיפות און פּאַגראַמען, וועלכע די צאַרישע רעגירונג האָט אינספּירירט אין די יאָרן פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע אַלס מיטל אָפּצוווענדן די מאַסן פון זייערע סאָציאַלע אינטערעסן, פון רעוואָ־לוציאָנערן קאַמף. די פאַרבן זיינען דאָ געדיכטער, די איראָניע שאַרפער, עס קומען צו פיינע פּאָליטישע ניואַנסן, וועלכע דעקן אויף דעם תוך פון דער צאַרישער פּאָליטיק אויף צו זייען שנאה צווישן די פעלקער.

אין יידישן טעקסט :

"ווײ, ווײ, וויפל וואַסערן זיינען אָפּגעלאָפן! וויפל אַנגסטן מיר ביידע און כל ישראל זיינען אויסגעשטאַנען אין די עלטערע יאָרן! אַ קעשענעוו, אַ קאָנסטיטוציע מיט פּאָגראָמען, מיט צרות, מיט שלעק..." (ז׳ 109).

"איז מען זיך צונויפגעלאָפן צו אונדז קיין בויבעריק פון אָדעס און ראָסטאָוו...

ס׳איז שוין ביי אונדז געוואָרן אַזאַ מנהג, אַז עס קומט די צייט, וואָס מע הייבט אָןריידן פון פּאָגראָמען, הייבן יידן אָן צו לויפן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער, ווי אין פּסוק שטייט: ויסעו ויחנו, ויחנו ויסעו — איז דער טייטש: פאָר צו מיר, וועל איך פאָרן צו דיר." (ז׳ 110).

אין העברעישן טעקסט :

"ווײ, ווײ, וויפל טראָפּנס זיינען אַריינגעפאַלן אין ים אַריין! וויפל וואַסערן זיינען אָפּגעלאָפן איבער אונדז, שטורמישע וואַסערן! וויפל אַנגסטן מיר ביידע און כל ישראל זיינען אויסגעשטאַנען אין די עלטערע יאָרן! וויפל ניסים זיינען מיט אונדז געשען: דער נס פון קעשענעוו, דער נס פון דער קאָנסטיטוציע, דער נס פון פּאָגראָמען, הריגות, שחיטות און אַנדערע ניסים־ונפלאות לויערן אויף אונדז טאָג־איין, טאָג־אויס" (ז׳ 111).

"אַ מוראדיקע צאָל פּליטים פון די פּאָגראָמען זיינען אין יענע צייטן געקומען צו פאָרן קיין בויבעריק, אין גרויסע מאַסן זיינען זיי זיך צונויפגע־לאָפן צו אונדז פון אַלע מקומות, וואו אונדזערע אחינו בני־ישראל לעבן: פון אָדעס און פון ראָסטאָוו...

אַזאַ איז שוין דער מנהג ביי אונדז אין דער מדינה, ברוך־השם, אין אַזוינע ביטערע און גרויזאַמע טעג: וויבאַלד עס איז געקומען די צייט פון פּאָגראָמען, און דאָס קול פונעם צורר האָט זיך געלאָזט הערן אין אונדזער לאַנד [13], אַזוי גלייך לאָזן זיך יידן לויפן. געוויילט, דערשראָקן, פון שטאָט צו שטאָט, פון אָרט צו אָרט, צו מקיים זיין דעם פּסוק: שמור לי ואשמור לך — איז דער טייטש: דו — אין פייער, און איך — אין פלאַם..." (ז׳ 112).

שאַרפער קלינגט אויך טוביהס טענה צו גאָט אין באַצוג צו די נאַציאָנאַלע פאַראורטיילן — דער פעלקער־שנאה, דער רעליגיעזער אומטאָלעראַנץ.

אין יידישן טעקסט :

"און אַז גאָט האָט שוין יאָ באַשאַפן יידן און ניט־יידן, פאַרוואָס זשע זאָלן זיי זיין אָפּגעטיילט איינס פון דאָס אַנדערע, גלייך ווי דער איז פון גאָט, און יענער איז ניט פון גאָט ?" (ז' 107).

אין העברעישן טעקסט :

"אויב אַזוי האָט אונדז גאָט באַשאַפן — איז פאַרוואָס האָט ער אָפּגעשיידט די ברידער צווישן זיך און האָט אונדז צעטיילט אויף צוויי משפחות און פאַרפלאַנצט שנאה צווישן אונדז, אַזוי אַז מיר האָבן אין האַרצן פיינט איינער דעם צווייטן און פאַראומערן דאָס לעבן איינער דעם אַנדערן פאַר גאָר־נישט..." (ז' 107).

ווי מיר זעען, שטעלט מיט זיך פאָר די העברעישע איבערזעצונג פון "טוביה דער מילכיקער" אַזאַ וואַריאַנט פון שלום־עליכמס באַוואוסט ווערק, אין וועלכן ס'זיינען צוגעקומען נייע שטריכן און דעטאַלן אין דער שילדערונג פון די לעבנס־געשעענישן און דערעיקר אין דער קינסטלערישער אויספורעמונג פונעם געשטאַלט פון דעם הויפּט־העלד.

אמת, ס'איז זיך ניט באַגאַנגען אָן געוויסע, ווי מע זאָגט, "פּראָדוציר־הוצאות", וועלכע האָבן זיך באַזונדערס אָפּגערופן אויף דעם סטיל פונעם ווערק. אין דער איבערזעצונג פעלן ערטערווייז יענע לאַקאָנישקייט און קאָנצענטרירטקייט פון געדאַנק און פון דער שפּראַך, וועלכע זיינען אייגנטימלעך דעם יידישן אָריגינאַל און וועלכע גיבן אים צו אַ באַזונדער רייץ. דער טעקסט איז זיך ערטערווייז צע־וואַקסן אויפן חשבון פון באַנוצן פאַרטיקע ביבל־פּראָזעס מיט אַלע צו זיי אָנגעהעריקע פאַראַלעליזמען, וועלכע זיינען מחמת זייער אָפטן געברויך שוין אין אַ געוויסער מאָס געוואָרן שטאַמפּן. וואו־ניט־וואו האָט זיך באַוויזן אַ געוויסער אָנהויך פון דעם, וואָס מע רופט "מליצה".

מיר ברענגען אייניקע כאַראַקטעריסטישע ביישפּילן.

דער יידישער טעקסט :

"אַ מענטש, זאָג איך, לעבט איין מאָל אויף דער וועלט, ניט קיין 13 מאָל" (ז' 24).

"איך קאָן מיר קיין אָרט ניט געפינען" (ז' 98).

דער העברעישער טעקסט:

"אדם אני אומר, ימיו מעטים ורעים, משול כחרס הנשבר, כצל עובר וכחלום יעוף ולא בכל יום מתרחש נס" (ז' 21).

"ואין מנוס לי ואין מפלט לעצמי, לאן אברח ואנה מפניו אסתר מעוצר רעה ויגון?"[14] (ז' 100).

טוביה פונעם העברעישן וואַריאַנט איז באַריידעוודיקער, זיין נוסח האָט עפּעס פאַרלאָרן פון דער פאָלקסטימלעכער נאַטירלעכקייט. וואו־ניט־וואו איז אויך גע־מינערט דער הומאָריסטישער זין. צום ביישפּיל, עס גייט אָפּט פאַרלאָרן דער קאָמישער עפעקט, וואָס ווערט דערגרייכט אַדאַנק דער פאַרקריפּלטער אויסטייטשונג פון די פּסוקים אינעם יידישן טעקסט. דאָ, אינעם העברעישן טעקסט, ווערן די פּסוקים מערסטנטייל אָדער בכלל ניט אויסגעטייטשט, אָדער דער פּירוש קומט מיט דער הילף פון אַ פּסוק אין אַראַמייאיש (תרגום־אונקלוס).

דער יידישער טעקסט:

"קומט אויס נאָך דיין משוגענעם שכל, זאָג איך, אַז דאָס, וואָס מיין בהמה מעלקט זיך און וואָס מיין פערד פאָרט, איז אויך ניט על־פּי יושר? (ז' 76).

"גלייכסט זיך, זאָג איך, צו די יעהופּעצער נגידים, ווי אין פּסוק שטייט: כולם אהובים, כולם ברורים" (ז' 74).

"איך ווייס, זאָג איך, אַז איר זייט שוואַך, איר זאָלט געוועזן, זאָג איך, לערנען אין חדר, וואָלט איר, זאָג איך, אויך געוואוסט, מה דקאמרו רעבעצן" (ז' 113).

דער העברעישער טעקסט:

"קומט אויס, אַז מיין בהמה, וואָס מעלקט זיך יעדן טאָג, און מיין פערד, וואָס ציט דעם וואָגן, — איז זיי אויך דערלויבט אויסצושטעלן זיך פאַר דעם מלך מלכי המלכים און שרייען וועגן צדק און יושר! עס איז דאָ, זאָג איך, אַ בפירושער פּסוק ביי די נביאים: שאל בהמה ותורך סוסי ויגיד לך..." (ז' 77).

"גלייכסט זיך, זאָג איך, צו די יעהופּעצער גבירישע זינדלעך, און ווילסט גיין אין זייערע וועגן, ווי עס האָט געזאָגט דוד המלך עליו השלום, קטן וגדול שם הוא — אין תרגום־אונקלוס באַטייט עס: בתר רישא זנבא אזל"[15] (ז' 75).

"איך ווייס, זאָג איך, אַז צווישן תלמידי־חכמים איז פאַר אייך קיין אָרט ניטאָ, איר זאָלט געוועזן, זאָג איך, לערנען תורה אַזוי ווי איך אין דער

קינדהייט, וואָלט איר אַוודאי ניט פאַרשעמט אייער יוגנט. עס איז דאָ, זאָג איך, אַ בפירושע הלכה אין דער בבא־בתרא : לא נתנה תורה למגדלי סוסים, איז לויט תרגום־אונקלוס : אי־סיפּאָ לאו ספראָ. . .״ [16] (ז׳ 115).

מיט איין וואָרט, טוביה האָט אין העברעישן וואַריאַנט עטוואָס פאַרלאָרן פון זיין הומאָריסטישן מהות און פאָלקסטימלעכער פשטות.

מיר האַלטן פאַר איבעריק אָפּצושטעלן זיך אויף אייניקע אַנדערע, ווייניקער באַדייטנדיקע שינויים. דער פאַרגלייך צווישן העברעישן און יידישן טעקסט, וועלכן מיר האָבן געמאַכט, באַווייזט גענוג איבערצייגעוודיק, אַז דער העברעישער טעקסט פון ״טוביה דעם מילכיקן״ איז ניט בלויז אַן איבערזעצונג פונעם יידישן אָריגינאַל, נאָר אין אַ געוויסער מאָס אַ ניישאַפונג, וועלכע פאַרמאָגט אירע שאַטירונגען און ניואַנסן.

העפּט 4, 1973

1 כתבי שלום עליכם. כרך ראשון : טוביה החולב, הוצאת השחר, ווארשא, תרע״א.
2 ״שלום־עליכם־בוך״, ניו־יאָרק, 1958, ז׳ 223.
3 כתבי שלום עליכם, כרך ראשון, טוביה החולב, הוצאת השחר, ווארשא, תרע״א, ז׳ 2.
4 דאָרט, ז׳ 2.
5 דאָרט, ז׳ 3.
6 דאָרט, זז׳ 2—3.
7 דאָרט, ז׳ 4.
8 זע וועגן דעם אין ״הראשונים כבני אדם״. כתבי י. ד. ברקוביץ, כרך 9, זז׳ צח—צט.
9 שלום־עליכמס ווערק אין העברעיש אין י. ד. בערקאָוויטשעס איבערזעצונג זיינען אַרויס אין 15 בענדער אין די פערציקער יאָרן אין תל־אביב. ״טוביה דער מילכיקער״, אין אַ פאַרפולקומטער, סטיליסטיש אויסגעבעסערטער פאָרם, איז איינגעשלאָסן אין דער אויסגאַבע אַלס פערטער באַנד אונטער דעם טיטל ״גאַנץ טוביה דער מילכיקער״, ווייל אין פאַרגלייך מיט דער אויסגאַבע פון 1911 יאָר זיינען צוגעקומען די קאַפּיטלען ״לך־לך״ און ״וחלקלקות״, וועלכע זיינען ווי באַוואוסט, געווען געשריבן אין 1914.
10 בוכשטעבלעך : ״אַ קראָ איז געפלויגן״ — ענלעך צו ״אַ בוידעם״. י.־ד. בערקאָוויטש האָט אין דער שפּעטערדיקער אויסגאַבע דאָס קעפּל געענדערט אויף ״יום אתמול כי עבר״, וואָס באַטייט אין יידיש ״אַ נעכטיקער טאָג״.
11 די אויסצוגן פון ״טוביה דער מילכיקער״ אין יידיש גיבן מיר לויט דער אויסגאַבע : שלום־עליכם, טוביה דער מילכיקער, מאָסקווע, 1947. די העברעישע טעקסטן ווערן געגעבן אין אַ יידישער איבערזעצונג, דער קורסיוו איז אומעטום דעם מחברס.
12 כתבי שלום עליכם, כרך ראשון, טוביה החולב, הוצאת השחר, ווארשא.
13 תור הפּרעות הגיע וקול הצורר נשמע בארצנו — דאָ ווערט איראָניש טראַנספאָרמירט אַ באַוואוסטע שטעל פון ״שיר־השירים״ : תור הזמיר הגיע וקול הדרור נשמע בארצנו״ — די צייט פון דעם נאַכטיגאַל איז אָנגעקומען, און דאָס קול פון דער שוואַלב לאָזט זיך הערן אין אונדזער לאַנד.

14 אין אַ יידישער איבערזעצונג וועט עס בערך קלינגען אַזוי: "אַ מענטש, זאָג איך, זיינע טעג זיינען קנאַפּ און נעבעכדיק, ער איז געגליכן צו אַ צעבראָכן שערבל, ווי אַ שאָטן, וואָס פאַרשווינדט, ווי אַ חלום, וואָס ווערט פאַרפלויגן, און ניט יעדן טאָג טרעפט אַ נס".

"כ'האָב ניט וואוהין זיך אַהינצוטאָן, ניטאָ קיין באַהעלטעניש פאַר מיר, וואוהין זאָל איך אַנטלויפן און וואו זאָל איך מיך באַהאַלטן פונעם איבערפלוס פון צרות און טרויער".

15 געמייט: בתר רישא גופה אָזל — נאָך דעם קאָפּ גייט דער גוף, דאָס הייסט, אַלץ גייט נאָך דעם קאָפּ.

16 פונעם פסוק: אי סיפא לאו ספרא, אי ספרא לאו סיפא — איז ער אַ גיבור, איז ער קיין שרייבער ניט, איז ער אַ שרייבער, איז ער קיין גיבור ניט.

אַ נײַע פֿאָרשונג װעגן שלום־עליכמען

דאָס נײַע בוך װעגן שלום־עליכמען פֿונעם ישׂראלדיקן ליטעראַטור־פֿאָרשער דן מירון[1] שטעלט מיט זיך פֿאָר אַן ערנסטן פּרוּוו צו באַטראַכטן דאָס שאַפֿן פֿון אונדזער גרױסן פֿאָלקס־שרײַבער פֿון געװיסע נײַע אַספּעקטן.

אינעם נאָכװאָרט צו דעם בוך באַמערקט דער מחבר, אַז ער האָט זיך געשטעלט אַ באַשײדענע אױפֿגאַבע פֿאָרצולײגן דעם לײענער אַ היפּאָטעטישע אױסטײטשונג פֿון שלום־עליכמס װיכטיקסטע װערק, װאָס זי פּרעטענדירט כּלל ניט צו זײַן די אײנציקע און דאַרף באַטראַכט װערן אַלס אַ מעגלעכער װאַריאַנט פֿון אינטער־פּרעטאַציע.

אין דער אַרבעט װעגן שלום־עליכמען לאָזט זיך פֿילן די גרױסע ערודיציע פֿונעם מחבר, זײַן באַהאַװנטקײט אין די װיכטיקסטע פֿילאָסאָפֿיש־עסטעטישע שטרע־מונגען פֿון דער מאָדערנער ליטעראַטור־װיסנשאַפֿט. פֿונדאַנען די טיפֿזיניקײט, פֿילאָסאָפֿישע באַדאַכטקײט, װעלכע כאַראַקטעריזירן די דאָזיקע אַרבעט, פֿונדאַנען די נײגונג צו ברײט פֿאַרמאָסטענע פּאַראַלעלן.

כאָטש דאָס בוך איז צעטײלט אױף קאַפּיטלען, װאָס יעדעס פֿון זײ בילדעט אַ באַזונדערן קריטישן עסײ, שטעלט עס מיט זיך פֿאָר אײן האַרמאָניש גאַנצעס. עס איז דורכגעדרונגען מיט אַן אײנהײטלעכער קאָנצעפּציע, װעלכע װערט טיף אַרגו־מענטירט און איז איבערצײַגנדיק.

אין די ערשטע קאַפּיטלען פֿונעם בוך װערט געגעבן אַ ביסל אַן אַנדערע, װי ס'איז געװײנלעך אָנגענומען, פּעריאָדיזאַציע פֿון שלום־עליכמס שאַפֿן.

דעם ערשטן פּעריאָד דאַטירט דער מחבר מיט די יאָרן 1883—1890. דאָס זײַנען יאָרן פֿון קינסטלערישן אױפֿשטײַג, פֿון גרױסער שעפֿערישער פּראָדוקטיװקײט אין אַ גאַנצער רײ זשאַנרען אין ייִדיש און העברעיִש (ראָמאַנען, נאָװעלן, רײַזע־פֿאַרצײכענונגען, פֿעליעטאָנען אאַ.).

דער צװײטער פּעריאָד — פֿון 1890 ביז 1899 — װערט כאַראַקטעריזירט אַלס אַ פּעריאָד פֿון באַשטימטער "לעטאַרגיע", אָפּגעשװאַכטער שעפֿערישער אַקטיװקײט: "דער דופֿק פֿון שלום־עליכמס שאַפֿן איז אָפּגעשװאַכט, און צײַטנװײַז דאַכט זיך, אַז ער װעט אױפֿהערן צו קלאַפּן" (ז' 13).

דער דריטער פּעריאָד, פֿון 1899 ביז 1916, איז אַ צײַט פֿון װידעראױפֿשװאונג,

פון גרויסן שעפערישן אויפבלי אין אַלע זשאַנרען, באַזונדערס אינעם פעליעטאָן, דראַמע, מאָנאָלאָג און מאָנאָלאָגאַרטיקן ראָמאַן.

דער קריטיקער האַלט, אַז איינע פון די סיבות, וועלכע האָט גורם געווען אַ געוויסע סטאַגנאַציע אין שלום־עליכמס שאַפן אין צווייטן פעריאָד, איז געווען דער מאַטעריעלער קריזיס, דער קראַך פון שלום־עליכמס קאָמערציאָנעלע ענינים אויף דער קיעווער בערזע: ״פון אַ שרייבער אַ פּאַטראָן ווערט ער פאַרוואַנדלט אין אַ שרייבער אַ פּראָלעטאַריער, וואָס איז אָפּהענגיק פונעם חסד פון די צייטונגען״.

אַן אַנדער סיבה איז פאַרבונדן מיט געוויסע ענדערונגען אין דער ליטעראַ־רישער אַטמאָספער. שלום־עליכם, וועלכער איז אין די אַכציקער יאָרן געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער זיך אַנטוויקלענדיקער יידישער ליטעראַטור, איז אין די ניינציקער יאָרן געבליבן הינטערשטעליק לגבי די נייע, מאָדערנע שטרעמונגען, וועלכע ס׳האָבן אַריינגעבראַכט אין דער ליטעראַטור י. ל. פּרץ, ד. פּינסקי אאַ. שלום־עליכם איז, לויט ד. מירון, געוואָרן אויס ״העגעמאָן״, און דאָס האָט זיך ווייטיקדיק אָפּגערופן אויף זיין געמיט־צושטאַנד און אויף זיין שאַפן.

און נאָך אַ סיבה. אינעם צווייטן פעריאָד קומט פאָר אַן איבערשאַצונג פון ווערטן. דער שרייבער איבערצייגט זיך, אַז די שפע פון ליטעראַרישער פּראָדוקציע אינעם ערשטן פעריאָד האָט זיך ניט שטענדיק גינסטיק אָפּגערופן אויף איר קינסט־לערישן ווערט: ״עס איז אים, דעם מיליאָנער אין דער ליטעראַטור, קלאָר געוואָרן, אַז אין זיינע מיליאָנען זיינען דאָ פיל וועקסלען, וועלכע קענען ניט געדעקט ווערן״ (ז׳ 25). ניט אומזיסט, באַמערקט דער קריטיקער, האָט שלום־עליכם שפּעטער אָפּגעשאַצט זיין שאַפן אינעם ערשטן פעריאָד אַלס אַ צוגרייטונגס־עטאַפּ, אַלס אַ שילערישע אַרבעט, און האָט אַ ריי ווערק, געשאַפענע אין דעם דאָזיקן פעריאָד, ניט איינגעשלאָסן אין די שפּעטערדיקע אויסגאַבן פון זיינע ווערק אָדער ראַדיקאַל זיי איבערגעאַרבעט. ״די אויפמונטערונג נאָך דער מפּלה פון 1890—1891 איז אַזויאַרום באַשטאַנען דער עיקר אין אויסזוכן זיך אַ וועג צו קינסטלערישער קאָנ־צענטראַציע, אין דורכגראָבן זיך צו די אינערלעכע אומאויסשעפּבאַרע קוואַלן. און טאַקע במשך פון די ירידה־יאָרן, ביזן 1900, האָט שלום־עליכם געפונען דעם וועג צו די דאָזיקע קוואַלן״ (ז׳ 25).

אונדז שיינט אַלס ניט גענוג באַגרינדעט די עצם כאַראַקטעריסטיק פון די ניינציקער יאָרן אַלס יאָרן פון לעטאַרגיע, קריזיס (״משבר״), סטאַגנאַציע און אומ־גערעטעניש (״שנות־השפל״, ״שנות־בצורת״), כאָטשבי דערפאַר, וואָס דווקא אין די יאָרן זיינען דערשינען די ערשטע קאַפּיטלען פון ״מנחם־מענדל״ און ״טוביה דעם מילכיקן״. אַ ביסל איבערגעטריבן, דאַכט אונדז, איז דער באַטייט, וואָס ווערט צוגעשריבן דער אויסווירקונג פונעם מאַטעריעלן קראַך אין די יאָרן 1890—1891 אויף שלום־עליכמס שאַפן. צווייפלהאַפטיק איז דער איינפלוס פונעם ״שטרייט אַרום דער ליטעראַרישער העגעמאָניע״, אויב אַזעלכער האָט בכלל געהאַט אַן אָרט[2].

ריכטיקער איז, לויט אונדזער מיינונג, דער געדאַנק, וועלכן ס׳באַטאָנט, אגב, אויך ד. מירון אין גאַנג פון זיינע באַטראַכטונגען, אַז אין די ניינציקער יאָרן האָט דער שרייבער דורכגעמאַכט אַ געוויסן שעפערישן חשבון־הנפש, ער האָט איבער־געקוקט די פריערדיקע ווערטן, דורכגעטראַכטן נייע וועגן צו גרויסע פאַרמעסטן, וועלכע האָבן דערגרייכט זייער פולשטענדיקע פאַרווירקלעכונג אינעם דריטן פע־ריאָד, אין די יאָרן 1899—1916.

*

דעם אַנאַליז פון דעם דאָזיקן וויכטיקסטן פעריאָד אין שלום־עליכמס שאַפן ווידמעט טאַקע דער קריטיקער זיין הויפּט־אויפמערקזאַמקייט. אַט דער צענטראַלער טייל פון זיין אַרבעט פאַרמאָגט אַ באַזונדערע ווערט סיי לויט דער רייכקייט פון באַאָבאַכטונגען, סיי לויט דער אָריגינעלקייט און נייקייט פון אַ ריי פאַראַל־געמיינערונגען, וואָס ווערן דערביי געמאַכט.

ד. מירון קלערט אויף, אַז אין די אַכציקער און אָנהייב ניינציקער יאָרן האָט שלום־עליכם געטרוימט צו שאַפן אַ נייעם טיפּ יידישן ראָמאַן, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז זיין קינסטלערישער באַרוף שטעקט דער עיקר אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג און פאַרפולקומונג פונעם דאָזיקן זשאַנער, וואָס זיינע ערשטע מוסטערן זיינען געווען ״סטעמפעניו״ און ״יאָסעלע סאָלאָוויי״. אָבער מיטן דערשיינען פון די ערשטע קאַפּיטלען פון ״מנחם־מענדל״ איז דעם שרייבער קלאָר געוואָרן, אַז זיין אמתער באַרוף ליגט ערגעץ אַנדערש, און אַז די באַצייכענונג ״ראָמאַן״ קאָן אין באַצוג צו דעם דאָזיקן ווערק אויפגעפאַסט ווערן בלויז אַלס פּאַראָדיע לגבי דעם טראַדיציאָנעלן באַגריף פון אָט דעם זשאַנער. אין שלום־עליכמס ווייטערדיקער שאַפונג הייבן אָן פּרעוואַלירן דריי גרונט־עלעמענטן: דער עפּיסטאָליאַרער עלעמענט, דער מאָנאָלאָג און דער דיאַלאָג. דער אינטערעס צו די דאָזיקע אויסגעשפּראָכן דראַמאַטישע פאָרמען (בריוו זיינען אַ מין מאָנאָלאָג שבכתב) איז, לויט דעם קריטיקערס מיינונג, געווען פאַרבונדן מיט דער ליטעראַרישער טראַדיציע, וואָס איז בעיקר געגאַנגען פון דער השכלה (פערל, ריב״ל, אייכל, אַקסנפעלד, עטינגער, גאָלדפאַדן, לינעצקי, אַבראַמאָוויטש אאַ.). מיט איר איז פאַרבונדן אויך די טענדענץ פאַרצושטעלן דעם העלד פון דעם אָדער יענעם ווערק ניט אַלס אויסגעטראַכטן געשטאַלט, נאָר אַלס אַ ״ייד פון אַ גאַנץ יאָר״, וועלכער איז דעם שרייבער פּער־זענלעך באַקאַנט (דיק, אַקסנפעלד, אַבראַמאָוויטש אאַ.).

אין נוסח פון דער דאָזיקער טראַדיציע באַגלייט שלום־עליכם דעם ערשטן מאָנאָלאָג פון ״טוביה דעם מילכיקן״ אין זיין ערשטער רעדאַקציע מיט דער פאָלגנדער באַמערקונג:

״אַ וואונדערלעכע מעשה, וויאַזוי טוביה, אַ ייד אָן אָרעמאַן, אַ מטופּל מיט קינדער, איז פּלוצעם באַגליקט געוואָרן דורך אַ משונה־ווילדן פאַל, וואָס עס איז

כדאַי, מע זאָל דאָס באַשרייבן אין אַ ביכל. דערציילט פון טוביהן אַליין און איבער־געגעבן וואָרט ביי וואָרט פון שלום־עליכמען".

ד. מירון געפינט אין דעם ניט נאָר אַ פּאַראָדיע אויף דעם מעשה־ביכל־נוסח, נאָר אויך אַ טרייקייט דער טראַדיציע, ניט בלויז פון דער יידישער משכּילישער ליטעראַטור, נאָר אויך פון דער מערב־אייראָפּעאישער אויפקלערונגס־ליטעראַטור (דעפאָ, ריטשאַרדסאָן, רוסאָ אאַ.), — דער טראַדיציע, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער אויסגעשפּראָכן דידאַקטישער ציל־איינשטעלונג פון די אויפקלערער.

די פיקציע וועגן דער פּערזענלעכער באַקאַנטשאַפט פונעם מחבר מיט דעם דערציילער אָדער אייגנטימער פונעם כתב־יד, וועלכן ער, דער שרייבער, האָט אָפּגעגעבן צום דרוק, באַדינט אין אַ באַשטימטער מאָס די ספּעציפישע סטרוקטור פונעם ווערק, איר "אָפענע" פאָרם, אַ פאָרם, וואָס פּרעטענדירט ניט אויף קיין ענדע. די בריוו פון מנחם־מענדלען אָדער די מאָנאָלאָגן פון טוביהן — פוןביידע העלדן פון שלום־עליכמס צענטראַלע ווערק, וועלכע האָבן מיטן מחבר דורכגעמאַכט צוזאַמען "אַ שטיק לעבן", — קענען זיך ציען אָן אַן עק, אַלנפאַלס כל־זמן דער שרייבער לעבט. דאָס זעלבע האָט אויך אַ שייכות צו די קאַפּיטלען פון "מאָטל פּייסי דעם חזנס", פונעם בוך "פונעם יאַריד".

פאַר זיי אַלע, ווי פאַר דער מערהייט שלום־עליכמס מאָנאָלאָגן, פאַר דעם "פאַרכישופטן שניידער" און פאַר אַ ריי אַנדערע ווערק איז כאַראַקטעריסטיש די ציקלישע סטרוקטור, די איבערחזרונג פון מפּלות און אויפמונטערונגען, ירידות און עליות, וואָס האָבן ניט קיין סוף.

דער קריטיקער גיט צו אַ גרויסע באַדייטונג דעם דאָזיקן איינהייטלעכן סטרוקטור־פּרינציפּ פון שלום־עליכמס ווערק, ער זעט אין דעם אין די אייגנאַרטיקייט פון דעם שרייבערס שעפערישער אינדיווידואַליטעט.

די אַנוועזנהייט פון איין און דער זעלבער קאָמפּאָזיציאָנעלער מאָדעל אין שלום־עליכמס וויכטיקסטע ווערק שטויסט אָן דעם פאָרשער אויף דעם געדאַנק וועגן אַ באַשטימטער וועזנטלעכער קרובהשאַפט צווישן די הויפּט־העלדן פון די דאָזיקע ווערק. ער איז מסכּים מיט דער ברייט אָנגענומענער מיינונג וועגן שלום־עליכמס גרויסער מייסטערשאַפט צו אינדיווידואַליזירן געשטאַלטן און דער בונטקייט און רייכקייט פון זיין געשטאַלטן־גאַלעריי, דאָך האָלט עס פאַר וויכטיק צו באַטאָנען דווקא די ענלעכקייט צווישן די צענטראַלע געשטאַלטן. זיינע באַאָבאַכטונגען אין דעם פּרט זיינען אָריגינעל און ניי און פאַרדינען אויפמערקזאַמקייט. אַלע די דאָזיקע העלדן פאַרייניקט, לויט ד. מירנס מיינונג, די טבע צו זיין "קאָמישע געשטאַלטן".

צוזאַמען מיט דעם העברעישן דיכטער און קריטיקער יעקב שטיינבערג, אויף וועמענס אַרבעט [3] ער איז זיך סומך, האַלט ד. מירון, אַז אַלע העלדן פון שלום־עליכמס וויכטיקסטע ווערק זיינען באַשאַנקען מיט איין און דער זעלבער אייגנשאַפט: "גבורה", מיט דער פעאיקייט ניט צו פאַרלירן די גייסטיקע פרישקייט, די זעלבסט־

באַהערשונג בײַ אַלע אַנטפּלעקונגען פֿון זײער שװערן גורל. זײ אַלע, באַטאָנט דער קריטיקער, שפּאַנען זיכער אױפֿן ראַנד פֿון אָפּגרונט און זײַנען באַצײטנס גובר יעדע שטרױכלונג, װײַל זײ זײַנען מסוגל, יעדער אױף זײַן שטײגער, זיך שטאַרקן אין אַן עת־צרה און זיך באַװאָפֿענען מיט נײַע חלומות און נײַע האָפֿענונגען. „טאָקע אָט די פֿעאיקײט ניט צו פֿאַרלירן ,אפֿילו אײן טראָפּן פֿון זײער זעלישן תמצית' (י. שטײנבערג) גיט זײ די מעגלעכקײט צו פֿאַרנעמען אין שלום־עליכמס שאַפֿן דאָס אָרט, װאָס איז פֿאַר זײ באַשטימט; זי גיט זײ די מעגלעכקײט צו דערצײלן די־ערע געשיכטעס. אָן דער דאָזיקער פֿעאיקײט װאָלטן זײ ניט געװען בכוח עס צו טאָן אָדער זײ װאָלטן, לכל־הפּחות, ניט געקענט פֿאַרהיטן דעם קאָמישן עפֿעקט פֿון די דערצײלונגען" (ז' 80).

טוביה, צום בײַשפּיל, באַהױפּטעט דער קריטיקער, האָט געליטן זײער פֿיל צרות, נאָר עס דאַכט זיך, אַז די דאָזיקע פּלאָגן זײַנען ניט אַרײַנגעדרונגען אין קײן געביט פֿון זײַן אינערלעכן װעזן, װאָס דורך אים אַנטפּלעקט ער זיך פֿאַר אונדז אַלס קאָמישער העלד. װען מיר הערן טוביהן דערצײלן װעגן די גרױסע יסורים, װאָס אים איז אױסגעקומען איבערצולעבן, זײַנע חכמהס און װיצן, זײַן לוסטיק װערטלען זיך, דאַכט אונדז, אַז עס איז גאָר קײן פֿאַרבינדונג ניט פֿאַראַנען צװישן דעם, װעגן װאָס ס'װערט דערצײלט, און דעם נוסח פֿון דער דערצײלונג. טוביה דערצײלט װעגן זיך, װעגן אַ מענטשן, װאָס האָט דורכגעמאַכט איובס לײדן, נאָר דאָס אָרט דערצײלן איז אַזאַ, װי' עס װאָלט גערעדט אַ מענטש, „בײַ װעמען ס'האָט אין לעבן קײן שלעכטס ניט פּאַסירט".

אױך מאָטל פּײסי דעם חזנס, באַמערקט ד. מירון, „טראָגט זיך אום, װי טוביה, אױף די שטורמישע װאַסערן פֿון זײַן שיקזאַל... װי טוביה, געפֿינט ער זיך אינעם רשות פֿון העפּטיקע היסטאַרישע קרעפֿטן, װאָס צעברעקלען דעם גאַנצן לעבנ־שטײגער, אין װעלכן ער איז געבאָרן: מאָטל װערט אױפֿגעכאַפּט פֿונעם אײליקן לעבנס־שטראָם פֿון דעם זיך פֿאַנאַנדערפֿאַלנדיקן שטעטל און װערט אומגעשלײדערט צו אַן אַנדערער, אומבאַקאַנטער װעלט אָן דער מינדסטער מעגלעכקײט אַרױסצװײַזן פֿרײַען װילן אָדער פֿרײַען אױסװאַל. אָבער מיר, די לײענער, פֿילן כלל ניט, אַז דאָס ײנגל — דער דערצײלער — װאָרפֿט זיך אונטער באַשטימטע, אַנגעבונדענע אים פֿון אױסן, קרעפֿטן, פֿאַרקערט, יעדע געשעעניש, װאָס װערט אים אױפֿגעצװאונגען, באַקומט אינעם נוסח פֿון מאָטלס דערצײלונג דעם כאַראַקטער פֿון אַ פֿרײַװיליקן אױסװאַל: מאָטל לײגט זיך גערן שלאָפֿן אױפֿן דיל, װען די משפּחה איז געצװאונגען צו פֿאַרקױפֿן דאָס גאַנצע מעבל. די געשעפֿענע לאַגע זעט אױס אין זײַנע אױגן װי אַ מצב פֿון פֿולער פֿרײַהײט און אומבאַגרענעצטע מעגלעכקײטן. ער שפּאַנט זיך פֿרײַװיליק אײן אינעם שפּאַן פֿונעם פּרנסה־געיעג מצד זײַן פֿאַראַרעמטער משפּחה... אין אַ באַשטימטער מאָס איז אים צום האַרצן די נסיעה קײן אַמעריקע, און ער איז פֿול מיט אומגעדולד װאָס גיכער אַהין זיך צו דערקלײַבן... װי טוביה,

טרעט אַרויס מאָטל אַלס דערציילער וועגן זיינע צרות, און ווי אין דעם פֿאַל מיט טוביהן, איז אינעם טאָן, מיט וועלכן ער דערציילט וועגן זיי, ניט צו מערקן קיין שום פֿאַרבינדונג צווישן דעם דריקנדיקן גורל, וואָס איז אים אויפֿגעצוואונגען פֿון אויסן, און זיין גמעמיט־צושטאַנד" (ז' 83). הגם מאָטל איז פֿאַרבונדן מיט דעם גורל פֿון דער משפּחה און פֿון דעם שטעטל, באַמערקט דער קריטיקער, דאָך איז ער "אַ טעריטאָריע פֿאַר זיך... ער נעמט ניט אָן זייערע ווערטן, זייער באַציאונג צו זיך, זייער באַציאונג צו אים. זיין קוק אויף זיי ווערט דיקטירט דורך זיינע זעלבשטענדיקע נאָרמעס, און אין די דאָזיקע נאָרמעס — און ניט אין דער סתם קינדישער תּמימות — שטעקט דער סוד פֿון דער וואונדערבאַרער לוסטיקייט פֿון זיין דערציילונג" (ז' 86).

דן מירון איז, לויט אונדזער מיינונג, ניט אינגאַנצן גערעכט, ווען ער גרענעצט זיך פֿולשטענדיק אָפּ פֿון דער אָנגענומענער מיינונג, אַז אין מאָטלס תּמימותדיק־פֿריילעכן אויפֿאַסן די טראַגישע געשעענישן, וואָס קומען פֿאָר אַרום אים, האָט פֿיל צו זאָגן די אייגנאַרטיקייט פֿון דער קינדערישער פּסיכאָלאָגיע.

*

אָן ענלעכע, ווי ביי מאָטלען "אויטאָנאָמישקייט", "אומאָפּהענגיקייט לגבי די אומשטענדן פֿון זיין גורל" געפֿינט דער קריטיקער אויך ביי מנחם־מענדלען, וועלכער איז נוטה "זיך אַליין צו באַטראַכטן אַלס אַ מין פֿרייען און אויטאָנאָמען געביט, וואָס איז באַשאָנקען מיט וואונדערלעכע אייגנשאַפֿטן פֿון מאָבילקייט און פֿון קענען אָנבינדן אַלץ נייע און נייע קאָנטאַקטן אין יעדער צייט און אין יעדן אָרט... אין גאַנג פֿון די געשעענישן אַנטפּלעקט זיך מנחם־מענדלס גייסטיקע אויטאָנאָמישקייט אין דער ניט־גרייטקייט אָנצונעמען דעם גזר־דין פֿון דער אומ־פֿאַרמיידלעכער קאַטאַסטראָפֿע"... (ז' 87).

ד. מירון געפֿינט אין מנחם־מענדלס פֿילמאָליק זיך איבערחזרנדיקן אויסרוף "און איך אויך בתוכם" ניט קיין אויסדרוק פֿון הילפֿלאָזיקייט און פֿאַרלאָרנקייט, נאָר, פֿאַרקערט, דעם אויסדרוק פֿאַר דעם געפֿיל פֿון "שייכות צו דער אָרענע פֿון די שטורמישע געשעענישן", פֿון "געפֿינען זיך אין דער מיט פֿון די געשעפֿטן", פֿון האַלטן זיך אַלס אַ "טייל פֿון דעם מענטשלעכן לעבנס־שטראָם, וואָס איז דרייסט, ווערט אונטערגעוואָרפֿן פֿיל געפֿאַרן און גייט פֿון זיי אַרויס אַלס זיגער..." שלום־עליכם איז אויסן געווען מיט זיין ווערק צו ווייזן, פֿירט אויס דער קריטיקער, "ניט נאָר מנחם־מענדלען דעם מינדערווערטיקן, לעכערלעכן און באַליידיקטן, נאָר אויך דעם מנחם־מענדל פֿון גרויסע, כמעט העראָאישע דימענסיאָנען" (ז' 88).

ענלעכס געפֿינט ד. מירון ביי די העלדן פֿון שלום־עליכמס מאָנאָלאָגן און קאָמעדיעס. די העלדן פֿון שלום־עליכמס מאָנאָלאָגן דערציילן אויך וועגן זייערע פֿילצאָליקע נסיונות און מפּלות (וואָס ווערן באַגלייט מיט אויפֿמונטערונגען און

ווידער־אויפֿשוואונגען) מיט אַזאַ לוסטיק־פֿריילעכן נוסח, מיט אַזאַ איבערפֿלוס פֿון ווערטער, אַז עס איז צו זען דער פֿולקומער ווידערשפּרוך צווישן דעם טראַגישן אינהאַלט און דעם קאָמישן אַרט דערציילן. עס פֿאַרדינט דערביי אויפֿמערקזאַמקייט דעם קריטיקערס גערדאַנקענגאַנג וועגן דעם מהות פֿון דער אַזויגערופֿענער „באַריי־דעוודיקייט" פֿון שלום־עליכמס העלדן.

ד. מירון שטעלט זיך אָפּ אויף די אַנגענומענע אין דער ליטעראַטור וועגן שלום־עליכמען שטאַנדפּונקטן בנוגע דער דאָזיקער פֿראַגע. אייניקע האָבן אין דער „באַריידעוודיקייט" פֿון שלום־עליכמס יידן און יידענעס אײַנגעזען אַ פּגם אין שלום־עליכמס טאַלאַנט, וועלכן זיי האָבן טראַקטירט אַלס אַ „סוחרישן, מאַרקישן, וואולגאַרן" [4]. אַנדערע האָבן אין דער דאָזיקער באַריידעוודיקייט פֿון שלום־עליכמס „עמך־מענטשן" אײַנגעזען דווקא די הויפּט־מעלה פֿונעם פֿאָלקס־שרײַבער. שלום־עליכם האָט, לויט זייער מיינונג, איבערגעגעבן אין זיינע ווערק דאָס לשון פֿונעם פֿאָלק אָן דעם מינדסטן צומיש פֿון קינסטלערישער פֿאַרמיטלונג. די צווימלאָזע באַריידעוודיקייט פֿון שלום־עליכמס העלדן איז מצד די דאָזיקע קריטיקער קוואַלי־פֿיצירט געוואָרן אַלס אַן אויסדרוק פֿון שפֿע, וואָס פֿלייצט אַרויס פֿונעם פֿאָלקס־קוואַל און ווערט פֿונעם שרײַבער דערטראָגן צום לייענער אין אַ „ריינער, אויטענ־טישער פֿאָרם" [5].

ד. מירון וואַרפֿט אָפּ ביידע פּאָליאַרע שטאַנדפּונקטן. גענויער שטעלט ער זיך אָפּ אויף דער צווייטער ווערסיע, וועלכע איז געוואָרן די דאָמינירנדיקע אין דער שלום־עליכם־פֿאָרשונג פֿאַר די לעצטע 40—50 יאָר. באַזירנדיק זיך אויף אַ ריי אַרבעטן פֿון גוטבאַקאַנטע לינגוויסטן, געווידמעט דער שלום־עליכם־שפּראַך (ע. ספּיוואַק, א. ווײַנרײַך, י. מאַרק), באַווײַזט ד. מירון, אַז דער געדאַנק וועגן דער פֿולקאָמער אידענטישקייט צווישן דער שלום־עליכם־שפּראַך און דעם פֿאָלקס־לשון האָט ניט קיין ממשותדיקן גרונט. די שפּראַך פֿון שלום־עליכמס העלדן, אַפֿילו פֿון די מאָנאָלאָגן, שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ מוסטער פֿון מייסטערישן באַנוצן זיך מיט פֿאָלקלאָרישן מאַטעריאַל, פֿון אָפּקלייבן און באַאַרבעטן די אוצרות פֿונעם פֿאָלקס־לשון מיט דער הילף פֿון אַ „קינסטלערישן סינטעז, וואָס גיט זיי צו אַן איינהייט־לעכקייט און שלימות, וועלכע זיינען כלל ניט בנימצא אין דער עצם „מאָדעל" (ז' 91).

...שלום־עליכמס אַריינמישונג, באַהויפּטעט מיט רעכט דער קריטיקער, לאָזט זיך פֿילן אומעטום. די זאַך איז ניט נאָר אין דעם, וואָס שלום־עליכם האָט געשאַפֿן די ווערטער, וועלכע עס זאָגן אַרויס טוביה אָדער די העלדן פֿון די מאָנאָלאָגן. וויכטיקער איז דער כאַראַקטעריסטישער פֿאַר זיי אַלע איינהייטלעכער רעטאָרישער פּרינציפּ. די רייד זיינען שטענדיק געריכטעט צו אַ באַשטימטן צוהערער, אין אייניקע פֿאַלן איז עס די פּערזאָן „שלום־עליכם", אין אַנדערע — אַן אויסגע־טראַכטער, אומבאַקאַנטער אַדרעסאַט. דערביי איז דער קאָמישער עפֿעקט פֿונעם

מאָנאָלאָג, בדרך־כּלל, באַזירט אויף דער טאַטזאַך, אַז דער אָדער די צוהערער, בתוכם מיר, די לייענער, שטייען אויף אַ העכערן קולטורעלן ניוואָ, ווי ער, דער דערציילער. די פאַרקריפּלונג פון דעם אָדער יענעם פּסוק, צום ביישפּיל, ביים אויסטייטשן אים מצד טוביהן רופט ארויס אַ קאָמישן עפעקט טאָקע דערפאַר, וואָס מיר, די לייענער, פאַרשטייען גוט, אַז די אויסטייטשונג איז נ״ט אַדעקוואַט צו דעם עכטן באַטייט. דער קאָמישער עפעקט פונעם העפטיקן רייד־שטראָם, מיט וועלכן ס׳פאַרפלייצן אונדז די העלדן פון שלום־עליכמס מאָנאָלאָגן, ווערט אויך אין אַ באַשטימטער מאָס דערגרייכט אַדאַנק דעם חילוק צווישן דעם ניוואָ פונעם דערציילער און זיינע צוהערער.

*

פון ד. מירונס געדאַנקענגאַנג ווערט קלאָר, אַז די באַריידעוודיקייט פון שלום־עליכמס העלדן געהערט צו איינעם פון די וויכטיקסטע קינסטלערישע מיטלען פון שלום־עליכם דעם הומאָריסט. אינטערעסאַנט איז דערביי דעם קריטיקערס עקסקורס אין דער ליטעראַטור־געשיכטע. דער קריטיקער דערווייזט, אַז די דאָזיקע טראַדיציע גייט פון דער השכּלה־ליטעראַטור.

די משכּילים, וועלכע האָבן געשטעלט פאַר זיך דעם ציל צו אויפקלערן און דערציען די מאַסן, זיינען געווען געצוואונגען זיך באַנוצן מיט דער יידישער שפּראַך, צו וועלכער זיי האָבן זיך, בדרך־כּלל, באַצויגן מיט גרויס ביטול. אויף וויפל זיי האָבן געהאַלטן די דאָזיקע שפּראַך פאַר צופיל מינדערוועררטיק און פּרימיטיוו, אַז דער שרייבער זאָל אויף איר אַרויסזאָגן זיינע געדאַנקען, האָבן זיי זיך געסטאַרעט אַלץ אָפּטער צו ווענדן זיך צו דער דראַמאַטישער פאָרם, דאָס הייסט, זיי האָבן זיך באַמיט אויסצופילן זייער דערציערישע אָדער דידאַקטישע שלימות ניט דורך דירעקטע אייגענע אַרויסזאָגונגען, נאָר מיט דעם קאָמישן דיאַלאָג, וואָס ווערט אַריינגעלייגט אין מויל פון זייערע העלדן.

דערביי איז מערקווירדיק, אַז אין יענע געגנטן, אין וועלכע דער קאַמף קעגן די מיטלאַלטערלעכע פאָרמען אין יידישן לעבן, און דער עיקר קעגן חסידות, איז געווען העפטיק און שאַרף, צום ביישפּיל אין די דרומדיקע קאַנטן — גאַליציע, פּאָדאָליע, וואָלין, — איז די ליבע פון די שרייבער צו דעם זשאַנער פון דער קאָמיש־סאַטירישער פּיעסע אָדער צו דער דערציילונג, וואָס איז דורכאויס געבויט אויף דעם דיאַלאָג, געווען באַזונדערס שטאַרק. די טראַדיציאָנעלע, אָפּגעשטאַנענע פאָרמען פונעם יידישן לעבן האָט מען דאָ בייז אויסגעלאַכט מיט דער הילף פון אַ זאַפטיקן, רייכן מיט אידיאָמען און דיאַלעקטיזמען פאָלקסטימלעכן יידיש, אויף וועלכן ס׳האָבן געערעדט די אויסגעשפּראָכן קאָמישע פּערסאָנאַזשן (אין די ווערק פון ריב״ל, פּערל, אקסנפעלד, לינעצקי, גאָלפאַדן, און אויך אין די ווערק פון מענדעלען אין פּעריאָד, ווען ער האָט זיך באַזעצט אין די דרום־געגנטן). פאַרקערט, אינעם ליטווישן צפון,

װאו דער קאַמף קעגן דעם מיטלאַלטער אינעם יידישן לעבן איז געװען שװאַכער און ס׳זיינען אפילו געמאַכט געװאָרן געװיסע פּרוּװן צו געפֿינען אַ פּשרה צװישן דער השכלה און די אָרטאָדאָקסישע קרייזן, איז דער אינטערעס צו דער דראַמאַטי־שער אָדער דיאַלאָגישער פֿאָרם געװען פֿיל קנאַפּער. דאָ האָט פּרעװאַלירט דער ליטעראַרישער דערציילער, װעמענס לשון איז געװען װייט פֿון דער פֿאָלקס־שפּראַך און איז געװען היפּש באַלאָדן מיט דייטשמעריזמען (צ. ב. דיק, דינעזאָן, שאָמער).

ד. מירון באַװייזט, אַז שלום־עליכם האָט פֿאַרגעזעצט די מסורה, װאָס איז געװען פֿאַרשפּרייט אין די דרומדיקע געביטן. עס איז ניט שװער צו געפֿינען באַריר־פּונקטן צװישן זיינע מאָנאָלאָגן און קאָמעדיעס מיט ענלעכע זשאַנרען ביי די שרייבער־משכּילים, ניט געקוקט אויף דעם ראַדיקאַלן אונטערשייד צװישן זיין ציל־איינשטעלונג און זיין באַציאונג צו יידיש, אין פֿאַרגלייך מיט זייער ציל־איינשטעלונג און זייער באַציאונג צום "זשאַרגאָן". דער װאָרט־איבערפֿלוס, דאָס רייכע װיצלען זיך און װערטלען זיך איז דאָ און דאָרט ברייט פֿאַרגעשטעלט. ס׳איז אָבער אויך פֿאַראַן אַ גרויסער חילוק. ביי די שרייבער־משכּילים איז די באַריידעװדיקייט פֿון די פּערסאָנאַזשן, זייער נטיה צו איבערחזרן באַזונדערע װערטלעך אָדער פֿראַזעס געװען בלויז אַ מיטל צו דערגרייכן דעם נייטיקן קאָמישן אָדער סאַטירישן עפֿעקט, ביי שלום־עליכמען פֿילן זיי אויס נאָך אַ צװייטע װיכטיקע פֿונקציע. זיי העלפֿן דעם הויפּט־פּערסאָנאַזש אָפּצוהיטן דאָס גייסטיקע גלייכגעװיכט, זיך דערהייבן איבער די שװערע אומשטענדן פֿון זיין גורל. שימעלע סאַראַקערס "שער־און־אייזן — אונדזער פֿאָלק עמך", מנחם־מענדלס "און איך אויך בתוכם", טוביהס — "טוביה איז ניט קיין יידענע", מאָטלס — "מיר איז גוט — איך בין אַ יתום", װי פֿיל אַנדערע אַזוינע װערטלעך, די עצם באַריידעװדיקייט פֿון שלום־עליכמס העלדן — דאָס אַלץ העלפֿט דער "ראַזױריאַדקע" נאָך דער געליטענער מפּלה, דער דערמוטיקונג נאָך די איבערגעלעבטע יסורים, דער עליה נאָך דער ירידה. דער װערטער־שטראָם איז אַ מין "שוץ־טורעם, װאָס מיט זיין הילף געלינגט שלום־עליכמס העלדן זיך אָפּװענדן פֿון דער ביטערער דערפֿאַרונג" (ז׳ 103).

*

די סטרוקטור פֿון שלום־עליכמס צענטראַלע װערק, באַטאָנט דער קריטיקער, שיידט זיך לחלוטין אונטער פֿון דער קאָמפּאָזיציע אין זיינע אַנדערע װערק, צום ביישפּיל, אין די ראָמאַנען. אין זיי הערשט די מאָדעל פֿון אויפֿגאַנג און בהדרגה־דיקן אונטערגאַנג, די געשטאַלטן װערן אין שלום־עליכמס ראָמאַנען, אין אַזוינע װי "יאָסעלע סאָלאָװיי", "סטעמפּעניו", "בלאָנדזנדע שטערן", געגעבן אין זייער אַנט־װיקלונג, זיי געפֿינען זיך אין אַ צושטאַנד פֿון שטענדיקער פֿאַרענדערונג. אין די צענטראַלע װערק, װעלכע זיינען געבויט לויט דעם פּרינציפּ פֿון אַ סדרה מפּלות און אויפֿשװאונגען, זיינען די הויפּטגעשטאַלטן געגעבן סטאַטיש, זיי ענדערן זיך

כמעט ניט. די צייט, וואָס באַוועגט זיך אין די דערציילונגען פון ״טוביה דעם מילכיקן״ אָדער ״מאָטל פּייסי דעם חזנס״, אין די בריוו פון מנחם־מענדלען, באַהויפּטעט ד. מירון, ווירקט, ווי עס זעט אויס, בלויז אויף דעם גאַנג פון די געשעענישן, נאָר ניט אויף די הויפּט־געשטאַלטן. אויפן סמך פון אַ ריי קאָנקרעטע ביישפּילן, וועלכע ווערן באַגלייט מיט גוט דורכגעטראַכטער אַרגומענטאַציע, קומט דער פאָרשער צו גאַנץ פּאַראַדאָקסאַלע אויספירן.

מאָטל פאַרבלייבט אין אונדזער פאַרשטעלונג אַן ״אייביק קינד״. מנחם־מענדל, וואָס האָט לויט דער כראָנאָלאָגישער אַנטוויקלונג געדאַרפט דערשיינען אינעם אַזויגערופענעם ״צווייטן טאָם״ שוין אַלס זיידע פון אייניקלעך, פאַרקריצט זיך אין אונדזער פאַרשטעלונג ווי נאָך אַ יונגער מאַן פון אַ יונגער פרוי, ווי אַ פאָטער פון קליינע קינדער — גלייך די צייט וואָלט אויף אים קיין שליטה ניט געהאָט. אויך טוביה, ניט געקוקט אויף געוויסע סימנים פון פאַרעלטערונג, פאַרלירט ניט אין אונדזער פאַרשטעלונג דעם אויסזען פון אַ ״ייד אין מיטעלן עלטער״. די הויפּט־געשטאַלטן פון שלום־עליכמס באַדייטנדיקסטע ווערק, — פירט אויס ד. מירון, — זיינען ניט מסוגל ״זיך צו ענדערן, אָפּגעשוואַכט צו ווערן, דעגראַדירן, ווערן קליגער, ווי זיי זיינען געווען, אָדער פאַרלירן עפּעס פון דער קלוגשאַפט, וועלכע איז געווען ביי זיי לכתחילה״ (ז׳ 112).

די אייגנשאַפטן פון שלום־עליכמס העלדן צו זיין ״סטאַטיש״ ווערט, ווי געזאָגט, פאַרבונדן מיט זייער עצם פיגורירן אַלס קאָמישע דערציילער אין ווערק, וואָס זיינען געבויט לויט דעם פּרינציפּ פון ציקלישע איבערחזורונגען פון ירידות און עליות. דער רואיקער, לוסטיקער און שפּאַסיקער טאָן, מיט וועלכן זיי דערציילן וועגן זייערע לעבנס־פּאַסירונגען, מאַכט זיי אין אַ געוויסער מאָס ״אומאָפּהענגיק״ פון די דאָזיקע פּאַסירונגען. זיי דערשיינען אַלס ״באַשעפענישן, וואָס זיינען אויסער געשיכטע״, אַלס מענטשן, וואָס זיינען אויף אַ באַשטימטן אופן ״אויטאָנאָם״, דאָס הייסט ״באַפרייט פון אָפּהענגיקייט לגבי די זיך ענדערנדיקע סאָציאַל־געשיכטלעכע באַדינגונגען און אפילו פון דעם זיך אַנטוויקלענדיקן כאַראַקטער. זיי פאַרהיטן זייער קיום טראָץ די שטורעמס פון דער צייט. זיי שוועבן אין אַ דערציילערישן חלל, צו וועלכן דער טומל פון די שטורמישע אומטרייסלונגען דערגייט נאָר ווי אַ ווייטער עכאָ״ (ז׳ 125).

דער קריטיקער זעט פאָר, אַז זיין געדאַנקענגאַנג וועט אַרויסרופן קאַטעגאָרישע דערווידערונגען. ער האַלט עס פאַר געזעצמעסיק. דאָך באַשטייט ער אויף דער ריכטיקייט פון זיינע מסקנות און פאַרטיידיקט זיי מיט גרויסער פאַכמענישער געניטקייט, באַזירנדיק זיך אויף אַ זייער פיינעם, ראַפינירטן טעקסטועלן אַנאַליז פון שלום־עליכמס צענטראַלע ווערק.

אין ״מאָטל פּייסי דעם חזנס״, — קלערט אויף ד. מירון, — ווערט דערציילט פון געשעענישן, וואָס וויקלען זיך פאַנאַנדער אין אַ געוויסן צייט־אָפּשניט, מינדסטנס,

פון אַ פּאָר יאָר, נאָר ווען מע באַטראַכט זיי פונעם לאַנדשאַפטלעכן אַספּעקט, באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז זיי אַלע זיינען זיך פאַרלאָפן אין משך פון איין זומער. ווייל אינעם גאַנצן ווערק געוועלטיקט ״איין גרויסער און גליקלעכער זומער״. די האַנדלונג הייבט זיך אָן מיט דער פרילינג־זונענשיין, וואָס דערוואַרעמט די ערד, וועלכע האָט זיך אָקאָרשט אָנטבלויזט פונעם שניי; די ווייטערדיקע געשעענישן זיינען פאַרבונדן מיטן יום־טוב שבועות; די רייזע פון לאָנדאָן קיין ניו־יאָרק קומט פאַר יום־כּיפּור. די געשעענישן, וועגן וועלכע ס׳ווערט דערציילט אינעם צווייטן טייל, האָבן געזאָלט פאָרקומען ווינטער־צייט, נאָר אויך אין דעם דאָזיקן טייל הערשט דער זומער. מאָטלס לוסטיק דערציילטע געשיכטעס ״האָבן ניט געקענט פּאַסירן אין אַ וועלט, וואָס איז ניט גאַלע זומער. דערפאַר האָט שלום־עליכם, בכיוון אָדער ניט בכיוון, מוותר געווען אויף דער כראָנאָלאָגישער בהדרגהדיקייט און האָט איבער דעם גאַנצן רוים, וואָס ציט זיך פון קאַסרילעווקע ביז ניו־יאָרק, אויסגעשפּרייט אַ ״קרישטאָל־לויטערן״ הימל, וואָס ווערט אויף קיין איין רגע ניט פאַרכמאַרעט״ (ז׳ 142).

דער קריטיקער דעקט אויף דעם סימבאָלישן באַטייט פונעם ״אייביקן זומער״, וואָס הערשט אין ״מאָטל פּייסי דעם חזנס״. ער שרייבט:

״דער הילכיקער התפעלות־אויסגעשריי פונעם יינגל מאָטל, וואָס איז אָקאָרשט אַרויס פונעם פייכטן קעלער און האָט דערזען דעם אויסגעלייטערטן הימל איבער זיין קאָפּ און די ערד, וואָס האָט אָנגעהויבן צו גרינען, אונטער זיינע פיס, זאָגט עדות וועגן דער וועזנטלעכער אידענטישקייט צווישן אים און דעם פרילינגדיקן דראַנג צו וואַקסן. דאָס געזאַנג, וואָס רייסט זיך פון אים אַרויס. . ., זיין שפּרינגען צוזאַמען מיט דעם קעלבל מעני — דאָס אַלץ דייט אָן אויף דער קרובהשאַפט מיט דער נאַטור, אויף די סטיכייאישע קרעפטן, וואָס דערוועקן זיך אין אים. . . דער קעלער, פון וועלכן מאָטל רייסט זיך אַרויס צו דער גרויסער ליכט, איז ניט נאָר ״קאַלט און נאַס״, ער איז אויך אָנגעפילט מיט ״דעם ריח פון זויערטייג און רפואות פון אַפּטייק״. ער שליסט אין זיך איין ניט נאָר די טעג פון שניי און קעלט, נאָר אויך די גאַנצע אַטמאָספער פון שקיעה, פוילונג, עקל. ער פאַרקערפּערט אין זיך צום אַלעמערשטן די קראַנקייט און דעם טויט. . . דאָ ווערט קעגנגעשטעלט מיט אַ תמימות, וואָס ווייסט כמעט ניט פון רחמנות, דער אומגליק פון אַ וועלט, וועלכע גייט אונטער, און דער יום־טוב פון אַ וועלט, וואָס באַנייט זיך. . . דעם פאָטערס טויט און דער אָנקום פונעם זומער בילדן דאָ צוויי זייטן פון איין געשעעניש. דער פאָטער, דער קעלער, די קראַנקייט געהערן צו דער ווינטער־וועלט, וועלכע שלום־עליכם האָט אין מאָטלס דערציילונגען זיך באַמיט צו איגנאָרירן, ווי זי וואָלט ניט עקזיסטירט. דאָס ערשטע קאַפּיטל איז טאַקע באַרופן צו באַגראָבן די דאָזיקע וועלט אינעם בוכשטעבלעכן באַטייט פון דאָזיקן אידיאָם. פון דעם ערשטן קאַפּיטל ווערט קלאָר, אַז די זומער־וועלט, וואָס וועט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקן אין די קומענדיקע

קאַפּיטלען, איז געבויט אויף די רואינען פון דער דאַזיקער ווינטער־וועלט" (ז' 145). דער געראַנגל צווישן זומער און ווינטער סימבאָליזירט, לויט ד. מירון, דעם איינרייס מיט דער טראַדיציע, מיט דער יידישער מאָראַל און סיסטעם פון דערציאונג, מיט דעם אַלטן וועלט־סדר. "דאָס בוך פּייערט דעם חורבן פונעם איינגעוואָרצלטן און יאָרנלאַנג איינגעשטעלטן און דעם פאַרגעניגן פון אומוואַרפן עס און אַרויסרייסן מיטן וואָרצל" (ז' 148).

די ריכטיקייט פון דער דאַזיקער כאַראַקטעריסטיק רופט ניט אַרויס קיין צווייפל. י. נוסינאָוו האָט ענלעכס געשריבן וועגן "מאָטל פּייסי דעם חזנס":

"די סימבאָלישע באַדייטונג פון מאָטלס ווערטער 'מיר איז גוט — איך בין אַ יתום' באַשטייט טאַקע אין דעם, וואָס מאָטל איז געבליבן אַ יתום נאָך דעם יידישן מיטלאַלטער, ער איז אויסגעלייזט געוואָרן פון דער כנסת ישראל־השגחה. פונדאַנען שטאַמט די פרייד, וואָס שטראָמט פון אים... "מאָטל פּייסיס" איז די באַגעגעניש פונעם קינד מיט דער נייער וועלט" [6].

*

ד. מירון באַמערקט, אַז אין "מאָטל פּייסי דעם חזנס" האָט שלום־עליכם אויסגענוצט די קינדערשע וועלט־אויפֿאַסונג, כדי אַמטיפּסטן אויסצודריקן זיין אייגענע שטעלונג צו די היסטאָרישע געשעענישן, פון וועלכע ס'ווערט דאָ דערציילט, אַ שטעלונג, וועלכע איז אין תוך אַ פּאָזיטיווע. די מאַסן־אויסוואַנדערונג פון די מזרח־אייראָפּעאישע יידן, וועלכע דער דלות און די צאַרישע אונטערדריקונגס־פּאָליטיק האָט געצוואונגען זיך לאָזן אין וועג אַריין, ווערט פונעם שרייבער גע־שילדערט ווי אַ פּראָצעס פון געזונטער שטרעבונג צו עקאָנאָמישער און גייסטיקער באַנייאונג. "די יידישע עמיגראַנטן, — שרייבט דער קריטיקער, — זיינען געווען ניט נאָר פאַרלאָרענע אויסוואַנדערער, ווי עס האָט זיי געשילדערט די ליטעראַטור וועגן דער יידישער עמיגראַציע, נאָר אויך אַ שבט, וואָס גלוסט צו לעבן, וואָס איז אָפּטימיסטיש, הונגעריק, וואָס פילט אינעם הונגער, אַז ער איז געזונט, אַ שבט, וועלכער איז גרייט צו ראַדיקאַלע ענדערונגען אין זיין לעבנסאָרט...

שלום־עליכם איז דערגאַנגען צו אַזאַ ברייטער היסטאָרישער אויפֿאַסונג אַדאַנק דעם, וואָס ער האָט זיך אָפּגעריסן פון דעם טראַדיציאָנעל־היסטאָרישן שטאַנד־פּונקט... און איז געקומען צו אַ היסטאָרישער שטעלונג, וועלכע איז געווען אפשר דרייסטער, ווי ער אַליין איז גרייט געווען צו אַנערקענען, נעמלעך, אַ שטעלונג, וואָס האָט באַרעכטיקט די רעוואָלוציאָנערע ווענדונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער יידישער געשיכטע און איז געווען דער אויסדרוק פונעם שרייבערס טיפן גלויבן אינעם כוח פון פאָלק זי צו באַשטייין" (ז' 149).

די דאָזיקע אין תוך ריכטיקע מסקנות וועגן דעם סימבאָלישן באַטייט פון דעם פרילינג־זומערדיקן קאָלאָריט און פון דער פריידפולער און זאָרגלאָזער "אייביקער

קינדהייט״, וועלכע הערשן אין ״מאָטל פּייסי דעם חזנס״, גיבן אָבער ניט, לויט אונדזער מיינונג, קיין גרונט צו באַטראַכטן דאָס קאָנקרעטע מאָטל־געשטאַלט אַלס א ״באַשעפעניש״, וואָס איז אויסער געשיכטע״ אַלס ״אַ מין פאַרקערפּערונג פונעם ביאַלאָגישן אויסערהיסטאָרישן פּרינציפּ״, אַלס אַ סטאַטישע פיגור, אַלס אַן ״אויטאָ־נאָמען געביט״, וואָס די געשעענישן אַרום אים גייען אים ניט אָן, אַד״ג אַ סקרופּולעזער פאַרגלייך, צום ביישפּיל, פון די לעצטע קאַפּיטלען מיט די ערשטע קאַפּיטלען פון ״מאָטל פּייסי דעם חזנס״ וואָלט, ווי אונדז דאַכט, אַריינגעטראָגן געוויסע קאָרעקטיוון צו די דאָזיקע הנחות.

נאָך דייטלעכער איז עס צו זען אויף דעם ביישפּיל מיט ״טוביה דעם מילכיקן״. אויך אין ״טוביה דעם מילכיקן״, באַמערקט ד׳ מירון, דאָמינירט דער זומערדיקער פּייזאַזש. טוביהס דערציילונגען זיינען אײַנגעטוקט אין גרינס און זונענשיין. טוביה פאַרגלייכט זיינע טעכטער מיט בעריאַזקעס און זיך אַליין מיט אַ געדיכט באַבלע־טערטן דעמב. אַ טיפּן זין האָט זיין עצם מהות אַלס אַ ״מילכיקער״, ער איז אַ מין שליח פון דאָרף און וואַלד, וועלכער ברענגט אין יעהופּעץ דעם ריח פון פעלד, די פרישקייט און שפע פון דער נאַטור. צווישן די רייכע דאַטשניקעס, וואָס הוידען זיך אין די האַמאַקן, ״הוסטן מיט די לעצטע כוחות״ און ״ווילן ניט שטאַרבן״, צווישן זיי, וואָס זיינען באַשעפטיקט מיט קאָרטן־שפּיל און זיינען ניט מסוגל צו פילן ניט דעם טעם, ניט דעם ריח, ניט די שיינקייט פון דער נאַטור, דערשיינט טוביה ווי דער ״איינציקער טרייער באַפולמעכטיקטער פון דער נאַטור״. ״אויב מאָטל פאַרטרעט דעם פרילינג אַלס אַ צאַרט בלימל, וואָס ציט זיך צו זונענשייך, פאַרטרעט אים טוביה אַלס אַ דעמב, וואָס ס׳איז שווער צו באַשטימען זיין עלטער, און זיין אַלטקייט איז ניט פוילונג, נאָר אַלטערטימלעכע פרישקייט״ (ז׳ 156).

געוויס איז טוביה די פאַרקערפּערונג פון דער אומשטערבלעכקייט פונעם פאָלק, פון זיין אינערלעכער געזונטקייט. אינעם סימבאָלישן באַטייט פון דעם דאָזיקן געשטאַלט האָט געפונען זיין אויסדרוק שלום־עליכמס דעמאָקראַטיזם, זיין הומאַניזם, זיין גלויבן אין די שעפערישע קרעפטן פונעם עמך־מענטש, פונעם האָרעפּאַשנעם פאָלק.

דאָך איז, שיינט אונדז, ניט באַרעכטיקט די טראַקטירונג פון דעם קאָנקרעטן געשטאַלט פון טוביהן דעם דערציילער אַלס אַזעלכער, וואָס איז אומאָפּהענגיק פון די זיך ענדערנדיקע היסטאָריש־געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען, וואָס איז ניט מסוגל צו ״ווערן קליגער, ווי געוועזן״. טוביה איז ניט קיין מיטאָלאָגישע פיגור, נאָר אַ רעאַלע פּערזענלעכקייט, דורך וועלכער ס׳גייען דורך אַלע שטורעמס פון דער צייט, און אויב ער דערציילט וועגן זיי מיט אַ שמייכל, מיט אַ וויץ אָדער אַ שפּאַסיק גלייכווערטל, הייסט עס כלל ניט, אַז זיי, די צייטשטורעמס, האָבן ניט אַרויפגעלייגט זייער שטעמפּל אויף אים, ניט אויפגעטרייסלט זיין געמיט, ניט געמאַכט אים קליגער

און דערפּאַרענער. אַפּילו טוביהס עלטער, וואָס דאַכט זיך אַלס כמעט אַ סטאַבילער, ענדערט זיך פון איין דערציילונג צו דער צווייטער — דער שטאַרקער דעמב ברעכט זיך אונטער צוביסלעך.

לאָמיר נעמען, צום ביישפּיל, דעם אָנהייב פון איינעם פון די לעצטע קאַפּיטלען פון "טוביה דעם מילכיקן", דאָס קאַפּיטל "שפּרינצע". טוביה דערציילט שלום־עליכמען:

"אַ שאָק מיט יאָרן, אַז מיר האָבן זיך ניט געזען! ווײ, ווײ, וויפל וואַסערן זיינען אַפּגעלאָפן! וויפל אַנגסטן מיר ביידע און כל־ישראל זיינען אויסגעשטאַנען אין די עטלעכע יאָר: אַ קעשענעווו, אַ קאָנסטיטוציע, מיט פּאָגראָמען, מיט צרות, מיט שלעק — אַך טי רבונו־של־עולם, גאָטעניו נאָש!... מיר איז נאָר אַ חידוש אויף אייך, האָט קיין פאַריבל ניט, וואָס איך וועל אייך זאָגן, איר זייט דאָך ניט געררוקט אויף אַ האָר, קיין עין־הרע, קיין עין־הרע! טוט אָבער אַ קוק אויף מיר: הרי אני כבן־שעים — איך בין נאָך ניט אַלט קיין זעכציק, און זעט, ווי ווייס טוביה איז געוואָרן".

אין טוביהס ווערטער פילן מיר דייטלעך, ווי די געשיכטע האָט זיך ווי אַ שטורעם דורכגעטראָגן איבער זיין לעבן, און זיין קאָפּ איז ווייס געוואָרן ניט נאָר מחמת די גרויסע אויפטרייסלונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין זיין משפחה, נאָר אויך אין אַ גרויסער מאָס מחמת די אומגליקן, וואָס האָבן געטראָפן זיין פאָלק און אַלע אונטערדריקטע און באַליידיקטע.

טוביה מאַכט דורך אַ געוויסע עוואָלוציע, ער ענדערט זיך אין גאַנג פון די געשעענישן, ער ווערט קליגער, דערפאַרענער, סאָציאַל רייפער. "פון אָפּגעבן גאָט דאָס גערעכט, — שרייבט י. נוסינאָוו, — קומט טוביה אָפּגעבן דאָס גערעכט זיינע טעכטער און צו באַגיטיקן זייערן, באַזונדערס האָדלס, נייעם וועג. טוביהס לעבנס־קראַפט איז אין זיין אומגעהייערער פעאיקייט אַריבערצושפּאַנען דעם נעכטן און אָנעמען די וועגן, וואָס עס לייגן דורך די "היינטיקע קינדער". נאָך אַלע נסיונות און פלאָגן ענטפּערט טוביה אויף דער "וועלטס קאַשע" מיט טיפן גלויבן אין מענטשלעכן שעפערישן אינטעלעקט, אין גוטן מענטשלעכן ווילן, אין אומשטערב־לעכקייט פונעם פאָלק און אין זיין ווייטערדיקן וועג" [7].

*

ד. מירון שטעלט זיך אָפּ געגוי אויך אויף דעם סימבאָלישן, פּאַראַלעל־מייגערנדיקן באַטייט פון דעם מנחם־מענדל־געשטאַלט. ווי אין "טוביה דעם מילכיקן" און אין "מאָטל פּייסי דעם חזנס", הערשט אויך אינעם בוך "מנחם־מענדל" דער זומער. פאַר מנחם־מענדלען, ווי פאַר מאָטלען, איז כאַראַקטעריסטיש דער גרויסער נייגער פאַר דער וועלט. מנחם־מענדל עפנט די פענצטער אין דער ברייטער,

ליטעראַטור װעלט מיט דער זעלבער סימבאָלישער קראַפֿט, מיט װעלכער מאָטל רײַסט זיך פֿונעם פֿינצטערן און קאַלטן קעלער צו דער זונען־ליכט.

מנחם־מענדלס לעבנס־לוסט און דאָרשט צו ברײטע װעלטן פֿאַרבינדט ד. מירון מיט אײנעם אַ צענטראַלן מאָטיװ אין שלום־עליכמס שאַפֿן — דעם "אוצר"־מאָטיװ (דעם דאָזיקן מאָטיװ װערן, חוץ דעם גרונט־טעקסט, ספּעציעל געװידמעט צװײ פֿאָרשונגס־אַרבעטן, װאָס װערן געבראַכט אין דער בײלאַגע; פֿון זײ פֿאַרדינט אַ באַזונדערע אױפֿמערקזאַמקײט דער געניטער אַנאַליז פֿון די קאָמעדיעס "דאָס גרױסע געװינס" און די "גאָלדגרעבער"). דער "אוצר"־מאָטיװ, באַװײַזט דער קריטיקער, האָט אַ רײַכע טראַדיציע. זײַנע װאָרצלען שטעקן טיף אין די פֿאָלקס־לעגענדעס, דער עיקר אין די חסידישע. אין אונטערשײד פֿון אַ רײ זײַנע פֿאָרגײער און מיט־צײַטלער האָט שלום־עליכם דעם דאָזיקן מאָטיװ באַדײַטנדיק טראַנספֿאָרמירט. בײ אים איז די בענקשאַפֿט נאָך אַן אוצר, נאָך דער באַרײַכערונג דורך אַ נס, שױן כמעט אינגאַנצן אױסגעשײלט פֿונעם פֿעאָדאַל־פּאַטריאַרכאַלישן לעגענדאַרן לבוש, אין װעלכן זי איז געװײנלעך געװען אײַנגעהילט בײ אַנדערע שרײַבער. בײ אים איז זי ענג געקניפּט מיט דער רעאַליטעט פֿונעם קאַפּיטאַליסטישן "מיטאָס". שלום־עליכם האָט דעם "צױבערדיקן באַרײַכערונגס־חלום אַרױסגעצױגן פֿון זײַן האַלב־לעגענדאַרער, פֿאָלקסטימלעכער ראָם און האָט אים קינסטלעריש טראַקטירט אַלס אײנעם פֿון די עיקרדיקע קענצײכנס פֿונעם ייִדישן ישוב אין מזרח־אײראָפּע — סײ אין רוסלאַנד, סײ אױסער רוסלאַנד — פֿון דער צײַט פֿאַר דער אינדוסטריעלער איבערקערעניש, װען ער איז איבערגעגאַנגען פֿונעם אַלטן פֿעאָדאַלן לעבנשטײגער צו דער אײַנגלידערונג אין דער קאַפּיטאַליסטישער װעלט" (ז' 162).

אין שלום־עליכמס צוגאַנג צו דעם דאָזיקן מאָטיװ, דערקלערט ד. מירון, לאָזט זיך מערקן אַ געװיסע עװאָלוציע. אין זײַנע ערשטע "אוצר"־דערצײלונגען איז ניט שװער אײַנצוזעפֿינען געװיסע באַריר־פּונקטן מיט דער טראַדיציאָנעל־משכּילישער שטעלונג לגבי דעם מאָטיװ פֿון באַרײַכערן זיך דורך אַ נס. די משכּילישע ליטע־ראַטור האָט אין די װערק, געװידמעט דער דאָזיקער טעמע, בדרך־כּלל בײז אױסגעלאַכט די אָפּגעשטאַנענע מאַסן פֿאַר זײער נאַאיװן גלױבן אין ניסים, װעלכע קענען זײ ראַטעװען פֿון דלות און נױט, און האָט גלײַכצײַטיק הײס פֿאַרטײדיקט די רעאַלע, נאַטירלעכע װעגן, װעלכע קענען זײ אַרױסרײַסן פֿון זײער נױט־לאַגע. אין די דערצײלונגען "דער אוצר" פֿון די אַכציקער יאָרן (אין ייִדיש און העברעיִש) איז שלום־עליכם טרײ דער משכּילישער טראַדיציע. אין זײַנע שפּעטערדיקע װערק, אין "פֿונעם יאַריד" און דער עיקר אין דער קאָמעדיע "די גאָלדגרעבער", איז זײַן שטעלונג אַ גאַנץ אַנדערע. אױב אין אָנהײב פֿון "די גאָלדגרעבער" לאָזט זיך מערקן דעם שרײַבערס כּװנה אױסצולאַכן די קאַסרילעװקער פּוסטע חלומות, איז צום שלוס פֿון דער קאָמעדיע שפּירט זיך שױן אַ געװיסע װאַקלונג אין דעם שרײַבערס פּאָזיציע: אים זײַנען, װאָרשײַנלעך, מער צום האַרצן די קאַסרילעװקער, בראש

מיט זייער מנהיג לוי מאַזגאַוואַיער, וואָס ווילן זיך בשום־אופן ניט שיידן מיט זייערע אילוזיעס וועגן דעם אוצר, ווי די "יונגע", וואָס באַמיען זיך זיי אויסצו־ניכטערן פון זייערע חלומות.

דער קריטיקער דעקט אויף די גאַנצע קאָמפּליצירטקייט און ווידערשפּרעכלעכ־קייט פון שלום־עליכמס שטעלונג לגבי דעם "אוצר"־מאָטיוו. שלום־עליכם, באַטאָנט ער, האָט פאַרמאָגט אַ טיפן פאַרשטאַנד פאַר דער פאַרניכטנדיקער, דעהומאַניזירנ־דיקער קראַפט פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, אין וועלכער אַלץ ווערט געקויפט און פאַרקויפט. ער האָט אין זיינע ווערק געגעבן גלענצנדיקע קאַריקאַטוריסטישע פאַרצייכענונגען פון די "אויפגעקומענע גבירים", ער האָט געוויזן, צו וועלכער גייסטיקער און מאָראַלישער ירידה עס דערגייען די קליינשטעטלדיקע תושבים, ווען זיי פאַלן אַריין אינעם גיהנום פון דער קאַפּיטאַליסטישער גרויסער שטאָט. אין דער זעלבער צייט אָבער ווייסט שלום־עליכם מער ווי ווער ס׳ניט איז אַנדערש, ווי שטאַרק ס׳איז די קראַפט פונעם עצם חלום נאָך באַרייכערונג און וועלכע קאָלאָסאַלע קוואַלן פון ענערגיע ער איז אימשטאַנד צו דערוועקן ביי דער פאַר־אָרעמטער מאַסע "קליינע מענטשעלעך". דעריבער טרעפן מיר ביי שלום־עליכמען, פּאַראַלעל מיט דער שאַרפער קריטיק פון דער וועלט, אין וועלכער ס׳הערשט די מאַכט פון געלט, די נטיה צו אַנערקענען אינעם אוצר־טרוים אַ באַשטימטע אינער־לעכע לעבנס־קראַפט, וואָס העלפט דעם קליינעם מענטשעלע זיך דערמוטיקן אין אַ צייט פון נויט.

די דאָזיקע צוויי־איקייט אין שלום־עליכמס שטעלונג לאָזט זיך באַזונדערס בולט מערקן אין "מנחם־מענדל", וואָס שטעלט מיט זיך פאָר ניט מער ווי איינעם פון די וואַריאַנטן אויף דער טעמע באַרייכערונג דורך אַ נס. פון איין זייט, באַווייזט דער שרייבער אין דעם געשטאַלט פון זיין העלד די שרעקלעכע גייסטיקע פאַראָרעמונג פונעם מענטש, וואָס וואַרפט זיך אונטער דער שליטה פונעם באַרייכערונגס־חלום, פון דער צווייטער — ווערט דאָס עצם געיעג נאָך דעם דאָזיקן טרוים געוויזן אַלס אויסדרוק פון גרויסער דאָרשט צום לעבן.

דאָס מנחם־מענדל־געשטאַלט, ווי די געשטאַלטן פון טוביהן און מאָטל פּייסיס, רופט אַרויס דעם געפיל פון "אייביקער יוגנט", עס ווערט באַטראַכט אין זיין סימבאָלישן זין. דער קריטיקער אַקצענטירט אין מנחם־מענדלען זיין וויטאַליטעט, די פייאיקייט באַפליגלט צו זיין מיט טרוימען און חלומות — אַ פייאיקייט, וואָס גיט אים די מעגלעכקייט זיך צו דערהייבן איבער די שווערע נסיונות פונעם לעבן. דערביי ווערט טיילווייז איגנאָרירט דער סאָציאַלקאָנקרעטער אינהאַלט פון דעם דאָזיקן געשטאַלט, וועלכע ווערט ווי אַנדערע באַצייכנט אַלס אַ סטאַטישע פיגור, וואָס באַוועגט זיך אויסער צייט און געשיכטע.

אויך אינעם ווערק "פונעם יאַריד" ווערט, לויט ד. מירונס מיינונג, די וויזיע פונעם אוצר געשילדערט ווי די פאַרקערפערונג פון אַ "געבענטשטער קינדהייט",

ווי די אַנטפּלעקונג פונעם "עולם־הדמיון, וואָס באַפרייט פונעם דרוק פון דער ווירקלעכקייט, ווי די זוים, פון וועלכער ס׳וואַקסט אויס די קינסטלערישע שליחות, ווי דער סוד פון יענער אומצעשטערבאַרער קראַפט, וועלכע גיט דעם מחבר און זיינע העלדן די מעגלעכקייט צו דערהאַלטן זייער קיום טראָץ די אומאויפהערלעכע מפּלות אין זייער לעבן" (ז׳ 174).

אין גאַנג פון אַ געניויעם, סקרופּולעזן אַנאַליז פונעם ווערק "פונעם יאַריד" קומט דער קריטיקער צום אויספיר, אַז דאָ ווערט אַנגעווענדט דער זעלבער קאָמפּאָזיציאָנעלער פּרינציפּ, וואָס אין די אַנדערע שלום־עליכמס וויכטיקסטע ווערק, דאָס לעבן פונעם הויפּט־העלד, פון "שלום־עליכם — דעם מענטש" ווערט געגעבן ווי אַ סעריע פון ירידות און עליות, וועלכע חזרן זיך רעגלמעסיק איבער און פּרעטענדירן ניט אויף קיין סוף.

"מאָטל ציט זיך צום לעבן מיט אַ גוואַלדיקער לײדנשאַפט טראָץ דער אַטמאָספער פון טויט און אויסוואַרצלונג, וואָס הערשט אַרום אים, פּונקט ווי שלום ראַבינאָוויטש גייט אַוועק פון וואָראָנקע, און זיין מוטער שטאַרבט אויף זיינע אויגן, ווען ער איז נאָך אַ קינד. מנחם־מענדל טוט זיך אַריין אין די בערזע־געשעפטן און וואַרעמט זיך אין דער שיין פון די אויסגעדאַכטע מיליאָנען אין אַ פאָרם אַ גאַנץ ענלעכער צו דער, וואָס ביים מחבר, וועלכער האָט אויך פאַרלאָרן זיין גאַנץ פאַרמעגן אין "לופטגעשעפטן". טוביה מיט זיין געלעכטער און זיינע וויצן, מיט זיין גוט־מוטיקייט און רואיקייט, די שלווה פון אַ מענטש און אַ פאָטער, ווען ס׳דראָעט כלערליי בייז, נאָר ער פאַרלירט ניט זיין גוטהאַרציקייט און דעם בטחון — ער איז, מעגלעך, נעענטער צו דעם מחבר מער ווי ווער ס׳ניט איז אַנדערש פון זיינע העלדן... אַנטפּלעקט זיך דען ניט אינעם לעבן פון זיינע העלדן דער זעלבער סדר, וועלכן דער מחבר אַנערקענט אַלס הערשנדיקן אין זיין אייגענעם לעבן, אַ סדר פון קריזיס און דעראָבערטן גלייכגעוויכט, פון העפטיקע, שרעקלעכע קלעפּ פון דרויסן און ניט ווייניקער שטאַרקע ווידערשטאַנד־קרעפטן פון אינעווייניק? אויך איבער זיי, איבער זיינע העלדן, ווי איבער אים, טראָגן זיך דורך פיזישע, מאַטעריעלע, עמאָציאָנעלע קריזיסן לויט אַ באַשטימטער זיך איבערחזרנדיקער געזעצמעסיקייט. דאָך זיינען זיי זיי גובר, פּונקט אַזוי ווי ער איז זיי גובר־געווען און זיך פון זיי פאַרמירט אַלס קינסטלער" (ז׳ 176).

הגם קיין דירעקטער ענטפער ווערט ניט געגעבן אויף די געשטעלטע פראַגן, ווייל זיי זיינען, ווי ס׳באַמערקט דער קריטיקער, אויסער די ראַמען פון זיין אַרבעט, — איז ניט שווער איינצוזען סיי אינעם אופן, ווי די פראַגן ווערן געשטעלט (ס׳איז האַלבגעפרעגט, האַלב־געענטפערט), סיי אין דער עצם קאָנצעפּציע, וואָס איז האַרמאָניש אויסגעהאַלטן אין גאַנצן בוך, אַז ער איז נוטה צו אַנערקענען, אַז אַזאַ פאַרבינדונג עקזיסטירט.

געוויס זיינען אין ד. מירונס שלום־עליכם־פאַרשונג פאַראַנען שטעלן, וואָס זעען אויס צו זיין ניט גענוג באַגרינדעט. באַזונדערע אויספירן נייטיקן זיך אין אַ פאַרפינקטלעכונג. דאָס פאַרמינערט אָבער ניט די גרויסע ווערט פון דער דאָזיקער סקרופולעזער, עכט־וויסנשאַפטלעכער, גרינטלעכער שטודיע פון שלום־עליכמס שאַפן, וועלכע האָט געוויס באַרייכערט די ליטעראַטור וועגן אונדזער גרויסן פאָלקס־שרייבער. דעם מחבר האָט זיך איינגעגעבן, אויסנוצנדיק די רייכע דערפאַרונג פון דער שלום־עליכם־וויסנשאַפט אין פאַרשיידענע לענדער און שפּראַכן (יידיש, העב־רעיש, ענגליש), באַזונדערס פון דער סאָוועטישער שלום־עליכם־פאַרשונג (ד. מירון איז זיך אָפט סומך אויף די אַרבעטן פון סאָוועטישע פאַרשער, דער עיקר פון מ. ווינער), אַרויסזאָגן אַ ריי נייע געדאַנקען, באַזונדערס בנוגע דער אייגנאַרטיקייט פון שלום־עליכמס שעפערישן מעטאָד און דעם אוניווערסאַלן, פאַראַלגעמיינערנדיקן באַטייט פון זיינע וויכטיקסטע ווערק און צענטראַלע פיגורן.

1972 ,11 העפט

1 דן מירון, שלום עליכם, פרקי מסה, מסדה, 1970.

2 ווי באַוואוסט, געפינט די געוויסע שפּאַנונג אין די באַציאונגען צווישן שלום־עליכמען און פּרץ און אין אַנדער אויסטייטשונג אין דער ליטעראַטור וועגן שלום־עליכמען. זע, צום ביישפּיל, די אַרבעט פון ה. רעמעניק ״פּרץ און שלום־עליכם״ אין ״סאָוועטיש היימלאַנד״, נומ. 5, 6, 1965.

3 יעקב שטיינברג, הטופס של שלום עליכם, דמויות וחזיונות, תל־אביב, תרצ״ד.

4 ש. צמח, בעבותות ההווי. ענלעכע געדאַנקען זיינען דאָ אינעם בוך ״שלום עליכם״ פונעם העברעישן שרייבער און קריטיקער, א. שטיינמאַן.

5 ד. מירון איז זיך סומך אויף די אַרבעטן וועגן שלום־עליכמען פון די העברעישע שרייבער י. ח. ברענער און מ. י. בערדיטשעווסקי.

6 שלום עליכם, מעשיות און געשיכטעס, 1930. פאָרעדע פון י. נוסינאָוו, ז׳ 9.

7 י. נוסינאָוו, דער טעאַטער פון סאָציאַליסטישן פאָלקס־שאַפן. ״סאָוועטיש״, 1939, נומ׳ 9—10, ז׳ 464.

אַן איבערגעניצעוועטער שלום־עליכם

(וועגן די העברעישע איבערזעצונגען פון שלום־עליכמס דראַמען)

עס זיינען גוט באַקאַנט די פאַרדינסטן פון י. ד. בערקאָוויטשן, שלום־עליכמס איידעם, אַלס איבערזעצער פון די ווערק פון אונדזער גרויסן פאָלקס־שרייבער אין העברעיש. שלום־עליכם האָט הויך געשעצט די דאָזיקע איבערזעצונגען. אין 1911, ווען בערקאָוויטש האָט געמאַכט די ערשטע פּרווון אויף דעם געביט, האָט דער שרייבער אין אַ בריוו צו אים געשריבן:

"ניין, איבערזעצן מיך, אויסער אייך, קען קיינער ניט און דאַרף קיינער ניט, און איך וועל קיינעם ניט לאָזן! איר אַליין ווייסט שוין, וועלכע הוספות איך וואָלט געמאַכט, און איר שטעלט זיי אַריין. איר האָט מיך אויסגעשטודירט גרינטלעך. איר קענט מיך אויף אַ פינף מיט אַ פּלוס. ניין, איך וועל קיינעם ניט לאָזן מיך איבערזעצן" [1].

שלום־עליכם האָט זיך אינגאַנצן פאַרלאָזט אויף זיין איבערזעצער און האָט מיט דער צייט אים געגעבן די פולע פרייהייט זיך באַגיין מיט זיינע ווערק ביים איבערזעצן זיי אין העברעיש, ווי אים, בערקאָוויטשן, גלוסט זיך.ליידער האָט אָבער בערקאָוויטש צייטנווייז מיסגעברויכט מיט אָט דעם צוטרוי. ווען ער איז מיט יאָרן שפּעטער, נאָך שלום־עליכמס טויט, צוגעטראָטן צו אַרויסגעבן דעם שרייבערס אויסדערוויילטע ווערק אין העברעיש, האָט ער זיך דערלויבט אַ צו ברייטע טראַקטירונג פון דער געגעבענער אים פרייהייט. אייניקע ווערק זיינען ביים איבערזעצן זיי אונטערגעוואָרפן געוואָרן אַזאַ ראַדיקאַלער "באַאַרבעטונג" אַז זיי האָבן כמעט אינגאַנצן פאַרלוירן זייער שלום־עליכמישן טאָן.

דאָס איז נוגע אין דער ערשטער ריי צו שלום־עליכמס וויכטיקסטע דראַמאַטישע ווערק.

שלום־עליכמס דראַמען זיינען אַריין אין 11־טן און 12־טן בענדער פון דער דערמאָנטער אויסגאַבע. צום וואָרט "איבערזעצט" איז צוגעקומען דאָס וואָרט "באַאַרבעט". אין די הקדמות צו די דאָזיקע בענדער באַרעכטיקט דער איבערזעצער זיין "באַאַרבעטונג" מיט דער אַבסאָלוטער פרייהייט פון האַנדלונג, וועלכע ער האָט באַקומען פונעם מחבר.

אַ גענויער און קאָנקרעטער פאַרגלייך פונעם יידישן און העברעישן [2] טעקסטן

פון צוויי שלום־עליכמס דראַמאַטישע ווערק — ״דאָס גרויסע געווינס״ (אין דער איבערזעצונג — ״עמך״) און די ״גאָלדגרעבער״ (אין דער איבערזעצונג — ״האוצר״) — וועט אונדז קלאָר באַווייזן, וואָס האָט אין דער פּראַקטיק באַטייט די דאָזיקע ״פרייהייט פון האַנדלונג״.

אין דער קאָמעדיע ״עמך״ האָט בערקאָוויטש קודם־כל געענדערט די עצם האַנדלונג. ווי באַוואוסט האָט שימעלע סאָראָקער אין שלום־עליכמס ״גרויסן געווינס״ טאַקע געוואונען די צוויי הונדערט טויזנט, נאָר ער האָט זיי אינגיכן פאַרלאָרן, ווייל ער האָט כמעט זיין גאַנץ פאַרמעגן פאַרטרויט צוויי אפעריסטן ווינגדאָרטשיק און ראַבינטשיק, וועלכע האָבן אים מיאוס אָפּגענאַרט. בערקאָוויטשן איז אַזאַ מין אַנטוויקלונג פון סוזשעט ניט געפעלן געוואָרן, אים האָט זיך געדאַכט, אַז ״די האַנדלונג ווערט דאָ צעוויקלט אויף אַן אויסערלעכן יסוד, מיט דער הילף פון אַ צופאַל, אין דער צייט, ווען ס׳וואָלט נייטיק געווען איר געבן אַן אינערלעכע דראַמאַטישע אַנטוויקלונג״[8]. האָט ער אַרויסגעוואָרפן די גאַנצע געשיכטע מיט די ״סינעמאַטאָגראַפס״ און אויסגעבויט די האַנדלונג אויף דער באַזע פון שלום־עליכמס באַוואוסטן מאָנאָלאָג ״פינף און זיבעציק טויזנט״.

פון דער דאָזיקער סוזשעטישער ענדערונג האָט די קאָמעדיע ניט נאָר ניט געוואונען, ווי עס האָט זיך געדאַכט דעם איבערזעצער, נאָר פאַרקערט, זי האָט, לויט אונדזער מיינונג, שטאַרק פאַרשפּילט. פאַרלאָרן האָט זי שוין דערמיט, וואָס דאָ ווערט איבערגעחזרט אַ קאָליזיע, וועלכע איז גוט באַקאַנט פון אַן אַנדער ווערק שלום־עליכמס. ווייטער האָט זיך דאָ, אין דער איבערזעצונג, די אַנטוויקלונג פון די געשעענישן באַקומען ווייניקער נאַטירלעך און אַפילו ווייניקער וואָרהאַפטיק. אויף וויפל אין בערקאָוויטשס ״עמך״ איז קיין געווינס בכלל ניט געווען, איז שימעלעס גבירשאַפט ניט מער ווי אַן אילוזאָרישע. ער פירט אַ ברייט נגידיש לעבן אויפן חשבון פון פרעמדע, אַנטליִענע געלטער, וועלכע דאַרפן געדעקט ווערן דורך כלומרשט געוואונענעם ״גרויסן געווינס״ — די גאַנצע סיטואַציע איז צוגעטראַכט, ניט נאַטירלעך. ווייניק וואָרהאַפטיק איז די לייזונג: דעם טעות האָט געהאַט דער באַאַמטער פון באַנק (ביים אויסשרייבן די קוויטאַנציע אויפן פאַרמשכנטן בילעט האָט ער על־פּי טעות אינעם נומער צוגעשריבן אַן איבעריקן נול). ביי שלום־עליכמען אין ״פינף און זיבעציק טויזנט״ האָט אינעם נומער ״אויסגעפונען״ אַן איבעריקן נול אַליין דער אייגנטימער פונעם בילעט, וואָס עס לייגט זיך, נאַטירלעך, מער אויפן שכל.

פאַרשפּילט האָט די קאָמעדיע אין דער איבערזעצונג אויך דערמיט, וואָס, ענדערנדיק די סוזשעטישע אַנטוויקלונג, האָט בערקאָוויטש געמוזט מוותר זיין אויף אייניקע אַמערסטן רייכע מיט קאָמישע עפעקטן־סצענעס, וועלכע זיינען איבערעסאַנט ניט נאָר מיט דעם, וואָס אין זיי זיינען אַרויסגעפירט אַזוינע פיינע קאָמעדיע־געשטאַלטן, ווי אַביגדורטשיק און ראַבינטשיק, נאָר אויך דערמיט, וואָס

אין זיי ווערן אויפגעדעקט אייניקע וויכטיקע שטריכן אין דער כאַראַקטעריסטיק פון דעם הויפּט־געשטאַלט פון דער קאָמעדיע, שימעלע סאָראָקער.

אינעם אָריגינאַל איז שימעלע — אַ ייִד פונעם טיפּ מנחם־מענדל. ער פאַרמאָגט אַ רייכע פאַנטאַזיע און ער איז זיכער אין דער רעאַלקייט פון אַ גרויסן געווינס, ווי מנחם־מענדל אין דער רעאַלקייט פון זיינע רווחים אויף דער בערזע. ער כאַפּט זיך אָן אין דעם ענין פון די ״טרעיאַטערס״ מיט דעם זעלבן ברען, מיט וועלכן מנחם־מענדל כאַפּט זיך צו זיינע ״פּאַפּירן״־ספּעקולאַציעס. שימעלע יאָגט זיך נאָך דעם גרויסן געווינס ניט אַזוי מחמת זשעדנעקייט, ווי צוליב דעם, וואָס עס איז אים גלאַט געפעלן די שפּיל — ס׳איז אין אים דאָ עפּעס קינדישעס, ווי אין מנחם־מענדלען: אים ווילט זיך אויספּרווון דעם טעם פון אַ גביר, כאָטש אויף אַ שטיקל צייט. די באַקומענע רייכקייט ווערט מיט אַ ברייטער האַנט אַוועקגעגעבן אויף רעכטס און אויף לינקס, אויף כלל־ענינים, אַ טייל ווערט אַריינגעלייגט אין דער ״ליוזיאַנע״ וואָס איז קודם כל אַן ענין פון גייסטיקן פאַרגעניגן. אָט די ״שוואַכקייט״ שימעלעס ווערט טאַקע גלענצנדיק אויסגענוצט מצד דעם פּאָרל זשוליקעס — אַביגדורטשיק און ראובינטשיק. די סצענעס אינעם דריטן אַקט, אין וועלכע ס׳ווערט געשילדערט די דאָזיקע העכסט פאַכמענעריש־דורכגעפירטע אָפּעראַציע, געהערן צו שלום־עליכמס בעסטע קאָמישע סצענעס. דאָ איז אַלץ נאַטירלעך און פיין מאָטיווירט. שימעלע און זיין פרוי, עטי־מעני, האָבן באַזוכט די ״ליוזיאַנע״ לכל הפּחות איין מאָל אין דער וואָך. וואָס זשע איז דער חידוש, וואָס איצט, ווען זיי זיינען געוואָרן גבירים, האָבן זיי זיך אַזוי הייס אָנגעכאַפּט אין דעם פּלאַן פון די צוויי אַפּעריסטן? מייסטעריש ווערט געוויזן דער ״היפּנאָז״, וועלכן זיי ווענדן אָן לגבי שימעלען און עטי־מעניך, ווען זיי דעמאָנסטירן דעם שׂכל פון קינאָ און דערווייזן דעם פאַרחידושטן פאָרפאָלק אַז הינטערן ״ליילעך״ איז גאָרניט ניטאָ.ביידע צוהערער זיינען אַזוי פאַרבלענדט פונעם וואונדער, אַז זייערע אָפּנאַרער גיט זיך איין מיט באַזונדערע שוועריקייטן אַרויסצובאַקומען שימעלעס חתימה אויף 15,000 רובל, צו וועלכע זיי שרייבן שפּעטער צו נאָך איין נול.

אויף וויפל דאָס אַלץ גייט אין העברעישן טעקסט לאיבוד, ווערט ניט נאָר פאַראָרעמט דער קאָמעדיע־עלעמענט, נאָר אויך דאָס רייכע, קאָלאָריטפולע שימעלע־געשטאַלט.

ביי שלום־עליכמען איז שימעלע אַ טיפּישער עמך־מענטש. ביי אים איז אַנט־וויקלט דאָס געפיל פון אייגענער ווירדע, ער לאָזט זיך ניט בייגן דעם קאָפּ פאַר די נגידים און ווערט פאַר זיי ניט בטל. ווען קאָלטון, דער פריקאַזטשיק פון די פיינס, שטייט צו אים שטאַרק צו מכוח דירה־געלט, שרייט שימעלע אויס: ״אַזוי! דאָס זענט איר גאָר! ווי באַלד אַזוי, טאָ גייט זשע מיר אין דער ערד אַריין! עמך — אונדזער פאָלק שער און אייזן!״ ער נעמט טאַקע קאָלטונען פאַרן קאָלנער און שליידערט אים אַרויס אויף יענער זייט טיר.

אַנדערש פירט זיך שימעלע ביי בערקאָוויטשן. ער דערלויבט זיך ניט אַזאַ דרייסטקייט, און ווען דאָס דאַזיקע דערלויבט זיך צו טאָן זיין געזעל קאַפּל, שרייט ער אויס דערשיטערט: „ביסט אַראָפּ פון זינען, עמך?!"

שימעלע אין דער איבערזעצונג איז מער הכנעהדיק, מער קנעכט, מער געבייגט צו בייגן דעם קאָפּ פאַר די גבירים.

ביי שלום־עליכמען איז שימעלע געבליבן דער זעלבער „עמך" אויך דאַן, ווען זיין בילעט האָט אויסגעוואונען. הגם דער שרייבער לאַכט פון אים, ווען ער קרוינט זיך מיט דעם נאָמען „סעמיאָן מאַקאַראָוויטש" און פרוווט זיך נאָכמאַכן די „ריס־טעקראַטן", איז שלום־עליכמס געלעכטער אין תוך אַ גוטמוטיקער, ווייל שימעלע איז אין פלוג געבליבן דער זעלבער, געביטן האָט זיך נאָר די אויסערלעכע פאָרם, זיין נאַטור האָט זיך ניט געענדערט. זיין באַציונג צום פּראָסטן עולם, צו די שניידער־יונגן, איז געבליבן אַזאַ ווי פריער, קיין באַזונדערן דרך־ארץ פאַר די גבירים ווייזט ער אויך אים ניט אַרויס. שימעלע ווערט איינגעלאַדן אויף אַ וויזיט צום נגיד אשר פיין, פירט ער זיך אויך אינעם נגידס הויז מיט דער זעלבער פּשטות, ווי ביי זיך אין דער היים. ער זאָגט זיך ניט אָפּ פון דער געלעגנהייט אַ וואָרף צו טאָן אַ שאַרף ווערטל אין אַדרעס פון זיינע רייכע גאַסטגעבער און אַפילו פון געבן זיי אַ קאַפּוליער אַנצוהערעניש, אַז ער איז קליגער ווי זיי.

די סצענע, אין וועלכער ס'ווערט געשילדערט שימעלעס וויזיט אין נגידישן הויז, געהער צו די פיינסטע סאַטירישע בילדער ביי שלום־עליכמען. מיר זעען דעם עושר אין זיין נעסט. דאָ ווערט אַרויסגעבראַכט די קאָלאָריטפולע פיגור פון מאַדאַם פיין מיט איר גבירישער גאווה און פאַראַכטונג צו מענטשן פון נידעריקערן גראַד. די גבירנטע ווערט געוויזן אין דער אַרומרינגלונג פון רייכע דאַמען, וועלכע שאָקלען מיט קאָפּ צו יעדער וואָרט אירן, נאָר אין דער זייט שיטן זיי אויף איר פעך און שוועבל.

אין בערקאָוויטשעס איבערזעצונג איז די דאָזיקע סצענע באַזייטיקט געוואָרן. דאָ קומט אַליין דער נגיד אשר פיין צו גאַסט צום רייך־געוואָרענער שניידער. שימעלע דערשיינט אַזוי אָרום ווי אַ מכניס־אורח, וועלכער פאַרבייגט זיך פאַר די גבירים און שעצט זיך גליקלעך, וואָס זיי האָבן אים באַערט מיט זייער באַזוך. וועגן זיין אייגענעם וויזיט צום נגיד דערציילט שימעלע זיינע געוועזענע שניידער־געזעלן מיט אַ ניט־פאַרבאָרגענער התפּעלות. ער קוויקט זיך ממש מיט דעם גבירס עשירות און רעליקוויעס, מיט דעם כבוד, וואָס מען האָט אים, שימעלען אָפּגעגעבן:

„מיר זיינען נאָר וואָס געקומען — דערציילט שימעלע — פון אַ באַזוך ביי איינעם פון די הויפּט־עסקנים, ביים גביר פיין אין זיין הויז... דו הערסט, מאָטל, דו זאָגסט טאָקע 'בורזשוק', און איך בין דיר מוחל... אָבער וואָלסטו נאָר מיט דיינע אויגן אָנגעקוקט דאָס דאָזיקע גבירישע הויז! מען האָט אונדז דאָרט געוויזן אַ טיש, וואָס האָט זיך ביי זיי פאַרהיט אַזש פון כמעלניצקיס צייטן... ווייטער האָב

איך ביי זיי געזען עפּעס אַ מין ארון־קודש מיט אַ ספר־תורה, וואָס איז צו זיי אַריינגעפאַלן בירושה פון זייערע זיידעס און עלטערזיידעס... וואָס זאָל איך אייך דערציילן? כ'האָב קוים געכאַפּט דעם אָטעם! ס'וואָלט אייך דאַקעגן כדאי געווען צו צוזען, סאַראַ פּיינעם קבלת־פּנים זיי האָבן אָפּגעריכט פון מיין כבוד וועגן...״

אונדז חידושט ניט שימעלעס קעלבערנע התפּעלות, זי איז אָרגאַניש פאַר דעם שימעלען, וועלכן ס'האָט פאַרטראַכט בערקאָוויטש. ניט אומזיסט האָט ער, שימעלע, דאָ, אין דער איבערזעצונג, געהאַלטן אין איין קוקן אויפן זייגער, ווען ווען מען שוין קענען גייען אין באַנק, זיך דערוויסן, צי האָט ניט געוואונען זיין בילעט. ביי בערקאָוויטשעס שימעלען איז דאָס גרויסע געווינס — אַ מאַנקאַליע, אַן איינרעדעניש, אַן אידעע־פיקס. ווען זיין טרוים ווערט פאַרווירקלעכט (ווי ער האָט געמיינט) און ער דערפילט זיך מעשה גביר, קריכט ער ממש פון דער הויט צו ווערן זייערס־גלייכן, נושא חן זיין אין זייערע אויגן. ער סטאַרעט זיך אויף כלערליי אופנים זיך אויספּיינען פאַר די נגידים, לערנען זייערע מידות, לייגט איין די וועלט, אַז דער שידוך מיט דעם נגידס פּלימעניק זאָל צושטאַנד קומען, פילט זיך גליקלעך, וואָס אים גיט זיך איין מיט זיי שליסן שותפות אינעם גרויסן הייזער־געשעפט. ס'איז גאַרניט דער שימעלע, וועלכן מיר קענען פון שלום־עליכמס ״גרויסע געווינס״.

שלום־עליכמס שימעלע קריגט ניט קיין גרויס התפּעלות פון דעם, וואָס ער קען ווערן אַ מחותן מיט די נגידים. די רייכקייט האָט אים ניט פאַרדרייט דעם קאָפּ. ווען פון זיין גאַנץ עשירות האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם, האָט ער זיך פאַרלאָרן נאָר אין דער ערשטער רגע. אים האָט זיך פאַרהעלטניסמעסיק לייכט איינגעגעבן שלום צו מאַכן מיט דעם געשעענעם און גאָר גיך קומען צו זיך. פאַרקערט, ווען ער האָט זיך אַרומגעקוקט נאָך דעם אומדערוואַרטן קלאַפּ, האָט ער זיך דווקא געפילט אַלס זיגער, אַלס איינער, וואָס האָט גובר געווען אַ קלעפּיקע חולאת. עס האָט אים אפילו אָנגעכאַפּט אַ פריידּ, וואָס ער איז ווידער דער זעלבער עמך, וואָס געווען.

די דאָזיקע שטריכן אין שימעלעס כאַראַקטער טרעטן באַזונדערס בולט אַרויס אין די פינאַל־סצענעס פון דריטן און פערטן אַקט. אין די ערשטע מינוטן, ווען שימעלע דערוואוסט זיך, אַז מען האָט אים מיאוס אָפּגענאַרט, אַזוי פרעך באַראַ־בעוועט אין מיטן העלן טאָג, שרייט ער אויס:

— ״געוואַלד! יידן, ראַטעוועט! לויפט! יאָגט! מען האָט מיך באַגנבעט! באַגזלט! בדיל הדל געשטעלט! צוגענומען אינגאַנצן! געמאַכט פאַר אַ קבצן! העלפט מיר! העלפט מיר כאַפּן די גזלנים!״

נאָר קוים האָט שימעלע דערהערט די טרויעריקע בשורה אַז זיין טאָכטער איז פאַרשוואונדן, האָט ער פאַרגעסן אין דעם פאַרלאָרן געגאַנגענעם פאַרמעגן, אין דער באַגאַנגענער עוולה, דאָס אַלץ איז געוואָרן נישטיק און מינדערוועריק אין פאַרגלייך מיט דעם געשעענעם פאַמיליען־אומגליק:

— ״מיין טאָכטער! — שרייט שימעלע — מיין קינד! אַ כפרה דאָס געלט!

אַ כפּרה אַלצדינג פאַר מיין קינד! (כאַפּט אַרויס דעם טייסטער פון זייט־קעשענע, רייסט אַראָפּ פון זיך דעם גאָלדענעם זייגער מיטן קייטל, שרייט צום ווייבל.) עטי־מעני! נעם אַראָפּ! גיב אַהער די פּערל! די אויערינגלעך! די פינגערלעך! דאָס גאַנצע צירונג! יידן! נאָט אייך אָפּ דאָס אַלעס, וואָס איך פאַרמאָג! טוט מיט דעם, וואָס איר ווילט — אַבי העלפט מיר אָפּזוכן מיין טאָכטער! העלפט מיר, העלפט מיר אומקערן מיין קינד!״ (ברעכט אויס מיט אַ געוויין).

אַזאַ איז שלום־עליכמס שימעלע, נאָר אַלס אַזוינעם שטעלן מיר זיך אים פאָר! קיינע רייכקייטן האָבן ניט געקענט פאַריאָגן דאָס טיף־מענטשלעכע, וואָס איז פאַרוואָרצלט אין אים, אין זיין מאָראַליש געזונטער פלעבייִישער נאַטור!

אַנדערש זעט אויס די דאָזיקע סצענע ביי בערקאָוויטשן, ווייל אַן אַנדערער איז שימעלע אין דער איבערזעצונג. ער נעמט אויף די ידיעה וועגן דעם, אַז דער געווינס האָט געפּלאַצט, ווי אַ שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע. פּונקט ווי אַ בליץ האָט אים געטראָפן, ווי די וועלט וואָלט אונטערגעגאַנגען. אַפילו די בשׂורה וועגן דער פאַרשוואונדערנער טאָכטער דערגייט קוים־קוים צו זיין באַוואוסטזיין.

ווען דער בוכהאַלטער פון באַנק דערוויזט שימעלען, אַז פונעם געווינס האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם און ווילט זיך פאַנאַנדער אין דער איבערזעצונג דער פאָלגנדיקער דיאַלאָג:

שימעלע: איך פאַר תיכף ומיד קיין יהופּעץ! גיב מיר מיין בגד, זאָג איך אייך! מענדל!

מענדל: באַלעבאָס, אייער טאָכטער האָט זיך אַנגעטאָן אַ מעשׂה.

שימעלע: אַ רוח אין דיין טאַטנס טאַטע אַריין, דערלאַנגט מיר מיין מאַנטל.

מענדל: זי איז אַנטלאָפן מיט די יונגען.

שימעלע: ווער איז אַנטלאָפן? מיט וועלכע יונגען? וואָס רעדסטו ווי עפּעס אַן אידיאָט?

מענדל: איך הייב ניט אָן צו רעדן ווי אַן אידיאָט. איך דערצייל אייך: אייער טאָכטער איז אַנטלאָפן מיט די צוויי שניידער־יונגען, איך האָב זיך געיאָגט נאָך זיי, האָט זי מיר אַריינגעלייגט אין האַנט אַריין אַן אַסיגנאַציע פון פינף קערבלעך, אָט איז זי.

שימעלע: אַנטלאָפן? פאַרוואָס אַנטלאָפן?

עטי־מעני: מען דאַרף זיי אָניאָגן! מען דאַרף זיי כאַפּן! שנעלער! גיכער! שמעון, וואָס שטייסטו ווי אַ גולם? אונדזער טאָכטער איז פון אונדז אַנטלאָפן! אונדזער טאָכטער! אונדזער קינד!

שימעלע (פאַלט אַנמעכטיק אויפן שטול): אַנטלאָפן... דאָס קינד איז ניטאָ... אַן עק, אַ סוף... אַ וויסטער חלום... (ווישט מיט דעם אַרבל אָפּ דעם שוויים פון פּנים).

נאָך ראַדיקאַלער איז דער אונטערשייד צווישן די פינאַל־סצענעס פון דער קאָמעדיע אינעם אָריגינאַל און אין דער איבערזעצונג.

אין דער פינאַל־סצענע פון שלום־עליכמס „גרויסן געווינס" דערשיינט פאַר אונדז דאָס שימעלע־געשטאַלט אין זיין גאַנצער מענטשלעכער, פאָלקסטימלעכער פּראַכט. ער זאָגט צו די יידן, וואָס זיינען געקומען צו דער חופּה פון זיין טאָכטער:

„ס׳האָט מיך גאָר געשטראָפט דערפאַר, וואָס עס האָט זיך מיר פאַרוואָלט ווערן אַ מיליאָנטשיק... און יחוס האָט זיך מיר פאַרגלוסט... דער קאָפּ האָט זיך מיר פאַרדרייט, איך בין געווען שיכור... עפּעס ווי אָטשאַדעט... איצט איז אַראָפּ דער טשאַד, האָב איך זיך אויסגעניכטערט, זע איך, אַז איך בין געווען אַ נאַר און אַז איך בין ווערט אַ שמיץ... יידן! איר האָט געהערט מן הסתם, אַז אַן אָרעמער שניידער האָט אויסגענומען דאָס גרויסע־געווינס, די צוויי הונדערט טויזנט? דאָס בין איך, שימעלע סאָראָקער איז מיין נאָמען... די צוויי הונדערט טויזנט זיינען אויסגערונען, אַוועק מיטן ווינט און מיטן רויך, און שימעלע איז צוריק דער זעלבער עמך, וואָס געווען... איצט איז ביי מיר אַ שמחה, אַ יום־טוב — מיין טאָכטער האָט חתונה געהאַט למזל — וואו איז דער לעקאַך און בראָנפן? לאָמיר זיך נעמען צו קאָפּלעך משקה. לחיים פאַר אונדזער פאָלק, שער און אייזן — עמך! — — —"

שימעלע פאַרקאָטשעט די פּאָלעס און טאַנצט אַ שטורמישן „פריילעכס". דער עולם טאַנצט מיט און פּליסקעט צו מיט די הענט. ס׳איז טאַקע באמת אַ גרויסע שמחה! שימעלע איז אַריין אין עקסטאַז, זיין פרייד גייט פון פולן האַרצן, ווייל ער פייערט ניט נאָר די חתונה פון זיין טאָכטער, וועלכע גייט אַרויס פאַר איר גלייכן, אַן עמך־מענטש, ווי ער, נאָר אויך דעם נצחון איבער זיך אַליין, איבער זיינע חלומות און אילוזיעס. ס׳איז אַ שמחה פון באַפרייען זיך פונעם „טשאַד", פון דער פאַר־בלענדעניש, וואָס האָט אים געהאַלטן אין קלעם, פון אומקערן זיך צו זיך אַליין, פון ווערן „צוריק דער אייגענער ׳עמך׳, וואָס געווען".

ביי בערקאָוויטשן איז שימעלעס פרייד אַ געצוימטע, זיין ליד איז אַ דער־וואָרגענע, זיין „לחיים" — אַ דערשטיקטער. אין שימעלעס לעצטע ווערטער הערט זיך אַ טיפער ווייטיק פאַר די בטל־געוואָרענע אילוזיעס, פאַר די רייכקייטן וועלכע זיינען אויסגערונען, נאָך איידער זיי זיינען געקומען, אַ ווייטיק וואָס ווערט געטרייסט מיט דער האָפענונג, אַז ס׳איז נאָך ניט אַלץ פאַרלאָרן: דער בילעט פאַרבלייבט אין בוזעם־קעשענע און מען וועט נאָך קענען אויך אויף ווייטער חלומען פון אַ גרויסן געווינס...

אַזוי אַרום האָט דער איבערזעצער געענדערט ניט נאָר דעם כאַראַקטער פון דעם שימעלע־געשטאַלט, עס האָט זיך געביטן דער עצם פאַרטראַכט, דעם שרייבערס מיין, די כוונה פונעם ווערק.

אויך אַנדערע געשטאַלטן האָבן דורכגעמאַכט ענלעכע גלגולים אין דער איבער־זעצונג. צום ביישפּיל, עטי־מעני. אין אָריגינאַל איז עטי־מעני גראָדע דאָס יעניקע

געשטאַלט, וואָס ווערט פונעם שרייבער אַמערסטן אויסגעלאַכט. אויב שימעלע גיט זיך איין, ביי זיין גאַנצער פאַרבלענדעניש פון ווערן אַ גביר, אָפּצוהיטן די פּשטות און מאָראַלישע געזונטהייט פון אַן עמך־מענטש, געשעט מיט עטי־מעניין פונקט דאָס פאַרקערטע. אין דעם פּרט איז זי אַן אַנטיפּאָד צו שימעלע סאָראָקער. שימעלען, צום ביישפּיל, פייניקט דאָס גאָרניט טאָן: ״איך ווער שיער ניט משוגע. איך זאָל האָבן עפּעס אַ טועכץ, געוויינט געוואָרן אַרבעטן — עמך!״ עטי־מעניין געפעלט דווקא די ״מלאכה״ פון גאָרניט ניט טאָן, פון גייען יעדער נאַכט אין דער ״ליוזיאַנע״, פון קאָמאַנדעווען מיט יוכבד, די מויד, און מענדל דעם לאָקיי. שימעלע איז גרייט אָוועקצוגעבן דאָס געלט יעדער, וואָס נייטיקט זיך; די אויפגעקומענע גבירנטע ערנעסטינע יעפּימאָוונע טרייסלט זיך אויף יעדער קאָפּיקע: ווען זי שיקט יוכבד די מויד אין קעלער נאָך איינגעמאַכטס, באַפוילט זי מענדל, דעם לאָקיי, ער זאָל אַכטונג געבן, ״זי זאָל זיך ניט כאַפּן צו שטאַרק, ווי אַ הונגעריקע קאַץ צו דער סמעטענע״. שימעלע ווערגט זיך אינעם נייעם העמד, אים איז ניט צום האַרצן דער צילינדער, וועלכן עטי־מעני צווינגט אים אָנטאָן אויפן קאָפּ, בעת זיי קלייבן זיך אויף אַ וויזיט צו די פיינס; עטי־מעני סטאַרעט זיך אויסצופּוצן ״מאָדנע מיט אַלע פאַרבן פון רעגנבויגן״, ווי עס פּאַסט פאַר אַ ״ריסטאָקראַטקע״. שימעלע פאַרגעסט ניט זיינע געוועזענע שניידער־געזעלן און אָרדנט זיי איין דעם שענסטן קבלת־פּנים; עטי־מעני שעמט זיך, וואָס פּראָסטע שניידער־יונגען באַטרעטן איר שוועל, און אויף אַ דעליקאַטן אופן שרייבט זי זיי פּשוט אַרויס. שימעלע איז פון האַרצן צופרידן, וואָס זיין טאָכטער, ביילקע, האָט גענומען איר גליקן; עטי־מעני זעצט פאַר צו בלאָזן פון זיך אַ ״ריסטאָקראַטקע״ און איז מרעיש־עולמות, הלמאי איר טאָכטער האָט חתונה פאַר אַ שניידער־יונג.

אין העברעישן טעקסט איז אַלץ קאַפּויער. שימעלע איז פאַרשיכורט פון דער עשירות, עטי־מעני איז צו דעם גלייכגילטיק. שימעלע פאַרנייגט זיך פאַר די גבירים, עטי־מעני האָט זיי פיינט, שׂנאת מוות. שימעלע איז פאַרכאַפּט פונעם מעגלעכן שידוך צווישן זיין טאָכטער און אשר פיינס פּלעמעניק סאָלאָמאָן (אין אָריגינאַל איז סאָלאָמאָן אשר פיינס זון), עטי־מעני דאַקעגן וויל ניט דעם שידוך, ווייל דער חתן איז אַן ״אַלטער כאָלאָסטיאַק״ און ״ליידט פון ראַומאַטיזם״. שימעלע האַלט פאַר אַ גרויסער ערע וואָס אַליין דער נגיד קלייבט זיך צו אים אויף אַ וויזיט, עטי־מעני איז שטאַרק ניט צופרידן פונעם פאַרשטייענדיקן באַזוך פון די גבירים אין איר הויז. שימעלע איז פאַרקאָכט פון דער שותפות מיט די פיינס אינעם הייזער־געשעפט (בערקאָוויטש האָט אָנשטאָט די ״סינעמאַטאָגראַפס״ אויסגעטראַכט אַ געשעפט מיט דירות און האָט פאַרוואַנדלט שימעלען אין אַ מין ״בורזשואַזן פילאַנטראָפּ״, וועלכער וויל בחצי־חינם פאַרדינגען דירות אָרעמעלייט), עטי־מעני איז קעגן דער שותפות מיט די פיינס. די אויפגעקומענע גבירנטע ערנעסטינע יעפּימאָוונע איז אין דער איבער־זעצונג די זעלבע עטי־מעני, וואָס געווען. די רייכקייט האָט זיך צו איר ניט צו־

געקלעפּט. זי טרייבט ניט פון שטוב די געוועזענע שניידער־געזעלן, זי קאָמאַנדעוועט ניט מיט די דינסטן (די דאָזיקע מיסיע פּילט אויס ביי בערקאָוויטשן ״פּערל די קעכין״), זי בלאָזט ניט פון זיך און פירט זיך אויף ווי אַ שטיל טייבעלע — די פּילפּאַרביקע, קאָלאָריטפולע פיגור פון שלום עליכמס עטי־מעני האָט זיך אין דער איבערזעצונג באַקומען בלאַס און איינטאָניק.

אויך ביילקע איז אין העברעישן טעקסט ניט די, וואָס אין אָריגינאַל. ביי שלום־עליכמען איז ביילקע אַ טיפּיש געשטאַלט פון אַ יונגער העלדן, וועלכע קעמפט פאַר איר ליבע און גליק, אַ טראַדיציאָנעל געשטאַלט פון דער קלאַסישער קאָמעדיע. זי איז לעבנס־לוסטיק, פריידפול, אַקטיוו, זעלבשטענדיק, פאַרמאָגט גענוג מוט און זעלבסטווירדע, כדי צו קענען פאַרטיידיקן אירע אינטערעסן. איר איז אָנגענעם וואָס ביידע שניידער־יונגען שלאָגן זיך פאַר איר האַנט, אָבער אַז ס׳קומט די מינוט ווען ס׳דאַרף געמאַכט ווערן דער אויסוואַל, שטעלט זי זיך ניט אָפּ פאַר אַ כיטרען גאַנג, בכדי דאָס קניפּל זאָל אַרויסציען טאַקע דער, וואָס איז איר ליב. זייענדיק אַן איבערגעגעבענע, געהאָרכזאַמע טאָכטער, וואָס ווייסט פון ״כיבוד אב ואם״, לאָזט זיך ביילקע ניט שפּייען אין פּנים, ווען אירע עלטערן שטעלן זיך אויף דעם וועג פון איר גליק. זי געפינט ביי זיך גענוג מוט ניט צו דערלאָזן דעם שידוך, וועלכער איז איר ניט צום האַרצן. זי אַנטשליסט זיך אַנטלויפן פון דער היים, איינרייסן מיט טאַטע־מאַמע, אָנלערנען זיי פאַר דער לייכטקייט, מיט וועלכער זיי שפּילן מיט איר גורל און גליק.

ביילקע אין העברעישן טעקסט דערמאָנט מער אַ העלדן פון אַ מעלאָדראַמע. עס האָט זיך פון איר אָפּגעטאָן די לעבנסלוסט, מיט וועלכער ס׳האָט זי באַשאָנקען שלום־עליכם. מען הערט זי דאָ זעלטן לאַכן, פיל אָפטער הערט מען אירע זיפצן און קרעכצן. זי האַלט דאָ אין איין וויינען און קלאָגן אויף די שטענדיקע פאַר־פאַלגונגען מצד די רייכע פרעטענדענטן אויף איר האַנט. ביי איר קלעקט ניט קיין מוט ווידערצושפּעניקן דעם ווילן פון אירע עלטערן. דער געדאַנק וועגן אַנטלויפן פון דער היים פאַלט איר אַפילו אין קאָפּ ניט אַריין, און ווען די שניידער־יונגען לייגן איר פאָר דעם דאָזיקן פּלאַן, נעמט זי אים ניט גערן אָן.

שלום־עליכמס קאָמעדיע ״דאָס גרויסע געווינס״ צייכנט זיך אויס מיט איר דינאַמישקייט. דער דיאַלאָג איז דאָ געפּרעסט, לאַקאָניש. מיט צוויי־דריי שטריכן ווערט דורך דעם דיאַלאָג כאַראַקטעריזירט דאָס אָדער יענץ געשטאַלט, אַפילו אַן עפּיזאָדיש. אין דער איבערזעצונג גייט אָפּ די שלום־עליכמישע אייגנשאַפט לאיבוד. די העלדן רעדן דאָ מער, דער דיאַלאָג איז ערטערווייז שטאַרק צעצויגן. אייניקע געשטאַלטן, וועלכע זיינען ביי שלום־עליכמען עפּיזאָדישע, זיינען ביי בערקאָוויטשן געוואָרן כמעט הויפּט־פיגורן. צום ביישפּיל, ״פּערל די מיטניטשקע״ דערשיינט ביי שלום־עליכמען בלויז אינעם ערשטן אַקט, נאָר ס׳איז אונדז גענוג אויסצוהערן דאָס ביסל ״ניין מאָס רייד״, מיט וועלכע זי באַשיט אונדז, מיר זאָלן קריגן אַ פולע

פֿאַרשטעלונג וועגן איר. ביי בערקאָוויטשן ווערט זי „דערהויבן" צו איינער פֿון די פּירנדיקע געשטאַלטן אין דער פּיעסע. פֿונעם צווייטן אַקט ווערט זי מגולגל אין „פּערל די קעכין" וועלכע נעמט אין אירע הענט אַריין די „אָנפֿירונג" אינעם הויז פֿונעם רייך־געוואָרענעם שניידער. אין אַלע פֿיר אַקטן דערשיינט זי ווי די דעה־זאָגעריך, וואָס מישט זיך אין אַלע געשעפֿטן, זאָגט אַרויס „קלוגע געדאַנקען", גיט „קלוגע עצות", קאָמאַנדעוועט מיט די דינסטן און פֿירט לאַנגווייליקע געשפּרעכן כמעט מיט אַלע פּערזאָנען אין דער פּיעסע. ענלעכס איז געשען אין העברעישן טעקסט מיט אַזאַ עפּיזאָדיש געשטאַלט, ווי קאַלטון. ביי בערקאָוויטשן פֿירט ער דאָס גאַנצע רעדל. ער פֿאַרפֿאָלגט מיט זיין ליבעביילקען, און שפּעטער, ווען סאַלאָמאָן פּיין שדכנט זיך צו איר, לייגט קאַלטון איין די וועלט, אַז דער שידוך זאָל צושטאַנד קומען. קאַלטון טרעט דאָ אַרויס אַלס פֿאַרטרעטער פֿון די אינטערעסן פֿון די גבירים, און, צונויפֿשטויסנדיק אים מיט דעם שניידער־פֿאָלק, באַמיט זיך דער איבערזעצער אַריינצוטראָגן אין דער פּיעסע אַ מאָדערנעם ניואַנס פֿון אַ פֿאַרשאַרפֿטן „סאָציאַלן קאָנפֿליקט". דער „קאָנפֿליקט" איז אָבער אַ קינסטלעכער, אַ געמאַכטער. די „פֿיינטלעכע" צדדים וואַרפֿן זיך איבער מיט זידל־ווערטער. קאַלטון שיט פֿעך און שוועבל אויף די „שניידערוקעס", זיי דראָען אים, אַז זיי וועלן אים „אויסקנייפּן אַלע באָקן" און „ברעכן די ביינער". די שניידער־יונגען זשאָנגלירן מיט די ווערטער „בורזשוק", „פּראָלעטאַריער", „קלאַסנקאַמף", אַפֿילו ווען זיי דערקלערן זיך אין ליבע. אָט ווי, צום ביישפּיל, מאָטל דערוויזט קאָפּלען, אַז ביידן איז זיי נייטיק געמיינזאַם צו קעמפֿן פֿאַר ביילקעס האַנט:

„מיר דאַרפֿן מלחמה האַלטן, ברודער מיינער. זיי ווייסן, אַז עס גייט אַ קריג צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל. ווייסט, וואָס עס איז מיר געקומען אויפֿן געדאַנק? לאָמיר זיך פֿאַראייניקן! ווי זאָגט מען ביי אונדז: פּראָלעטאַריער פֿון אַלע לענדער, פֿאַראייניקט זיך!"

אָדער צווישן מאָטלען און ביילקען קומט פֿאָר, אַשטייגער אַזאַ מין דיאַלאָג:

מאָטל: אויב דער בילעט וועט געווינען, וועט עס זיין דיר אויף נדן?

ביילקע (שמייכלט): איז וואָס זשע האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן? דיך פֿאַרדריסט עס...

מאָטל: חלילה... אויב ס'וועט געשען, וועט דאָך ר' שמעון פֿלוצעם נתעלה ווערן און וועט ווערן אַ בורזשוק.

ביילקע: דו ווייסט נאָר איינס — בורזשוק!

מאָטל: וואָס בין איך שולדיק, אַז דו קלייבסט זיך ניט פֿאַנאַנדער און פֿאַרשטייסט ניט, וואָס באַטייט קלאַסנקאַמף..."

אַזעלכע מיני דיאַלאָגן קלינגען לעכערלעך און מאַכן דעם איינדרוק פֿון אַ מין פּאַראָדיע... זיי זיינען פֿרעמד דעם גייסט און דעם כאַראַקטער פֿון שלום־עליכמס קאָמעדיע. שלום־עליכם האָט זיך ניט געניייטיקט אין סאָציאַלער פּראָ־

זעאָלאָגיע. די שאַרפֿע סאַטירישע שילדערונג פֿון די גבֿירים, דער פֿאָלקסטימלעכער געלעכטער לגבי די אויפֿגעקומענע עשירים, פֿאַרהערלעכונג פֿונעם עמך־מענטש, פֿונעם האַרעפֿאַשנעם פֿאָלק בכלל — דאָס אַלץ איז געווען געגנוג, אַז די קאָמעדיע "דאָס גרויסע געווינס" זאָל מיט רעכט זיך קונה שם זיין אַלס אַ ווערק, וואָס איז סאָציאַל פֿאַרשאַרפֿט און עכט דעמאָקראַטיש.

שלום־עליכמס "דאָס גרויסע געווינס" איז אַ שפּיל, וואָס שפּרודלט מיט הומאָר, מיט קאָמישער האַנדלונג, מיט שאַרפֿזיניקן דיאַלאָג, מיט פֿיינעם וואָרט־מאַטעריאַל, מיט עכטער פֿאָלקסטימלעכקייט, אַ "פֿאָלקס שפּיל" (אַזוי האָט די פּיעסע אָנגערופֿן אַליין דער מחבר), וואָס איז פֿולשטענדיק אויסגעהאַלטן אינעם נוסח פֿון דער קלאַ־סישער קאָמעדיע.

לײדער, קען דאָס זעלבע ניט געזאָגט ווערן אין באַצוג צו בערקאָוויטשעס "עמך".

ניט ווייניקער פֿריי איז זיך י. ד. בערקאָוויטש באַגאַנגען מיט שלום־עליכמס קאָמעדיע "די גאָלדגרעבער".

אין יידישן טעקסט הייבט זיך אָן די האַנדלונג פֿון לוי מאַזגאַוואַיערס דער־ציילונג וועגן דעם, אַז דער גראַף האָט פֿאַרשפּילט זיין גאַנץ פֿאַרמעגן אין קאָרטן, און ס'איז דאָ אַ געפֿאַר, אַז ער קלייבט זיך פֿאַרקויפֿן דאָס שטעטל דער "קאַזנאַ". לויס צוהערער זיינען די שטעטלדיקע אָרעמעלייט, קרעמער און קרעמערקעס, וועלכע קוקן שוין דעם דריטן טאָג אַרויס אויף אַ קונה. צווישן זיי טיילן זיך אויס דער "ליטוואַק" לאַקירדע, וואָס איז זיך אין אַלץ מסופּק און קומט שטענדיק אַרויס מיט זיין "פֿון וואַנעט איז דאָס געדרונגען?"; אַ ייד אַ לעמעקשע — די "באָרד", וואָס באַקומט צו, ווען לוי זאָגט עפּעס, אַ נעבעך־ייד "ניסל דערבאַרמיקער", וועלכער פֿאַרקערפּערט מיט זיך דעם גאַנצן דלות און די הילפֿלאָזיקייט פֿון דער שטעטלדיקער אָרעמשאַפֿט. עטלעכע ווייבער, וואָס הערן זיך צו צום געשפּרעך, וואָרפֿן זיך איבער מיט ווערטער וועגן דער נויט און דחקות, וואָס הערשט אַרום און אַרום.

אַזוי, מיט קנאַפּע, לאַקאָנישע מיטלען, ווי דער שטייגער ביי שלום־עליכמען, ווערט איבערגעגעבן די אַטמאָספֿער, אין וועלכער ס'האָט געלעבט אַן אָפּגעשטאַנען, פּאַטריאַרכאַל שטעטל אין פּוילן אין די אַכציקער יאָרן.

אויף דעם דאָזיקן זאַפֿטיקן סאָציאַלן הינטערגרונט קומט נאַטירלעך און אָרגאַניש אַרויס לוי מאַזגאַוואַיערס דערציילונג וועגן דעם חלום זיינעם, וועלכער ווערט פֿון די אַרומיקע אויסגעהערט מיט פֿאַרטייטן אָטעם. שלום־עליכם האָט דאָ מייסטעריש פֿאַרקערפּערט דעם דורות־לאַנגן טרוים פֿון דער אָרעמשאַפֿט וועגן אַ בעסער לעבן, אירע נאַאיווע האָפֿענונגען אויף אַ "נס", אויף אַן "אוצר", וועלכע דאַרפֿן זי אַרויס־ראַטעווען פֿון נויט און פּיין.

לוי מאַזגאַוואַיער — דער הויפּט־העלד פֿון דער קאָמעדיע — איז געוויזן ווי

אַ פּראָדוקט פון דער סביבה, וואָס איז מיט הויט און פליישׁ איינגעוואַקסן אין איר מיסטיק באָדן. דער דאָזיקער "שיינער ייד", וואָס האַלט זיך פאַר אַ "לאַנד־חכם", איז אַן אומצעררייסבאַר טייל פון דער אָרעמשאַפט, פון דער קליינשטעטלדיקער מאַסע. אין אים זיינען בולט געקומען צום אויסדרוק סיי איר אָפּגעשטאַנענקייט און נאַיווקייט, סיי אירע טרוימען און חלומות. אין דעם דאָזיקן געשטאַלט האָט שלום־עליכם אַקצענטירט די דורותדיקע צוגעבונדקייט פונעם קליינשטעטלדיקן תּושב צו די אַלטע טראַדיציעס און זיטן, די פאַר אים כאַראַקטעריסטישע איינגע־שפּאַרטע קאָנסערוואַטיווקייט פון געדאַנק און השגה.

לוי מאַזגאַוואַיערס ווייב בת־שבע, איז געשילדערט ווי אַ דערשלאָגענע פּרוי, וועלכע פילט זיך פאַרפליכטעט טריי אויסצופילן אַלע קאַפּריזן פון איר מאַן, אַפילו ווען זי ווייסט גוט, אַז זיי זיינען ניט מער ווי אַ "משוגעת". אויך אסתר ווערט געמאָלט ווי אַ געהאַרכזאַמע טאָכטער, וועלכע איז דערצויגן אין די שטרענגע טראַדיציאָנעלע פאַמיליען־נאָרמעס. דעם טאַטנס ווילן איז פאַר איר אַ באַפעל, קעגן וועלכן מען קען ניט שטרייטן. די "גזירה" צו ווערן אַ ווייב פון יידל דעם חלפן, וועלכער איז צוויי מאָל עלטער פון איר, ווערט פון איר אויסגעפאַסט ווי אַן אומ־פאַרמיידלעכע זאַך, פון וועלכער מען קען זיך ראַטעווען נאָר דורך "נעמען זיך דאָס לעבן".

די פּאַטריאַכאַלקייט פונעם שטעטלדיקן לעבנס־שטייגער ווערט אונטערגע־שטראָכן מיט דעם געשטאַלט פונעם רב, אַן וועלכן ס׳ווערט גאָרניט געטאָן און צו וועמנס עצות מען ווענדט זיך אין אַלע שווערע מאָמענטן אין לעבן.

שלום־עליכם באַווייזט איבערצייגנדיק, אַז טאַקע נאָר אין אַזאַ מין אַטמאָספער האָט געקענט געבאָרן ווערן דער חלום וועגן "אוצר", וועלכער האָט באַקומען דעם כאַראַקטער פון אַ קאָשמאַר־פולן פּסיכאָז, וואָס האָט באַהערשט דאָס גאַנצע שטעטל פון קליין ביז גרויס.

בערקאָוויטש האָט "מאָדערניזירט" דאָס שלום־עליכמישע שטעטל. ער האָט עס איבערגערוקט אין צייט און רוים. אַנשטאָט אַ פּויליש שטעטל אין די אַכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט איז ביי אים אויפגעקומען כתּרילעווקע בערך אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט. דער איבערזעצער האָט אַראָפּגענומען פון שלום־עליכמס העלדן זייער פּאַטריאַרכאַלן לבוש, שוואַך געמאַכט די פּאַרטיאַרכאַלע נאַיווקייט, וואָס האָט געבילדעט דעם באָדן פאַר פוסטע חלומות. במילא האָט זיך די פאַר־בלענדעניש מיטן אוצר באַקומען אין דער איבערזעצונג ווייניקער נאַטירלעך, ווי אין אָריגינאַל.

קודם כל האָט בערקאָוויטש באַזייטיקט די קאָלאָריטע געשטאַלטן פון לאַקירדען, פון דער "באָרד", פון דעם דערבאַרעמדיקן וכדומה און אַנשטאָט זיי אַריינגעפירט אין דער קאָמעדיע אַ ריי געשטאַלטן, וועלכע ער האָט אַנטליען פון אַנדערע שלום־עליכמס ווערק: לייזער־וואָלף דעם קצב, שמעון־ אלי שמע קולנו, שלום דעם שדכן

או״אַ. אונדז איז שווער צו דערקלערן, צוליב וואָס איז דעם איבערזעצער נייטיק געווען אָנצוקומען צו אַזאַ מיט גאָרניט באַרעכטיקטער געשטאַלטן־דובלירונג.

אויף וויפל די געשעענישן זיינען נענטער צו אונדזער צייט, האָט זיך דער איבערזעצער באַמיט צו פאַרשאַרפן די סאָציאַלע קאָליזיעס. די האַנדלונג הייבט זיך אָן פון אַ ״בונט״, עפּעס פון אַ מין ״פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע״ פון דער שטעטל־דיקער אָרעמשאַפט. זי האָט זיך ״פאַרבאַריקאַדירט״ אין לוי מאַזגאַוואַיערס הויז און וואַרט ביז ער וועט אַריינקומען. זי איז געקומען פאָדערן אַ חלק אינעם אוצר, ווייל זי איז אים חושד, אַז ער, צוזאַמען מיט דעם פּריץ וולאָצלאַווסקין און דעם גאָראָדאָוואָי האַלאַוועשקע, קלייבט זיך צוטייגענען דעם גאַנצן אוצר. אַ ביסל שפּעטער וועט דער זעלבער עולם ״אַטאַקירן״ אויך יידל דעם חלפן. מיט די סאָציאַלע ״בונטן״ פירט אַן לייזער־וואָלף דער קצב, וועלכער איז אַראָפּגעקומען פון די זייטלעך פון ״טביה דעם מילכיקן״, און איז דאָ מגולגל געוואָרן אין אַן ״אַטאַמאַן פון די שניידער און קצבים״, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן אַלע ווי איינער אין קאַמף מיט די ״זיידענע יידעלעך״, די ״פּעטע בייכער״.

צוגלייך מיטן פאַרוואַנדלען לוי מאַזגאַוואַיערן אין אַ גביר, וואָס געפינט זיך אין קריגס־צושטאַנד מיט דעם גאַנצן שטעטל, זיינען אין דער איבערזעצונג געענ־דערט געוואָרן אויך די געשטאַלטן פון בת־שבע און אסתר.

ביי בערקאָוויטשן איז בת־שבע ווייניקער דערשלאָגן, ווי בײַ שלום־עליכמען. זי דערלויבט זיך ווידערשפּעניקן דעם מאַן, קעגנשטעלן זיך זיין ווילן. אסתר איז אין דער איבערזעצונג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אויפגעקלערט מיידל, וועלכע לאַכט זיך אויס פון די רעליגיעזע פאַראורטיילן (צום ביישפּיל, די געשריבענע תנאים), זי נעמט זיך אַפילו צו זאָגן מוסר דעם אָפּגעשטאַנענעם עולם.

אויך בעני איז ניט דער זעלבער, וואָס אינעם אָריגינאַל. שלום־עליכם ריכטעט די איראָניע ניט אַזוי צו בנין, ווי צו אַמעריקע, וועלכע דער זעלבסט־צופרידענער אַלרייטניק בעני ״פאַרטרעט״ אין דער קאָמעדיע.

בעני : ביי אונדז איז דאָ אַ וואָרט ״העלפּ יור סעלף״.

מאַזגאַוואַיער : וואָס הייסט דאָס אויף אונדזער מענטשלעכן לשון ?

בעני : דאָס הייסט יעדער פאַר זיך ; איטלעכער זאָל העלפן זיך אַליין.

מאַזגאַוואַיער (צעלאַכט זיך ברייט צו בת־שבען) : ״וואָס זאָגסטו אויף דיין פלע־מעניק ? אַ נייעס ביי אים, געבראַכט אַזש פון אַמעריקע ! (צו בענין) נעם עפּן אויף דעם פּרק, וועסטו זעען וואָס אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט : אם אין אני לי — ווען ניט איך פאַר מיר, מי לי — ווער זשע פאַר מיר ?״

אין העברעיִשן טעקסט לאָזט זיך די איראָניע ווייניקער פילן. פאַרקערט, ערטערווייז הערן זיך געוויסע טענער פון אַפּאָלאָגעטיק.

בעני דערשיינט אַלס דער ״רייכער פעטער״ פון אַמעריקע, וועלכער דע־מאָנסטרירט פאַר די כתרילעווקער קבצנים די ניסים פונעם אַמעריקאַנער ״גן עדן״.

די דאָזיקע טענדענץ לאָזט זיך באַזונדערס דייטלעך מערקן אינעם פינאַל פון דער איבערזעצונג, וועלכער שיידט זיך ראַדיקאַל אונטער פונעם אָריגינאַל.

דער פינאַל אין שלום־עליכמס "גאָלדגרעבער" איז אין תוך אַ טרויעריקער. לאָמיר זיך דערמאָנען:

...יידל טאָרבע: וואָסער אוצר? איר האָט שוין אַן אוצר? גייט זעט, וואָס אויפן אַלטן בית־עולם טוט זיך! באַלאַגער פון אַלע פיר זייטן!... דער פריץ... דער גראַף איז געקומען צו פאָרן... אַ פּנים געמסרט... אַ פולער בית־עולם מיט פּאָלאַקן... וולאַצלאַווסקי איז אויך דאָרטן... מען גראָבט... מען זוכט דעם אוצר!

(די ידיעה מאַכט אַן אַ רעש. דער גאַנצער עולם בלייבט אַזוי ווי געליימט. קיינער קען זיך ניט רירן פון אָרט, קיינער קען קיין וואָרט אויסרעדן, אויסער אייזיק לוי מאַזגאַוואַיער, וואָס צינדט זיך אָן ווי אַ ליכט).

מאַזגאַוואַיער: יידן! האָב איך ניט געוואוסט, אַז דאָס וועט זיין דער סוף, זאָל איך ניט אַוועק גייען פון דעם אָרט! (צום ווייב) בת־שבע... וואָס האָב איך דיר געזאָגט! אוי מיינע חלומות... רבי, גיט עפּעס אַן עצה — וואָס טוט מען? וואוהין גייט מען, וואוהין לויפט מען? (די מאַנצבילן זיפצן, ווייבער ברעכן די הענט און וויינען).

די געפאַר, וואָס לויערט אויף דעם שטעטל, איז געוואָרן ממשותדיקער, דער ווילקיר פון די פּריצים און גראַפן נאָך גרויזאַמער, די נויט און דחקות זיינען געוואָרן נאָך מער אומדערטרעגלעך, ווייל ס'האָט געפּלאַצט אויך די לעצטע טרייסט, די האָפענונג אויף אַ נס, דער חלום פון אַן אוצר...

ביי בערקאָוויטשן איז דער פינאַל געגעבן לויט דעם פּרינציפּ "סוף גוט — אַלץ גוט". ער האָט דער פּיעסע געגעבן אַ גליקלעכע ענדע. דער אַמעריקאַנער "פילאַנטראָפּ", בעני, שענקט דעם שטעטל אַ גרויסע סומע געלט, וועלכע דאַרף פאַרבייטן דעם געטרוימטן אוצר. אַ דאַנק זיינער אַ טעלעגראַם צום גראַף ווערט בטל די געפאַר פון אַראָפּטראָגן דעם בית־הקברות. דער "גרויסמוטיקער גראַף" שיקט אַריין אין שטעטל אַן ענטפער־דעפּעש פון פאָלגנדיקן אינהאַלט: "דאָס, וואָס עס האָבן מיינע זיידעס געשענקט אייערע זיידעס אַלס מתנה, וועל איך ביי אייך צוריק ניט אַוועק נעמען". טאַקע גאָר ווי אין די מעשהלעך פון די "גוטע גראַפן". די כתרילעווקער קבצנים, בראש מיט לייזער־וואָלפן, דריקן די האַנט און דאַנקען דעם אַמעריקאַנער בעל־טובה פאַר זיין גרויסער גענאַד לטובת דעם שטעטל. דער עולם זעצט זיך צום טיש, און מען מאַכט אַ כוסע לכבוד דער "דרייענדיקער שמחה". לוי מאַזגאַוואַיער האַלט דערביי פאָלגנדיקע פלאַמיקע רעדע:

"טאַקע באמת אַ דרייענדיקע שמחה איז דאָ ביי אונדז! דען אויסער דעם, וואָס גאָט ברוך־הוא האָט צוגעשיקט מיין טאָכטער איר באַשערטן, און אויסער דעם, וואָס

אונדזער בית־הקברות איז באַפֿרייט געוואָרן פֿון פֿרעמדע הענט, איז דאָך אויך דער אוצר היינט אויסגעלייזט געוואָרן און געפֿינט זיך פֿון איצט אָן און אויף להבא פֿולשטענדיק אין אונדזער רשות. ווען מיר אים זוכן, וועלן מיר אויף אים האָפֿן... האָ בעני, בן זלאַטע, וואָס מען רופֿט אים בענדזשעמין בען! דו שמייכלסט דאָרט אונטער פֿאַר זיך, מיין אַמעריקאַנער למד־וואָווניק? טאָ זיי וויסן, אַז איך לאַך פֿון דיר און דיין אַמעריקע אינגאַנצן געגנומען! און ווייסטו פֿאַרוואָס? ווייל אונדזער גורל איז בעסער פֿון אייערן! איר האָט שוין דאָרטן געפֿונען אַלץ, וואָס אייער האַרץ גלוסט, איר זייט שוין זאַט ביזן האַלדז פֿון פֿילע אוצרות אייערע. אונדז, אָבער, דאָ שטייט נאָך פֿאַר צו זוכן אונדזער אוצר, אונדזערע אויגן ציען זיך נאָך גיריק צו אים, און געגלויבט איז, בעני, דער וואָס וואַרט, געגלויבט איז דער, וואָס האָפֿט און לעבט מיט דעם גלויבן זיינעם..."

ס'איז קיין צווייפֿל ניט, אַז דער צוגעטראַכטער אָפּטימיסטישער פֿינאַל האָט ראַדיקאַל געביטן די עצם טענדענץ פֿון שלום־עליכמס ווערק.

דער איבערזעצונג פֿעלט די כאַראַקטעריסטישע פֿאַר שלום־עליכמס קאָמעדיע דינאַמישקייט. די אַקטן זיינען דאָ לאַנג און צעצויגן. די דיאַלאָגן האָבן זיך שטאַרק צעוואַקסן און דרייען זיך אָפֿט אַרום פֿוסטע ענינים, וואָס האָבן ניט קיין דירעקטע שייכות צו דער האַנדלונג. עס זיינען צוגעקומען געשטאַלטן, וועלכע זיינען פּשוט געזעצט, איבעריק, זיי טראָגן ניט קיין שום אַנלאַדונג. צום ביישפּיל, שמעון־אלי שמע־קולינו, וואָס דערעסט אַלעמען מיט זיינע געשיכטעס וועגן די פֿון אים איינ־געהאַנדלטע ציגן, געשיכטעס, וואָס זיינען געוועזן אויפֿן אָרט אינעם "פֿאַרכישופֿטן שניידער", נאָר דאָ זיינען זיי, ווי מען זאָגט אין רוסיש "ני ק סעלו, ני ק גאַראַדו". אַזאַ איז שלום שדכן, וואָס איז אַהער צוליב אומבאַקאַנטע טעמים אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פֿון שלום־עליכמס איינאַקטער "דער גט". אויב דער איבערזעצער האָט אים מטריח געווען נאָר צוליב דעם, אַז ער זאָל אַלס דריטער אָנטיילנעמען אין דער אַקציע אויפֿן בית־עולם, וועלכן בעני האָט צוגעטראַכט, כדי "אויסצוקורירן די שטאָט פֿון דער קרענק", וואָס הייסט "אוצר", האָט זיך עס ניט געלוינט. אינעם אָריגינאַל פֿילן די דאָזיקע אָפּעראַציעס גלענצנדיק אויס בעני און האַלאָוועשקע — אָן אים, זאַלבעצווייט...

ענלעכע גלגולים האָבן דורכגעמאַכט אויך אַנדערע שלום־עליכמס דראַמען. צום ביישפּיל, "טביה דער מילכיקער"[4], "שווער צו זיין אַ ייד"[5]. ביידע דראַמען זיינען עטלעכע מאָל איבערגעאַרבעט געוואָרן, פֿריער אין יידיש, נאָך דעם אין העברעיש. ס'האָט ניט קיין זין זיך גענויער אויף זיי אָפּשטעלן — דאָס אַלגעמיינע בילד איז דאָס זעלבע.

באַקומענדיק פֿון שלום־עליכמען דאָס רעכט פֿריי צו באַגייען מיט זיינע ווערק ביים איבערזעצן זיי, האָט בערקאָוויטש, נאַטירלעך, זיך געקענט דערלויבן האַנדלען אַזוי, ווי עס האָבן אים אונטערגעזאָגט זיין חוש און געשמאַק. עס דאַרף אויך

גענומען ווערן אין אַכט אַז ביים איבעראַרבעטן די דראַמען האָט ער געהאַט אַ גוטע כוונה: אים האָט זיך געדאַכט, אַז אין דער פֿאָרם וועלכער ער האָט זיי אין דער איבערזעצונג געגעבן, זיינען זיי מער סצעניש אָדער אַנטשפּרעכן מער די פֿאָדערונגען פֿונעם טעאַטער. באַקומט האָט זיך, לײדער, אַזוי, אַז אין די געגעבענע פֿאַלן האָבן די "באַאַרבעטונגען" אַנגענומען אַזאַ פֿאַרנעם און כאַראַקטער, אַז די איבערגעזעצטע דראַמען האָבן פּאַקטיש אויפֿגעהערט צו זיין שלום־עליכמס. ווען זיי וואָלטן געמאַכט געוואָרן ביים לעבן פֿון זייער פֿאַרפֿאַסער און ער וואָלט געהאַט די מעגלעכקייט מיט זיי זיך צו באַקענען, איז אַ גרויסער ספק, צי ער וואָלט געהאַלטן פֿאַר מעגלעך זיי צו באַטראַכטן אַלס זיינע ווערק.

דעריבער, ווי אונדז שיינט, איז פּראָבלעמאַטיש דאָס עצם איינשליסן זיי אין אַן אויסגאַבע פֿון שלום־עליכמס ווערק, איבערזעצט אין העברעיש. אויב שוין יאָ איינשליסן, איז, ווי אונדז דאַכט, פֿיל צוועקמעסיקער, ווען זיי וואָלטן געגעבן געוואָרן אַלס אייגנאַרטיקע וואַריאַנטן און באַאַרבעטונגען פֿון שלום־עליכמס דראַמען, פּאַראַלעל מיט אַדעקוואַטע איבערזעצונגען, אין וועלכע ס׳איז פֿולשטענדיק אָפּגעהיט דער גייסט פֿונעם אָריגינאַל.

ווייל אין קעגנפֿאַל באַקומט דער העברעישער לייענער, וועלכער קען ניט קיין יידיש און האָט ניט די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט דעם יידישן אָריגינאַל, אַ גאַנץ קנאַפּע און אין תוך, אַ פֿאַלשע פֿאָרשטעלונג וועגן שלום־עליכמען דעם דראַמאַטורג.

און דאָס איז שוין אַ באַשטימטער חילול־השם לגבי אונדזער גרויסן פֿאָלקס־שרייבער.

1973 ,8 העפט

1 שלום־עליכם בוך, ניו־יאָרק, צווייטע אויפלאַגע, 1958, ז׳ 98.
2 די אויסצוגן פון העברעישן טעקסט ווערן אומעטום געגעבן אין איבערזעצונג פון מחבר.
3 כתבי י. ד. ברקוביץ, ספר עשירי, ז׳ רג.
4 די דראַמע "טביה דער מילכיקער" איז שלום־עליכמס אַן אינסצענירונג פון די קאַפּיטלען "חווה" און "לך לך".
5 "שווער צו זיין אַ ייד" איז אַן אינסצענירונג פונעם ראָמאַן "דער בלוטיקער שפּאַס" וועלכער שלום־עליכם האָט געמאַכט צוזאַמען מיט י. ד. בערקאָוויטש.

פּרץ און ביאַליק

צווישן די פירנדיקע קינסטלערישע פּערזענלעכקייטן אין דער יידישער און העברעישער ליטעראַטור פון דעם סוף נײַנצעטן, אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז ח. נ. ביאַליק געווען דער איינציקער, מיט וועמען פּרץ האָט פאַרקניפּט פריינטלעכע שעפערישע באַציאונגען, וואָס זיינען געווען פרוכטבאַר פאַר ביידע שרייבער.

ביאַליק האָט צוגעצויגן פּרצעס אויפמערקזאַמקייט שוין באַלד, ווי ער האָט דעביוטירט מיט זיינע ערשטע לידער. פּרץ, וואָס האָט שוין דאַן געהאַט אַ נאָמען סיי אין דער העברעישער, סיי אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט ביי די ערשטע טריט פונעם נייעם, נאָך דאַן, אומבאַקאַנטן שרייבער דערפילט, אַז אין דער ליטע־ראַטור איז געקומען אַ דיכטער פון ״גאָטס גענאָד״. ער האָט דערשפּירט אין ביאַליקס ערשטע לידער דעם צאַפּל פון עכט מענטשלעכן געפיל. אין אַ רעצענזיע אויף דעם זשורנאַל ״הפרנס״, אין וועלכן עס האָבן זיך געדרוקט ביאַליקס ערשטע לידער, האָט פּרץ געשריבן: ״די דאָזיקע לידער לייענט מען מיט אַ באַזונדער געפיל, ווייל זיי זיינען געשריבן מיט גאָטס גענאָד צום דיכטער...״ [1].

אַ גייסטיקע נאָענטקייט האָט פאַראייניקט די צוויי גרויסע קינסטלערישע פּערזענלעכקייטן. ביידע זיינען געווען טיף פאַרוואָרצלט אין דער יידישער קולטור־טראַדיציע, אין דער פאָלקסטימלעכער גייסטיקער ירושה פון דורות, און ביידע האָבן זיי געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען אויף צו באַהעפטן זיך צו דער וועלט־קולטור: ביידע זיינען זיי געווען נאָוואַטאָרס, וואָס האָבן באַטראָטן נייע וועגן אין דער ליטעראַטור; ביידע, יעדערער אויף זיין געביט (איינער אין דער העברעישער, דער צווייטער — אין דער יידישער ליטעראַטור), זיינען געווען אַקטיווע קולטור־בויער, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן זייער גאַנצע ענערגיע דער ליטעראַטור, ניט בלויז מיטן אייגענעם שאַפן, נאָר אויך אַלס רעדאַקטאָרן, אַרויסגעבער, אָרגאַניזאַטאָרן פון פאַרשידענע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען. ביידע האָבן זיי זאָרגזאַם געכאָוועט יעדער נייע שפּראָצונג אינעם ליטעראַרישן גאָרטן.

אַ וויכטיקער פאַקטאָר, וואָס האָט גורם געווען דער גייסטיקער דערנענטערונג צווישן ביידע שרייבער, איז בלי־ספק געווען די ענלעכקייט אין ביידנס ליטעראַרישע פּאָזיציעס, אין זייער באַציאונג צו דער ליטעראַטור פון יענער צייט. ביאַליק ווייזט אַרויס, שוין ביים סאַמע אָנהייב פון זיין שאַפן, אַ געוואַלדיקע אומצופרידנקייט

מיט דעם צושטאַנד פון דער העברעישער דיכטונג און פּראָזע. פּרצעס שאַרפע קריטישע אַרטיקלען וועגן דער ניי־העברעישער ליטעראַטור, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין "החץ" און אַנדערע זאַמלביכער, זיינען דעם דיכטער געווען צום האַרצן[2], ווייל זיי האָבן זיך איבערגערופן מיט זיינע אייגענע געדאַנקען און אַנשויאונגען. אינעם זעלבן גייסט, וואָס פּרץ, טאַדלט ביאַליק בייז און בייסיק די העברעישע ליטעראַטור פאַר איר פּוסטער מליצהדיקייט און אָפּגעריסנקייט פונעם לעבן[3].

די קעגנזייטיקע פאַרערונג צווישןביידע שרייבער איז אין 1903 אַריבער אין אַן ענגערער פריינדשאַפט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן בעת פּרץ האָט באַזוכט אָדעס, און האָט זיך באַזונדערס פאַרשטאַרקט אין דער צייט, ווען ביאַליק האָט זיך אַלס מיטרעדאַקטאָר פון "השלח" אויף העכער אַ יאָר צייט באַזעצט אין וואַרשע (פון דעצעמבער 1903 ביז פעברואַר 1905).

דאָס איז געווען די צייט ערב דער רעוואָלוציע פון 1905, ווען די צאַרישע רעגירונג, אַנגעשראָקן פון דעם רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג, האָט גענומען איילק פּראָוואָצירן פּאָגראָמען אין די שטעט פון יידישן תחום־המושב. פּרץ, וואָס האָט מיט טיפן אינערלעכן ווייטיק געשריבן וועגן דעם אין זיינע וואַרשעווער פאַרצייכענונגען, האָט מיט באַגייסטערונג אויפגענומען ביאַליקס לידער און פּאָעמעס, וועלכע זיינען אָנגעפילט געווען מיט צער און צאָרן, מיט ליידנשאַפטלעכן רוף צום קאַמף קעגן נאַציאָנעלער אונטערדריקונג. פּרצן אימפּאָנירט ביאַליקס גוזעלשאַפטלעכער פּאַטאָס, זיין צאָרנדיק וואָרט, וואָס איז אָנגעזאָפּט מיט האַרבן אמת, מיט מוטיקן פּראָטעסט, וועלכער שפּאָלט די הימלען און וואַרפט אום פּאַראייביקטע הייליקייטן. פּרץ שרייבט "שרעקלעך איז ביאַליק אין זיין כעס און יאוש... און ער וויל נאָר דעם אמת, און ניט שיינע חלומות און בלישטשענדיקע פּוסטע ווערטער... ער האָט ניט קיין מורא פאַרן אמת, ער איז בכוח אים אויפנעמען ווי ער איז, מעג ער אפילו ביטער זיין ווי דער טויט אָדער אַפילו זיין דער טויט אליין..."[4]. פּרץ רופט זיך הייס אָפּ אויף ביאַליקס פּאָעמעס (אין ליד און פּראָזע), וואָס זיינען געווידמעט דעם היסטאָרישן גורל פון יידישן פאָלק: "די מתים פון מדבר" און "די מגילה פון פייער". ער זעצט איבער אין יידיש "משא נימירוב" און "מגילת האש", דרוקט אָפּ אין "הצופה" ביאַליקס ליד "על השחיטה", דערביי געלינגט אים אָפּצונאַרן דעם צענזאָר און אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע ווערק אַלס דאָס עלפטע ליד פון בייראָנס "העברעישע מעלאָדיעס".

ביאַליק, פון זיין זייט, פאָלגט נאָך מיט גרויס אינטערעס יעדע נייע זאַך וואָס גייט אַרויס פון פּרצעס האַנט. ער איז אַנטציקט פון דעם טיפן געדאַנקען־גאַנג און פון דער גרויסער מייסטערשאַפט וואָס האָבן זיך אַנטפּלעקט אין פּרצעס דראַמע "חורבן בית צדיק" (ערשטער וואַריאַנט פון דער "גאָלדענער קייט").

"די לעצטע צוויי אַקטן זיינען זייער שיין, מען קען זאָגן אויסגעצייכנט, —

שרייבט ביאַליק צום שריפטשטעלער בן־ציון גוטמאַן — לייען זיי אויפמערקזאַם איבער. פּרץ איז זייער רייך מיט געדאַנקען און פּרעכטיקע בילדער. ער פאַרמאָגט אַ גרויסע נשמה. פאָריקע וואָך האָט ער פאַר מיר אויסגעלייגט דעם פּלאַן פון אַ נייער דראַמע — גאָלע וואונדער!" [5]. עס פאַרשאַפן אים פרייד פּרצעס "פאָלקס־טימלעכע געשיכטן" און "חסידיש". אין אַ רעדע אויף דעם באַנקעט לכבוד פּרצן, פרילינג 1904 אין אָדעס, באַטאָנט ביאַליק דאָס סאָציאַל־עטישע, דאָס אַלמענטש־לעכע, וואָס ס'אַנטהאַלטן אין זיך פּרצעס חסידישע דערציילונגען.

ס'הייסט כלל ניט, אַז צווישן פּרצעס און ביאַליקס אידעען־וועלט הערשט אַ פולשטענדיקע איינשטימונג. ביאַליק האָט ניט תופס געווען די באַדייטונג פון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן. פּרץ האָט מיט זיי פאַרבונדן זיינע האָפענונגען און האָט, נאַטירלעך, פאַראורטיילט ביאַליקס גייסטיקע אָפּהענגיקייט פון די "אָדעסער חכמים" בראש מיט אחד־העמען, וועמענס אידעען האָבן געהאַט אַ שטאַרקע השפעה אויפן דיכטער. דאָס האָט ניט געשטערט פּרצן איינזען אין ביאַליקס בונטאַרישער, גאָטלעסטערישער און ערדיש־לעבנסלוסטיקער פּאָעזיע אַ זיכערן פאַרבינדעטן אין קאַמף מיט דער קלעריקאַל־נאַציאָנאַליסטישער רעאַקציע אין דער ליטעראַטור. "ביאַליק — שרייבט פּרץ — האָט דערקלערט דעם יידישן גאָט אַלס באַנקראָט" [6]. פּרצן פאַרשאַפט פיל פרייד ביאַליקס נאַטור־און־ליבע ליריק מיט איר שפּרודלדיקער עולם־הזהקייט און לעבנספריידיקייט. ער קאָנסאַטירט מיט באַפרידיקונג, אַז ביאַליק, דער "ליבלינג" פון די "אָדעסער חכמים", האָט קעגן זיי ווידערשפּעניקט און אינעם ליד "אייך" "האָט ער זיך מודה געווען אַז ער איז קיין מאָל ניט געווען קיין שמאַטע... אַז נאָך זייענדיק אַ ישיבה־בחור האָט ער געזינדיקט". "הפקר פון יוגנט" — שרייט אויס פּרץ — לעבנסלוסט, אַ ברענענדיק האַרץ און ניט אַ נשמהלע... וואָס רוט זיך אין מיסט" [7].

אויף ביאַליקן האָט דאָס יאָר, ווען ער איז געווען אין וואַרשע און זיך געפונען אין אַן אינטים־פריינטלעכן קאָנטאַקט מיט פּרצן, געווירקט ווי אַ גרויסע אָפּפרישונג נאָכן לאַנגן פייניקן זיך אין דער שטינקנדיקער אַטמאָספער פון די אָדעסער באַלעבאָסלדיקע ליטעראַרישע קרייזן. פּרץ האָט געהאָלפן ביאַליקן טיפער צו דערפילן דעם צייט־גייסט, נענטער זיך באַהעפטן מיטן פאָלק, פאַרברייטערן דעם קרייז פון זיינע אינטערעסן, מיט זיינע פּאָעמעס "מגילת האש", "הברכה", מיט זיין ליד "ערב פרילינג", מיטן ציקל צאַרטע ליבע־לידער, וואָס באַצויבערן מיט זייער פאָלקסטימלעכקייט (צ.ב. "קומי צאי") און שפּעטער מיט דער סעריע "פאָלקס־לידער" האָט ביאַליק אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען די וואַרשעווער איינדרוקן, אויף וואָס ס'ווייזן, אגב, אַן אייניקע ביאַליק־פאָרשער [8].

טאַקע אין דער צייט פּלאַנירןביידע שרייבער אַרויסצוגעבן אַ ליטעראַריש־קריטישן זאַמלבוך, אַ מין נייעם וואַריאַנט פון "החץ". וועגן דעם שרייבט ביאַליק אין אַ בריוו צו מ. בערדיטשעווסקין: "פּרץ און איך און אויך אַנדערע חברים ווילן

אַרויסגעבן אַ קליינעם בונטאַרישן זאַמלבוך, אַ מין קליינע בינע פאַר עבודה־זרה, ווי, אַשטייגער, דער "החץ" אין זיין צייט. זיין ציל איז (אויב אַזעלכער איז ביי אים פאַראַן): 1. אַן אָנגריף קעגן דער פאַרפוילטקייט און ענגהאַרציקייט; 2. פאַרעפנט־לעכונג פון נייע זאַכן. וואָס דער מאָגן פון דער דאָזיקער ליטעראַטור איז ניט בכוח צו פאַרדייען" [9].

די עצם ציל־איינשטעלונג פונעם זאַמלבוך איז ביז גאָר סימפּאַטאַטיש. עס איז אַ דורכגעטראַכטע געמיינזאַמע פּראָגראַם פון קאַמף פאַר אַ נייער ליטעראַטור, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט נייע אידעען, מיט דעם שטורמישן גייסט פון דער צייט. דער אָטעם פון דער אָנקומענדיקער ערשטער רעוואָלוציע האָט זיך געלאָזט פילן אין דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן פאַרטראַכט.

ליידער, איז דער פּלאַן ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן. נאָר דער עצם פאַקט רעדט וועגן דעם, ווי נאָענט ס'זיינען געווען אין דעם פּעריאָד ביאַליקס און פּרצעס ליטעראַרישע אינטערעסן.

ביאַליק קערט זיך אום קיין אָדעס אַ באַנייטער, אַ באַפליגלטער, ער איז פול מיט נייע פּלענער, אידעען. פּרצן פאַרבינדט ער איצט אין זיין פאַרשטעלונג מיט דער שטורמישער פאַר־רעוואָלוציאָנערער וואַרשע. אָדעס דאַכט זיך אים איצט איז אין פאַרגלייך מיט וואַרשע עפּעס מאָדנע שטיל, באַלבעסלדיק. אין די רע־וואָלוציאָנערע טעג פון 1905 שרייבט ביאַליק פון אָדעס צו קלויזנערן קיין וואַרשע:

"אין אָדעס איז פרידן און רו, שטיל און זאַרגלאָז, מען שיסט ניט און מען שרייט ניט אויף אירע גאַסן, און ניטאָ פּרץ! אוי פּרץ, פּרץ! וואָס טוט ער איצט בעת אַזאַ זאַווערוכע! וואָס טוט דער גרויסער אָדלער אין אַ שטורעם־טאָג?" [10].

אויך פּרץ פילט זיך נאָך ביאַליקס אַוועקפאָרן פון וואַרשע שטאַרק פאַראיינזאַמט, עלנט. אין זיינע האַרציקע בריוו צו ביאַליקן, אין וועלכע ער רופט דעם דיכטער "מיין ביאַליק", קלאָגט ער זיך אָפּט, אַז ס'איז אים "אומעטיק, טרויעריק און ניטאָ וועמען די האַנט צו דערלאַנגען"; ער דערציילט וועגן שטימונגען פון ניט־גלויבן אין זיך, וואָס באַפאַלן אים צייטנווייז, בעט דעם דיכטער, ער זאָל אָפטער שרייבן, פרעגט ביאַליקס מיינונג וועגן זיינע, פּרצעס, נייע ווערק, ווי, צום ביישפּיל, "ליבע", און וועגן די איבערזעצונגען פונעם דיכטערס ווערק אין יידיש [11].

פּרצן טוט באמת לייד, וואָס אים האָט זיך ניט איינגעגעבן אַרויסצורייסן ביאַליקן פון די אָדעסער קרייזן און געווינען אים פאַרן גאַנצן פאָלק, פאַר די ברייטע מאַסן. אין איינעם אַ בריוו צו ביאַליקן רעדט ער וועגן דעם מיט גרויס פאַר־ביטערונג:

"און איר, מיין ליבער, זייט געפאַנגען ניט אין שפּינוועבס־פאָדעם, נאָר דורך אחד־העמען. איר האָט קיינמאָל ניט געדאַוונט אין אַ גרויסן בית־מדרש מיט די מאַסן נאָר אין עפּעס אַ "מנין" פון בטלנים, מיוחסים און טרוימער פון ניט שיינע און ניט פיינע חלומות — — — צו וואָס האָב איך איבערגעזעצט אייערע לידער?

פאַרוואָס זעץ איך ווייטער איבער? איך וויל דערגאַנצן דאָס, וואָס איר טוט ניט, איך וויל אייך דערלאַנגען צו וועמען איר געהערט.

׳דער משוגענער נביא׳ — ווי עליאַשעוו רופט אייך — וואָס רעדט אין אַ קליין בית־מדרשל און ניט אויפן מאַרק פאַרן פאָלק — זיין סוף איז — אומעט. וואַכט אויף און גייט צום פאָלק.

ניט די שפּראַך איז דער עיקר, נאָר דער לעבעדיקער מענטש, וואָס רעדט אויף דער שפּראַך. און איך חזר איבער נאָך אַ מאָל מיינע רייד: איר זייט געפאַנגען געוואָרן פון לעבעדיקע מתים״[12].

דאָס זיינען האַרבע רייד פון אַ פריינד, אַ פאַרצווייפלטער רוף פון אַ נאָענטן מענטשן. פּרץ האָט גרויס עגמת־נפש דערפון, וואָס אין אַ צייט פון גרויסע האָפע־נונגען, ווען ס׳איז נייטיק איינצושליסן זיך אין קאַמף פאַר סאָציאַלן פּראָגרעס, וואָס נאָר פון אים קען מען דערוואַרטן אַ דערלייזונג פון דער נאַציאָנעלער פּראַגע, ווערן די כוחות צעשפּליטערט, די בעסטע פאָרשטייער פון דער ליטעראַטור ווענדן אָפּ זייער ענערגיע אויף פּוסטע סיכסוכים, אויף אינטריגעס צווישן פאַרשידענע פּאַרטייען, און ״דאָס פאָלק איז פאַרלאָזט״[13].

פּרץ הערט ניט אויף צו רופן ביאַליקן קיין וואַרשע. ער האָפט אַז ביאַליק וועט זיך אַרויסרייסן פון ״קליינעם בית־מדרש און וועט קומען ״אויפן מאַרק צום פאָלק״. ״ביאַליק, פאַרנדיק צוריק פון האַג, זאָל אָפּטרעטן אין קראָקע — שרייבט ער צו דינעזאָן — וועט ער אפשר קומען אַהער צוגאַסט. אינטערעסאַנט, צי ער וועט מער געניסן פון די פעלדזן, ווי פון ים אין אָדעס...״[14].

ביאַליק האָט ניט פאַרלאָזן אָדעס, ער איז ביזן סוף פון זיין לעבן טריי געבליבן די ״חלומות״ פון אָדעסער ״מנין״. נאָר זיין שאַפן איז געוועזן ברייטער און רייכער פון זיינע באַגרענעצטע אידעאָלאָגישע פאָרשטעלונגען. אין די בעסטע פון זיינע ווערק, וואָס זיינען דורכגעדרונגען מיט גרויס פּיין פאַר דיליידן פון די ברייטע מאַסן פון זיין פאָלק, מיט מעכטיקן פּראָטעסט קעגן נאַציאָנעלער און סאָציאַלער אונטערדריקונג, דערהייבט ער זיך ביז צום ניוואָ פון אַ נאַציאָנאַלן דיכטער. און טאַקע דאָס איז געווען דער מאַגנעט, וואָס האָט צוגעצויגן פּרצן אין דער ביאַליק־געשטאַלט און גורם געווען דערצו, אַז אין קאַמף פאַר דעמאָקראַטישער ליטעראַטור האָט ער אין ביאַליקן געוואָלט געפינען אַ מיטקעמפער. דערמיט איז אויך צו דערקלערן, וואָס די פריינטשאַפט צווישן ביידע קינסטלער האָט אָנגעהאַלטן ביזן סוף פון פּרצעס לעבן.

אין די בריוו צו פריינד אין וואַרשע פרעגט זיך ביאַליק אָפט נאָך אויף פּרצן און בעט אים איבערגעבן די האַרציקסטע גרוסן. אין 1910 באַשטעלט פּרץ ביי ש. ניגערן אַן אַרטיקל וועגן ביאַליקן פאַר זיין זאַמלבוך ״יידיש״. דעם דאָזיקן אַרטיקל גיט ער צו אַ גרויסע באַדייטונג. ער אַטאַקירט ממש ניגערן מיט בריוו. ווען ער באַקומט די הסכמה פון ניגערן, שרייבט ער אים: ״ס׳פרייט מיך זייער,

זאָל זיין אפילו 1½ בויגן, נאָר אויף זיכער! וואָרעם — פאַרפירט איר מיך, פאַרפירט איר דעם כלל־ישראל". פרץ האָט גרויס פאַרדראָס, וואָס ניגערס אַרטיקל האָט זיך באַקומען פראַגמענטאַריש און גיט ניט קיין פולע פאַרשטעלונג וועגן ביאַליקס לעבן און שאַפן [15].

ביאַליק, פון זיין זייט, גיט אָפּ פיל ענערגיע דעם פּלאַן אַרויסצוגעבן אַלע ווערק פון פרצן אין העברעיש. אין אַ בריוו צו פרצן אין 1911 בעט אים ביאַליק דרינגענדיק צושיקן דעם גאַנצן מאַטעריאַל פאַר דעם ערשטן באַנד. אין יאַנואַר 1915 אַליאַרמירט ביאַליק דינעזאָנען, ער זאָל אונטעריאָגן פרצן מיט דעם מאַטעריאַל און דער עיקר פועלן ביי אים, ער זאָל אַליין איבערזעצן זיינע ווערק און ניט פאַרלאָזן זיך אויף אַנדערע. מיט דער אויסגאַבע פון פרצן אין העברעיש האָט זיך ביאַליק מיט אומדערמידלעכער ענערגיע באַשעפטיקט כמעט ביז די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן. ער האָט עס געהאַלטן פאַר זיין לעבנס־חוב לגבי "איינעם פון די גרעסטע קינסטלער און נאָוואַטאָרס אין אונדזער ליטעראַטור" [16].

פון ביאַליקס פאַרעדעס צו די באַזונדערע פרץ־בענדער, פון דעם, ווי זאַרגזאַם ער באַמיט זיך אויפצו־אַמלען אַלץ, וואָס איז אַרויס אונטער פרצעס פען, איז בולט צו זען, ווי ליב און טייער איז דעם דיכטער אַלץ, וואָס פרץ האָט געשאַפן.

אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט האָט ביאַליק געשענקט פרצעס פובליציסטיק. ער ווידמעט פיל מי דער אויפזאַמלונג פון אַלע וויכטיקסטע פרצעס פעליעטאָנען און אויפזאַצן, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין פאַרשידענע פעריאָדישע אויסגאַבן, און גיט זיי אַרויס אין אַ ספּעציעלן באַנד. אין דער פאַרעדע צו אָט דער באַנד ווערט געגעבן זייער אַ טרעפלעכע און טיפע כאַראַקטעריסטיק פון פרצעס אייגנאַרטיקער פּאָלעמיש־קעמפערישער פובליציסטיק:

"דער פרייער פעליעטאָן אָדער דער פרצישער אויפזאַץ, וועלכער איז אויך אַ מין פעליעטאָן — האָבן געהערט צו די סגולות פון פרצעס זעלטענעם טאַלאַנט. אין אים, אינעם פעליעטאָן, האָט ער געפונען די נייטיקע רחבות און באַוועגפרייהייט פאַר זיין שטורמישן גייסט, ווי אויך דאָס גענוגנדע ברענשטאָף פאַר זיין פּאָלעמישן טעמפּעראַמענט. דער "פּאַדוואַל" אין דער צייטונג — דער פּלאַץ אונטער דעם שטריך — האָט אים געדינט אַלס די ברייטסטע אַרענע פאַר דעם "גאַלאָפּ פון זיינע מעכטיקע פערד", פאַר דעם שפרונג־געלויף פון זיינע שאַרפע געדאַנקען. בעת זייער בליצשנעלן אומלויפן הין־און־הער פלעגט ער דרך־אגב מיט אַ ברייטער האַנט פאַנאַנדער־וואַרפן אין אַלע זייטן שטיקער פּאָעזיע, פערל־שטויב און פייערפונקען אין דעם געשטאַלט פון אַפאָריזמען, פינקלדיקע רמזים און רמזי־רמזים, וואָס פאַרבלענדן דאָס אויג און שפּאַלטן דעם מויער... אַפילו אַ שיחת־חולין פון פרצן איז שאַרף, ווי אַ לאַנצעט" [17].

ניט צופעליק איז ביאַליקס גרויסער אינטערעס צו פרץ דעם קריטיקער. אים איז, צום ביישפּיל, זייער געפעלן געווען איינע פון פרצעס קריטישע אַרבעטן,

זיין אַרטיקל וועגן י. ל. גאָרדאָן אין "הצפירה" פאַרן 1877 יאָר. נאָך דעם ווי די פּרץ־אויסגאַבע אין העברעיש איז שוין כמעט געווען פאַרענדיקט, האָט ביאַליק דרינגענד באַאויפטראָגט י. פּערסיקינען דורכצובלעטערן אַלע פּעריאָדישע אויסגאַבן, אין וועלכע פּרץ האָט זיך געדרוקט, און אויפזאַמלען אַלע זיינע פּילצאָליקע קריטישע אַרטיקלען. "דער צוועלפטער באַנד — שרייבט ביאַליק — פאַרהאַלט זיך ווייל מיר האָבן ניט דעם גאַנצן מאַטעריאַל. אונדז איז געלונגען אויפזאַמלען נאָר אַ קליינעם טייל פון זיינע קריטישע אַרטיקלען" [18]. דערביי דריקט דער דיכטער אויס זיין באַדויערונג, וואָס ביז איצט האָט זיך אים ניט איינגעגעבן צו געפינען פּרצעס אַרטיקל וועגן י. ל. גאָרדאָנען, און בעט י. פּערסיקינען צונויפשטעלן אַ גענויע ביבליאָגראַפישע פאַרצייכענונג פון אַלע פּרצעס אַרבעטן איבער פראַגן פון ליטע־ראַטור און קונסט.

פּרצעס עסטעטישע פּראָגראַם איז ביאַליקן געווען נאָענט. דער דיכטער איז שטענדיק געווען אַ פלאַמיקער קעגנער פון כלערליי מאָדערניסטישע "טריקן" און "קונסט צוליב קונסט"־טעאָריעס. וועגן דעם זאָגן עדות ביאַליקס פּילצאָליקע אַרויסזאָגונגען, סיי בעל־פּה, סיי בכתב.

אין פּרצן האָט ביאַליק געשעצט דעם גרויסן בונטאַר, דעם פּורץ־גדר, דעם "פּייערדיקן עלעמענט", דעם גרויסן דעמאָקראַטישן קינסטלער.

"— אים, דעם גרויסן בונטאַר אין אונזער ליטעראַטור — האָט ער געזאָגט וועגן פּרצן אין זיין געדענק־רעדע אין 1917 — זיינען געווען דערווידער די אויסגעטראָטענע וועגן, וועלכע זיינען געווען פאַר אים און אין זיין צייט, און ער האָט אַרויסגעטראָטן פאַר זיך נייע שטעגן... ער איז געווען דער פּייערדיקער עלעמענט אין אונדזער ליטעראַטור. מיט אַ פּייערדיקן רייטוואָגן און פּייערדיקע פערד איז ער ווי אַ שטורעם אַדורכגעריטן אין אונזער ליטעראַטור, אַז פונקען האָבן געבליצט הינטער אים... פּרץ איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן באַלעבט די קולטור. ער האָט אָנגעהויבן ווי אַ משכּיל, ווי אַ ראַציאָנאַליסט, ווי אַ קינד פון דעם השׂכּלה־פּעריאָד, אָבער ער האָט זיך דערביי ניט אָפּגעשטעלט, נאָר איז געגאַנגען אַלץ ווייטער און אַנטפּלעקט נייע האָריזאָנטן אין פאַרשיידענע געביטן. און אין יעדן געביט — חסידיזם, אין דעם פאָלקסטימלעכער געשיכטע, אין דער פּראָזאַיקער און דיכטערישער ליריק איז ער געווען אַ באַנייער און האָט ניט געלאָזט אַנדערע צו בלייבן שטייען אויף זייערע ערטער" [19].

געמיינזאַמער קאַמף פאַר אַ רעאַליסטישער קונסט, וואָס רופט זיך אָפּ אויף דיליידן און נויטן פון פאָלק, האָט געבילדעט דעם יסוד פאַר דעם לעבנסלאַנגער פריינטשאַפט צווישן די צוויי גרויסע יידיש־שרייבער.

העפט 9, 1968

1 די רעצענזיע איז געווען געדרוקט אין ״החץ״. מיר ציטירן זי לויט נ. מייזיל, י. ל. פּרץ און זיין דור שרייבער, ניו־יאָרק 1951, ז׳ 350.

2 זע ביאַליקס בריוו צו מ. בערדיטשעווסקי פאַר דעם 30.1.04, אגרות ביאליק, כרך 1, ז׳ ריא.

3 אין אַ בריוו צו י. קלויזנערן, יאַנואַר 1905, גיט ביאַליק אַזאַ לאַקאָניש־שאַרפע קריטישע כאַראַקטעריסטיק פון דער פּראָזע אין ״השלח״ : ״דער הויפּט־חסרון פון דער בעלעטריסטיק באַשטייט אין דעם, וואָס זי בילדעט ניט צוזאַמען עפּעס איינהייטלעכעס און גאַנצעס, ווייל זי האָט קיין שום אינטערעס צו דעם לעבנס־שטראָם, וואָס פליצט אין אַרום ; אַביסל ׳שיינקייט צוליב שיינקייט׳ און אַביסל זכרונות אָדער שילדערונג פון פּריוואַטע און קליינלעכע געפילן״ (אגרות ביאליק, כרך 1, ז׳ רפ).

4 כתבי י. ל. פּרץ, באַנד 10, ז׳ 236.

5 ״נייע דראַמע״ — דער ערשטער וואַריאַנט פון ״ביי נאַכט אויפן אַלטן מאַרק״, אגרות ביאליק, כרך 1, ז׳ רו.

6 י. ל. פּרץ, געדאַנקען און אידעען, 1923, ז׳ 58.

7 כתבי י. ל. פּרץ, באַנד 10, ז׳ 188.

8 זע, צום ביישפּיל, י. פיכמאַנס פאָרעדע צו ״כל כתבי ביאליק״, 1940.

9 אגרות ביאליק, כרך 1, ז׳ ריב.

10 בריוו פון 14.I.05. אגרות ביאליק, כרך 1, ז׳ רפא.

11 זע די בריוו פאַרן יאָר 1906. נ. מייזיל, בריוו און רעדעס פון י. ל. פּרץ, זז׳ 225—226.

12 דאָרט, ז׳ 224.

13 דאָרט, ז׳ 227.

14 דאָרט, ז׳ 225.

15 דאָרט, זז׳ 278—280.

16 פאָרעדע צום צענטן באַנד, כתבי י. ל. פּרץ, ז׳ 4.

17 כתבי י. ל. פּרץ, כרך 10, ז׳ 3.

18 אגרות ביאליק, כרך 3, ז׳ 108.

19 ח. נ. ביאליק, דברים שבעל־פה, כרך 2, ז׳ 192.

ח. נ. ביאַליק אין די יאָרן פון דער ערשטער רוסלענדישער רעוואָלוציע

אין יאַנואַר 1901 האָט א. מ. גאָרקי אין אַ בריוו צו ק. פּ. פּיאַטניצקין געשריבן: "... דער נייער יאָרהונדערט וועט זיין באמת אַ יאָרהונדערט פון גייסטי־קער באַנייאונג".

אין גאָרקיס ווערטער האָבן געפונען זייער אויסדרוק די פאָרגעפילן פון די בעסטע פאָרשטייער פון דער רוסלענדישער אינטעליגענץ, די האָפענונגען, מיט וועלכע ס'האָבן געלעבט די ברייטע מאַסן ערב דער ערשטער רוסלענדישער רע־וואָלוציע.

אויך ח. נ. ביאַליק איז ניט געבליבן גלייכגילטיק צו דעם סאָציאַלן אויפ־ברויז פון די פאָלקסמאַסן אין גאַנצן לאַנד, און הגם ער איז געווען ווייט פון די רעוואָלוציאַנערע אידעאַלן פון זיין צייט, האָבן די שטורמישע געשעענישן אויפ־געטרייסלט זיין געמיט און באַווירקט און באַרוישט זיין שאַפונג. עס האָט זיך פאַרטיפט די קראַפט פון זיינע פּאָעטישע וויזיעס, עס האָבן זיך פאַרברייטערט די האָריזאָנטן פון זיין דיכטונג.

אין די יאָרן 1901—1905 האָט ביאַליק געשאַפן זיינע וויכטיקסטע פּאָעמעס, די לידער פון "צער און צאָרן" — ווערק, וועלכע זיינען אָנגעזאַפּט מיט הויכן געזעלשאַפטלעכן פּאַטאָס. אין דעם דאָזיקן צייט־אָפּשניט זיינען אויפגעקומען ביאַליקס ציקלען נאַטור־ און ליבע־לידער, וועלכע זיינען דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון אויפבלי און באַנייאונג. דער דיכטער האָט זיך ווי אַרויסגעריסן פון די ענגע ד' אמות, אין וועלכע זיין שאַפונג איז פריער געווען פאַרשפּאַרט. אין די נײַנציקער יאָרן איז ביאַליקס ליד אין תוך, אַ קלאָג־ליד, אַ טרויער־געזאַנג איבער דעם אייגענעם וויסטן לעבן און איבער דעם ביטערן גורל פונעם פאָלק, דעם פאַראור־טיילטן צו אַ לעבן פון אַ "הונגעריקן הונט, וואָס איז צו דער קייט צוגעבונדן" ("כוכב נדח..." — "אַן עלנטער שטערן...").

איצט, אין די ערשטע יאָרן פון 20טן יאָרהונדערט, איז אויפגעקומען ביאַליקס ניי ליד, דאָס ליד פון אויפגעוואַכטער האָפענונג, פון אַ זיך דערנענטערדיקן פרילינג. צוערשט איז די מונטערע שטימונג געווען אַ ניט־זיכערע. דאָס "ליד פון די נאַכטיגעל" קלינגט נאָך "פאַרשעמט און פאַריתומט" ("שירה יתומה" — "פאַריתומט געזאַנג"). אינעם אַלעגאָרישן בילד פונעם וואַלד, וועלכער איז נאָך טיף פאַרזונקען

אין ווינטער, דערפילן מיר, אַ דאַנק דער בכיוונדיקער אַנהויפונג פון סינאָנימישע עפּיטעטן, מעטאַפאָרן, פּאַראַלעלע בילדער, דעם גאַנצן גרויל פונעם דעמאָלטדיקן יידישן לעבן אין צאַרישן רוסלאַנד.

מונטערער איז דאָס ליד "פּעמי אביב" ("פרילינג־טריט"), געשריבן עטוואָס שפּעטער אינעם זעלבן יאָר. דאָס ליד קלינגט ווי אַ פריידיקער אָנזאָג פון אַ דערוואַרטער באַנייאונג. זי הייבט זיך אָן און ענדיקט זיך מיט די ווערטער: "היתה רוח אחרת... היתה רוח אחרת מסביב!" ("ס׳ווייט אַן אַנדער ווינט... ס׳איז אַן אַנדער לופט אין אַרום!"). באַגייסטערט טיילט מיט דער דיכטער: "די הימלען זיינען געוואָרן העכער, עס האָבן זיך אַנטפּלעקט קלאָרע, לויטערע רחבותן, אויף דעם באַרג הערט מען טריט פונעם פרילינג!".

אין די ניינציקער יאָרן האָט זיך דער דיכטער זעלטן געווענדט צו די מאָטיוון פון דער קינדהייט. זיין לירישער העלד איז אַמערסטן דערשינען אין דעם געשטאַלט פון אַן אַלטן, מידן וואַנדערער. אַן אויסנאַם בילדעט די באַלאַדע "גמדי ליל" ("די נאַכט־שרעטעלעך"), אין וועלכער ביאַליק דערמאָנט זיך אין איינער פון זיינע קינדער־זעאונגען. אין יידישן ליד "אויפן הויכן באַרג" (1899) פירט ער אונדז צום ערשטן מאָל אַריין אין דער צויבער־וועלט פון זיין קינדהייט, ווען ער האָט זיך געפילט אַלס אָרגאַנישער טייל פון דער נאַטור. אין אָט דער ליד איז אָבער פאַראַן מער בענקשאַפט, איידער גליק, עס ווערט דאָ גערעדט וועגן פריידן, וועלכע וועלן קיין מאָל זיך ניט אומקערן צוריק.

אין די יאָרן ערב דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, ווען אינעם דיכטערס האַרץ האָבן אויפגעבליט האָפענונגען אויף דער באַנייאונג פונעם לעבן, אויף דער מילדערונג פונעם גורל פון זיין פאָלק, האָט זיך זיין דיכטונג אָנגעפילט מיט בילדער פון פריידפולער, זאָרגלאָזער קינדהייט. אַ ים פון שיין און ליכט האָט אַ פלייץ געטאָן אין זיין ליד. אין די יאָרן 1900—1905 האָט זיך באַוויזן די פּאָעמע "זהר" ("שיין"), און אַזוינע לידער, ווי "צפרירים" ("פרי־מאָרגן־ווינטלעך"), "עם פּתיחת החלון" ("ביים עפענען דאָס פענצטער"), "בשורה" ("די בשׂורה"), "משירי החורף" ("פון די ווינטער־לידער"), "הברכה" ("די סאָזשלקע") — אַלע צוזאַמען בילדן זיי איין עפּאָפּעע פון ליכט און זון־שיין.

אין "צפרירים" זיינען די בילדער פון בלאַנקענדיקער שיין געדיכט אָנגעהויפט איינס אויפן צווייטן, די לעקסיק איז פול מיט פיגוראַלע אויסדרוקן, וועלכע טוקן זיך ממש אין לויטערקייט און העלקייט. די צייט־ווערטער, וועלכע ס׳באַנוצט דער דיכטער, זיינען אַלע שיינענדיקע, לאַכנדיקע, שוועבנדיקע, טאַנצנדיקע. די גרענעצלאָזע פרייד, וואָס שטראָמט אַרויס פון אַן איבערגעפולט מיט חידוש און פאַרגעניגן קינדערש האַרץ, גיסט זיך אויס אין אַ ריי באַגייסטערטע אויסרופן: "אַ ווי ס׳טייעט דאָס האַרץ!", "אַ, ווי זיס!", "גאָט! עס האָט פאַרפלייצט מיך מיט ליכט!".

אינעם זעלבן גייסט איז אָנגעשריבן "עם פתיחת החלון". דער דיכטער עפנט אַ פענצטער צום פרימאָרגן, צו דער זון. ער שעפּט הויפנווייז "פרייד און לעבן", פילט זיך אָן מיט דעם גרויסן יום־טוב פון ליכט, שיין און גינגאָלד. ס'איז אים אָבער ווייניק, ער שרייט אויס אין עקסטאַז: "וועג, גאָט, זיבן זונען דו הענגסט אויף אין הימל, ניט געקענט וואָלסטו שטילן דעם דאָרשט פון מיין האַרצן — מער ליכט, גאָט באַהעלטער, גיב ליכט!".

אַזוי זיך ציען צו דער שיין קען נאָר אַ מענטש, וואָס האָט זיך ערשט אַרויסגעריסן פון יאָרן לאַנגער פינצטערניש.

אָנגעפילט מיט שיין און לויטערקייט איז די פּאָעמע "זהר" — אַ דערמאָנונג פון דער פריער קינדהייט, ווען פאַר די אויגן פונעם טרוימערישן, געוווינטן צו התבודדות יינגל, האָט זיך די וועלט אַנטפּלעקט ווי איין גרויסער, לויכטנדיקער, גליקלעכער זומער. דער דיכטער שטרעבט דאָ צו עפּישער שילדערונג, צו פּלאַס־טישער נאַטור־מאָלעריי אין גייסט פון מענדעלעס נאַטור־שילדערונגען.

דער לירישער העלד דערשיינט דאָ אַלס לוסטיק קינד, וואָס טראָגט זיך אום צוזאַמען מיט די פריילעכע פרימאָרגן־ווינטעלעך, אַ קלאָרער און זויבערער, ווי זיי, איבער דעם פעלד, וואַרפט זיך אַריין אין די לויטערע וואַסערן פון דער סאַזשלקע, וואָס איז "אַ מבול פון שיין און אַ ים פון ליכט", פון וועלכער ער גייט אַרויס "זיבן מאָל אויסגעלייטערט און אויסגעזויבערט". אינעם מעכטיקן פרייד־געשריי, וואָס רייסט זיך אַרויס פון דער קינדערישער ברוסט, ווי אַן "אויסברוך פון טויזנטער קוואַלן פון פרייד און גליק", שפּירן מיר די מונטערע האָפערדיקייט פונעם דיכטער.

שטורמישע לעבנס־פרייד ווערט אַנטדעקט אין "בשׂורה" (1903), וואו עס לאָזן זיך הערן די ערשטע טריט פון אָנקומענדיקן פרילינג. דאָ ווערט שוין זיכער אָנגעזאָגט: "דער פרילינג איז דאָ!". די גוטע בשׂורה פּאַלט אָפּ אַזוי ווי אין פּאַלקסליד, אַלס "אַ בריוועלע פון הימל אין געשטאַלט פון אַ גאָלדענעם שטראַל. אַ דאַנק דער מייסטערישער קלאַנגען־שפּיל הערן מיר דעם פריילעכן גערויש פון די ריטשקעלעך. מיט אַלע אונדזערע אברים שפּירן מיר די פרישקייט, מיט וועלכער עס פילט זיך אָן די גאַנצע לופט. דער לירישער העלד איז איצט גאָר אַן אַנדערער, ער שטייט שוין ניט צו דער ערד געבויגן אונטער דער לאַסט פון פּיין און לייד, ווי מיר זיינען געוואוינט געוווען אים צו זען אין ביאַליקס לידער פון די נײַנציקער יאָרן. ער האָט הויך פאַרהויבן דעם קאָפּ, "רעדט פּנים אל פּנים מיט דעם פּרעכטיקן הימל", זאַפּט אין זיך איין די "זויבערע בלויקייט", די ליכט־שפע, דרינגט זיך דורך מיט דעם "ריח פון גן־עדן און דעם טוי פון אויפלעבונג".

"נייער פרילינג — נייע לידער!" — אַזאַ איז געווען דער דעוויז פון דער צייט. דאָס פּאַרגעפּיל פון אַן אָנקומענדיקן פּאָליטישן "פרילינג" האָט אַרויסגערופן אַ כוואַליע "פרילינג־מאָטיוון" אין דער דיכטונג און אין דער פּראָזע פון אַלע

פעלקער אין צאַרישן רוסלאַנד. טאַקע אין אָט די יאָרן זיינען דערשינען א. מ. גאָרקיס ״פרילינג־מעלאָדיעס״, אין וועלכע ס׳איז אַריין דאָס באַרימטע ״ליד וועגן שטורעם־פויגל״. וועגן פרילינג האָט געזונגען י. ל. פרץ אין זיינע פּאָעמעס אין פּראָזע, א. רייזען אין זיינע לידער, די העברעיִשע דיכטער ש. טשערניכאָווסקי, ז. שניאור, י. כהן אין זייערע ״שירים״.

ביאַליקן האָט זיך דער ״פרילינג״ ניט לייכט געגעבן. אים האָט צייטנווייז געפּייניקט די ניט־זיכערקייט אין דער מעגלעכקייט אויפצוּוועקן דאָס פאָלק צו אויפלעבונג און באַנייאונג, אַזוי שרעקלעך האָט אויסגעזען אין זיינע אויגן דער מאַטעריאַלער און גייסטיקער חורבן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין תחום־המושב.

אין איינעם אַ בריוו פון דער דאָזיקער צייט האָט ביאַליק געשריבן: ״איך שרייב, און אַ שטראָם פון ניי ליכט, אַן אָנזאָגער פון פרילינג, האָט אַ פלייץ געטאָן דורכן פענצטער אויף מיין פּנים און אויפגעוועקט אין מיר געפילן, וועלכע האָבן פריער געדרימלט. דאָס ליכט דרינגט אַריין אין מיינע אויגן, קוקט אַריין אין מיין נשמה, ווי בין־השמשות, אַ טרויעריקן ליכט־שטראַל אין אַן אַלטער חורבה. עס טרעפן מינוטן, ווען עס כאַפּט מיר אָן אַ צווייפל לגבי די אַלע לידער און אַנדערע זאַכן, וועלכע איך און אַנדערע שרייבן, אין זייער נייטיקייט און נוץ. צוליב וועמען און צוליב וואָס? פאַר אונדזערע אויגן שטייט דער שוידערלעכער חורבן פון דעם פאָלק״ [1].

די ספקות, וועלכע האָבן פון צייט צו צייט באַהערשט דעם דיכטער, האָבן גורם געווען דערצו, אַז פּאַראַלעל מיט די לידער וועגן פרילינג, זון און ליכט, וואָס דאָמינירן איצט אין זיין שאַפונג, וואַרפן זיך דורך איינצלנע לידער, אין וועלכע ס׳הערן זיך אויך טענער פון יאוש און ספקות. צוגלייך מיט דער שטראַלנ־דיקער פּאָעמע פון זאַרגלאָזער קינדהייט, ״זהר״, דערשיינט — ״שירתי״ (״מיין ליד״)[2], וועלכע איז אָנגעפילט מיט טרויעריקע דערמאָנונגען וועגן די קינדער־יאָרן אין דעם הויז פונעם אָרעמען פאָטער, וועגן דער מוטער דער אלמנה, וואָס אויף אירע געהויקערטע פּלייצעס האָט זיך נאָך דעם פאָטערס טויט געלייגט דער שווערער עול פון אויסהאַלטן די פאַמיליע. פיל האָבן מיטגעווירקט דעם אָנוואוקס פון צווייפל און ניט־גלויבן, דער פּאָגראָם אין קעשענעוו (זומער 1903), וועלכער האָט געטראָפן ביאַליקן ווי אַ דונער אינמיטן העלן טאָג.

די דאָזיקע פרעכע פּראָוואָקאַציע, אינספּירירט דורך דער צאַרישער רעגירונג, האָט, ווי באַוואוסט, אויפגערודערט די גאַנצע פּראָגרעסיווע וועלט. אין דער באָלשעוויסטישער ״איסקרא״ האָט זיך א. וו. לענין מיט צאָרן פאַראורטיילט די בלוטיקע אַקציע פון דער שוואַרצער מאה אין קעשענעוו. א. מ. גאָרקי האָט אָנגע־שריבן אַ שאַרפן פּאַמפלעט ״וועגן דעם קעשענעווער פּאָגראָם״, וועלכער איז געווען אָפּגעדרוקט אויף אַ העקטאָגראַף און איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין דער פאָרם פון

אַ פּראָקלאַמאַציע. די בעסטע רוסישע שרייבער האָבן מיט טיפסטן ווידערגעפיל אויפגענומען די דאָזיקע מעשים תעתועים פון דער רוסישער זעלבסטהערשונג.

ביאַליק איז, אַלס אַ מיטגליד פון אַ ספּעציעלער קאָמיסיע, וועלכע איז געווען באַרופן אויספאָרשן די געשעעניש אויפן אָרט, תיכף אַרויסגעפאָרן קיין קעשענעוו. אונטער דעם פרישן איינדרוק פונעם געזעענעם האָט ער אָנגעשריבן זיין באַרימטע פּאָעמע "בעיר ההריגה" (שפּעטער האָט ער זי מיט אייניקע ענדערונגען איבער־זעצט אין יידיש אונטערן נאָמען "די שחיטה־שטאָט").

אין "בעיר ההריגה" גיט ביאַליק אַ רעאַליסטישע, ערטערווייז כמעט נאַ־טוראַליסטישע, שילדערונג פון דעם געשעענעם. ווי אין אַלע זיינע ווערק, פילן מיר דאָ אַלע ניואַנסן פונעם דיכטערס געמיט־צושטאַנד: פון טיפסטן צער ביז שטאַרקסטן צאָרן. אין דער פּאָעמע הערן זיך טענער פון יאוש און פאַרצווייפלונג, עס שפּירט זיך פאַרלאָרנקייט, וועלכע איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון אַ גע־וואַלדיקער דערשיטערונג, פון ניט געקענען פאַרשטייען די סיבות און דעם הינטער־גרונט פון דעם, וואָס האָט געטראָפן.

נאָר שטאַרקער פונעם יאוש און פון דער הילפלאָזיקייט איז דער פּראָטעסט, דער צאָרן, וועלכע דרינגען דורך די פּאָעמע. "פאַר מיר איז די 'שחיטה־שטאָט' דאָס אַמערסטן שטאַרקע ווערק ביאַליקס — האָט געשריבן א. מ. גאָרקי — די 'שחיטה־שטאָט', וועלכע שטראָפט אומברחמנותדיק די הענקער און מיט רעכט, דעם קרבן פאַר זיין הכנעהדיקייט לגבי דעם הענקער. דורך ביאַליקס האַרץ זיינען אַדורך אַלע ליידן פון זיין פאָלק, און דאָס האַרץ פונעם דיכטער איז טיף און הילכיק, ווי אַ גרויסער גלאָק". ביאַליק גיסט אויס זיין כעס ניט נאָר אויף די הענקער, ניט נאָר אויף די קרבנות וועלכע זיינען ווי שאָף געגאַנגען צו דער שחיטה, ער באַשולדיקט אויך דעם "גרויסן יידישן גאָט", וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ יורד און איז געצוואונגען צו דערקלערן, אַז ער איז אויך באַנקראָט:

און איר וועט קומען מאָרגן אונטער מיינע טירן
און אָנקלאַפּן ביי מיר און מאָנען לוין —
וועל איך אייך עפענען, קום זעט — נאָר כ'האָב ניט!
אַ יורד בין איך, גלייך מיט אייך פאַראָרעמט.

דער דיכטער צעקלאַפּט אַלע אילוזיעס אויף וועלכער־ניט־איז הילף "פון אויבן". ער לאַכט אויס די פּוסטע האָפענונגען אויף גאָט, וועלכע האָבן געבראַכט דערצו, אַז דאָס פאָלק איז פּאַסיוו, אָנמעכטיק, ווידערשטאַנדלאָז. מיט ביטערע איראָניע שרייבט ער וועגן לעבן־געבליבענע, וואָס פאַרגייען זיך אין געוויין, קלאַפּן זיך אין ברוסט על־חטא. דער דיכטער רופט אויס:

אַ פּויסט וואו איז? וואו איז אַ גרויסער דונער,
וואָס זאָל זיך אָפּרעכענען פאַר אַלע דורות...

מיט בייסיקן סאַרקאַזם רעדט דער דיכטער וועגן די געליטענע, וואָס קלאַפּן אָפּ די טירן ביי די גבירים, בעטלען אויס ביי די נגידים אַ גמילות־חסד. און יענע, די זאַטע, וועלכע האָבן ניט געליטן פון דער בלוט־באָד, קומען אָפּ מיט אַ נדבהלע און מיט אַ ׳ברוך־שפּטרנו׳. טיפער סאָציאַלער צער און ביטערער צאָרן קעגן דעם הערשנדיקן סאָציאַלן אומרעכט שרייט אַרויס פון די שורות:

אוןזע! אַ מאַרק, אַ מאַרק פון לעבעדיקע בראַכוואַרג!
צעשלאָגענע, האַלב־טויטע מענטשן — ווערעם,
צעבראָכענע און אויסגעקרימטע רוקנס,
פאַרוויקלטע אין שמאַטעס, הויט און ביינער...
באַפאַלן טיר־און־טויער, אַלע פענצטער,
באַלאַגערן די שוועלן פון די הייזער
און שטרעקן אויס, געלערנטע צו בעטלען, קרומע הענט
מיט אויפגעדעקטע אייטערדיקע וואונדן,
און יעדערער שרייט אויס זיין פעקל סחורה...
אַ גראָשן פאַר אַ וואונד, אַ גראָשן פאַר אַ וואונד!
אַ גראָשן פאַר אַ טאָכטער, אַ געשענדטער!

ניט וויינען, ניט בעטלען דאַרף מען, ניט וואַרטן אויף גבירישע ״גוט־האַרציקע״ נדבהלעך, ניט טרערן גיסן, ניט האַנדלען מיט די וואונדן, נאָר ״אויפזאַמלען דאַרף מען די ניט־פאַרגאָסענע טרערן און אויפבויען אויף זיי אַן אייזערנע פעסטונג, אַ קופּערנעם מויער פון טויט־שנאה, פון איינגעהאַלטענעם האַס״.

די פּאָעמע רופט צו ווידערשטאַנד, צו נקמה, צו אַקטיוון קאַמף קעגן אומרעכטקייט, הגם דעם דיכטער איז, מעגלעך, אַליין ניט קלאָר, אויף וועלכע וועגן, מיט וועלכע מיטלען דאַרף דער קאַמף געפירט ווערן.

דער פּראָטעסט קעגן געטלעכער פאַרהייליקונג פונעם אומרעכטן סדר־העולם, קעגן דער סאָציאַלער אומגערעכטיקייט און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, וועלכער דרינגט דורך דער פּאָעמע פון דער ערשטער שורה ביז דער לעצטער, איז בלי ספק אָנגעוויזט פון דער אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנערער שפּאַנונג אין לאַנד. מ. אַלגין האָט געשריבן: ״די ׳שחיטה־שטאָט׳ איז אַ קינד פון דער רעוואָלוציע, כאָטש ביאַליק איז קיין מאָל קיין רעוואָלוציאָנער ניט געווען״ [3].

דעם דיכטערס גלויבן און ניט־גלויבן, זיינע האָפענונגען און ספקות אין יענער צייט האָבן געפונען אַ קינסטלערישע פאַרקערפּערונג אין דער פּאָעמע ״מתי מדבר״ (״די טויטע פון מידבר״).

אַלס מקור פאַר דער פּאָעמע איז אויסגענוצט די תלמודישע לעגענדע וועגן די מתים פון מדבר. לויט דער דאָזיקער לעגענדע, האָט רבי בר חנא, בעת אַ רייזע

אין מדבר, זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גרופּע טויטע גיבורים, וועלכע זיינען געלעגן אין זאַמד, די געזיכטער געווענדט צום הימל. אַן אַראַבער, וואָס האָט אים באַגלייט, האָט אים דערקלערט, אַז דאָס זיינען גיבורים פון יענעם דור, וואָס איז אַרויס פון מצרים, נאָר זיי איז ניט באַשערט געווען אַריין אין לאַנד כנען, ווייל זיי האָבן געבונטעוועט קעגן גאָט און קעגן משה.

צו דעם דאָזיקן מאָטיוו האָט זיך ביאַליק געווענדט אין 1896, אין דעם ליד „מתי מדבר האחרונים" („די לעצטע מתים פון מידבר"). ער האָט אויסגענוצט דעם לעגענדאַרישן מאָטיוו, כדי צו טאַדלען זיינע מיטצייטלער פאַר שלום מאַכן מיטן טרויעריקן גורל, פאַר דער אָפּוועזנהייט פון יעדער שטרעבונג צו אויסלייזונג און באַפרייאונג. אינעם געשטאַלט פון די „לעצטע מתים פון מדבר" האָט דער דיכטער אַקצענטירט זייער גייסטיקע אָרעמקייט, זייער גרייטקייט זיך צו פאַרקויפן פאַר אַ טאָפּ לינדזן. די לעבעדיקע וואָס גייען פאַראויס, באַהערשט דורך איין געפיל אַרויס־צוגייען פון מדבר און זיך באַזעצן אויף אַ פעסטן באָדן, שפּאַנען מיט פאַראַכטונג איבער די טויטע קערפּערס פון די „געשטאַרבענע אין קנעכטשאַפט", וואָס זיינען „מידע געפאַלן אויף זייערע רוקזעק": „זאָל זיי זיס זיין דער חלום וועגן ציבעלעס און קנאָבל, וועגן קעסלען אָנגעפילטע מיט פלייש".

אַנדערש קלינגט דער זעלבער מאָטיוו אין דער פּאָעמע „די טויטע פון מידבר". די פאַר־רעוואָלוציאָנערע אַטמאָספער האָט אַרויפגעלייגט איר שטעמפּל אויף דעם דאָזיקן ווערק. אין דעם געשטאַלט פון די „טויטע פון מידבר" ווערט באַטאָנט זייער מעכטיקייט, גרויזאַמקייט, בונטאַרישקייט. דער לייטמאָטיוו פון דער פּאָעמע איז: איינגעשלאָפענע ריזיקע קראַפט, וואָס איז גרויזאַם ניט נאָר, ווען זי וואַכט אויף, נאָר אַפילו ווען זי דרימלט.

די דאָזיקע פּאָעמע פּרוּווט מען טראַקטירן אין ענג־נאַציאָנאַליסטישן גייסט. ביאַליק האָט דאָ, לויט דער מיינונג, קינסטלעריש פאַרקערפּערט די טראַגעדיע פונעם אָזויגערופענעם „אייביקן ייד". אין קעגנזאַץ צו דער קריסטלעכער לעגענדע וועגן דעם „אייביקן ייד", וועלכער איז פאַר זיינע זינד קעגן יעזוס קריסטוסן געווען פאַרמישפּט פאַר אייביקן נע־ונד זיין, האָט ביאַליק געוויזן זיין פאָלק אַלס אַ ריז, וועלכער איז פאַראורטיילט צום אייביקן שווייגן, אָבער דאָס איז אַ שווייגן וואָס וואַרפט אַן אימה אויף די אַרומיקע פעלקער. אין די עפּיזאָדן מיט די דריי רויב־חיות, וועלכע זיינען געקומען פאַרצוקן די טויטע גבורים און זיינען געווען געצוואונגען אין שרעק צוריקטרעטן, האָט מען אַפילו געפּרוּווט איינזען אַ רמז אויף די דריי היסטאָרישע מלחמות פונעם יידישן פאָלק מיט די דריי מלוכות אינעם אוראַלטן פּעריאָד: מצרים, בבל און רוים[4].

עס איז ניט אויסגעשלאָסן אַז ביאַליק האָט געהאַט אַזאַ אָדער ענלעכן מיין. אָבער, „ווי אַלע גרעסטע קינסטלער, איז ביאַליק אַלגעמיין־מענטשלעך" (גאָרקי). זיין פּאָעמע, וועלכע איז געווען געשריבן אין אַ צייט פון גרויסע געזעלשאַפטלעכע

אויפטרייסלונגען, איז איבערגעוואַקסן אירע נאַציאָנאַלע ראַמען און האָט דעראָבערט אַן אַלגעמיין־מענטשלעכן באַטייט.

סימפּטאָמאַטיש פאַר דעם צייט־גייסט איז דאָס באַטאָנען די קאָלאָסאַלע קרעפטן, וועלכע דרעמלען אין די גופים פון די איינגעשלאָפענע גיבורים. זיי זיינען ניט קיין קנעכט, וועלכע זיינען מידע געפאַלן אויף זייערע רוקזעק בעת דעם לאַנגן וואָגלען אין מדבר, נאָר פרייהייט־לעבעדיקע ריזן.

ווי אַן אָנזאָג פון די דערוואַרטע אויפטרייסלונגען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, דערשיינט דאָס בילד פונעם שטורעם אין מדבר, עס אָטעמט מיט אויפשטאַנד, מיט ברעכן צוימען, מיט אומוואַרפן פעסטונגען און געהיילקטע טראָנען.

עס הייבט זיך פלוצעם אויף אַ דור, פול מיט קראַפט און גבורה:

> אויף שפּיצן פון פעלדזן, וואו ס׳הויפן זיך וואָלקנס,
> מיר האָבן צוזאַמען מיט די אָדלערס פון הימל
> געשעפּט פון די קוואַלן פון פרייהייט...
> ניטאָ מער פאַר אונדז קיינע הערשער!
> צו די שווערדן! צו די שפּיזן! צוזאַמען! פאַראייניקט!

די פּאָעמע פאַרענדיקט זיך מיט דעם בילד פון איינגעשטילטן שטורעם. די גיבורים האָבן שלום געמאַכט מיט גאָט. עס הערשט ווידער אין מדבר אַ שטילקייט.

מעגלעך, אַז אינעם פינאַל פילט זיך ביאַליקס צווייפל אין דער מעגלעכקייט, אַז דאָס פאָלק זאָל זיך שלאָגן פאַר זיינע מענטשלעכע רעכט, מעגלעך, אַז עס לאָזט זיך שפּירן דעם דיכטערס אומרו פאַרן גורל פון די אויפגעשטאַנענע מאַסן: וועט זיי געלינגען מיט דער שווערד אין האַנט דעראָבערן די געגאַרטע פרייהייט?

און אפשר איז דאָס ניט קיין צווייפל. אפשר גאָר אַן אָנצוהערעניש, אַז אַ צייטווייליקע מפלה איז נאָך כלל ניט קיין מפּלה?

אין אוניסאָן מיט דער פּאָעמע ״די טויטע אין מדבר״ קלינגט די געשריבענע אין דעם זעלבן יאָר ערשטע סעריע ״ווינטער־לידער״, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר אַן איפּאָטעז פון מוט און קראַפט, אַ לויבגעזאַנג דעם כוח, וואָס זאַמלט זיך און פאַרהאַרטעוועט זיך.

אין יאָר 1904 האָט ביאַליק געוואוינט אין וואַרשע. די סביבה, אין וועלכער ער איז דאָ אַריינגעפאַלן (אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין אַרבעט אַלס רעדאַקטאָר פונעם בעלעטריסטישן אָפּטייל אין ״השלח״), איז געווען פיל מער אָנגעשטעקט מיט די געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן פון יענער שטורמישער צייט, איידער די, אין וועלכער ער האָט געלעבט אין אָדעס. ניט אומזיסט האָט אחד־העמען געשראָקן די ווירקונג, וואָס עס האָט געקענט האָבן אויף דעם דיכטער די אַטמאָספער אין וואַרשע. אין אַ בריוו צו י. קלויזנערן האָט אחד־העם געשריבן: ״ווי וועט זיך לעבן ביאַליקן אין וואַרשע? געדענקט, מיר האָבן זיין גייסט אָפּגעגעבן אין אייערע הענט און איר

זייט מחויב אים אָפּהיטן פון דער וואַרשעווער אַטמאָספער. פאַרגעסט ניט, ביאַליק איז דאָך איינער אין דער ליטעראַטור" [5].

די וואַרשעווער לופט האָט גינסטיק געווירקט אויף דעם דיכטער. אַ גרויסע ראָל האָט דערביי געשפּילט י. ל. פּרץ, מיט וועלכן ביאַליק, האָט גלייך ביים אָנקומען אין וואַרשע זיך באַפריינדט. פּרץ האָט געהאָלפן ביאַליקן טיפער צו פילן דעם גייסט פון דער צייט.ביידע שרייבער האָבן פאַרטראַכט אַרויסצוגעבן צוזאַמען אַ ליטעראַריש־קריטישן זאַמלבוך, אַ מין נייעם וואַריאַנט פון פּרצעס באַרימטן סאַטירישן "החץ". דער זאַמלבוך האָט געזאָלט זיין אַ "קליינע בינע פאַר עבודה־זרה", וועמעס ציל איז: 1) אַן אָנגריף קעגן דער פאַרפוילקייט און ענגהאַרציקייט; 2) פאַרעפנטלעכונג פון "נייע" זאַכן, וואָס דער מאָגן פון דער איצטיקער ליטעראַטור איז זיי ניט בכוח צו פאַרדייען [6]. אונטער פּרצעס ווירקונג האָט זיך געשטאַרקט ביאַליקס אינטערעס צו סאָציאַלע און פּאָליטישע פּראָבלעמען.

דעם דיכטערס מונטערע און האָפערדיקע שטימונג אין דער וואַרשעווער צייט האָט געפינען אַ טיפן אויסדרוק אין דער צווייטער סעריע פון די "ווינטער־לידער" (משירי החורף, ב').

די זון, וואָס רייסט זיך אַריין אין צימער דורך דעם פון אייז באַפרייטן פענצטער, געבוירט ביי ביאַליקן אַ שטורמישע פרייד, וועלכע דערמאָנט דעם קינדערישן עקסטאַז, מיט וועלכן מיר האָבן זיך געטראָפן אין אַזוינע ווערק ווי "צפרירים" אָדער "זהר". ווי אין די קינדער־יאָרן, באַוואונדערט דער דיכטער די יום־טובדיקע ווייסקייט אין אַרום, פאַרכלינעט זיך מיט שיין און לויטערקייט:

און איך ווייס ניט, וויפל זונען
האָבן גאָלד אין מיר געשפּריצט...
ס'האָט זיך ווייט אַנטדעקט גאָטס וועלטל
און געפינקלט און געבליצט... [7]

די זון, דער ווייסער יום־טוב, וואָס הערשט אין אַרום פילט אָן דעם דיכטער מיט אומגעהייערע לעבנס־לוסט און לעבנס־אימפּעט, אין זיין געמיט טוען זיך אָן עפן קוואַלן, וועלכע זיינען יאָרן לאַנג געווען פאַרשלאָסן, עס טוען אַ שפּאַר אַרויס קרעפטן, וואָס זיינען געווען דערשטיקט. דער דיכטער ווערט ממש פאַרפלייצט פון גבורה. אויפגעשטורעמט און צעכראַסטעט, שרייט ער אויס:

...עד, אַראָפּ די מרה־שחורה!
זע, ווי שיין ז'די וועלט פאַרצירט!

צוזאַמען מיט דער אויפוואַכונג פון דער אַרומיקער וועלט צו יום־טוב און באַנייאונג האָט דער דיכטער דערפילט אונטער דעם "דיקן פאַנצער־אייז" אַן אויפברויז פון יוגנטלעכע געפילן, דעם אָנקום פון אַ "פרילינג, וואָס איז פול מיט

פראַכט און לוסט, אַזאַ נייעם, פרישן פרילינג האָט קיין מענטש נאָך ניט געוואוסט!"

וואַרשיינלעך, אַז פיל האָט מיטגעווירקט דער שטורמיש־פרילינגדיקער, אויסערסט לעבנס־פריידיקער שטימונג, וועלכע הערשט אין די "ווינטער־לידער", דאָס שטאַרקע ליבע־געפיל, וואָס האָט אין יענער צייט אויפגעבליט אין דעם דיכטערס האַרץ. עס האַנדלט זיך וועגן דער ליבע צווישן ביאַליקן און דער איבערזעצערין פון זיינע ווערק אין רוסיש, די מאַלערין אירא יאַן (סלעפיאַן). וועגן דער דאָזיקער ליבע האָבן מיר זיך דערוואוסט ערשט ניט לאַנג, נאָך דעם, ווי עס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן איניקע, ביז איצט אומבאַקאַנטע, ביאַליקס בריוו [8].

מיט אירא יאַן האָט זיך דער דיכטער באַקאַנט זומער 1903, בשעת ער האָט זיך געפונען אין קעשענעוו אין צוזאַמענהאַנג מיטן בלוטיקן פּאָגראָם.

ווי ס'איז צו זען פון די פאַרעפנטלעכע בריוו, איז די באַקאַנטשאַפט איבער־געוואַקסן אין אַ ליבע, וועלכע האָט איבערגעלאָזט שפּורן אינעם דיכטערס שאַפן פון יענע יאָרן. מיט איר איז אין דער ערשטער ריי פאַרבונדן דער באַרימטער ציקל ליבע־לידער, וועלכער האָט זיינערצייט אַרויסגערופן אַ באַשטימטע פאַרלעגנהייט ביי די ביאַליק־פאָרשער, ווייל ס'איז ניט געווען קלאָר, וועלכע פערזענלעכע איבערלעבונגען האָבן אים אַרויסגערופן צום לעבן.

איצט, אין שיין פון די פאַרעפנטלעכע בריוו, לאָזט זיך לייכטער דערקלערן דער טיפער דראַמאַטיזם, מיט וועלכן ס'איז דורכגעדרונגען ביאַליקס לירישער השתפכות הנפש. די בענקשאַפט נאָך ליבע ווערט אָפט באַגלייט מיט אַ שטילן טרויער איבער דעם, וואָס זי איז געקומען שפּעט, מיט דעם פאַרגעפיל, אַז איר באַפרידיקונג איז אומעגלעך ("הכניסיני תחת כנפך" — "פאַרהיל מיך אונטער דיינע פליגלען"; "אם ישאל המלאך" — "אויב ס'וועט פרעגן דער מלאך"). די ליבע לײדנשאַפט רייסט זיך אַ מאָל אַרויס און וויל ניט וויסן פון קיין שום צוימען און גרענעצן, ווי אין ליד "איכה" ("וואו ביסטו"), אין וועלכער ס'הערט זיך דער אָטעם פון שיר השירים, פון דער מיטלעלטערלעכער העברעיש־שפּאַנישער דיכטונג.

... אַז דו ביסט נאָך געווען אַ ווייטע אומבאַקאַנטע —
שוין פלעגן רופן דיך די ליפּן די צעבערענטע,
און מיין געלעגער האָסטו גאַנצע נעכט געהיט,
און ווי אַ פייער־קויל ביי מיר אין האַרץ געגליט,
און כ'האָב געוויינט ביי נאַכט, מיין קישל שטיל געביסן,
און ס'האָט מיין האַרץ געשמאַכט און זיך צו דיר געריסן . . .
און אין די הייליקסטע פון מיינע ליידן —
האָב איך נאָר איינס געגאַרט, נאָר איינס פאַרלאַנגט האָב איך:
נאָך דיך, נאָך דיך, נאָך דיך [9].

וועגן דאָזיקן ליד האָט י. ל. פּרץ באַגייסטערט געשריבן: „אָט איז יוגנט, אָט איז הפקר פון יוגנט! לעבנסלוסט, אַ ברענענדיק האַרץ און ניט אַ נשמהלע... וואָס ריִעט זיך אין מיסט" 10.

אַמשטאַרקנס האָט ביאַליקס ליבע־געפיל געפונען זיין אויסדרוק אין דער באַקאַנטער פּאָעמע אין פּראָזע „מגילת האש" („די פייער־מגילה") — אַ ווערק וואָס איז געבוירן געוואָרן, קען מען זאָגן, אין פייער פון דער רעוואָלוציע.

די בעסטע פאָרשטייער פון דער יידישער ליטעראַטור האָבן מיט גרויסע האָפענונגען באַגעגנט דעם פּאָליטישן פרילינג אין רוסלאַנד. זיי האָבן אין אים אָנגעקניפּט זייערע נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן. שלום־עליכם איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ ריי שאַרפע פּאַמפלעטן קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשונג, פּרץ האָט פאַרעפנטלעכט זיינע קריגערישע פעליעטאָנען, די וואַרשעווער פאַרצייכענונגען, אין וועלכע ער האָט געשילדערט דעם גאַנג פון דער רעוואָלוציע אין דער אויפגעברויזטער וואַרשע. אויך ביאַליק פאָלגט אויפמערקזאַם נאָך די גרויסע געשעענישן.

ער שרייבט אין איינעם אַ בריוו צו י. קלויזנערן אין פעברואַר 1905:

„ס'איז ניט קיין צייט פאַר ליטעראַטור איצט, ס'איז אַ צייט פאַר מעשים... די 'אַקטועלע באַדאַרפענישן' פון די היינטיקע צאָרנדיקע און שטורמישע טעג, קען מען בשום אופן ניט איגנאָרירן. ס'איז ניט מעגלעך צו שפּייזן אונדזער אומרואיקע צייט מיט זמירות און פּזמונים און אפילו מיט דברי־תורה און וויסן" 11.

עס הייסט כלל ניט אַז ביאַליק איז אין אָט דער צייט געווען אַ רעוואָלוציאָנער. ער איז אויך איצט געווען ווייט פון רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און האָט זיך ווייניק פאַנאַנדערגעקליבן אין סאָציאַלן מהות און אין קלאַסן־תוך פון דער רעוואָלוציע. זיין טיפע צוגעבונדקייט צו דער „כנסת־ישראל", די גייסטיקע אָפּהענגיקייט פון אחד־העמען און זיינע נאָכהענגער — דאָס אַלץ האָט געשטערט ביאַליקן אין דער גאַנצער טיף תופס צו זיין די באַדייטונג פון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין לאַנד.

מען דאַרף אָבער ניט פאַרגעסן, אַז ביאַליק איז אַרויסגעקומען פון די אָרעמסטע שיכטן פון פאָלק, וועמענס נויטן און ליידן ער האָט גוט געקענט. דעם דיכטער האָט קיין מאָל ניט פאַרלאָזט דאָס געפיל פון מיטלייד צו די ליידנדיקע און אונטערדריקטע פאָלקסמאַסן. ס'איז גענוג צו דערמאָנען די פּאָעמע „תקוות עני" („די האָפענונג פון אַן אָרעמאַן"), וועלכע איז אָנגעזאָפּט מיט טיפסטן סאָציאַלן ווייטיק. גרויליקע בילדער פונעם יידישן דלות און אויסוועגלאָזקייט האָט ביאַליק אָנגעצייכנט אינעם ציקל פּאָעמעס אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען „יתמות", געשריבן אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן.

די ליבע פונעם דיכטער צום אונטערדריקטן פאָלק, זיין שטאַרקער מיטגעפיל צו די ברייטע יידישע מאַסן, וועלכע האָבן געליטן פון אַ טאָפּלטן יאָך: פון סאָ־

ציאַלער און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, האָבן אים אונטערגעזאָגט, אַז דער אויסוועג פון דער טראַגישער לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין תחום־המושב איז פאַרבונדן מיט די אויסזיכטן פון די זיך־אַנטוויקלענדיקע רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין לאַנד.

ער רעאַגירט אויף די דאָזיקע געשעענישן מיט דער ליד "ערב פרילינג", וועלכעס ער שרייבט אין יידיש, בלי ספק מיט דעם ציל עס זאָל געלייענט ווערן פונעם גאַנצן פאָלק. אַלץ וואָס האָט געוירט אין זיינע פרילינג־און ווינטער לידער, אין די לידער וועגן ליכט און שיין, איז איצט אויסגעבראָכן אין אַ פריידיק געזאַנג לכבוד דעם אָנקומענדיקן פּאָליטישן פרילינג.

דער דיכטער איז פאַרפולט מיטן פאַרגעפיל פון אומפאַרמיידלעכן אָנקום פון פרילינג. דער שטרייט צווישן קאַלט און וואַרעם, פראָסט און זון, סוף און אָנהייב, סיבאַליזירט דאָ דעם געראַנגל צווישן דער פאַראורטיילטער צום אומקום אַלטער וועלט און די נייע קרעפטן, וועלכע רייסן זיך צום לעבן. דאָס בילד פון פלאַצנדיקן אייז אויפן טייך קלינגט ווי אַ הימן פון די אויפגעשטאַנענע מאַסן, וועלכע "שפּאַרן אין די זייטן", "רודערן דאָרט אונטן", און אַלע צוזאַמען

ווי מיט איין געדאַנק און עצה,
וועלן זיך אַ נעם טאָן "ראַזאָם" —
און אַ שפּאַר טאָן מיט איין פּלייצע —
"ראַזאָם, ברידער!" און צעבראָכן
מוז די גראָבע אייז־דעק ווערן,
די, וואָס האָט פון זיי פאַרשטעלט
הימל, זון, לבנה, שטערן.

סימפּטאָמאַטיש איז דאָס באַנוצן דאָס באַליבטע ביים רעוואָלוציאָנער־געשטימטן עולם רוסישן ווערטל "ראַזאָם".

אינעם פאָלקסטימלעכן זידל־וואָרט "גייט צו אַל די שוואַרצע יאָר!", מיט וועלכן די "באַפרייטע ברייטע כוואַליעס, טרייבן דורך די בריקן גאַנצע מחנות שטיקער אייז", הערט זיך דער טריומף־געשריי פון די באַפרייטע מאַסן. אַ ניט צווייַדייטיקע אָנצוהערעניש אויף דעם אומפאַרמיידלעכער נקמה פונעם פאָלק לגבי זיינע אונטערדריקער פילט זיך אין דער איראָנישער רעפּליק וועגן "קאַלטע פעטש מיט הייסע שמיצלעך", וועלכע ס׳וועלן באַקומען די מחנות אייז פון די "שטרענגע כוואַליעס" און "ריטער־שטראַלן". די פרייד פונעם דערוואַרטן ניצחון ווערט פּיק־סירט אין געפּרעסטע, פון פאָלקלאָר אַנטליענע, בילדער־אַפאָריזמען:

פיש אין וואַסער וועלן זינגען,
שטומע שטיינער וועלן שאַלן!

מיט געוואַלדיקן אינטערעס און שפּאַנונג האָט דער דיכטער נאָכגעפאָלגט נאָך דעם אויפשטאַנד אויף דער פּאַנצער־שיף „פּאָטיאָמקין", וועלכער איז פאָרגעקומען אויף זיינע אויגן אין אָדעס. לויט דער גבית־ערות פון י. פיכמאַן, וועלכער איז אין יענע טעג געווען צו גאַסט ביי ביאַליקן אין אָדעס, און האָט צוזאַמען מיט אים נאָכגעשפּירט נאָך די געשעענישן אין אָדעסער פּאָרט, איז „מגילת האש", „די ליד פון חורבן און ווידער־אויפשטעלונג... דורכאויס אָנגעזאַפּט מיט די וויזיעס פון יענע גרויזאַמע טעג" [12].

נאָר וויכטיקער, נאַטירלעך, איז דאָס, וואָס ביאַליק אַליין דערציילט וועגן דעם:

„איך האָב גוט געוואוסט, אַז ס'וועט זיין אַ דערציילונג, אַ ריינע נאָוועלע, נאָר אַז איך בין צוגעטראָטן צום שרייבן, בין איך אַריינגעפאַלן אין לגמרי אַן אַנדער טאָן... יענע טעג זיינען געווען טעג פון גרויסן שטורעם אין אָדעס, די טעג פונעם אויפשטאַנד אויף דער פּאַנצער־שיף „פּאָטיאָמקין", און די לופט איז געווען שטאַרק עלעקטריזירט. די ווינטן זיינען געווען שטורמישע, און די טעמפּעראַטור איז געווען אָנגעגליט ביז דעם העכסטן גראַד... איך געדענק אַז ווען איך בין צו־געטראָטן שרייבן די דאָזיקע זאַך, בין איך געווען באַהערשט פון אַן אינערלעכן שטורעם און געשפּאַנטקייט. איך בין געווען אינגאַנצן אויפגעטרייסלט פון דער שיסעריי און פון פאַרשידענע קלאַנגען, וועלכע האָבן זיך דעם גאַנצן טאָג אומגע־טראָגן אין דער לופט. נאַטירלעך, אַז איך האָב מיך מיט דעם גאַנצן עולם צוזאַמען באַטייליקט אין דעם דאָזיקן שטורעם... איך בין אַריינגעטראָטן אין דער אַרביטע, אין דער זאָנע פון שטורעם, דער נשמה־שטורעם האָט זיך געלאָזט פילן. ער האָט, דאַכט מיר, אַרויפגעלייגט זיין שטעמפּל אויף דעם דאָזיקן ווערק" [13].

„מגילת האש" איז געווען געשריבן ניט נאָר אין די טעג, ווען „די רויטע פאַן אויף דער בונטאַרישער שיף האָט געפלאַטערט ווי אַ פייער־אַנזאָג פאַר די אונטער־דריקטע פעלקער פון רוסלאַנד" (י. פיכמאַן), נאָר אויך ווען דער אויפשטאַנד איז געווען ברוטאַל דערשטיקט, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן שרעקלעכע רעפּרעסיעס קעגן די פּראָגרעסיווע קרעפטן אין לאַנד, ווען די צאַרישע רעגירונג האָט אָרגאַ־ניזירט אַ כוואַליע בלוטיקע פּאָגראָמען אין אַ ריי שטעט אין רוסלאַנד. דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגערופן סיי אויף דעם אינהאַלט, סיי אויף דער פאָרם פונעם ווערק. „האָפענונג" גייט דאָ באַנאַנד מיט „שרעק", גלויבן — מיט אומגלויבן, מרידה און נקמה־מאָטיוון — מיט מאָטיוון פון מחילה, סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער ווייטיק — מיט אינדיווידועלן טרויער און אַנטוישונג. פון דאַנעט — די אָפּוועזנהייט פון קינסטלערישער שלמות, דאָס „מאָזאַיקהאַפטע" אינעם ווערק (לויט ביאַליקס אויסדרוק), די איבערגעלאָדנקייט מיט אַלעגאָריעס און סימבאָלן.

די פּאָעמע איז איינגעהילט אין ביבליש־לעגענדאַרישע לבושים. אַוועקלייגנדיק אין איר יסוד די לעגענדע וועגן דעם פאַרלאָרן געגאַנגענעם „הייליקן, אייביקן פייער" בשעת דעם קרבן פון בית־המקדש, איז ביאַליק קודם כל אויסן געווען

אַפּצורופֿן זיך אויף דעם טראַגישן גורל פֿונעם פֿאָלק, אויף זיין פיזישן און גייסטיקן קרבן אין די באַדינגונגען פון די בלוטיקע רדיפות אין צאַרישן רוסלאַנד. נאָר אונטערן איינפלוס פון די גרויסע געשעענישן, וואָס האָבן זיך צעוויקלט אין לאַנד, איז דאָס ווערק אַרויס ווייט פון די ראַמען פון דעם פאַרטראַכטן. דאָס האָט אָנערקענט, ווי מיר האָבן אויבן געזען, אַליין דער דיכטער.

אַירא יאַן איז געווען גערעכט, ווען זי האָט אינעם פֿאָרוואָרט צו איר רוסישער איבערזעצונג פון "מגילת האש", ווי פֿאָלעמיזירנדיק מיט דער פאַרשפּרייטער אין דער ביאַליק־פאָרשונג דורכאויס נאַציאָנאַליסטישער טראַקטירונג פון דער פּאָעמע, געשריבן:

"עס וועט באַגיין אַ גראָבן פעלער, דער, וואָס וועט זוכן אין דער דאָזיקע פּאָעמע נאַציאָנאַלע טענדענצן. ביאַליק איז פּונקט ווי דער מחבר פון שיר־השירים, אַ ייד ביז דעם מאַרך פון זיינע ביינער און ער שאַפט אומיטלבאַר נאַציאָנאַל, ווי אַלע עכטע סאַמאַראַדקעס, האַלב־באַוואוסטזיניקע טרעגער פון די רייכטימער פונעם פאָלקס־גייסט. ווען ביאַליק וויינט אָדער פרייט זיך, האַסט אָדער ליבט, גיסט זיך ביי אים אַלץ אויס אין יידישע געשטאַלטן, אין יידישע קלאַנגען. אין דעם שטעקן זיינע זעלטענע פאַר אונדזער יאָרהונדערט אָריגינאַליטעט און קינסטלערישע ווערק. דאָס נאַציאָנאַלע, אין דעם פאָרם, אין וועלכע עס אַנטפּלעקט זיך ביי אים, ווידער־שפּרעכט ניט דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן, פּונקט ווי עס ווידערשפּרעכט אים ניט דאָס טיף־אינדיווידואַלע, ניט אויפהערנדיק צו זיין נאַציאָנאַל. ביאַליק איז טיף אינדיווידואַל, דאָך גיסט זיך ביי אים דאָס אינדיווידואַלע ענג צונויף מיט דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן".

די אָנגעגליטע אַטמאָספער, אין וועלכער ס'איז געבאָרן געוואָרן די "מגילה פון פייער", לאָזט זיך קודם כל שפּירן אינעם גייסט פון בונט און מרידה, מיט וועלכן ס'אָטעמט דאָס גאַנצע ווערק. זי פילט זיך אין די בילדער פון "פייער", מיט וועלכע ס'הייבט זיך אָן די "מגילה". זי לאָזט זיך דייטלעך שפּירן אינעם געשטאַלט פונעם "גאָט פון נקמה", וועמענס "צאָרן עס צעטראָגן ווייט אין די בערג און צו די שטיינער אין מידבר די וואָלקנס, אָנגעלאָדענע מיט בלוט און פייער". די העכסטע קינסטלערישע פאַרקערפּערונג באַקומט דער גייסט פון האַס און נקמה אין דעם געשטאַלט פונעם גרויזאַמען מאַן מיט די "אָנגעכמורעטע ברעמען". מעכטיק קלינגט זיין "ליד פון צאָרן", אין וועלכער עס הערט זיך דעם דיכטערס טיפער צער לגבי די פּילצאָליקע אומשולדיקע קרבנות פון די שוידערלעכע פּאָגראָמען און ברוטאַלע רעפּרעסיעס, מיט וועלכע די צאַרישע רעגירונג האָט געענטפערט אויף דעם רע־וואָלוציאָנערן אויפברויז פון די מאַסן.

דער באַפרייאונגס־גייסט פון דער עפּאָכע האָט געפונען זיין באַזונדערע אויסווירקונג אינעם צענטראַלן, וויכטיקסטן און קינסטלעריש שטאַרקסטן טייל

פון דער „מגילה״, אין דער ווידוי פונעם „בחור מיט די לויטערע אויגן״. דער דיכטער אַליין האָט אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם אויטאָביאָגראַפישן יסוד פון דעם „ווידוי״־מאָטיוו. עס הערט זיך אין אים ביאַליקס ווייגעשריי איבער זיין פריי־באַרויבטער קינדהייט און יוגנט, איבער די „יוגנט לאָקן״, וועלכע זיינען „געוואָרפן געוואָרן אויפן מזבח און זיך פאַרוואַנדלט אין אַש״, איבער די יונגע געפילן פון באַגערן, וואָס זיינען דערשטיקט און באַגראָבן געוואָרן אונטערן דרוק פון אַלטע טראַדיציעס און הייליקע דאָגמעס. באַזונדערס שטאַרק רעדן די שטעלן, פון וועלכע ס׳הערן זיך אַרויס דעם דיכטערס צאַרטסטער ליבע־געבעט און די ליבע־ליידן. נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך באַקאַנט מיט ביאַליקס בריוו צו אירא יאַן, ווערן די דאָזיקע שטעלן אויפגעפּאַסט ווי אַ פאַרמאַסקירטע ליבע־דערקלערונג צו אַ קאָנקרע־טער פרוי, אין וועלכער ס׳לאָזט זיך פילן דער גרעאַנגל פונעם דיכטער מיט זיין ליידנשאַפט, וועלכע ער איז געצוואונגען אין זיך צו דערשטיקן. פון די געדיכטע־איינגעהילטע אין ביבלישער בילדערישקייט שורות שרייט אַרויס דער נאַקעטער אמת פון אַ ליבע־געפיל אין זיין גאַנצער דראַמאַטישער שפּאַנונג.

די קראַפט פון „מגילת האש״ איז באַשטאַנען דערין, וואָס דער דיכטער האָט דאָס פערזענלעכע דערהויבן צו אַ קינסטלערישער פאַראַלגעמיינערונג. אין דער „ווידוי״ האָט זיך געלאָזט הערן דער ווייטיק און פּראָטעסט פון אַ גאַנצן דור יונגעלייט, וועמעס יוגנט איז געווען באַרויבט, די געפילן — דערשטיקט אין דער אַטמאָספער פון האַלב־פּאַטריאַרכאַלע, אָפּגעשטאַנענע פאַרהעלטענישן. דער דיכטער האָט אויסגעדריקט זייער בענקשאַפט נאָך אַ פולווערטיק, האַרמאָניש לעבן, גערופן צו אָנערקענען זייער מענטשלעכע ווערדע, זייער רעכט אויף פערזענלעך גליק, וואָס איז ברוטאַל צעטראָטן געוואָרן אין די באַדינגונגען פונעם תחום־המושב אין צאַרישן רוסלאַנד.

דאָס ווערק איז טאַקע באַגייסטערט אויפגענומען געוואָרן דורך דער פּראָגרעסיוו געשטימטער יוגנט, פאַר וועלכער עס איז, צוזאַמען מיט ביאַליקס לידער פון „צער און צאָרן״, געווען לויט דער גבית־עדות פון י. ד. בערקאָוויטש, „אַנרענענדיקער פאַקעל אין אַ פינצטער נאַכט, וועלכער רופט צו אויפוואַכונג, צום קאַמף פאַר אַ לעבן פון מוט און כבוד״ [14].

גלייך נאָך „מגילת האש״ איז געקומען ביאַליקס פּאָעמע „הברכה״ („די סאַזשלקע״). עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי דער דיכטער וואָלט זיך דאָ געשטעלט דעם ציל אַ ביסל זיך אָפּקילן פונעם פלאַמענדיקן „פייער״ אין קאַלטן „וואַסער״ — „קומען צו־זיך״ נאָך דעם צייט־שטורעם.

ביאַליק פּרוּווט אויף דער שויס פון דער נאַטור זיך פאַרזינקען אין שטילן באַאָבאַכטן איר שיינקייט. ער טראַגט זיך ווידער אַריבער, ווי אַלע מאָל, ווען ער ווערט מיד פון די שטרייטן און ווידערשפּרוכן אין אַרומיקן לעבן, אין דער וועלט פון פריען קאַיאָר, ווען ער איז געווען אַ קינד, און אַלץ, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט,

איז געווען רייך, לויטער און דורכזיכטיק און האָט אַרויסגערופן בלויז חידוש און באַוואונדערונג.

ווי ביאַליק האָט דערקלערט אין אַ בריוו צו אַיראַ יאַן, איז פאַר אים די "סאַזשלקע" געווען "דער סימבאָל פונעם גייסט פון שאַפן". דער דיכטער האָט דאָ קינסטלעריש פאַרקערפּערט זיין געדאַנק וועגן קונסט, וועלכע דאַרף און מוז זיין פאַרבונדן מיטן לעבן, שעפּן פון דאָרט אירע בילדער, הגם איר באַרוף איז צו דערהייבן זיי, איבערפירן זיי אין אַ העכערער ספערע, אין דער ספערע פון שיינקייט. ס'ווערט דאָ קינסטלעריש רעזומירט ביאַליקס עסטעטישע פאָרמול וועגן דער אילוזאָרישקייט פון יעטוועדן פּרווו פונעם קינסטלער זיך אָפּצוווענדן פונעם לעבן און זיך אָפּגעבן "דעם שיינעם טרוים וועגן אַן אַנדער וועלט". ער איז געצוואונגען, צי ער וויל יאָ, צי ער וויל ניט, אַלץ זען, וואָס קומט פאָר אין אַרומיקן לעבן, אַלץ אָפּשפּיגלען, זיך ענדערן צוזאַמען מיט דערווירקלעכקייט, מיטגעריסן ווערן פון אירע אומרועז און זאָרגן.

אין "הברכה" האָט זיך דער דיכטער געפּרווט פאַרבאָרגן אין דער "ממשלה פון דערהויבענער שטילקייט", אין דער וועלט פון שיינע אויסטערלישע זעאונגען. זיין מוזע האָט זיך, ווי די סאַזשלקע, געוואָלט אויסבאַהאַלטן אין שאָטן פונעם וואַלד און פאַנגען אין דער שטיל, אָן אַ באַזונדער תכלית, די גאָלדענע פישלעך, וועלכע געפינען זיך אין אירע וואַסערן. נאָר ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז עס איז אוממעגלעך.

דאָס שטאַרקסטע בילד אין דער פּאָעמע איז דווקא דאָס בילד פונעם שטורעם אין וואַלד, אין אַזאַ מהומה קען שוין ניט די סאַזשלקע רואיק זיך שפּיגלען אין אירע קלאָרע וואַסערן. אַזוי איז אויך מיט דעם קינסטלער. ער קען זיך ניט אויסבאַהאַלטן פון די שטורעמס פון זיין צייט, זיי גייען דורך דורך זיין האַרצן, זיי טרייסלען עס אויף און מאַכן צונישט זיין ענג "צנועדיק וועלטל", וואָס איז פול מיט "לויטערע חלומות און זויבערע זעאונגען".

העפט 3, 1975

1 בריוו צו ראַווניצקין, אגרות ח. נ. ביאַליק, כרך 1, זז' קלז—קלח.
2 "זהר" און "שירתי" זיינען געווען צוערשט פּלאַנירט אַלס צוויי טיילן פון איין פּאָעמע.
3 מ. אָלגין, אין דער וועלט פון געזאַנגען, ניו־יאָרק, 1919, ז' 78.
4 זע, צום ביישפּיל, פ. לחובר, ח. נ. ביאַליק, חייו ויצירתו, כרך שני, זז' 401—404.
5 אגרות אחד העם, כרך ג, ז' 165.
6 אגרות ח. נ. ביאַליק, כרך 1, זז' רי—ריב.
7 די "ווינטער־לידער" ציטירן מיר אין דער איבערזעצונג פון ז. שניאור און י. י. שוואַרץ.
8 זע מאזניים, נומ' 1, 1973, זז' 7—10.

9 איבערגעזעצט, ש. גינזבורג.
10 כתבי י. ל. פרץ, באַנד 10, ז׳ 188.
11 אגרות ח. נ. ביאליק, כרך 1, ז׳ רצב.
12 י. פיכמאן, סופרים בחייהם, ז׳ 60.
13 ח. נ. ביאליק, משהו על ׳מגילת האש׳, מאזניים, תמוז־אב תרצ״ד, ז׳ 351.
14 כתבי י. ד. ברקוביץ, ספר שביעי, תל־אביב תש״ג, ז׳ קח.

נייע לעבנס־פאָרמען — נייע קונסט

(דוד בערגעלסאָן)

ד. בערגעלסאָן איז אַריין אין דער ליטעראַטור אין די יאָרן 1909—1910 אין דער צייט פון רעאַקציע נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905. דער שרייבער האָט שפּעטער דערציילט, אַז די רעוואָלוציע פון 1905 האָט אים "פאַרכאַפּט", נאָך "זייענדיק אַ יונגערמאַן מיט אַ כאַאָטישער, ניט סיסטעמאַטישער בילדונג, מיט מינימאַלע פּאָלי־טישע אינטערעסן, ווייניק באַהאַווּנט אין קלאַסן־קאַמף און פּאַרטייען־קאַמף", האָט ער זיך "ניט פאַנאַנדערגעקליבן אינעם מהות פון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן"[1]. דאָך האָט די רעוואָלוציע, בלי־ספק, איבערגעלאָזט טיפע שפּורן אין זיין שאַפונג פון יענע יאָרן, איר ווידערקול האָט זיך געלאָזט הערן שוין אין "אַרום וואָקזאַל", נאָך שאַרפער אינעם "טויבן", געגנוג דייטלעך אויך אין "נאָך אַלעמען" און אין "אָפּגאַנג".

די אידעאישע איינשטעלונגען פון דער אַזויגערופענער "קיעווער גרופּע" יונגע יידישע ליטעראַטן, צו וועלכער בערגעלסאָן האָט דאַן געהערט, האָבן זיך, לויט דער גבֿיית־עדות פון נ. מייזיל, געשטאַלטיקט אונטערן איינפלוס פונעם "רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישן ראַדיקאַלן קיעווער קרייז". זיי האָבן זיך אויסגעדריקט קודם־כל אין אַ טיפן ווידערגעפיל צו די טראַדיציאָנעלע קאָנסערוווירטע פאָרמען פונעם יידישן לעבנשטייגער און צו די אידייען פון יידישער אָפּגעזונדערטקייט. אַ וויכטיקע ראָל האָט דערביי געשפּילט די השפּעה פון דער רוסישער קלאַסישער און מאָדערנער ליטעראַטור, פון דער מערבֿ־אייראָפּעאישער ליטעראַטור, באַזונדערס פון דער סקאַנדינאַווישער (האמסון), און אויך פון די דעמאָלטיקע בונטאַרן־שרייבער אין דער יונג־העברעישער ליטעראַטור (בערדיטשעווסקי, ברענער, גנעסין).

בערגעלסאָן אַליין האָט געהאַלטן פאַר איבערגעטריבן די השפּעה אויף זיין שאַפונג, וועלכע מע האָט צוגעשריבן האמסונען. פון די העברעישע שרייבער האָט ער אויסגעטיילט בערדיטשעווסקין[2]. מ. בערדיטשעווסקי איז געווען גראַדע די פיגור, וועלכע האָט שטאַרק צוגעצויגן צו זיך די יונגע יידישע שרייבער, וואָס האָבן אונטערן איינפלוס פון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין רוסלאַנד זיך אַ צי געטאָן פון די ענגע דל"ד אמות פון דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט צו ברייטער וועלטלעכקייט. נאָך אין די ניינציקער יאָרן האָט מ. י. בערדיטשעווסקי אָנגעהויבן זיין שטרייט מיט אחד־העמס קאָנצעפּציע פון גייסטיקער יידישקייט.

„מיר ווילן זיין ׳יידן — מענטשן׳, — האָט ער געשריבן אין זיין בשעתו באַרימט געוואָרענעם אָפענעם בריוו צו אחד־העמען. — מיר דאַרפן פאַרברייטערן אונדזערע גרענעצן און אַוועקשטעלן די וועלטלעכע בילדונג און אירע באַדערפענישן, וועלכע באַנייען זיך פון טאָג צו טאָג, אין איין ריי מיט אונדזער אַלטער ירושה״. בערדיטשעווסקי האָט גערופן איבערצושאַצן אַלע פריערדיקע ווערטן, אָפּזאָגן זיך פון דער פאַרהערלעכונג פון דער אַזויגערופענער „אייביקער יידישקייט״. ענלעכע מאָטיוון האָט מען געקאָנט טרעפן אין י. ח. ברענערס שאַפן פון יענע יאָרן.

די דאָזיקע אידייען זיינען געווען צום האַרצן דער ראַדיקאַל־געשטימטער גרופע קיעווער ליטעראַטן. „אינעם גוראַנגל צווישן אחד־העמען און בערדיטשעווסקין, — דערציילט נ. מייזיל, — איז מען געווען אינגאַנצן אויף דער זייט פונעם לעצטן. „שנוי ערכין״ — דאָס איבערשאַצן ווערטן — האָט פיל מער אַפּעלירט צו אונדז, ווי די „השלח״־לאָזונגען״.

דוד בערגעלסאָן האָט פאַרגעזעצט די טראַדיציעס פונעם יידישן קלאַסישן סטיל, דעם סטיל פון קריטישן רעאַליזם, און האָט אים גלייכצייטיק רעווידירט, באַנייט, פאַרברייטערט, באַרייכערט מיט דער קינסטלערישער דערפאַרונג פון דעם נאָכ־קלאַסישן פעריאָד. „ווי יעדער גרויסער קינסטלער, וועלכער גייט שטענדיק דער געפאַר אַנטקעגן, איז אויך דוד בערגעלסאָן, — שרייבט נ. אויסלענדער, — שטענדיק געגאַנגען מיט דער קונסט דער אָפּשאַצנדיקער, מיט דער קונסט דער רעווידירנ־דיקער. דערפאַר האָט ער, דער קינסטלער, וועמענס וועג עס איז פאַרלאָפן האַרט אויף דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַלן שטח פון אונדזער קלאַסישן קונסט־שטייגער, — דעם דאָזיקן קונסט־שטייגער טאָקע גרינטלעך רעווידירט״ [3]. בערגעלסאָנען איז דעריבער געלונגען „ניצול ווערן פון די ענגע דל״ד אמות פון קאַסרילעווקע און מיט דער מאַכט פון זיין טאַלאַנט דערהייבן קאַסרילעווקע צו אַ טעאַטער פון רייך־מענטשלעכע געשעענישן״ [4].

פון די דריי גרויסע יידישע קלאַסיקער האָט מער פון אַלע אַנטשפּראָכן די ליטעראַריש־עסטעטישע אויפגאַבן, וועלכע די קיעווער גרופע שרייבער האָט פאַר זיך געשטעלט, דאָס שעפערישע געשטאַלט פון י. ל. פּרצן. די באַציאונג צו מענדעלן און שלום־עליכמען איז געווען אַ צוריקגעהאַלטענע, צו פּרצן — אַ באַ־גייסטערטע.

ד. בערגעלסאָן האָט, באַטראַכטנדיק רעטראָספּעקטיוו די יאָרן פון זיין שעפערישן אָנהייב, דערציילט, אַז ביים איבערגאַנג פון העברעיש צו יידיש, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף באַשטימטע שוועריקייטן ביים אויסזוכן „לשון, סטיל, שפּראַכ־לעכע טראַדיציעס אויף וואָס אָנצושפּאַרן זיך. מענדעלע איז געווען ווייט און פרעמד. עס האָט געצויגן צו פּרצן, אָבער דיאַלעקטיש איז דער פּוילישער פּרץ געווען אומעגלעך, ווי אַן אויסגאַנג־פּונקט. אין זין פון שפּראַך, דיאַלעקט איז צום נאָענטסטן געווען שלום־עליכם. ער האָט גערעדט מיט דער שפּראַך פון זיין היים, פון זיין

סביבה, פון זיינע מענטשן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז יידיש — דאָס איז שלום־עליכם, אַז אַן אַנדער יידיש איז אומעגלעך. די ערשטע פּרוּוון אין יידיש זיינען טאַקע געווען אין שלום־עליכם־סטיל. עס איז אָבער געווען אַ קאַלאָסאַלע אַנטוישונג — ס׳האָט זיך באַקומען צופּיל באַריידעוודיק און אַפילו מליצהדיק... די פּאָר פּרוּוון אין שלום־עליכם־נוסח זיינען דורכגעפאַלן״ [5].

אין פּרצן האָט בערגעלסאָן געשעצט דעם הויכן געפיל פון אחריות פאַר דער אייגנטלעכער ליטעראַרישער קולטור, זיין זאָרג וועגן דער קולטור פון פאָרם, פון בילד, פון סטיל, פון שפּראַך, פון וואָרט. די דאָזיקע פּרץ־טראַדיציע האָט בערגעלסאָן ווייטער אַנטוויקלט און זי דערפירט צו ראַפינירטקייט און שלימות.

זיין טיפן אָפּשיי פאַר פּרצן און דעם געפיל פון גרויסער אַנערקענונג לגבי אים, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער ראַדיקאַל־געשטימטער יידישער אינ־טעליגענץ בכלל און דער גרופּע קיעווער יונגע יידישע שרייבער בפרט, האָט דוד בערגעלסאָן אַמבעסטן אויסגעדריקט אין זיין אַרטיקל, וואָס איז אָנגעשריבן אונטער דעם דירעקטן איינדרוק פון פּרצעס טויט.

״אַרומבלאָנדזשען וועלן מיר, — שרייבט ד. בערגעלסאָן, — איבער די איבער־געפּולטע גאַסן און וועלן זוכן דעם שליסל צו אונדזערע אייגענע געפילן, דעם שטיק ״איך״, וואָס אונדז פעלט, די שיינקייט, וואָס קען ממלא זיין דעם פּגם אין אונדזער נשמה. און אויסקומען וועט דאָך שוין ממילא, אַז דאָס וועלן מיר זוכן אים — אַזוי וועלן מיר רופן אונדזער גרויסן געשטאָרבענעם פּרצן, דעם שיינעם פילפאַרביקן העלד פון אונדזער — דער יידישער יוגנט — ראָמאַן״ [6].

דער נייער דור יונגע יידישע שרייבער, — האָט באַטאָנט בערגעלסאָן, — ״נעמט שוין אַנטייל אינעם וואוקס פון זיין אייגענער טיפקייט״ און באַמיט זיך דרייסטער און אַלזייטיקער צו אַנאַליזירן ״דער יידיש־וועלטלעכער יוגנטס איבער־לעבונגען״, טיפער און ראַפינירטער צו געבן דעם ״סינטעז פון אַלטן און נייעם יידישן געדאַנק״, צו וועלכן פּרץ האָט געשטרעבט, נאָר איז ניט בכוח געווען פול־שטענדיק צו פאַרווירקלעכן, ווייל די צייט, אין וועלכער ער האָט געלעבט, איז נאָך דערצו ניט דערוואַקסן.

די אַרבעט וועגן י. ל. פּרצן איז געווען געשריבן אין די שווערע מלחמה־יאָרן, דאָך פילט זיך אין איר אַ מונטערער קוק אין דער צוקונפט, זי איז פול מיט גלויבן אין די שעפערישע כוחות פון דער יידישער אינטעליגענץ.

די אָקטאָבער רעוואָלוציע האָט גוואַלדיק אויפגעטרייסלט דאָס יידישע לעבן, אַרויסגערופן אַ קאָלאָסאַלן אויפברויז פונעם ליטעראַרישן שאַפן. די ענדערונגען אינעם לעבן האָבן אויך בערגעלסאָנען אויפגעטרייסלט און באַגייסטערט. אין שיין פון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן האָט ער אַלס קינסטלער ניט געקענט ניט דערפילן אַ געוויסע שעפערישע אויסגעליידיקטקייט. די ביז־איצטיקע ״קינסטלערישע

אָריענטאַציע אויפֿן יידישן מיטלשטאַנד... איז מיטאַמאָל געוואָרן אַנאַכראָניש, ניט צו דער צייט, פֿאַרעלטערט, ווען קאַלאָסאַלע מאַסן מיטן פּראָלעטאַרישן אַוואַנגאַרד האָבן זיך אַ ריר געטאָן און פֿאַרנומען דעם געשיכטלעכן אויבנאָן אויך אין דער יידישער סביבה... דער פֿאַרחלומט־לאַנגזאַמער אינדיווידואַליסטיש־אימפּרעסיאָ־ניסטישער סטיל איז געוואָרן אַ מין דיסאָנאַנס פֿון יענער וועלט, בשעת מאַסן־ברויז איז געוואָרן דער סטיל פֿון דער עפּאָכע"[7]. דער ביז־רעוואָלוציאָנערער שרייבער האָט, נאַטירלעך, איבערגעלעבט אַ באַשטימטן אידייאיש־שעפֿערישן קריזיס. "מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, — האָט ד. בערגעלסאָן שפּעטער דערציילט, — אַז מיטן "אָפּגאַנג" שרייב איך דאָס לעצטע ווערק. מער האָב איך ניט וואָס צו זאָגן, וואָס צו שרייבן... כ'האָב אין די פֿריערדיקע ווערק געוויזן דעם סוף פֿון דער בורזשואַזיע און אירע פֿאַרשיידענע שיכטן און שאַטירונגען, איצט געוויזן דעם טויט פֿון דער אינטעליגענץ, וואָס האָט ניט אַפֿילו צו וועמען צו ריידן... חיים־משה רעדט דאָך שוין בלויז צו אַ טויטן, צו מלכן..."[8].

די שטימונגען, מיט וועלכע בערגעלסאָן האָט זיך אַרומגעטראָגן אין יענע יאָרן, זיין "האָפֿענונג" און "שרעק", זיין גלייבן און ניט־גלייבן, זיינע ספֿיקות און איבער־לעבונגען לגבי דעם אייגענעם שאַפֿן און לגבי דעם גורל פֿון דער נייער יידישער קולטור האָבן געפֿונען זייער אויסדרוק אין זיין ליטעראַריש־קריטישן עסיי "דיכטונג און געזעלשאַפֿטלעכקייט", וועלכער האָט אין זיין צייט אַרויסגערופֿן אַ גרויסן אָפּקלאַנג אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט.

אַלס אומיטלבאַרער שטויס צו אָנשרייבן דעם עסיי האָט געדינט דער קאַלטער אויפֿנאַם פֿונעם ערשטן זאַמלבוך "אייגנס" מצד דער קריטיק. מ. ליטוואַקאָוו האָט ריכטיק אָפּגעמערקט, אַז דער "שווער־פּונקט פֿונעם אַלמאַנאַך ליגט אין זיינע לידער", אַז אויך "די פּראָזע בילדעט אַ וויכטיקן יש". ער האָט געהאַלטן, אַז בערגעלסאָן און דער נסתּר האָבן אין זייערע ווערק, וואָס גייען אַריין אין "אייגנס" "קיינע ווייטערדיקע אַנטפּלעקונגען פֿון זייער שאַפֿונגס־גייסט ניט געמאַכט, פֿאַר־קערט, בערגעלסאָנס "פֿאַרטונקלטע צייטן" איז "אַפֿילו אַ טראַט צוריק".

דוד בערגעלסאָנס עסיי "דיכטונג און געזעלשאַפֿטלעכקייט" האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַן ענטפֿער מ. ליטוואַקאָוון. דער שרייבער האָט דאָ אויסגעדריקט זיין זאָרג איבער דעם גורל פֿון דער נייער נאָכאָקטאָבערישער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך אָנגעשטויסן אויף געוויסע שוועריקייטן ביי די ערשטע טריט פֿון איר פּרוכטבאַרער אַנטוויקלונג. פּאַראַלעל מיט דעם האָט ד. בערגעלסאָן אויסגעדריקט אויך זיינע דאגות אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם קריזיס, וואָס איז אַנטשטאַנען אין זיין אייגענעם שאַפֿן, זיין פֿאַרלאָרנקייט און צעטומלטקייט אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע. עס ווערט דאָ גערעדט פֿון אַ "כאַאָטישן וועלט־צושטאַנד", דער שרייבער באַקלאָגט זיך אויף דער לאַגע אין דער יידישער דיכטונג, וועלכע האָט פֿריער געשעפּט אירע "עפּאָס־עלעמענטן" פֿונעם "רואיקן מיטלשטאַנד" און האָט

איצט פאַרלאָרן דעם באַדן אונטער די פיס. דווקא די דאָזיקע שטעלן אין בערגעלסאָנס עסיי, וועלכע בילדן כלל ניט דעם תוך פון דער דאָזיקער אַרבעט, זיינען אונטער־געכאַפּט געוואָרן און אויף כלערליי אופנים צעבלאָזן מצד דער דאָגמאַטישער קריטיק. מ. מיזשריצקי, ד. קורלאַנד אאַ. האָבן פאַרזען דעם עצם תוך פון דער אַרבעט, די נייע, פרוכטבאַרע, טאַקע פון דער רעוואָלוציאָנערער צייט באַאייַנ־פלוסטע געדאַנקען, וועלכע זיינען געלייגט אין גרונט פונעם עסיי, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר בערגעלסאָנס ערשטע סיסטעמאַטיזירטע באַשרייבונג פון אייניקע גרונט־פרינציפּן פון זיינע ליטעראַריש־עסטעטישע אָנשויאונגען אין יענע יאָרן.

קודם־כל האָט דאָ בערגעלסאָן קלאָר און דייטלעך פּראָקלאַמירט די געפילן פון טיפער אָנערקענונג און באַגיטיקונג בנוגע דער רעוואָלוציע. ער גיט זיך אָפּ אַ דין־וחשבון, אַז די גרויסע איבערבויאונגס־פּראָצעסן אין דער געזעלשאַפט מוזן באַגלייט ווערן מיט באַשטימטע איבערבויאונגס־פּראָצעסן אויך אין דער קונסט, אַז אויך דאָ מוז מען מותר זיין אויף אַלטע פאָרמען, זוכן און אויסגעפינען נייע. אָבער אין דער קונסט איז דער דאָזיקער פּראָצעס שטאַרק קאָמפּליצירט, מחמת איר ספּעציפיק אַלס "אימפּולס פון איבערגעלעבטע איינדרוקן", וואָס צווינגט זי האַלטן זיך ביי "פאַרגליווערטע פעסטגעשטעלטע פאָרמען".

נייע קונסט־פאָרמען, — באַטאָנט בערגעלסאָן, — ווערן ניט געשאַפן אין איין טאָג גלייך נאָכדעם, ווי ס'זיינען אויפגעקומען נייע געזעלשאַפטלעכע לעבנס־פאָרמען. דעריבער לאָזט זיך מערקן אין אַ צייט פון "שטורעם און דראַנג" אַ געוויסער איינרייס צווישן "דער געזעלשאַפטלעכקייט" און "דער דיכטונג". די לעצטע שטייט אָפּ פון דער רעשיקער איבערבויאונג פון דער געזעלשאַפט, ווייל "דאָס לעבן האָט נאָך אַרום איר ניט געשאַפן קיין בילדער און זי, די ליניע אַליין, איז צו יונג און צו ניי, זי זאָל אויף זיך די בילדער אָנקלעפּן". דעריבער מוז די דיכטונג, זייענדיק אין מהות פּראָגרעסיוו און אינגאַנצן אויף דער זייט פון דער געזעלשאַפטלעכקייט, אַ באַשטימטע צייט זיך באַזירן אויף דער אַלטער בילדערלעכ־קייט, און דאָס פאַראורטיילט זי צו אַ באַשטימטער "איינזאַמקייט".

בערגעלסאָן רוקט אַרויס צום באַהאַנדלען אַ גאַנצע ריי פּראָבלעמען, וועלכע זיינען אַנטשטאַנען פאַר דער ליטעראַטור אין די ערשטע נאָכרעוואָלוציע־יאָרן: די פּראָבלעם פון נייעם אינהאַלט און אַלטער פאָרם, פון נאַציאָנאַלן און אוניווערסאַלן אין דער קונסט, פון דער באַציאונג צו דער ליטעראַרישער מסורה אאַ.

געוויס זיינען דאָ אין דער אַרבעט פעלערהאַפטע באַהויפּטונגען. אַזאַ איז, צום ביישפּיל, די דערקלערונג, אַז דאָס אַנטשווינגן ווערן פון אַ ריי, לויט בערגעלסאָנס מיינונג, "בעסטע און אָנגעזעענסטע רוסישע שרייבער" אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע איז פאַרבונדן בלויז דערמיט, וואָס "דער קוואַל, פון וועלכן זיי האָבן געשעפּט די ליים און ציגל, פון וועלכע זייער דיכטונג איז געבויט און געקנאָטן", זיינען מיטן אָנקום פון דער רעוואָלוציע פאַרלאָרן געגאַנגען, און די

"אויפגעשטעלטע געזעלשאַפט האָט לעת־עתה קיין נייע ליים און ציגל פאַר דער דיכטונג ניט געשאַפן". די סיבות זיינען, ווי באַוואוסט, פיל טיפערע. אַ טייל פון די דאָזיקע שרייבער, און ווייט ניט דער בעסטער טייל, איז אַנטשוויגן געוואָרן און נאָכדעם עמיגרירט קיין אויסלאַנד, מחמת אָט די שרייבער האָבן ניט געקענט און ניט געוואָלט אָנעמען די נייע "געזעלשאַפט".

אָבער אינגאַנצן גענומען, לאָזט זיך שפּירן אין בערגעלסאָנס אַרויסזאָגונגען אַ טיפער אחריות־געפיל לגבי דעם שרייבערס באַרוף, לגבי דער מיסיע פון דער קונסט צו באַווירקן דעם לייענער, אָנשטעקן אים מיט דעם קינסטלערס געפילן און אידעען. דער אויטאָר האָט זיך אינעם עסיי לחלוטין ניט געשטעלט קיין ציל, ווי מע האָט געפּרוווט עס אים אָנהענגען, אָפּצורייסן די דיכטונג פון דער געזעל־שאַפטלעכקייט, אָדער שטעלן זי העכער פון איר. ער האָט נאָר באַטאָנט די נייטיקייט פון אַן אָרגאַנישער פאַרבינדונג צווישן דער קונסט און דער געזעלשאַפטלעכקייט און איז אַרויסגעטראָטן קעגן די באַמיאונגען אויפצושטעלן קינסטלעכע מחיצות צווישן זיי. בלויז דאַן קאָן די קונסט ווירקזאַם זיין, ווען זי דריקט אויס דעם צייט־גייסט ניט מיט דער הילף פון "נאַקעטע געשרייען", נאָר מיט דער הילף פון אַ רייכער אימפּולסיווער, איינדרוקספולער בילדערלעכקייט, וועלכע דער עכטער קינסטלער ווייסט ווי אַזוי צו שעפּן פון דער נאַציאָנאַלער און אַלמענטשלעכער דערפאַרונג פון דורות.

אין דעם צוזאַמענהאַנג אַטאַקירט דער שרייבער די "וואָלוועלע פוטוריסטן", וועלכע רעקלאַמירן זיך אַלס די איינציקע שעפער פון דער הייננטצייטיקער און צוקונפטיקער דיכטונג, זיינען זיך "מייחס פאַר דער שוועסטער פון דער נייער געזעלשאַפטלעכקייט" און מעלדן מיט טומל און טראַסק, אַז זיי "נייטיקן זיך ניט אין אַלטער בילדערלעכקייט, ניט אין גאַנצקייט פון פאָרם", דעריבער וואַרפן זיי אָפּ די קלאַסישע ירושה. דוד בערגעלסאָן צווייפלט ניט, אַז "דער פוטוריזם איז צופיל "אינטעליגענטישער לובאָק", ער זאָל קאָנען באַהערשן די מאַסן". די דאָזיקע ריכטונג שטעלט מיט זיך פאָר אַן איבערגייענדיקע דערשיינונג, פונקט ווי די "נאַקעטע ליניעס" און די "אַבסטראַקטע רעטאָריק", וועלכע זיינען אויפגעקומען ווי שוים אויף די שטורמישע וועלן פון דער רעוואָלוציע־צייט. און הגם דעם שרייבער שרעקט אָפּ דער געדאַנק, אַז די דיכטונג וועט נאָך לאַנג זיין "איינזאַם", זעט ער פאָר די ווידעראויפבליאונג פון דער קונסט אין דער צוקונפט.

דאָס געזאָגטע נעמט ניט אַראָפּ דעם געוויסן שטעמפּל פון פאַרלאָרנקייט, וואָס לאָזט זיך מערקן אין באַזונדערע שטעלן פון דער דאָזיקער אַרבעט און געפינט איר אויסדרוק אינעם היפּערטראָפירטן געפיל פון "איינזאַמקייט", אין דער פאַרביטערונג, מיט וועלכער ס'ווערט גערעדט וועגן דער קריטיק, וועלכע איז ערטערווייז אויפ־געפאַסט אַלס די אָפיציעלע ליטעראַרישע פּאָליטיק פון דער "נייער געזעלשאַפט־לעכקייט".

אין 1921 יאָר איז בערגעלסאָן אַרויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד. ער האָט זיך באַזעצט אין בערלין און צוזאַמען מיט דעם נסתר געגומען מיטאַרבעטן אינעם זשורנאַל „מילגרוים״.

פאַרגלייכנדיק דעם מאָסקווער זשורנאַל „שטראָם״ מיטן בערלינער „מילגרוים״, האָט מ. ליטוואַקאָוו געשריבן: „אין איין זשורנאַל ,שטראָמט׳, הערשט אומרו, צאַפּלט דער גייסט פון זוכענישן און מרידות, אין צווייטן — זעלבסטצופרידענע באַלע־בעסלדיקייט, יידישלעכער שמן־זית און... אומבאַגרענעצטע באַנאַלישקייט״[9].

די אַלע דריי אויסגערעכנטע „מעלות״ פונעם „מילגרוים״ האָבן פון סאַמע אָנהייב געמוזט ברענגען דערצו, אַז ד. בערגעלסאָנס „שידוך״ מיט אים איז געווען אויף קורצע יאָר. דער שרייבער האָט זיך אָנגעשלאָסן צום „מילגרוים״, האָפנדיק, אַז דאָ וועט ער קענען פאַרווירקלעכן זיינע ליטעראַריש־עסטעטישע אידעאַלן. אָבער שטרעבנדיק צו נאַציאָנאַלער יידישער קונסט, וואָס איז באַזירט אויף דער רייכער קינסטלערישער טראַדיציע, האָט ער קיינמאָל ניט ראָמאַנטיזירט דעם אַלט־יידישלעכן לעבנשטייגער און קיינמאָל ניט גערופן „צוריק אין שול אַריין״. ער האָט זיך קריטיש באַצויגן צו די פּרוּוון פון אַ ריי שרייבער איינצוהילן דאָס אַלטערטימלעך־פּאַטריאַרכאַלע שטעטל אין אַ שלייער פון אידילישער ראָמאַנטיש־קייט. „געלייענט דאָן אַשס ,שטעטל׳, — האָט בערגעלסאָן דערציילט אין זיינע זכרונות, — שטאַרק געפעלן געוואָרן, ס׳האָט אָבער געשטערט דער בייטעם פון אידעאַליזאַציע, דער נאַאיוו־אידילישער טאָן״[10]. פון די ערשטע שעפערישע טריט האָט דער שרייבער אַרויסגעוויזן אַ שאַרף קריטישע שטעלונג לגבי דעם אַלט־שטעטלשן רעליגיעזן לעבנס־שטייגער, זיינע זיטן און מנהגים. מיט דער גרויסער קראַפט פון אַ קינסטלער — אַ רעאַליסט האָט ער אונטערגעגראָבן דעם לעבנס־באָדן פון דער רעליגיעזער טראַדיציע און אירע טרעגער — די כלי־קודש. נאַטיר־לעך, עס האָט אים ניט געקאָנט זיין צום האַרצן דער „יידישלעכער שמן־זית״, מיט וועלכן ס׳איז געווען אָנגעפילט דער „מילגרוים״. ניט ווייניקער פריקרע איז אים געווען די „זעלבסטצופרידענע באַלעבעסלדיקייט״ און „באַנאַלישקייט״, קעגן וועלכע ער האָט ניט איין מאָל געריכטעט זיינע סאַטירישע פיילן. גאַר גיך איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָ, אינעם „מילגרוים״, אין וועלכן ער האָט געזאָלט רעדאַגירן דעם ליטעראַרישן אָפּטייל, זעט ער אויס ווי אַ „ווייסע קראַ״.

אינעם ערשטן נומער פון „מילגרוים״, דעם איינציקן, אין וועלכן ער האָט אָנטיילגענומען, האָט בערגעלסאָן אָפּגעדרוקט זיין „ערב כסליו תרע״ט״, אין וועלכן ער האָט איבערגעגעבן דעם גרויל פון די ניט לאַנג איבערגעלעבטע פּאָגראָמען אין אוקראַאינע, און דעם ליטעראַריש־קריטישן עסיי „דער געשעענער אויפבראַך״ — אַן עסיי, וואָס האָט זיך ראַדיקאַל אונטערשיידט פון די אַנדערע מאַטעריאַלן, וועלכע האָבן זיך געדרוקט אין „מילגרוים״. ניט אומזיסט האָט דער קינסטלער י. טשייקאָוו אין זיין רעצענזיע אויף דעם דאָזיקן נומער, אין וועלכער ער האָט שאַרף קריטיקירט

דעם גייסט פון ״אַלטפרענקישקייט״ און ״בית־מדרשדיקער יידישקייט״, וואָס הערשט אין ״מילגרוים״, אָנגעוויזן:

״דאָס לעבעדיקע שיינע ווינקל פון דער בעלעטריסטיק און פּאָעזיע, וואו ס׳אָטעמט די מייסטעריש יידיש־קינסטלערישע ווירקלעכקייט פון די אונדזעריקע בערגעלסאָן, נסתר, קוויטקאָ, קולבאַק — באַקרוינט מיט בערגעלסאָנס אַרטיקל וועגן דעם ״געשעענעם אויפבראַך״, — האָט אַהער אויף די זייטלעך פון ״מילגרוים״ צופעליק פאַרבלאָנדזשעט״ [11].

בערגעלסאָן האָט פּאַרהיט זיינע פאַרבינדונגען מיט דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור. זיין עסיי אין ״מילגרוים״ האָט זיך מער איבערגערופן מיט די ליטע־ראַרישע מאַטעריאַלן, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין ״שטראָם״, ווי מיט דעם, וואָס האָט זיך געדרוקט אין ״מילגרוים״. וועגן בערגעלסאָנען האָט מען געקענט זאָגן דאָס זעלבע, וואָס מ. ליטוואַקאָוו האָט געשריבן וועגן ״שטראָם״: ״וואוהין ער וויל יאָ — איז שווער צו זאָגן, דערפאַר איז קלאָר, וואוהין ער וויל ניט. ער וויל ניט צוריק, ער זוכט וועגן, ווי צו אַנטלויפן פונעם אַלטוואַרג, פונעם אַלטן באַרג שמות, סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע און קולטורעלע שמות״.

אין וואָס שטעקט, לויט בערגעלסאָנען, די קראַפט פון דער נייער יידישער סאָוועטישער דיכטונג, מיט וואָס האָט זי פאַרדינט אַזויפיל אַכט און אויפמערק־זאַמקייט?

די יונגע סאָוועטישע דיכטער פאַרנעמען זיך ניט מיט יחידישער נשמה־גריבלעריי, וואָס איז אַזוי געווען אין דער מאָדע ביי די ״יונגע״ אין אויסלאַנד. בערגעלסאָנען געפעלט ביי די אָנהייבער פון דער סאָוועטישער יידישער דיכטונג זייער אינערלעכער אומרו, זייער דראַנג צו שטורעם, די שטענדיקע גרייטקייט צו ברעכן צוימען, צו בויען נייע וועלטן און באַטרעטן נייע ניט געמאָסטענע וועגן.

דער בעסטער באַווייז, ווי ראַדיקאַל ד. בערגעלסאָן האָט זיך אין זיינע אָנשויאונגען אונטערשיידט פון די אידעאָלאָגן פונעם ״מילגרוים״ און פון אַ ריי שרייבער און קריטיקער, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט אים עמיגרירט קיין אויסלאַנד (צום ביישפּיל, טשעריקאָווער, לאַצקי (בערטאָלדי), בעל־מחשבות), איז דאָס אַרטיקל ״דער רעוואָלוציאָנערער גייסט״, וואָס דער שרייבער האָט אין 1922 פאַרעפנטלעכט אין דער מינסקער זאַמלונג, געווידמעט דעם 7־טן יאָרצייט פון י. ל. פּרצן. אין אָט דעם עסיי ווערט פאַקטיש דעמאָנסטרירט דעם איינרייס מיט דעם ״יידישלעכן שמן־זית״ פונעם ״מילגרוים״, מיט דער הערשנדיקער אין די קאָנסערוואַטיוו־רעאַקציאָ־נערע בורזשואַזע קרייזן אין אויסלאַנד רעליגיעז־יידישלעכער אידעאָלאָגיע. דער שרייבער פּאָלעמיזירט מיט דער פאַרשפּרייטער אין דער בורזשואַזער יידישער קריטיק אין אויסלאַנד טענדענץ צו טראַקטירן י. ל. פּרצן, דעם מחבר פון ״חסידיש״ און ״פאָלקסטימלעכע געשיכטן״, אַלס דעם אַפּאָלאָגעט פון דער ״חכמת היהדות״ און פון נאַציאָנאַל־רעליגיעזע ״אייביקע״ ווערטן.

„ס'איז אַ גרויסער טעות פון די, וואָס מיינען, — שרייבט ד. בערגעלסאָן, — אַז פרץ איז געווען ניט מער ווי אַן איבערדיכטער פון דער אַלטער חסידיש־הימלישער היימישקייט, און איז אויסן געווען זי צו באַזינגען. אדרבא, פרץ האָט תמיד סעקולאַריזירט די חסידיש־בילדערלעכקייט, כדי זי אונטערצוגראָבן, אָוועק־הרגענען איר „קרן־היסוד" און רופן דעם מענטשן צו פּראָטעסט... ס'איז דערום אויך אַ טעות צו מיינען, אַז פּרצעס אַטמאָספער איז באַשטאַנען דורכאויס פון הימלשן זעפיר און איז געלעגן העכער און אויסער דער ערד וויטיקן: קיינער פון די יידישע שרייבער האָט אפשר ניט געהאַט צו טאָן מיט אַזויפיל רייך־ערדישע גייסטיקע פּראָבלעמען, ווי אָט דער אומרואיקער גייסט — פּרץ"[12].

ד. בערגעלסאָן האָט אונטערגעשטראָכן דעם סאָציאַלן מהות פון פּרצעס שאַפונג, אַקצענטירט זיין דעמאָקראַטישקייט, זיין טיפן מיטגעפיל צו דער ליידנדיקער און אונטערדריקטער מענטשהייט. ער האָט אויסגעטיילט אין דעם פּרץ־געשטאַלט „דעם קעמפער פאַר מענטשלעך גליק און אָפּטמאָל — אַפילו פאַר אַ פּשוטן מענטשלעכן וואוילשטאַנד".

הגם בערגעלסאָן האָט איינגעריסן מיטן „מילגרוים" און האָט אָנגעהאַלטן פאַרבינדונגען מיט דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור, האָט ער דאָך זיך דאַן ניט אומגעקערט קיין ראַטנפאַרבאַנד. אין די געציילטע אַרטיקלען וועגן פראַגן פון קונסט און ליטעראַטור, וועלכע ער האָט אָפּגעדרוקט אין „פאָרווערטס", לאָזט זיך מערקן דער איינפלוס פון דער „זומפּיקער" אַטמאָספער, אין וועלכער ער איז אַריינגעפאַלן. אַזוי, צום ביישפּיל, איז ער צוגעשטאַנען צו דער „איבערשאַצונג"־אַקציע" לגבי מענדעלען, וועלכע ס'האָט אונטערגענומען אינעם „פאָרווערטס" דער רעדאַקטאָר אייב קאַהאַן.

ד. בערגעלסאָן פאַרעפנטלעכט אין „פאָרווערטס" אַן אַרטיקל „ווי אַזוי מע קען דערקענען אַ גוטן ליטעראַרישן בוך", וואו ער באַמיט זיך, פולשטענדיק אין גייסט פון אייב קאַהאַנס אַנטי־מענדעלע־אַרטיקלען, צו דערווייזן, אַז ביי אַלע זיינע גרויסע מעלות, אַנטשפּרעכט ניט מענדעלע די פאָדערונגען, וועלכע ווערן געשטעלט פאַר הויכער קונסט.

מע דאַרף אָפּמערקן, אַז בערגעלסאָן האָט אויף די זייטן פונעם „פאָרווערטס" וויניק זיך פאַרנומען מיט ליטעראַריש־עסטעטישע פּראָבלעמען. ער האָט דער עיקר געדרוקט דאָרט מאַטעריאַלן וועגן די נסיעות, וואָס ער האָט אין די אינ־טערעסן פון דער געזעלשאַפט „אָרט" דורכגעמאַכט איבער רומעניע, מערסטנס איבער די ישובים פון בעסאַראַביע און בוקאָווינע, וועלכע רומעניע האָט דעמלט געהאַט אַנעקסירט. אין די נאָטיצן האָט דער שרייבער געגעבן אַ רעאַליסטיש בילד פון דעם שווערן גורל פון די ברייטע יידישע מאַסן אין די באַדינגונגען פונעם שאַרפן עקאָנאָמישן קריזיס, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט גאַנץ מערב־אייראָפּע. די דאָזיקע רייזעס, ווי אויך אַנדערע (איבער די באַלטישע לענדער, פּוילן, דענעמאַרק, דייטש־

לאַנד, צפון־אַמעריקע), האָבן פיל מיטגעווירקט דער אידעאַישער עוואָלוציע פונעם שרייבער. פאַר זיינע אויגן האָבן זיך אין זייער גאַנצער שוידערלעכקייט אַנטפּלעקט די גרויזאַמע פאָלגן פונעם קריזיס פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, ס׳איז אין דער גאַנצער ברייט און טיף אַנטשטאַנען דאָס שרעקלעכע בילד פון דעמאָראַליזאַציע, פאַלשקייט און פאַראורטיילטקייט פון דער בורזשואַזער קולטור. אַ גוואַלדיקן קאָנטראַסט צו דעם אַלעמען האָבן געבילדעט די גרויסע איבערבויאונגס־פּראָצעסן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, דער אויפבלי פון דער סאָציאַליסטישער קולטור, בתוכם פון דער יידישער קונסט און ליטעראַטור. אין שיין פונעם געזעענעם און איבערגעלעבטן איז בערגעלסאָנען אַלץ מער געוואָרן דערווידער דער אַנטיסאָוועטישער קורס, וועלכן ס׳האָט דאַן אָנגענומען דער ״פאָרווערטס״. נאָך אַ ריי העפטיקע שטרייטן מיט אייב קאַהאַנען, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן אין זיין צייטונג בערגעלסאָנס ווערק אויף סאָוועטישער טעמאַטיק, אַזוינע ווי ״הערשל טאָקער״ און ״מידת הדין״, האָט דער שרייבער פאַרלאָזן דעם ״פאָרווערטס״ און איז איבערגעגאַנגען אין דער קאָמוניסטישער ״פרייהייט״.

עס הייבט זיך אָן אַ נייער עטאַפּ אין בערגעלסאָנס שאַפן. די אָריענטאַציע אויפן סאָוועטנפאַרבאַנד העלפט אים זיך אַרויסראַטעווען פונעם שעפערישן קריזיס. צוזאַמען מיט א. כאַשינען הייבט ער אָן אין 1926 אַרויסצוגעבן דעם זשורנאַל ״אין שפּאַן״.

דער זשורנאַל ״אין שפּאַן״ האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט איינע פון די מער פּראָגרעסיווע דערשיינונגען אין דער יידישער ליטעראַטור אין אויסלאַנד. די רעדאַקציע פון ״אין שפּאַן״ האָט געהאַלטן, אַז ״פאַר דעם יידישן אַרבעטער, וואָס האָט געשאַפן און שאַפט די יידישע קולטור, איז שוין געקומען די צייט איבערצונעמען אין זיינע אייגענע הענט די אָנפירונג מיט דער יידישער קולטור און זי באַפרייען פון דער אַפּוטרופּסות מצד אַלערליי בירגערלעכע בעלי־בתים און עסקנים, וואָס שלאָגן פון איר קאַפּיטאַל פאַר זייערע געלט פּרעסע־געשעפטן און טראָגן אין איר אַריין זייער כאַאָס״ [13]. אַרויסגייענדיק פון דעם, האָט זיך דער זשורנאַל געשטעלט אַלס ציל: ״באַלייכטן די קולטור־פּראָבלעמען פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט ניט אין גייסט פון דער יידישער געטאָ, נאָר אין איינקלאַנג מיט די פּראָבלעמען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג״.

אין די אַרטיקלען, וועלכע ד. בערגעלסאָן האָט פאַרעפנטלעכט אינעם זשורנאַל, זעט זיך בולט אַרויס דער גרויסער פאָרשריט, וואָס עס האָט דורכגעמאַכט זיין וועלט־אַשויאונג. אין עסיי ״דריי צענטרען״ גיט ער אָן אַנאַליז פון דעם צושטאַנד פון דער יידישער ליטעראַטור־אַנטוויקלונג אין די דריי וויכטיקסטע יידישע קולטור־צענטרען: אַמעריקע, פּוילן און דער ראַטנפאַרבאַנד. אויפן סמך פון יאָרנלאַנגע באַאָבאַכטונגען איבער דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע קומט ער צום אויספיר, אַז דער איינציקער פאַרבינדעטער אירער אין דעם דאָזיקן

לאַנד איז דער יידישער אַרבעטער, וועמענס קאַמף פאַר דער יידישער שפּראַך און קולטור איז פאַרבונדן מיט דעם אַלגעמיינעם קאַמף.

איבערגייענדיק צו פּוילן, מערקט בערגעלסאָן אָפּ, אַז די יידישע אַרבעטערשאַפט איז דאָ ניט געווען באַוואוסטזיניק און איינהייטלעך. אַ טייל ווערט שטאַרק באַאיינפלוסט פון דער קאָנסערוואַטיווער, אָרטאָדאָקסאַל געשטימטער קליינבירגערלעכער מאַסע, וועלכע בילדעט דאָ די מערהייט. די דאָזיקע מאַסע איז ניט מסוגל צו זיין אַ קולטור־שאַפנדיקער פאַקטאָר. אין דער פרוכטלאָזער סביבה "שעפּן זיך גיך אויס און ווערן איינגעדאַרט אַזוינע קרעפטיקע טאַלאַנטן, ווי ווייסנבערג, און פאַר אַזעלכע מערקווירדיקע טאַלאַנטן, ווי ש. אַש, בלייבט אָדער אייביק איבערצוקייען זיך אַליין, אָדער קערן זיך מיטן פּנים צו אַזאַ לעבן, וואָס איז פרעמד זיינע קינסטלערישע מעגלעכקייטן".

אין קעגנזאַץ צו פּוילן האַלט דער אויפלעבנדיקער יידישער צענטער אין רוסלאַנד אין סאַמע ברען פון זיין עקאָנאָמישער און גייסטיקער איבערבויאונג. בלויז דאָ איז געלונגען דעם בעסטן טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ אַריינצוטרעטן אין אַ נאָענטער ממשותדיקער פאַרבינדונג מיט די יידישע מאַסן, זיך באַהעפטן מיט זיי דורך קאָנסטרוקטיווער אויפבוי־אַרבעט און אָנפירן מיט די פאַרגענומענע צווישן זיי פּראָדוקטיוויזאַציע־פּראָצעסן.

דער איינרייס צווישן "דיכטונג" און "געזעלשאַפטלעכקייט", וואָס האָט בערגעלסאָנען געשראָקן בעת דעם אָנהייב פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור, איז איצט פאַר אים קיין פּראָבלעם ניט. די יידישע ליטעראַטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד דערשיינט פאַרן שרייבער, ווי אַ מוסטער פון אָרגאַנישער פאַרבינדונג פון דער נייער דיכטונג מיט דער נייער געזעלשאַפטלעכקייט.

דער אַלזייטיקער אַנאַליז פון דער ליטעראַטור־אַנטוויקלונג אין די דריי יידישע קולטור־צענטערן האָט בערגעלסאָנען געבראַכט צום אויספיר, אַז די צוקונפט פון דער יידישער קונסט איז פאַרבונדן מיט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

אינעם עסיי "דריי צענטערן" איז ווי מיט אַ רויטן פאָדעם אַדורך דער געדאַנק, וואָס וועט ווערן איינע פון די וויכטיקסטע ריכטליניעס פון בערגעלסאָנס ליטעראַריש־עסטעטישער פּראָגראַם: נאָר יענע ליטעראַטור איז פרוכטבאַר און פאַרמאָגט אַ צוקונפט, וועלכע איז ענג פאַרבונדן מיטן לעבן, ווערט פונעם לעבן באַווירקט און איז פון איר זייט אויפן לעבן משפּיע.

וועגן דער ליטעראַטור אַלס ווירקנדיקן פאַקטאָר, וועגן איר גרויסער סאָציאַלער און געזעלשאַפטלעכער ראָל האָט זיך דוד בערגעלסאָן באַזונדערס ברייט און דייטלעך אַרויסגעזאָגט אין זיין צווייטער ליטעראַריש־קריטישער אַרבעט, וואָס האָט זיך געדרוקט אין זשורנאַל "אין שפּאַן", — אין דער רעצענזיע אויפן באַנד "שריפטן", וועלכן ס'האָט אַרויסגעגעבן די גרופּע אַמעריקאַנער יידישע שרייבער אונטערן נאָמען "יונגע".

ווי באַוואוסט, האָבן די "יונגע", אַלס צייכן פֿון פּראָטעסט קעגן ליטעראַרישע קאַנאָנען, זיך פּרינציפּיעל אָפּגעזאָגט פֿון יעטווידער שייכות צו סאָציאַלער פּראָבלעמאַטיק, צו אידעאישקייט און זיך געלאָזט פֿאַרטיפֿן אין יחידישער נשמה־גריבלעריי, אין פֿאָרמאַליסטישן קולט פֿון וואָרט.

ד. בערגעלסאָן קריטיקירט דעם עסטעטיזם און די פֿאָרמאַליסטישע קונץ־שטיק פֿון די "יונגע", זייער גלייכגילט צום לעבן און צו די סאָציאַלע קאָנפֿליקטן פֿון זייער צייט: "ווערטער זיינען געגעבן געוואָרן אויף צו צעקריגן זיך, אויף שלום ווערן, אויף אונטערצוהעלפֿן אָדער אויף שטערן איינער דעם אַנדערן, אָבער ניט אויף שפּילן זיך מיט זיי"[14].

די קונסט דאַרף דינען דעם פֿאָלק, די ברייטע אַרבעטנדיקע מאַסן, זי דאַרף זיי העלפֿן אין קאַמף קעגן די "אַנגעווייטיקטע צווישנמענטשלעכע באַציאונגען", אין זייער געראַנגל פֿאַר אַ מער גערעכטן מענטשלעכן צוזאַמענלעבן — אַזאַ איז איצט בערגעלסאָנס עסטעטישער אני־מאמין.

די רעצענזיע אויף די "שריפֿטן", וועלכע איז געווען איבערגעדרוקט אויך אין דער "פֿרייהייט", האָט אַרויסגערופֿן אַ שאַרפֿע רעאַקציע מצד די "קונסט לשם קונסט־פּריידיקער". "בערגעלסאָן וויל פֿונעם יידישן קינסטלער צייט־קונסט, פּאַרטיי־קונסט, נויט־קונסט... — האָט געשריבן דער קריטיקער ל. קעסנער, — בערגעלסאָן וויל אַקטועלע קונסט, סאָציאַל־פּראָבלעמאַטישע קונסט, ער וויל, אַז דער קינסטלער זאָל "גיין אין פֿאָלק", שרייען מיט דער מאַסע, "רעוועןמיט די וועלף". קאָן אַ קינסטלער דאַוונען בציבור? קאָן ער אויסגיסן זיין האַרץ פֿאַר זיין גאָט, שטייענדיק אין קראָם און ריידנדיק מיט קונים וועגן ברויט און ציבעלעס? אַ קינסטלער קאָן נאָר אויפֿכאַפּן דעם אָפּקלאַנג פֿון אַ צייט און פֿאַראייביקן דאָס, וואָס איז אין דער דאָזיקער צייט אייביק און צייטלאָז"[15].

זיין ליטעראַריש־עסטעטישע פּראָגראַם האָט דוד בערגעלסאָן פּראַקטיש פֿאַרווירקלעכט אין זיין קינסטלערישער און פּובליציסטישער טעטיקייט אַלס אַקטיווער מיטאַרבעטער פֿון דער קאָמוניסטישער "פֿרייהייט" (שפּעטער "מאָרגן־פֿרייהייט"). ער האָט דאָ געדרוקט דעם ראָמאַן "מידת הדין", קאַפּיטלען פֿון "ביים דניעפּער" ("פּענעק"), די נאָוועלן "הערשל טאָקער", "ביים טעלעפֿאָן", "דער באַריטאָן", "בירגער וואַלי ברענער", אַ ריי גלענצנדיקע פּאַמפֿלעטן, ליטעראַריש־קריטישע עסייען, אין וועלכע ער איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דער רעאַקציע און האָט הייס און ענערגיש פּראָפּאַגאַנדירט די דערגרייכונגען פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד.

פֿון אָקטאָבער 1928 ביזן סוף מיי 1929 האָט בערגעלסאָן, לויט דער איניציאַטיוו פֿון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפֿט "איקאָר" און פֿון דער "מאָרגן־פֿרייהייט", דורכגעמאַכט אַ רייזע איבער אַ ריי שטעט פֿון צפֿון־אַמעריקע: ניו־יאָרק, באָסטאָן, קליוולענד, דעטראָיט, טשיקאַגאָ. אויף פֿיל אָוונטן איז ער אַרויסגעטראָטן מיט פֿאָרטראָגן אויף די טעמעס: "דער ייד אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד אַמאָל און היינט", "אַ

רייזע איבער די יידישע קאָלאָניעס אין ראַטנפאַרבאַנד", "דריי קולטורעלע צענטערן — מאָסקווע, וואַרשע און ניו־יאָרק", "דאָס נייע יידישע לעבן און די נייע יידישע ליטעראַטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד" אאַ. אין משך פון זעקס חדשים האָט ער אין אַמעריקע אומדערמידלעך אויסגעפילט די פריווילעק אויף זיך אַרויפגעלייגטע מיסיע פון אַ מין "פּאָלפּרעד" פון דער סאָוועטישער יידישער קולטור אין אויסלאַנד. אין אַ צייט פון שווערן קאַמף אויף אַלע פראָנטן, איינשליסנדיק דעם קולטור־פראָנט, האָט ער, לויט זיין אייגענער פאָרמולירונג, אויף דעם געזעגענונגס־אָוונט אין ניו־יאָרק "געפלאַנצט אין די מוחות און הערצער פון די יידישע אַרבעטער" די אידייען פון דער סאָוועטנמאַכט, "אירע דערגרייכונגען, איר גרויסן וועלט־פּאַרנעם".

"איך גלייב, — האָט ד. בערגעלסאָן געזאָגט אין זיין אָפּשייד־רעדע, — אַז איך וועל אויסדריקן אייער אַלעמענס וואונטש, ווען, געזעגענענדיק זיך מיט אייך, וועל איך זאָגן צו אַלע שונאים פונעם ראַטנפאַרבאַנד: "... מיט פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז די יידישע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער זיינען שונאים פון נאַציאָנאַלע קולטור־אוצרות, וועט זיך אייך ניט איינגעבן אָפּצושטעלן דעם גרויסן שווערן קאַמף, וואָס פירט אונדז צו אַ נייעם געלייטערטן לעבן, צו אַ קלאַסנלאָזער יום־טובדיק שאַפנ־דיקער געזעלשאַפט" [16].

העכער צען יאָר איז דוד בערגעלסאָן געווען אין אויסלאַנד, ער האָט אָבער אויף קיין איין ווײַלע ניט אָפּגעווענדט דעם בליק פון זיין היימלאַנד. וואָס מער ער האָט זיך באַקאַנט מיט דעם לעבן אין אויסלאַנד, וואָס טיפער ער האָט דערלערנט די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן און די קולטור אין די לענדער, וועלכע ער האָט באַזוכט, אַלץ מער זיינען געשטיגן זיינע סימפּאַטיעס צו דער גרויסער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע און צו דעם ראַטנפאַרבאַנד.

אין 1934 האָט זיך דוד בערגעלסאָן אומגעקערט אין ראַטנפאַרבאַנד און אויף שטענדיק זיך באַזעצט אין מאָסקווע. איבער די פּראָבלעמען פון דער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט אינעם זעלבן יאָר אויפן ערשטן אַלפאַרבאַנדישן שרייבער־צוזאַמענפאָר. איינע פון די מסקנות, צו וועלכע ער איז געקומען נאָך יאָרנלאַנגע באַאָבאַכטונגען און אויספאָרשונגען, איז געווען: "עס וועט ניט זיין איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז די סאָוועטישע ליטעראַטור איז ביי היינטיקן טאָג די אָנפירנדיקע ליטעראַטור פון דער גאַנצער וועלט, ווייל זי באַאיינפלוסט פאָרמעל און אידעאיש די בעסטע אויסלענדישע מייסטערס".

אַנערקענענדיק די נייטיקייט און וויכטיקייט פון קריטישן באַהערשן די אוצרות פון דער קלאַסישער ירושה, האָט ד. בערגעלסאָן געהאַלטן פאַר נייטיק צו אַקצענטירן, אַז פאַרן סאָוועטישן שרייבער איז ניט גענוג איבערצונעמען די טעכנישע דערגרייכונגען פון דער קלאַסישער ליטעראַטור, פון אים פאָדערט זיך נאָוואַטאָרישקייט אין שאַפן נייע טעכנישע מיטלען, כדי זיך ספּראַווען מיט די גראַנדיעזע אויפגאַבן, וועלכע ס'שטעלט פאַר אים די סאָוועטישע ווירקלעכקייט.

איינײקע געדאַנקען פון זיין רעדע אויפן שרייבער־צוזאַמענפאָר האָט ד. בער־געלסאָן דעטאַליזירט און ברייטער באַהאַנדלט אין אַ ריי אַרטיקלען וועגן פראַגן פון ליטעראַטור און קונסט, וועלכע ער האָט פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע סאָוועטישע יידישע פעריאָדישע אויסגאַבעס. דער פּראָבלעם פון טראַדיציע און נאָוואַטאָרישקייט האָט ער געווידמעט, למשל, די פאָרשערישע אַרבעט "לעקסיק־פּראָבלעמען אין דער יידישער ליטעראַטור" (זשורנאַל "פאָרפּאָסט", נומ. 2, 1937).

אין דער צווייטער העלפט פון די דרייסיקער און אין די פערציקער יאָרן, ווען דער שרייבער האָט געאַרבעט איבערן "ביים דניעפּער", איבער די ווערק וועגן ביראָבידזשאַן און איבער די מלחמה־דערציילונגען און איז געקומען אין אַן ענגערן, אינטימערן שעפערישן קאָנטאַקט מיט די קלאַסיקער, איז אויסגעוואַקסן זיין אַפּשיי פאַר דער קלאַסישער מסורה, באַזונדערס פאַר דער ירושה פון מענדעלען און שלום־עליכמען, וועלכע איז פון אים פריער ניט דערשאַצט געוואָרן און האָט זיך ערשט איצט פאַר אים אַנטפּלעקט אין איר גאַנצער פּראַכט. טאַקע אין די יאָרן ווערט אין בערגעלסאָנס שאַפן אויפן פּרוכטבאַרסטן אופן קריטיש באַהערשט און אויסגענוצט די מענדעלע־ און שלום־עליכם־טראַדיציע.

אין 1939 האָט בערגעלסאָן פאַרעפנטלעכט אַן אַרבעט וועגן שלום־עליכמען, וועלכע איז אין תוך געווען זיין ערשטע ברייטערע אָפּהאַנדלונג פונעם שאַפן פון אונדזער גרויסן פאָלקס־שרייבער. בערגעלסאָן האָט דאָ באַטאָנט דאָס עיקרדיקע אין שלום־עליכמס שעפערישן מעטאָד: די אָרגאַנישע פאַר אים טרייקייט צו דער ווירק־לעכקייט: "שווער צו געפינען נאָך אַ שרייבער, וואָס האָט אין זיינע ווערק אַזוי ווייניק אויסגעטראַכט און אַזוי ווייניק צוגעטראַכט, ווי שלום־עליכם".

בערגעלסאָנען איז צום האַרצן שלום־עליכמס דעמאָקראַטישקייט, דער סאָציאַלער הומאַניזם פון זיין שאַפן, זיין "רעוואָלוציאָנערער רעאַליזם".

ער גיט אָריגינעלע און טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיקעס פון שלום־עליכמס וויכטיקסטע געשטאַלטן. אינטערעסאַנט איז די פּאַראַלעל צווישן טביה דעם מילכיקן און דעם ביבלישן איוב. דעם רייכן איובן פון דער ביבל, באַמערקט בערגעלסאָן, האָט באַליידיקט "גאָט", דעם האַרעפּאַשנעם טביהן פונעם צאַרישן תחום באַליידיקן מענטשן מיט דער צאַרישער אָרדענונג אין דער שפּיץ. "טביה דער מילכיקער" רופט זיך איבער מיט דעם מעשהדיקן טייל פון דער ביבלישער טראַגעדיע "איוב" און גיסט זיך דאָך ניט אויס אין קיין טראַגעדיע, נאָר אין אַ רוף צו פּראָטעסט קעגן געשאַפענע אומגערעכטיקייטן, וואָס שטערן דעם אַרבעטנדיקן מענטשן צו לעבן אויף דער וועלט. דער שרייבער באַטאָנט דעם אָפּטימיסטישן מהות פונעם טביה־געשטאַלט: "אַ מאָנומענט פול מיט שטאָלצער האָפערדיקייט פונעם פאָלקס־מענטשן, וואָס וועט קיינמאָל זיין הומאַנישקייט ניט אויפגעבן און אין קיין פאַרצווייפלונג ניט אַריינפאַלן".

ד. בערגעלסאָן דעקט אויף דעם סוד פון דער גוואַלדיקער סאָציאַלער און

געזעלשאַפטלעכער ווירקזאַמקייט פון שלום־עליכמס שאַפן: „באַגוצנדיק זיך מיטן עכטן רעוואָלוציאָנערן רעאַליזם, מיט הומאָר, סאַטירע און געלייטערטן קלוגן פאָלקלאָר, האָט שלום־עליכמס קונסט קיינמאָל ניט דיסקוטירט, זיך ניט געהיצט און זיך ניט געאײַלט — זי איז געפלאָסן מיט דער גלייכמעסיקייט פון אַ קרישטאָל־ריינעם באַרג־קוואַל און האָט שטענדיק באַזיגט און איבערצייגט".

אין די יאָרן, ווען ד. בערגעלסאָן האָט זיך שטאַרק דערנעענטערט צו די מאַסן, איז טיפער אַריינגעדרונגען אין זייער סביבה און אין זייער לעבנסשטייגער, ווען ער איז אַליין דאָרשטיק צוגעפאַלן צו די רייכע קוואַלן פון פאָלקס־שאַפן און פאָלקס־חכמה, איז אים באַזונדערס נאָענט געוואָרן שלום־עליכמס פאָלקסטימלעכ־קייט, וועלכע ער האָט אויסגעטיילט און אַקצענטירט אויך אין אַ ריי אַנדערע אַרבעטן.

אין 1945 פאַרעפנטלעכט בערגעלסאָן גאַנצע דריי עסייען וועגן פּרצן [17], אין וועלכע עס ווערט באַטאָנט פּרצעס נאָענטקייט צו די פאָלקסמאַסן און זיין ווידערגעפיל צו די העכערע שיכטן, וועלכע זיינען געווען לחלוטין גלייכגילטיק צו דער יידישער ליטעראַטור און אירע שעפער. אין די אוקראַאינישע שטעט, וועלכע פּרץ האָט באַזוכט, דערציילט בערגעלסאָן, האָבן אים ענטוזיאַסטיש באַגעגנט און אַרויסבאַגלייט מיט בלומען און געזאַנג יונגע אַרבעטער און אַרבעטערנס, הגם אַראָפּגעבראַכט האָבן אים אַהער „פאַרשטייער פון אַ שיכט, וואָס האָט אים באַדאַרפט ניט מער ווי אַ דעקאָראַטיוון צודעק".

וועגן פּרצעס באַדייטונג און זיין אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור שרייבט איצט בערגעלסאָן: „פּרץ געהער צום העכסטן, צום שענסטן, וואָס די יידישע ליטעראַטור פאַרמאָגט... פּרצעס שאַפן איז די העכסטע מדרגה אין דער יידישער וואָרט־קונסט, ווייל זי, די שאַפונג פּרצעס, איז אָנגעזאַפּט מיט דער גאַנצער פּראָגרעסיווער ירושה פון דער יידישער הומאַניסטישער טראַדיציע, מיט גלויבן און מיט רוף צו וועלט־אויסלייזונג" [18].

אויך אין מענדעלעס שאַפונג איז ד. בערגעלסאָנען איצט טייער „די פּראָגרעסיווע ירושה פון דער יידישער הומאַניסטישער טראַדיציע". ס'איז אים נאָענט דאָס, וואָס ער, מענדעלע, האָט, ווי פּרץ און שלום־עליכם, געקוקט אויפן לעבן מיט די אויגן פונעם פאָלק. ער האָט געפירט אַן אומדערמידלעכן קאַמף קעגן די מיטלאַלטערלעכע פאַרהעלטענישן אין יידישן לעבן, קעגן די רעאַקציאָנערע פּרוּוון זיי צו פאַרהיטן און קאָנסערווירן. מיט אַזעלכע ווערק, ווי „די טאַקסע", „די קליאַטשע" אא., — דערווייזט בערגעלסאָן, — האָט מענדעלע געמאַכט אַש און שטויב פון דער טעאָריע פונעם אַזויגערופענעם אויטאָנאָמיזם, אין וועלכן אייניקע קאָנסערוואַטיווע אידעאָלאָגן האָבן געוואָלט געפינען אַ רעטונג פאַר דעם קיום אין „תחום המושב".

דוד בערגעלסאָנען איז איצט נאָענט און טייער מענדעלעס קוק אויף ליטעראַטור און קונסט, אין וועלכע ער האָט געזען אַ מיטל צו דינען דעם פאָלק און פאַרטיידיקן

זײַנע אינטערעסן, ווײַל דער וועג פֿון בערגעלסאָנס עסטעטיק איז אַנטשיידן און אָן וואַקלונגען געוואָרן דער וועג, וואָס האָט אַנטשפּראָכן מענדעלעס געבאָט וועגן אַ פֿאָלקס־ליטעראַטור.

מענדעלע דאַרף דינען די סאָוועטישע שרײַבער אַלס בײַשפּיל ניט נאָר מיט זײַן ליבע צום פֿאָלק, מיט זײַן גלויבן אין די מעגלעכקייטן פֿונעם פֿאָלק און זײַן אומשטערבלעכקייט, נאָר אויך מיט זײַן טיפֿסטן פֿאַרשטאַנד פֿאַר דער גרויסער געזעלשאַפֿטלעכער ראָל פֿון דער קונסט, מיט זײַן טיפֿן דורך־אַרץ פֿאַרן פֿאָלקס־וואָרט, פֿאָלקס־נוסח, פֿאָלקס־שאַפֿונג — אַזאַ איז ד. בערגעלסאָנס רעזומע.

אין די פֿערציקער יאָרן איז דוד בערגעלסאָן געשטאַנען אין צענטער פֿון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. אין סאַמע ברען פֿון דער גרויסער פֿאַטער־לענדישער מלחמה האָט בערגעלסאָן פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער ״אייניקייט״ אַן אַרטיקל ״צוויי יאָר פֿאָטערלענדישע מלחמה און די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור״, אין וועלכן ער האָט זיך געזנוי אָפּגעשטעלט אויף די גרויסע פֿאָדערונגען, וועלכע דאָס אויסגעברייטערטע לעבן אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד רוקט אַרויס פֿאַר די ייִדישע שרײַבער.

״די געשיכטע, — האָט געשריבן בערגעלסאָן, — ווייסט ניט פֿון נאָך אַזאַ פֿאַל, ווען ייִדן זאָלן זײַן אַזוי ברייט און אַלזייטיק פֿאַרטראָטן אויף אַלע שטאַפּלען פֿונעם פּראָדוקטיוון שעפֿערישן לעבן, ווי זיי זײַנען פֿאַרטראָטן איצט בײַ אונדז אין לאַנד... פֿון ייִדן בוכהאַלטערס האָט דער סאָוועטישער פּאַטריאָטיזם געשאַפֿן טאַקערס, שווייסער און שטאָל־וואַלגערער. ייִדן — פֿאַרקויפֿער פֿון זעלצער־וואַסער האָט די ליבע צום לאַנד פֿאַרוואַנדלט אין שאַכטיאָרן. ייִדן, וואָס זײַנען געווען באַשעפֿטיקט אין דער האַנדלסנעץ, האָבן זיך באַוויזן אין פֿאַרשיידענערליי געגנטן פֿון סיביר, ווי פֿישער און אַפֿילו יעגער — אַ פֿאַך, וואָס האָט בײַ ייִדן שוין אינגאַנצן אויסגעפֿעלט אין לעבן און אוודאי שוין אין דער ליטעראַטור... זיי אַלע, אין די גרויסע צענדליקער און צענדליקער טויזנטער, ווערן באַקרוינט מיט ייִדן — אינזשע־ניערן, באַרימטע קאָנסטרוקטאָרס, ראַציאָנאַליזאַטאָרס פֿון פֿאַרשיידענע פֿאַכן, העלדן פֿון סאָציאַליסטישער אַרבעט, און — וואָס איז וויכטיקער פֿון אַלץ — מיט העלדישע ייִדן שלאַכטלײַט, רויטאַרמייער, פֿאַרבינדלער, טאַנקיסטן, אַרטילעריסטן, פֿליער, קאָמאַנדירן, קאַפּיטאַנען פֿון אונטערוואַסער־שיפֿלעך, גענעראַלן, פּאַרטיזאַנער, סאַ־ניטאַרן אויפֿן פֿראָנט״.

דוד בערגעלסאָן האָט גערופֿן די שעפֿער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור צו נײַע אָנשטרענגונגען, כדי אײַנצוזאַפּן כאָטש טײלווײַז אָט די גרויסע און פֿילפֿאַרביקע שפֿע, ווײַל אויב זיי וועלן ״זיך ניט אַוועקלאָזן מיט אָט דעם שווערן, נאָר דאַנקבאַרן וועג, וועט דער ליטעראַטור פֿאַרשטיין די גרויסע סכנה צו בלײַבן אַ ליטעראַטור, וואָס האָט צו טאָן נאָר מיטן ייִדישן עבר אָדער מיט דער פֿאַרבלײַבענער עקזאָטיק״.

אַזאַ איז געווען דוד בערגעלסאָנס געבאָט, וועלכן די ייִנגערע פֿלעיאַדע ייִדישע שרײַבער באַמיט זיך טריי אויסצופֿילן.

1 מאַטעריאַלן צו ד. בערגעלסאָנס ביאָ־ביבליאָגראַפיע. "וויסנשאַפט און רעוואָלוציע" נומ' 1—2, קיעוו, 1934, ז' 69.

2 דאָרטן, ז' 70.

3 נ. אויסלענדער. וועג־איין — וועג־אויס. קיעוו, 1924, זז' 20—21.

4 מ. עריק. ד. בערגעלסאָן. ציטירט לויט "יידישע קולטור", נומ' 6, 1964, ז' 43.

5 "וויסנשאַפט און רעוואָלוציע", נומ' 1—2, 1934, ז' 69—70.

6 ד. בערגעלסאָן. בריוו צו דער יונגער יידישער אינטעליגענץ. "די יידישע וועלט", אַפּריל—מאַי 1915, ז' 43.

7 מ. ליטוואַקאָוו. "אין אומרו", ב, 2, ז' 194.

8 "וויסנשאַפט און רעוואָלוציע", נומ' 1—2, 1934, ז' 71.

9 מ. ליטוואַקאָו' "אין אומרו", ב, 2, ז' 100.

10 "וויסנשאַפט און רעוואָלוציע", נומ' 1—2, 1934, ז' 70.

11 "שטראָם", נומ' 3, 1922, ז' 79.

12 זאַמלונג "י. ל. פּרץ". צום 7־טן יאָרצייט. מינסק, 1922, ז' 10.

13 "אין שפּאָן", נומ' 2, 1926. באַמערקונגען פון רעדאַקציע.

14 דאָרט, ז' 162.

15 "אונדזער בוך", ניו־יאָרק, מיי—יוני 1926, זז' 155—156.

16 "פרייהייט", 17 מאַי 1929, ז' 3.

17 מיינע באַגעגענישן מיט י. ל. פּרצן. "איינִיקייט", ניו־יאָרק, אַפּריל 1945, זז' 16—17, 29.
מיט י. ל. פּרצן אין בערדיטשעוו. זשורנאַל "איינִיקייט", ניו־יאָרק, מיי 1945, זז' 22—23.
מיט י. ל. פּרצן אין קיעוו. זשורנאַל "איינִיקייט", ניו־יאָרק, אָקטאָבער 1945, זז' 20—21.

18 "איינִיקייט" פון 26 מיי 1945.

באַמערקונגען וועגן ד. בערגעלסאָנס שאַפונגס־פּראָצעס

דוד בערגעלסאָנס פּרינציפּן פון קינסטלערישער שאַפונג דרינגען אַרויס פון זיין ליטעראַריש־עסטעטישער אַנשויאונג וועגן דער גרויסער געזעלשאַפטלעכער ראָל פון דער קונסט און איר ענגער פאַרבינדונג מיטן לעבן. שוין אין איינער פון זיינע ערשטע אַרויסטרעטונגען איבער פּראָבלעמען פון ליטעראַטור און קונסט האָט ד. בערגעלסאָן פאָרמולירט זיין באַנעמען די ספּעציפיק פון דער קונסט און דעם מהות פון שעפערישער אַרבעט ביים קינסטלער. ער האָט געשריבן:

„אָרעמקייט אין בילדער הייסט אָרעמקייט אין איינדרוקן, און קיין זאַך טיילט דאָך אַזוי ניט אויס דעם קינסטלער, ווי זיין אייגנאַרטיקער אַרט באַנעמען איינדרוקן. וואָס מער איינדרוקן דער קינסטלער האָט, אַלץ מער פאַרמאָגט ער אימפּולסן, וואָס לאָזן אים ניט רוען און רופן אים און וועגן אים; וואָס מער בילדער דער קינסטלער זויגט אין זיך איין פון קינדווייז אָן, אַלץ מער שטאָף פאַרמאָגט ער, מער מעגלעכקייטן... דער קינסטלער באַנעמט אייגנאַרטיק ניט נאָר גאַנצע לעבנס־סיטואַציעס, נאָר אַפילו די מינדסטע צעגלידערונג זייערע. יעדעס בילד באַזונדער נעמט ער אויף אַנדערש, ווי אַלע אַרומיקע. ער קוקט זיך אַרום פאַרחידושט, הלמאי קיינער באַמערקט ניט דאָס זעלבע, וואָס ער... און ער באַרואיקט זיך ניט, ביז וואַנען ער צווינגט ניט אַלע אַרומיקע צו זען מיט די זעלבע אויגן, וואָס ער... דער שאַפונגס־פּראָצעס באַשטייט אַזוי אַרום פון צוויי מאָמענטן: פונעם אייגנאַרטיקן אַרט באַנעמען בילדער און פון דער נייטיקייט און מיטלען אויף איבערצייגן אין דעם די אַרומיקע" 1.

שפּעטער האָט ד. בערגעלסאָן די דאָזיקע אַלגעמיינע הנחות זיינע וועגן די צילן פון דער קונסט און די באַזונדערקייטן פונעם שאַפונגס־פּראָצעס ביי קינסטלער געפּרוּווט דעטאַליזירן און ברענגען אין אַ באַשטימטער סיסטעם. עס גייט דאָ אַ רייד וועגן דעם שרייבערס אַ מאַנוסקריפּט, אַ טייל פון וועלכן עס האָט זיך פאַרהיט, אונטערן טיטל "שאַפונגס־פּראָצעס", וואָס שטעלט מיט זיך פאָר טעזיסן צו אַ רעפעראַט, וואָס ד. בערגעלסאָן האָט אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן געהאַלטן אין אייניקע שטעט פון דייטשלאַנד, וואו ער האָט זיך דאַן געפונען.

דער שרייבער מערקט דאָ אָן דריי הויפּט־מאָמענטן אינעם שאַפונגס־פּראָצעס: באַאָבאַכטונגס־מאָמענט, אויפרעגונגס־מאָמענט און אויסדריק־מאָמענט. די באַזונ־

דערקייטן פון יעדן פון די דאַזיקע מאָמענטן אינעם איינהייטלעכן שאַפונגס־פּראָצעס דעקט בערגעלסאָן אויף מיט דער הילף פון אַן אָנשוילעכןביישפּיל:

"ערשטער מאָמענט:

באַנאַכט, אין דער שטאָק־פינצטערניש, זעט איר אַ העל־באַלויכטן פענצטער. אייך רעגט עס אויף. איר ווילט וויסן, וואָס דאָרטן טוט זיך, איר גייט אַהין צו. איר זעט, ווי צוויי מענטשן פאַלן אָן איינער אויפן צווייטן. איינער האַלט אַ מעסער אין האַנט און וויל דעם צווייטן שטעכן.

צווייטער מאָמענט:

איר געפינט זיך נאָכדעם אַ גאַנצע נאַכט אונטערן איינדרוק פון דעם, וואָס איר האָט געזען. אויף אייך האָט עס געמאַכט אַ שוידערלעכן איינדרוק. איר זייט אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן. איר ווילט, ס'זאָל ווערן וואָס גיכער טאָג, כדי איר זאָלט קאָנען עמעצן דערציילן, וואָס איר האָט געזען.

דריטער מאָמענט:

איר זוכט די מיטלען, ווי אַרום דער, ווען איר דערציילט, זאָל פון אייער דערציילונג אַרויס מיט ניט קיין שוואַכערן איינדרוק, ווי איר, וואָס האָט אַליין דעם פאַל געזען, אַז דער, וועמען איר דערציילט בייטאָג, זאָל הערן און פילן אַלץ, וואָס איר האָט געזען, געהערט און געפילט ביינאַכט" [2].

פון די דאָזיקע דריי הויפּט־מאָמענטן טיילט דער שרייבער אויס אַלס דעם עיקרדיקן דעם דריטן מאָמענט, ווייל אין אים, אין דעם אויסדרוק־מאָמענט, שטעקט דער "סוד" פון דער שאַפונגס־קראַפט, יענער מין "היפּנאָז", וואָס מיט זיין הילף צווינגט דער שרייבער דעם לייענער איבערלעבן דאָס זעלבע, וואָס ער, דער קינסטלער, האָט איבערגעלעבט.

"איר ווערט אַזוי אַרום, — שרייבט ד. בערגעלסאָן, — דער צווישן דער געשעעניש און אייערע באַקאַנטע, וואָס זענען, הערן און פילן דאָס געשעענע דורך אייך. אָבער איר מוזט זיין שטאַרקער פון דער געשעעניש, ווייל די נאַכט, די פינצטערניש, דאָס איינציקע העלבאַלויכטענע פענצטער, מיט איין וואָרט — די גאַנצע אַרומיקע סביבה האָט גענומען אָנטייל אין דער שטאַרקייט פון דער אויפרעגונג, וואָס איר האָט באַקומען. און איר אין אייער שאַפונגס־פּראָצעס מוזט איר זיי אַלע פאַרבייטן. איר מוזט גובר זיין די שיין פון טאָג, ווייל איר דערציילט דאָך די מעשה בייטאָג. איר מוזט באַהערשן אַלע חושים פון אייער צוהערער אַזוי, אַז אויב איר דערציילט אים אייער איינדרוק אויף די רעשיקע גאַסן, זאָל ער דעם גאַסן־רויש ניט הערן און זאָל פאַרנעמען די גרויסע שטילקייט פון דער שטילער אויסגעשטערנטער נאַכט. נאָר דאָס העל־באַלויכטענע פענצטער אין מיטן דער שוואַרצער נאַכט דאַרפט איר פאַר אים לאָזן און אים צווינגען גיין צום פענצטער, ווי איר זייט געגאַנגען — און אים צווינגען זען דאָרט פּונקט, וואָס איר האָט געזען. ניט רעכטס, ניט לינקס טאָרט איר אים ניט לאָזן, נאָר אויף איין גראַדער אָנגע־

מערקטער ליניע, אויף דער ליניע, וואָס פירט צו יענער מדרגה פון אויפרעגונג, וואָס אין איך האָט די געשעעניש אַרויסגערופן... אָט אינעם דאָזיקן מאָמענט, אינעם באַהערשן פון צוהערער מיט אַלע חושים ליגט דער שווערפּונקט פון שאַפונג. אין דעם באַשטייט דער סוד פון קונסט. ווייל נאָר דורך באַהערשן אַלע חושים פון צוהערער, קאָנט איר דערגרייכן, אַז אייער אויפרעגונג זאָל אין דער גאַנצער מאָס ווערן די אויפרעגונג פון די מענטשן, וואָס רינגלען אייך אַרום״ [3].

דער שרייבער אַקצענטירט דאָ די קאַלאָסאַלע ראָל פונעם עמאָציאָנעלן פאַקטאָר אין דער קונסט, טיילט אויס איר גוואַלדיקע אויפווירקונגס־קראַפט, אינעם טעזיס, ״איר דאַרפט זיין שטאַרקער פון דער געשעעניש״, וועלכער ווערט דייטלעך דעטאַ־ליזירט, באַטאָנט ד. בערגעלסאָן די ספּעציפישע אייגנשאַפטן פון דער קונסט, איר פעאיקייט צו פאַראַלגעמיינערן קאָנקרעטע לעבנס־פאַקטן, פאַרוואַנדלען זיי אין קונסט־דערשיינונגען.

שאַפונגס־קראַפט, דערקלערט דער שרייבער — איז ״אינטואיציע אָדער רוח־הקודש. ס׳איז די צוזאַמענלעבונג פון אויסערלעכע און אינערלעכע מעגלעכקייטן, וואָס גיסן זיך צונויף אין איין קראַפט, וועלכע מע קען אָנרופן מיטן נאָמען שאַפונגס־קראַפט, און אַדאַנק וועלכער דאָס לעבן, דאָס פרייע אומבאַגרענצטע יום־טובדיקע לעבן באַהערשט די גרויע וואָכעדיקעווירקלעכקייט״.

דער שרייבער — האַלט ד. בערגעלסאָן — דאַרף קענען ״באַזיגן די ווירק־לעכקייט״, גיין ווייטער פון די גרענעצן, וועלכע זי שטעלט פאַר אים אַרויס. דאָס דערגרייכט ער מיט דער הילף פון זיין שעפערישער פאַנטאַזיע, מיט דער הילף און קינסטלערישער באַדינגלעכקייט, וואָס ער האָט די רעכט זיך צו דערלויבן.

ד. בערגעלסאָן אילוסטרירט זיין געדאַנק מיט אַ ביישפּיל:

״איר ווילט גיין מיט דער יבשה. קיינער שטערט אייך ניט. איר גייט. איר קומט ביזן ים, איר ווילט גיין ווייטער. דאָ קומט די ווירקלעכקייט און שטעלט אייך אָפּ. זי זאָגט אייך: דו ביסט שווערער פון דער וואַסער, וועסטו גיין, וועסטו איינזינקען.

וואָס בלייבט צו טאָן, אויב אייער ווילן איז שטאַרק. נייטראַליזירן די ווירקלעכ־קייט. דערפינדן אַזעלכע שיך, אַדאַנק וועלכע איר און אייער הקף (גוף, קערפּער) וועט זיין גרינגער פונעם זעלבן פאַרנעם אין וואַסער. נאָר דערצו מוזט איר עפּעס דערפינדן, איר מוזט זיין שעפעריש. דאָס שעפערישע לעבן גייט אַרויס פונעם גדר פון ווירקלעכקייט. און אַלץ, וואָס איז ניט ווירקלעך, איז פאַנטאַזיע. דאָס שעפערישע לעבן איז אַזוי אַרום פאַנטאַזיע״ [4].

די דאָזיקע אינטערעסאַנטע געדאַנקען וועגן מהות פון שאַפונגס־פּראָצעס ווערן אילוסטרירט מיט אַ ריי ביישפּילן פונעם שרייבערס שעפערישער פּראַקטיק, וועלכע דעקן אויף אַ ריי דעטאַלן פון זיין שרייבערישער מאַניר, וואָס האָט פאַר אונדז אַ באַזונדער ווערט און באַדייטונג.

אַט, אַשטייגער, וועגן דעם אויפקום פון "אַרום וואַקזאַל", וועגן דעם אופן, ווי אַזוי ער, בערגעלסאָן, האָט זיך באַמיט שוין פון סאַמע אָנהייב אַרויסצורופן ביים לייענער די זעלבע אויפרעגונג, וועלכע ער האָט באַקומען פון געזעענעם, אָנצושטעקן אים מיט דער זעלבער שטימונג, וועלכע האָט אים אין דעם מאָמענט באַהערשט, "צווינגען אַלע אַרומיקע צו זען מיט די זעלבע אויגן, וואָס ער".

"מיר האָט, למשל — שרייבט ד. בערגעלסאָן — היינט אין אָוונט דערעסן די גרויסע שטאָט, דער טומל, איך טראָג זיך איבער אין געדאַנק אויף אַן אַנדער אָרט. איך פאַנטאַזיר וועגן דעם, וואָס איך האָב אַמאָל געזען. מיר דערמאָנט זיך אַ וואָקזאַל, פאַרביי וועלכן איך בין אַמאָל דורכגעפאָרן. אַלץ, וואָס אַרום מיר געפינט זיך איצט, ווערט מטושטש, צערונען, און בולטער פאַר אַלץ טרעט פאַר מיר אַרויס דער וואָקזאַל. ער רעגט מיך אויף מער ווי אַלע אַנדערע זאַכן, וועלכע כ'האָב ווען־ס'ניט־איז געזען.

אָבער איך דאַרף, אַז אויך פאַר אייך זאָל דער דאָזיקער וואָקזאַל אַרויסטרעטן בולטער, ווי אַלע אַנדערע זאַכן, וואָס רינגלען אייך אַרום. איך דאַרף, אַז אויך איר זאָלט באַקומען די זעלבע אויפרעגונג, וואָס איך, אַז אויך איר זאָלט קאָנצענטרירן אייער אויפמערקזאַמקייט נאָר אויפן וואָקזאַל.

און איך טו עס: איך הייב אָן קאָנצענטרירן אייער אויפמערקזאַמקייט אויף דעם סוביעקט, וואָס רעגט מיך אויף.

איך דערצייל אייך:

אין פאַרשיידענע אָרעמע שטעטלעך... הייבן זיך אָן ציען שמאָלע וועגן און שניידן דורך פאַרשלאָפענע דערפער, אויף שטילע גרינע בערג דראַפּען זיך די וועגן, צום גרונט פון טיפע טאָלן נידערן זיי אַראָפּ און ווייט־ווייט ביי דער הויך פון אַ קליינעם באַרג קומען זיך די וועגן צונויף און בוקן זיך פון דאָרט דעם רויטן שטיינערנעם וואָקזאַל.

וואָס זשע האָב איך דאָ אויפגעטאָן?

אויפן אָרט פון וואָקזאַל האָב איך אָנגעהויבן פון וועגן. זיך דערווייטערט פון ציל? זיך דערנעענטערט!

דאָס קאָן מען אָנרופן קאָנצענטראַציע־עמאָציע. קאָנצענטראַציע — דאָס איז דער ערשטער יסוד פון שאַפונג" [5].

ד. בערגעלסאָן שטעלט זיך געניי אָפּ אויך אויף אַנדערע מיטלען, מיט דער הילף פון וועלכע ער צווינגט דעם לייענער "פיזיאָלאָגיש" צו רעאַגירן אויף דעם געשילדערטן: דערווייטערונג־עמאָציע, די עמאָציע פון קעגנגעזעצלעכקייט, אַטאַקע אויף דעם יענעם חוש אָדער עטלעכע חושים צוזאַמענגענומען:

"באַלד ווי איר קאָנצענטרירט אייערע צוהערער אויפן געגעבענעם אָביעקט — שרייבט ד׳ בערגעלסאָן — מוזט איר אָנווענדן אַלע ווייטערדיקע שאַפונגס־מיטלען, כדי זיין אויפמערקזאַמקייט אויפצוהאַלטן. איר מוזט באַהערשן זיינע חושים. אָבער

ניט אַלע חושים מיטאַמאָל קאָנט איר און דאַרפט באַהערשן. איין חוש אַרבעט אויפן צווייטן. אַזוי אַרום מאַכט איר דעם אַנגריף אויף איינעם אָדער צוויי חושים״ [6].

מיר ברענגען בלויז אייניקעביישפּילן פון די פילצאָליקע, וואָס ווערן פונעם שרייבער געבראַכט, ביישפּילן, וואָס אילוסטרירן ד. בערגעלסאָנס ״סטראַטעגיע״ אין פּרט פון באַהערשן די געפילן און איבערלעבונגען פונעם לייענער.

פון ״אין אַ פאַרגרעבטער שטאָט״:

״אַרום און אַרום האָט אין זיכערן און פעסטן שלאָף געשוויגן דאָס אויסגעלאָשענע שטעטל. ס׳איז געווען שטאָק־פינצטער. און נאָר פונעם מעזשיביזשער וועג איז מיט אַ ווילד־פּוילן באַנאַכטיקן טרייב אָנגעקומען אַ פול־געפּאַקטע בעל־עגלהשע פור. דעמלט האָבן זיך די פאַרשיידענע פּנימער פון זיך אַליין געדרייט צו דער איינציקער באַלויכטענער שטוב אין שטאָט, צו אלישע אסנתעס שטוב. זיי האָבן זיך איינגעקוקט אין איר שיין, און זייערע הערצער האָבן געגאַרט צו אירע באַלויכטענע פענצטער, ווי צו גליק״.

אָדער:

״ביי אלישע אסנת אין זאַל איז מען געזעסן ביים פּרעפּעראַנס, ביי דער עיקר אַרבעט, וואָס אויף איר האָט מען געוואַרט דעם גאַנצן טאָג. ס׳איז דאָרט געווען שטיל. נאָר אַמאָל האָט זיך געדאַכט, אַז צו די אויערן פון די, וואָס שפּילן, האָט דערגרייכט פון פאָדער־שטיבל אַ שטילער סקריפּ פון דער געעפנטער טיר. אַלע פלעגן אויף אַ ווײַלע אָן די קאָרטן פאַרגעסן און אָנשטרענגען די אויגן אַהין, פונוואַנען דער סקריפּ איז געקומען״.

״אין ביידע פאַלן — קאָמענטירט ד. בערגעלסאָן — שפּילט די הויפּט־ראָלע דער חוש־הראיה. דער לעזער מוז פאַרגעסן אין אַלץ, וואָס ער זעט אַרום זיך און אָנשטרענגען די אויגן צוזאַמען מיט די, וועגן וועמען ס׳האַנדלט זיך״ [7].

נאָך איין ביישפּיל:

״...בחורים, וואָס האָבן קראַפט אין די הענט, זיינען אַהין געלאָפן פון אַלע עקן שטאָט, איבערשרייענדיק זיך, ווי בלינדע אינדערפינצטער, און ניט דערקענענדיק איינער דעם צווייטן...

...אין דער זעלבער צייט האָט די שיין פון עמעצנס אַן עלעקטריש לאַמטערנדל, זוכנדיק, אַ בלאַנדזשע געטאָן איבער דער פינצטערער גאַס און האָט געפונען די פּוס פון איינעם אַ צולעצט אַוועקגעלאָפענעם טאַטן״.

דער שרייבער קאָמענטירט:

״דאָ האָט איר אַן אַנדער ציל, אויסגערעכנט אויפן חוש הראיה. דורך דער שיין — דערפילט איר די פינצטערניש. דאָ איז אַ געמיש פון ווירקן אויפן חוש און פון דער עמאָציע פון קעגנזעצלעכן״.

די פילצאָליקע ביישפּילן פון זיין קינסטלערישער דערפאַרונג און די קאָמענטאַרן צו זיי מצד דעם שרייבער קלאָרן פאַר אונדז אויס אַ ריי אייגנשאַפטן פון ד.

בערגעלסאָנס שעפערישן מעטאָד, פון זיין אימפּרעסיאָניסטישן סטיל, ווי מיר זיינען געוואוינט אים אַנצורופן.

"היסטאָריש איז דער יידישער אימפּרעסיאָניזם — האָט געשריבן מאַקס עריק — אַ קינד פונעם רעאַליזם, אַ רעאַקציע־פאָרם, וואָס האָט מער גענירשנט ווי פאַר־לייקנט — אַ נעגאַציע, וואָס איז דאָך מיילנוויייט פון אַן אַנטיטעזע" [8].

די דערגרייכונגען פונעם אימפּרעסיאָניזם, וועלכע ד. בערגעלסאָן האָט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן אויסגענוצט און אַנטוויקלט, האָבן אים געדינט אַלס מיטל צו באַרייכערן דעם רעאַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור.

מ. עריק מערקט אָן איניקע כאַראַקטער־שטריכן פונעם אימפּרעסיאָניזם בכלל און ד. בערגעלסאָנס אימפּרעסיאָניסטישן סטיל בפרט:

"פאַר אים איז כאַראַקטעריסטיש דאָס פּראָקלאַמירן דעם פּרימאַט פונעם געפיל... די אויסערלעכע וועלט ווייקט בערגעלסאָן דורך מיט דער אייגענער איבערלעבונג, הייסט איר וויברירן צום טאַקט פון דער אייגענער נשמה" [9].

אין דער אַרבעט "שאַפונגס־פּראָצעס", אין די ביישפּילן פון זיין שאַפן און קאָמענטאַרן צו זיי, אַקצענטירט ד. בערגעלסאָן זיין טיף סוביעקטיוון צוגאַנג צום געשילדערטן, די כאַראַקטעריסטישע פאַר אים געהעכערטע עמאָציאָנעלקייט און ליריזם, מיט וועלכע ער שטרעבט אָנצושטעקן זיין לייענער. דער שרייבער לאָזט אונדז וויסן, אַז אומעטום, אין אַלע זיינע ווערק, קען מען דערשפּירן זיין באַציאונג צום געשעענעם, זיין אָפּשאַצונג, זיין באַוויליקונג אָדער אָפּלייקענונג, וועלכע ער איז אויסן אָנבינדן דעם לייענער, ווייל אין דעם זעט ער זיין באַרוף אַלס קינסטלער. ער דערציילט אונדז, אַז אַלע קונסט־מיטלען, וועלכע ער פאַרמאָגט אין זיין רשות, ווערן פון אים מאָביליזירט צוליב אַ פּראָנטאַלער אַטאַקע אויף דער חושים־וועלט פונעם לייענער, צוליב דער קאָנצענטראַציע פון זיינע, דעם לייענערס, עמאָציעס אין דער פון אים געוואונטשענער ריכטונג.

איינס פון די מיטלען, וואָס דאַרפן העלפן דעם שרייבער איבערצוגעבן דעם לייענער זיין באַציאונג, זיין אָפּשאַצונג לגבי דעם געשילדערטן, איז דאָס פאַר־פעסטיקן ביי דעם אָדער יענעם געשטאַלט, ביי דער אָדער יענער געשעעניש אָדער דערשיינונג אַ טיפּ־זירנדיקן צייכן, וועלכער רופט אַרויס ביי דעם לייענער די פונעם שרייבער געוואונטשענע דאָמינירנדיקע עמאָציע אין באַצוג צו דעם געשטאַלט, צו דער געשעעניש אָדער דערשיינונג. אין "ביים דניעפּער" רופט ד. בערגעלסאָן אָן די דאָזיקע אייגנשאַפט זיינע "קריטשיקל". אַלץ, וואָס דאָ ווערט גערעדט וועגן פענעקס שעפערישע אייגנשאַפטן, האָט בלי־ספק אַ שייכות צו בערגעלסאָנען.

"אַלץ איז וויכטיק, יעדער חוש ביי פענעקן איז ביז גאָר פאַרשאַרפט, האָט אַ זכרון און פאָדערט, מע זאָל אים אָנפילן ווי אַ ליידיקן מאָגן ביי אַ פּרעסערל. יעדער געשעעניש האָט אַ הויפּט־פּינטעלע — אַזאַ מין קריטשיקל. אַז מע דערמאָנט זיך אָנעם קריטשיקל, שווימט גלייך אַרויס די גאַנצע געשעעניש, דער טאָג, דער

פּרימאָרגן, ווען זי האָט פּאַסירט, אַפילו די לופט, ווי זי האָט דענסטמאָל אויסגעזען, אַפילו דער ריח, וואָס די נאָז האָט דענסטמאָל אַריינגעשמעקט. פּענעק פּילט: ס'איז גוט, ס'איז אַ מחייה אָנצושטופּן דעם זכרון מיט אַזוינע ״קריטשיקלעך״.

ביי ד. בערגעלסאָנען טרעפן מיר אַ שפע ״קריטשיקלעך״, זיינע ווערק זיינען איבערגעפּולט מיט איינדרוקספולע פלעקן און ליניעס, וואָס סיגנאַליזירן צו אונדזער אויג און אויער און אַלע אַנדערע חושים, מיט אַ שלל אַסאָציאַציעס פון קלאַנג, פאַרב, דופט, וועלכע זיינען פאַרבאָרגן אין יעדן וואָרט און בילד — דאָס זיינען אַלץ מיטלען פון זיין אימפּרעסיע, וועלכע שטרעבט צו איין ציל: ״מאַכן אַן אָנגריף אויף דעם לעזער״, אַרויסרופן ביי אים די געוואונטשענע שטימונג און איבערלעבונג.

כדי דאָס אָדער יענץ ״קריטשיקל״ זאָל זיך פאַרקריצן אין זכרון און צווינגען דעם לייענער בהדרגהדיק זיך איינלעבן אין דער עמפּינדונג, וועלכע דער שרייבער איז אויסן ביי אים אַרויסצורופן, קומט ד. בערגעלסאָן אָן צו דער איבערחזרונג, אַ מיטל פון גרויסער עמאָציאָנעלער ווירקזאַמקייט, וואָס איז, ווי באַוואוסט, ברייט פאַרשפּרייט אין דער פאָלקס־שאַפונג.

צום ביישפּיל, דאָס שוואַרצע קלייד ביי מירעלען, דער ״אָפּגעגאָלטער קאָפּ״ ביי גדליה הורוויצן, דער ״עם־האַרצישער שטערן״ ביי אברהם־משה בורנעס, דאָס ״יונגע בלאָנד־רויטלעכע און פריש אַרומגעשוירענע בערדל״ ביי שמוליק זיידע־נאָווסקין — אין ״נאָך אַלעמען״; דאָס פּנים פון עזריאל פּויזנער, וואָס ״האָט געשמעקט מיט געלן אייערקיכל, מיט פּוטער־געבעקס און מיט שווייס״, די ״גרויס־גופיקייט״ און די ״אויסגעקוליעטע אויגן״ ביי יצחק־בער קאַסיר — אין ״אָפּגאַנג״. די אָפטע איבערחזרונג פון פאַרטרעט־שטריכן שאַפן ביים לייענער די באַציאונג צו דעם אָדער יענעם פּערסאָנאַזש: מיטגעפיל און סימפּאַטיע, אָדער, פאַרקערט, ווידערגעפיל און אַפילו עקל, אין דער מאָס, וואָס דער אויטאָר גופא דאַרף דאָס.

אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמט די איבערחזרונג אין ד. בערגעלסאָנס פּייזאַזש. בערגעלסאָן האָט געערשנט ביי אונדזערע קלאַסיקער די קונסט פון ״רעפלעקסן״, ד.ה. ״אָנשטאָט צו מאָלן דירעקט די נאַטור... האָבן זיי געמאָלט דעם צושטאַנד פונעם מענטשן אין דער געגעבענער נאַטור״ [10]. די ״רעפלעקסן״ זיינען ביי אים געוואָרן די וויכטיקסטע קאָמפּאָנענטן פון זיין אימפּרעסיאָניסטישן סטיל און זיינען פון אים דערפירט געוואָרן צו דער העכסטער ראַפינירטקייט. אין בערגעלסאָנס ווערק רעדט די טויטע נאַטור. די שטייגער־אָביעקטן, וועלכע רינגלען אַרום דעם מענטשן, רעפלעקטירן, ווינקען זיך דורך, ריידן זיך איבער — דורך זיי לאָזט אונדז דער שרייבער דערפילן די שטימונג, וואָס הערשט אין דער סביבה, דעם געמיטצושטאַנד פון דעם אָדער יענעם העלד. די איבערחזרונג פון אַ באַשטימטן דאָמינירנדיקן אין געגעבענעם מאָמענט ״רעפלעקס״ אינעם פּייזאַזש העלפט דעם שרייבער אַרויסצורופן ביים לייענער די מאַקסימאַלע ״עמאָציע־קאָנצענטראַציע״ אין דער פון אים געוואונטשענער ריכטונג.

צום ביישפּיל, אין ״אָרום וואָקזאַל״:

״פון ווייט איז אַהער דער צוג געלאָפן, און געטראָגן האָט ער מיט זיך אַ גוטע און פריילעכע בשורה פאַר דעם וואָקזאַל און פאַר דער געגנט, און בעאיילט האָט ער זיך די בשורה צו ברענגען. אָבער נאָך אינעם ערשטן אָפּהילכן פון זיין לאַנגן און פריילעכן פייף האָט ער זיך שוין איבערצייגט, אַז די מרה־שחורה איז דאָ זייער טיף און אייביק. ער איז שוין צום וואָקזאַל צוגעקראָכן פאַמעלעך מיט אַ געפּאַלענעם געמיט און דאַרטן שטיין געבליבן מיט אַ שווערן און לאַנגן זיפץ: ׳אומזיסט... אומזיסט! און פאַרפאַלן, אַלץ פאַרפאַלן!׳״

דאָס גאַנצע בילד איז מיט יעדן קאָמפּאָנענט זיינעם ווי מאָביליזירט צו שאַפן דעם שטימונגספולן הינטערגרונט פון אויסערסטער אויסוועגלאָזיקייט, אין וועלכער ס׳איז פאַרזונקען ניט נאָר דער לאָ־יוצלחדיקער סוחר ביינוש רובינשטיין, נאָר די גאַנצע סביבה, וואָס איז פאַראורטיילט צום אונטערגאַנג.

דעם דאָזיקן צוועק דינען די אָפּגעקליבענע עפּיטעטן אין דער פּערזאָניפיצירטער שילדערונג פון דעם צוג, וועלכער האָט זיך געאיילט ברענגען אַ פריילעכע בשורה, נאָר, איבערצייגנדיק זיך, אַז די מרה־שחורה איז דאָ טיף און אייביק, איז ער צום וואָקזאַל צוגעקראָכן, פאַמעלעך, מיט אַ געפּאַלענעם געמיט, שטיין געבליבן מיט אַ שווערן און לאַנגן זיפץ... אין די זיך איבערחזרנדיקע ווערטער ״אומזיסט״ און ״פאַרפאַלן״ ווערט קאָנדענסירט די שטימונג פון כמעט פאַטאַלער אויסזיכטלאָזיקייט, אין וועלכער ס׳איז איינגעהילט דאָס געשילדערטע שטיק לעבן — אַ שטימונג, וואָס רעגט דעם שרייבער, און ער איז אויסן אַרויסצורופן אַן אַדעקוואַטע אויפרעגונג און שטימונג ביי דעם לייענער.

אויך אין ״נאָך אַלעמען״ ווערט די אומענדלעכקייט פון מירעלעס טרויער אין דער גרויער קליינשטעטלדיקער וואָכעדיקייט באַטאָנט ניט נאָר מיט דער הילף פונעם פאַמעלעכדיקן סטיל פון דער שילדערונג, ניט נאָר דורך דעם איבערפלוס פון גרויע פאַרבן און שאָטן־פלעקן אין די פּערזאָניפיצירטע נאַטור־געמעלן, נאָר אויך מיט דער הילף פון פילצאָליקע איבערחזרונגען און פּאַראַלעליזמען, וועלכע מאַכן געדיכטער די אַטמאָספער פון מאָנאָטאָנישער לאַנגווייליקייט, וועלכע דריקט אַזוי אויף מירעלען.

״איר איז אַזוי שווער און עקלדיק אויף דער נשמה, גלייך ווי מע וואָלט נעמען דאָס האַרץ און עס אינגאַנצן אין עפּעס ברודיקעס איינגעטונקען... און פון די דרויסנדיקע פאַרוואָלקנטע הימלען האָט אַריינגעקוקט דער נייער ״וויסטער זונטיק און האָט דאָ דורכאויס זיין איינציק לאַנגווייליקע מחשבה אויסגעשפּרייט. אַ נייע וואָך, אַ וויסטע וואָך, אַ פּוסטע וואָך...״

דער פּערזאָניפיצירטער מרה־שחורהדיקער, מערסטנטייל האַרבסטיקער פּייזאַזש, דער געלאַסן־מאָנאָטאָנער סטיל, די איבערחזרונג און דער פּאַראַלעליזם אין דער שטייגער־ און נאַטור־שילדערונג — דאָס זיינען קונסט־מיטלען, וואָס מיט זייער

הילף האָט ד. בערגעלסאָן אויף אַן אויסערסט אַנשוילעכן און עמפּינדלעכן אופן איבערגעגעבן די אַטמאָספער פון אויסגאַנגלאָזיקייט און היסטאָרישער פאַראור־טיילטקייט פון דער סביבה, וועלכע ער האָט געשילדערט אין זיינע ווערק ביז דער רעוואָלוציע.

צו דעם דאַרף צוגערעכנט ווערן דער אייגנאַרטיקער דיאַלאָג פון ד. בערגעל־סאָנס פּערסאָנאַזשן אין זיינע ביזרעוואָלוציאָנערע ווערק.

דער שרייבער האָט געפּרווט אַפּלייקענען, אַז די דיאַלאָג־פאָרם אין דער דריטער פּערזאָן דרינגט אַרויס פון זיין אימפּרעסיאָניסטישן סטיל. לויט זיין מיינונג, נעמט זי זיך דער עיקר דערפון, וואָס די העלדן אין "נאָך אַלעמען", צום ביישפּיל, ריידן רוסיש, און עס איז שווער געבן דאָ דעם דירעקטן עקוויוואַלענט אין יידיש. ס'האָט געמוזט קומען אַ ניט־דירעקטע פאָרם [11].

מעגלעך, אַז דער דאָזיקער אומשטאַנד האָט געשטויסן ד. בערגעלסאָנען זיך ווענדן צו דער ניט־דירעקטער פאָרם פון דיאַלאָג, דאָך איז עס ניט סותר דעם פאַקט, אַז די דאָזיקע ברייט פאַרשפּרייטע אין זיין פאַררעוואָלוציאָנערן שאַפן דיאַלאָגישע פאָרם איז געוואָרן אַן אָרגאַנישער קאָמפּאָנענט פון דעם שרייבערס אייגנאַרטיקן סטיל און איינע פון די ווירקזאַמע מיטלען אין זיין שאַפונג [12].

י. דאָברושין שרייבט מיט רעכט:

"בערגעלסאָנס דיאַלאָג איז אויך אין תוך אַן אימפּרעסיאָניסטישע דערשיינונג. ניט וואָס די טיפּן ריידן, נאָר ווי אַזוי זיי ריידן, ריכטיקער, ווי אַזוי זיי טראַכטן דורך רייד — דאָס איז דער הויפּט־פּרינציפּ פון דעם בערגעלסאָנישן דיאַלאָג.

און ניט צופעליק נוצט בערגעלסאָן אין דיאַלאָג על־פּי־רוב די דריטע פּערזאָן, ווייל דער אימפּרעסיאָניסטישער רעפלעקסירנדיקער אַרט ריידן באַשטייט, בעיקר, אין צוהערן זיך בשעת־מעשה צום אייגענעם געדאַנק" [13].

ד. בערגעלסאָנס דיאַלאָג אין זיין רעפלעקטירנדיקער פאָרם האָט זיך אַזוי אַרום אָרגאַניש איינגעשלאָסן אינעם קאָמפּלעקס שאַפונגס־מיטלען, וואָס מיט זייער הילף איז דער שרייבער אויסן געווען איבערצוגעבן די "אַפּגאַנג־" און אונטערגאַנג־אַטמאָספער פון זיינע העלדן און דער סביבה, אין וועלכער זיי האָבן געלעבט, און אַרויסרופן ביים לייענער דעם זעלבן געמישטן מיט־און־ווידערגעפיל, פון וועלכן ער אַליין איז געווען באַהערשט. די שטאַרקע עמאָציאָנעלע אָנגעלאָדנקייט פון בערגעלסאָנס שאַפן, דער טיפער ליריזם, וואָס דרינגט דורך זיינע ווערק, האָבן אים געדינט אַלס בעסטער מיטל צו אַקטיוויזירן דעם לייענער, וועקן ביי אים פּראָטעסט לגבי דעם הערשנדיקן סאָציאַלן אומרעכט און דער ניט־איינגעאָרדנטקייט אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אין דער צייט צווישן צוויי רעוואָלוציעס.

ד. בערגעלסאָנס איינשטעלונג אויף מאַקסימאַלער ווירקזאַמקייט פון קינסטלע־רישן וואָרט האָט אויסגעאַרבעט ביי אים אַ זייער ראַפינירטע סקרופּולעזקייט לגבי יעדן באַזונדערן קאָמפּאָנענט אינעם קונסט־ווערק. אַזוי האָט דער שרייבער, צום

ביישפּיל, געהאַלטן, אַז שוין אַליין מיט דעם נאָמען דאַרף דאָס ווערק באַהערשן דעם לייענער. נאָך מער, אינעם נאָמען דאַרף שוין זיין פאַרבאָרגן אַ שטיק עקס־טראַקט פון דער שטימונג, מיט וועלכער דאָס ווערק איז באַהויכט. אַלס בעסטער ביישפּיל פון אַזאַ נאָמען קען אָנגערופן ווערן "נאָך אַלעמען". אַרויסגייענדיק פון דער דאָזיקער הנחה, האָט דער שרייבער, ווי ער אַליין דערציילט, בדרך־כלל באַטיטלט זיינע ווערק ערשט נאָכדעם, ווי זיי זיינען געווען ענדגילטיק פאַרענדיקט [14].

אַ ביז גאָר אַנטשיידענע באַדייטונג האָט ד. בערגעלסאָן צוגעגעבן דעם אָנהייב פון אַ ווערק. ער האָט געהאַלטן, אַז דער אָנהייב פון ווערק דאַרף דעם לייענער גלייך איינשליסן אין דער אַטמאָספער פונעם ווערק און אָנשטעקן אים מיט דעם מחברס שטימונג. ער דאַרף אין זיך אַנטהאַלטן אין אַ קאָנדענסירטער פאָרם דעם שרייבערס "דאָס בין איך אויסן". דער שרייבער האָט זיך מתוודה געווען, אַז דער אָנהייב איז פאַר אים שטענדיק געווען די שווערסטע מערכה, ווייל ער האָט גע־דאַרפט און געמוזט זיין "אַ קאָנצענטראַט פונעם גאַנצן ווערק"[15]. נאָך מער, דער שרייבער האָט ניט איין מאָל אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז נאָך דעם אָנהייב פון אַ ווערק קען מען אורטיילן וועגן דעם גראַד מייסטערשאַפט פונעם קינסטלער. אַלס אַ קלאַסישן ביישפּיל פון אַזאַ מין אָנהייב, וועלכער איז אַ קאָנצענטראַט פונעם ווערק און פאַרבאָרגט אין זיך אין אַ העכסט קאָנדענסירטער פאָרם זיין קינסטלערישע אידייע, האָט ד. בערגעלסאָן ליב געהאַט אָנצורופן דעם באַרימטן אָנהייב פון ל. טאָלסטאָיס ראָמאַן "וואָסקרעסעניע".

די אָנהייבן פון ד. בערגעלסאָנס וויכטיקסטע ווערק פאַרמאָגן טאַקע די אַלע אָנגערופענע אייגנשאַפטן.

די שילדערונג, מיט וועלכער ס'הייבט זיך אָן "אַרום וואָקזאַל", פירט גלייך אַריין דעם לייענער אין דער אַטמאָספער פון דער תקופה צווישן צוויי רעוואָלוציעס, אין וועלכער ס'איז איינגעהילט די גאַנצע האַנדלונג אינעם ווערק. די גוט באַקאַנטע, כמעט אין אַ פליגל־וואָרט אומגעוואַנדלטע שורות, מיט וועלכע ס'הייבט זיך אָן דער ראָמאַן "נאָך אַלעמען" — "גאַנצע פיר יאָר האָט זיך צווישן זיי געצויגן דער היי־מישער קליינשטעטלדיקער שידוך" אאַוו. — שטעלן מיט זיך פאָר אַ מוסטער פון אַן אָנהייב, וועלכער איז אַ "קאָנצענטראַט פונעם ווערק". דאָ איז שוין פאַרבאָרגן די הויפּט־טעמע, אַרום וועלכער ס'הייבן זיך אָן די דראַמאַטישע געשעענישן אין מירעלעס לעבן. אין זיי לאָזן זיך שוין שפּירן יענע פּסיכאָלאָגישע "סודות", מיט וועלכע ס'זיינען איבערפולט מירעלעס כוונות און האַנדלונגען. אין זיי הערט זיך שוין די "מוזיק" פונעם ראָמאַן, די טרויעריק־צעצויגענע מעלאָדיק, וועלכע דרינגט אים דורך פונעם ערשטן ביזן לעצטן זייטל.

נאָך מער. דער אָנהייב פון יעדן פון די פיר טיילן אין ראָמאַן איז אַ מין קאָנצענטראַט פונעם תמצית פון יעדן טייל, אַן עקסטראַקט פון דער שטימונג, מיט וועלכער ער איז אָנגעזאַפּט. אין ערשטן טייל — די דערמאַנטע שורות וועגן די

אָפּגעשיקטע תנאים — פּירן אונדז אַריין אין די באַציאונגען צווישן מירעלען און וועלוול בורנעס, דעקן אויף אַ ריי שטריכן אין איר כאַראַקטער, דייטן אָן אויף גדליה הורוויצעס ירידה. די שורות „געפּלאָנטערט זיך האָבן אַלץ מער און מער ר׳ גדליה הורוויצעס געשעפטן״, מיט וועלכע ס׳הייבט זיך אָן דער צווייטער טייל, דערשיינען אַלס פּרעליודיע צו מירעלעס געצוואונגענעם שידוך מיט ש. זייד־דענאָווסקין. אין דער רעפּליק „שמוליק, גיי דיר אַוועק״, וואָס דינט אַלס אָנהייב צום דריטן טייל, ווערט אויפגעדעקט די געשפּאַנטקייט פון דער דראַמאַטישער סיטואַציע, אין וועלכער ס׳געפינט זיך מירעלע, וועלכע זעט דעם איינציקן אויסוועג אינעם גט. דער פערטער טייל הייבט זיך אָן מיט דעם שטימונגספולן זאַץ: „דאָס איז געווען אין די פּראָסטיקע שטורעם־שנייען, וואָס צווישן גרויס־חגא און צווישן גויישן נייאָר״. די שורות קלינגען ווי אַן אָנזאָג אויף קומענדיקע גורלדיקע געשעענישן: גדליהס טויט, מירעלעס צוריקקערן זיך אין שטעטל, און דער טראַגישער אויספיר, צו וועלכן זי קומט, אַז נאָך איידער זי איז געבוירן געוואָרן, האָט עמעץ שוין איר פריילינג איבערגעלעבט.

דער גוואַלדיקער אחריות־געפיל לגבי דעם באַרוף פונעם שרייבער און דאָס טיפע אָנערקענען די גרויסע געזעלשאַפטלעכע ראָל פון דער קונסט האָבן אויס־געאַרבעט ביי ד. בערגעלסאָנען אַ קריטישע באַציאונג צו זיך אַליין, צום אייגענעם שאַפן. יעדעס ווערק זיינס האָט דער שרייבער ממש אויסגעטראָגן, אויסגעפיבערט, אויסגעוויטיקט.

דער וויכטיקסטער פאָרבאַדינג פאַר יעטווידן שעפערישן אויפטו איז פאַר ד. בערגעלסאָנען ראשית־כל געווען די גענויע באַקאַנטשאַפט מיט דער סביבה, וועלכע דער שרייבער קלייבט זיך שילדערן. ער האָט אויך געהאַלטן פאַר נויטווענדיק האָבן אין זינען באַשטימטע פּראָטאָטיפּן, וועלכע דאַרפן בילדן דעם יסוד פאַר זיינע געשטאַלטן. בדרך־כלל האָט ער געשריבן וועגן געשעענישן, סביבות און געשטאַלטן, וועלכע ער האָט גוט געקענט. ווען דער שרייבער האָט אין 1912 יאָר פאַרטראַכט אַ היסטאָרישן ראָמאַן, האָט ער פּלאַנירט אויף 2־3 יאָר אַרויס־צופאָרן קיין אויסלאַנד, „צו לערנען די אַלט־גריכישע און רוימישע קולטורן, קריסטנטום, די אַמאָליקע עטיק... פאַרענדיקן מיינע ידיעות אין יידנטום, אין דער עפּאָכע פון חורבן בית שני, זיין אין פּאַלעסטינע און אין רוים״[16], אויף וויפל די דאָזיקע רייזע איז ניט צושטאַנד געקומען, איז דער פאַרטראַכט ניט רעאַליזירט געוואָרן. אויך דער ראָמאַן „ראַווּרעבע״, וועלכן דער שרייבער האָט אָנגעהויבן שרייבן אין 1909—1910־טן יאָרן, איז, לויט דער מיינונג פון די בערגעלסאָן־פאָרשער, געבליבן ניט פאַרענדיקט, ווייל ווי נאָר דער שרייבער איז געקומען צו די קאַפּיטלען, וועלכע האָבן געזאָלט שילדערן זיין העלד אין דער שווייץ, איז ער געבליבן שטיין, ווייל ער האָט די דאָזיקע סביבה ניט געקענט[17].

דערפֿאַר האָט זיך אים אין די זעלבע יאָרן איינגעגעבן מיט אַ באַזונדערן אימפּעט צו אַרבעטן איבער ״נאָך אַלעמען״, ווייל מיט דער סביבה און מיט טיפּן, מיט וועלכע ער האָט דאָ געהאַט צו טאָן, איז ער געווען אויסגעבונדן. לויט דער גביית עדות פֿון נחמן מייזיל, האָט ד. בערגעלסאָן געהאַט פֿאַר זיך פּאַרטיקע פּראָטאָ־טיפּן כמעט פֿאַר יעדן איינעם פֿון די אַרויסגעבראַכטע געשטאַלטן. אויך אין ״אַרום וואָקזאַל״ דערציילט נ. מייזיל, האָט דער שרייבער ״געמאַכט אַ דין־וחשבון מיט זיין היימשטעטל, מיט יענער סביבה, מיט יענער גרופּע אייגענע און נאָענטע מענטשן, מיט וועמען ער איז געווען פֿאַרבונדן אין זיין יוגנט אין אַכרימאָווע און מאָנאַסטי־רישטשע... די אַלע מענטשן, די מעקלערס ביים וואָקזאַל, די אָפּגעקומענע און אויפֿגעקומענע יונגע און עלטערע סוחרים און בעיקר — די יונגע חנוודיקע קלאַרע, מיט וועלכער בערגעלסאָן איז אין זיין היים געווען פֿאַרבונדן, איז אים געבליבן נאָענט און אייגן אויך ביים מאָלן און אַרויסברענגען זי אין דער אַרום וואָקזאַל־סביבה... און אַפֿילו איר אמתן נאָמען האָט ער ניט געענדערט — געבליבן דער זעלביקער ווי אין לעבן״ [18].

די זכרונות פֿון דוד בערגעלסאָנס מיטצייטלער און פֿריינט וואַרפֿן אַ שיין אויף דעם אופֿן פֿון דער בערגעלסאָנישער טיפּיזאַציע פֿון געשטאַלטן. ״מירעלע — שרייבט נ. מייזיל — איז געקנאָטן פֿון צוויי לעבעדיקע פּרויען, צו וועלכע בערגעל־סאָן איז געווען ניט גלייכגילטיק. ער האָט זיי געמאָלט מיט ליבשאַפֿט און פּיעטעט, אָבער אויך מיט אַ ספּעציעלן ווילן צו באַטאָנען זייערע נעגאַטיווע שטריכן. שאַרפֿער און שניידיקער און אָפֿט גאַנץ סאַטיריש האָט ער אַרויסגעבראַכט די יונגעלייט, וואָס שדכנען זיך צו איר. אויך זיי זיינען געמאָלט לויט לעבעדיקע פּראָטאָטיפּן, וועלכע האָבן געלעבט אַרום אונדז און איך האָב זיי גוט געקענט״[19]. ״די זיידענאָווסקיס, דער פֿעטער יעקב־יוסף און דער זון שמואל — איך האָב זיי אַלע גוט געקענט, ווי אויך די איבעריקע געשטאַלטן אַרום גדליה הורוויץ, זיין פֿרוי און טאָכטער מירל, און די אָקושאַרקע שאַץ, און די טאַראַביי־משפּחה, און אידאַ שפּאַליאַנסקי און מאָנטשיק, נתן העלער, דער פּראָוויזאָר — געהילף סאַפּיאַן און אוודאי הערץ, וואָס צוזאַמען מיט זיין ״פּנים שמייכלט דער גרינער אָפּגלאַנץ, וואָס אין זיינע קליינע טיף־אַריינגעגראָבענע אויגן״ אאַוו. די אַלע, וואָס האָבן געקענט אורי ניסן גנעסינען, דערקענען אים זייער גוט אין די אַלע אינטערעסאַנטע טרעפֿלעכע סצענעס, אין דעם שווייגן און האַלטונג פֿון הערצן״ [20].

אינטערעסאַנט זיינען אין דעם פֿרט די אַרויסזאָגונגען פֿונעם שרייבער אַליין. לויט זיינער אַ מיטיילונג, זיינען די געשטאַלטן און סביבות, וועלכע ווערן געשילדערט אין זיינע ווערק, ״סינטעטישע״, ד״ה, געוויינלעך זיינען פֿאַראַן מאָדעלן און פּראָטאָטיפּן, זיי ווערן אָבער אין פּראָצעס פֿון שאַפֿן סינטעזירט, עס ווערן צונויפֿגעשמאָלצן שטריכן פֿון עטלעכע מענטשן, עטלעכע שטעטלעך און סביבות. כמעט אַלע געשטאַלטן פֿון ״נאָך אַלעמען״, דערציילט ד. בערגעלסאָן, זיינען קיעווער,

אויך מירל איז אַ קיעווער (אַחוץ גדליה הורוויץ, וואָס איז מאָדעלירט פון אַ שטעטלדיקן גביר, נאָר זיינע פּיזישע שטריכן זיינען גראָד גענומען פון אַ באַקאַנטן פאַרמעגלעכן דאָרפישן יידן). דאָס שטעטל פון "נאָך אַלעמען" איז אַ סינטעטיש שטעטל, אַזוי אויך דאָס שטעטל פון "ביים דניעפּער". ביים שרייבן "אין אַ פּאַר־גרעבטער שטאָט" — באַמערקט דער שרייבער — האָט ער געהאַט אין זינען לע־טישעוו, פּאַדאָליער גוב. געווען דאָרט טאַקע ענלעכע טיפּן ווי בורמאַן, אלישע אאַ. אין "ביים דניעפּער" זיינען דאָ אייניקע אויטאָביאָגראַפישע עלעמענטן, צום ביישפּיל, אין דער פּענעק־געשטאַלט, אין דער שילדערונג פון די קיך־מענטשן אאַ. די פיגור פון מיכאל לעווין איז סינטעטיש, צונויפגעגאָסן שטריכן פון אייניקע גבירים. דערהויפּט האָט דאָ געדינט פאַר אַ מוסטער דער פאָטער פון נ. מייזיל און זיין הויז. שיינדל די גרויסע איז אויך אַ סינטעטישער טיפּ..." [21]

דער שאַפונגס־פּראָצעס איז ביי ד. בערגעלסאָנען, ווי עס דערציילן זיינע פריינט און ער אַליין, געווען באַגלייט מיט גרויסע חבלי־לידה. יעדעס פּאָרטראַכט ווערק איז געקומען אויף דער וועלט נאָך לאַנגדויערנדיקע איבערלעבונגען. דאָס איינגעזאַפּטע אין זיך שטיק לעבן האָט באַדאַרפט רואיק איבערגעקאָכט ווערן, דורכגעלאָזט ווערן דורך די "רערן" פון זיין שעפערישן געמיט, איידער ער האָט זיך געזעצט צום שרייבטיש.

"ער האָט געמוזט אויסטראָגן, אויסוואָרעמען אין זיך די טעמע — דערציילט נ. מייזיל — לאָזן וואַקסן און אַנקליידן זיך מיט כאַראַקטער־שטריכן און שטייגער־פּרטים זיינע געשטאַלטן. אין זיין שרייבן—שאַפן איז ער ניט געווען קיין שנעל־גייער... דער פּראָצעס פון אַנלאָדונג (און אויסלאָדונג) איז געגאַנגען ביי ד. בער־געלסאָנען זייער לאַנגזאַם, אָן איבעראַשונגען, אָן האַסטיקע איבערוואַנדלונגען" [22].

די אויסלאָדונג ביים שרייבטיש איז געווען באַגלייט מיט ניט קיין קלענערער עבודת־פּרך. "איך האָב אויף דוידן גרויס רחמנות, צוקוקנדיק זיין קאַטאָרגע, בשעת ער זיצט און אַרבעט" — האָט זיך ניט איין מאָל געקלאָגט דעם שרייבערס פרוי ציפּע [23]. "איך האָב אייך ערשט פּאַראַיאָרן נאָך איין מאָל אויפדערנאָכט געטראָפן ביי אייער טיש — האָט געשריבן דער ניסתר אין זיין באַוואוסטן בריוו צו ד. בערגעלסאָנען — נאָך אַ טאָג, צו זען געווען, שווערער אַרבעט; די הויט פון פּנים איז ביי אייך געווען דורכגעשפּיקעוועט און דורכגערייכערט פון אַ גאַנצן טאָג פּאַפּיראָסן — אַזש בלוי. און איר זייט נאָך אַלץ געזעסן ביי דער מאַטעווער שיין פון לאָמפּ איבער אייערע פּאַפּירן פּאַרטאָן" [24].

לויט דעם שרייבערס אָנגאָבן, האָט ער געאַרבעט בלויז בייטאָג. זיין נאָרמע: 5000 בוכשטאָבן אַ טאָג (אָן ערך צוויי זייטן), מיט איין אָפּרו־טאָג אין דער וואָך. דאָס עצם שרייבן האָט ד. בערגעלסאָן געהאַלטן אַלס אַ וויכטיקן פּאַקטאָר. "ווען איך זעץ זיך שרייבן — האָט ער דערציילט — זע איך קלאָר די סכעמע פונעם

גאַנצן בוך. אין פּראָצעס פון שרייבן ווערט זי אָבער פאַרנעפּלט, און דאָס שרייבן באַשטייט אינעם דעשיפרירן די סכעמע, אינעם אויפהייבן דעם נעפּל"[25].

ד. בערגעלסאָן איז געווען אומדערמידלעך אין שלייפן, פּאָלירן און פאַרפול־קאָמען דאָס ווערק. וועגן דעם זאָגן עדות די פּילצאָליקע איבעראַרבעטונגען פון גאַנצע זייטלעך, בויגנס, ווערק. עס האָט ניט איין מאָל געטראָפן, אַז דער שרייבער פלעגט אָנהייבן אַ דערציילונג אָדער אַ קאַפּיטל פון אַ ראָמאַן און עס אָפּלייגן אויף אַ היפּשער צייט און ערשט שפּעטער זיך נעמען פאַר דעם אויפדאָסניי און שוין גאָר אין אַן אַנדערן, נייעם נוסח. אין זיינע פריע פראַגמענטן "ריקות" (אין העברעיש) און "רייזל" האָבן זיך שוין אַנטהאַלטן עמבריאָנען פון "אַרום וואָקזאַל" און "נאָך אַלעמען". רייזל איז שוין געווען אין אַ געוויסער מאָס אַ פּראָטאָטיפּ פאַר דעם מירל־געשטאַלט. די קלענערע דערציילונג "פּיוולס מעשיות", וועלכע ד. בערגעלסאָן האָט אָנגעשריבן אין 1910 און פאַרעפנטלעכע אין 1919, איז אין תוך געגומען אַן ערשטער, הגם גאַנץ וויטער, וואַריאַנט פאַרן שפּעטערדיקן "ביים דניעפּער". וועגן "נאָך אַלעמען" האָט דער שרייבער אין 1912 געשריבן ש. ניגערן: "דעם ראָמאַן האָב איך כמעט געענדיקט, נאָר געפונען פאַר נייטיק אים אָנהייבן נאָכאַמאָל פון בראשית".

פילצאָליקע איבעראַרבעטונגען האָבן, לויט די אָנגאַבן פונעם שרייבער, געהאַט אַן אָרט באַזונדערס אינעם פאַררעוואָלוציאָנערן פּעריאָד. אין סאָוועטישן פּעריאָד האָט דער שרייבער ווייניקער געאַרבעט איבער זיינע ווערק. "ביים דניעפּער" — דערציילט דער שרייבער — איז כמעט ניט איבערגעאַרבעט, עס זיינען געענדערט בלויז אַ 40—50 איינצלנע זייטלעך. דער שרייבער פאַרצייכנט אַ באַשטימטן חילוק אין זיין אַרבעטס־מעטאָד אין פאַרגלייך מיט די פריערדיקע יאָרן: "מער אָרגאַניזירט און מער אָפּהענגיק פון דער "מוזע". ביזן 1914 איז די ארבעט געגאַנגען מיט כסדרדיקע היפּשע איבעררייסן... עס איז אויסגעקומען צו "וואַרטן אויף דער באַגייסטערונג", אויפן צוריקקער פון שעפערישן ענטוזיאַזם, און אָפּטמאָל פלעגן אַזוי דורכגיין לאַנגע חדשים... עס דערקלערט זיך מיטן ניט זען קלאָר די ציל־איינשטעלונג פונעם ווערק... און אפשר האָט דאָ געהאַט אַ חלק אויך דאָס ניט גענוגנדיקע באַהערשן די טעכניק פון שרייבן"[26].

דער סאָוועטישער פּעריאָד האָט געבילדעט אַ נייעם עטאַפּ אין ד. בערגעלסאָנס שאַפן. די נייע טעמאַטיק און פּראָבלעמאַטיק, די נייע געשטאַלטן־גאַלעריי, די טיפערע אידעאישע אָריענטאַציע — דאָס אַלץ האָט גורם געווען צו באַשטימטע ענדערונגען אינעם שרייבערס שעפערישער מאַניר. אַ שטיק אמת איז געווען פאַרבאָרגן אינעם באַקאַנטן שפּאַס פון אַהרן קושניראָוון אויף איינעם אַ בערגעלסאָן־אָוונט אין מאָסקווע: "פיר יאָר האָט זיך געצויגן דער שידוך" פּאַסט שוין ניט פאַר אונדזער צייט: "פיר יאָר פירן אַ שידוך? אין פיר יאָר פאַרענדיקט מען אַ פינפיאָריקן פּלאַן". די דינאַמיק פון דער נייער צייט האָט געצוואונגען דעם

שרייבער אַקטיוויזירן זיין סטיל, זיך באַנוצן מיט ברייטערע פּענזלען, מיט דיקערע פאַרבן. דער שרייבער האָט געמוזט אַריינברענגען מער באַוועגונג אין זיינע בילדער, ראַדיקאַל ענדערן דעם דיאַלאָג: זיינע העלדן האָבן גענומען ריידן. די בערגעלסאָנישע אימפּרעסיאָניסטישע שילדערונג־מאַניר האָט באַקומען נייע ניואַנסן און שאַטירונגען. אָבער אין איר ספּעציפיק איז זי געבליבן די זעלבע. זי איז, ווי פריער, אַרויס־געדרונגען פונעם שרייבערס עסטעטישן קרעדאָ, פון זיין איינשטעלונג אויף דער גרויסער געזעלשאַפטלעכער ראָל פון דער קונסט. אינעם נייעם עטאַפּ פון זיין שאַפן האָט זיך נאָך אפשר מער ווי פריער געלאָזט שפּירן די אינטימע נאָענטקייט צווישן דעם שרייבער און זיינע העלדן, איז נאָך אפשר מער אויסגעוואַקסן דעם שרייבערס מיטבאַטייליקונג אינעם געשילדערטן. דעם שרייבערס אָפּשאַצונג, זיין טאַדלונג אָדער באַוויליקונג ווערט איצט אַפילו בולטער אויסגעדריקט סיי דורך דעם דיאַלאָג, וועלכער האָט איצט באַקומען די געוויינלעכע דירעקטע פאָרם, סיי דורך דער נאַטור־שילדערונג (דער שוין ניט האַרבסטיקער, נאָר אַלץ אָפטער מיט שיין און זון באַגאָסענער), וועלכע איז געוואָרן לאַקאָנישער, צילגעווענדטער, סאָציאַל־פאַרשאַרפטער, סיי דורך דעם דערציילערישן נוסח גופא, אין וועלכן ס׳ווערט שוין וויניקער עלעגיש נאָכדערציילט וועגן געוועזענעם און מער אין אַ מונטערן און צייטנוויַיז אַפילו פּאַטעטישן טאָן גערעדט וועגן דעם, וואָס קומט פאָר פאַר די אויגן.

מיט דער הילף פון אַלע מעגלעכע קונסט־מיטלען „מאַכן אַן אָנגריף אויף דעם לעזער", באַהערשן אַלע זיינע חושים, צווינגען אים זען, הערן, פילן דאָס, וואָס ער אַליין, דער שרייבער, זעט, הערט און פילט, מיטרייסן אים דורך דער אייגענער אויפרעגונג און איבערלעבונג — אַזאַ איז געווען און פאַרבליבן ד. בערגעלסאָנס וויכטיקסטער קונסט־געבאָט.

העפט 7, 1976

1 ד. בערגעלסאָן, דיכטונג און געזעלשאַפטלעכקייט. ביכער־וועלט, נומ׳ 4־5, 1919, זז׳ 12־13.
2 „יידישע קולטור", נומ׳ 9, 1960, זז׳ 48־49.
3 דאָרטן, ז׳ 49.
4 דאָרטן, דאָרטן.
5 דאָרטן, ז׳ 50.
6 דאָרטן, ז׳ 60.
7 דאָרטן, ז׳ 51.
8 מ. עריק. ד. בערגעלסאָן. יידישע קולטור, נומ׳ 6, 1964, ז׳ 41.
9 דאָרט, ז׳ 42.
10 ד. בערגעלסאָן. לעקסיק־פּראָבלעמען אין דער יידישער ליטעראַטור. זשורנאַל „פּראָ־פאָסט", 2, 1937, ז׳ 143.

11 מאַטעריאַלן צו ד. בערגעלסאָנס ביאָ־ביבליאָגראַפיע. וויסנשאַפט און רעוואָלוציע, 1־7, 1934, זז' 73־74. אָן ענלעכע אַרויסזאָגונג ברענגט מ. קאַץ (זע "זאַמלונגען", נומ' 19, 1959, ז' 12):

"ווען איך האָב אין אַ שמועס מיט בערגעלסאָנען אים אַ פרעג געטאָן, ווי קומט עס, וואָס די פאַרשווינען פון זיינע ווערק ריידן אַזוי ווייניק, בלויז אָפּגעריסענע, אָפּגעהאַקטע ווערטער, און ס'רוב רעדט ער, בערגעלסאָן, אַליין פאַר זיי. זיין ענטפער איז געווען, אַז ער מוז ריידן פאַר זיי, ווייל זיי, זיינע פאַרשוינען, ספּעציעל, ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער יידישער אינטעליגענץ אָדער האַלב־אינטעליגענץ, פאַרמאָגן שוין ניט קיין אייגענע שפּראַך. זיי ריידן שוין כמעט ניט קיין יידיש".

12 עס איז דאָך אַ פאַקט, אַז די דאָזיקע דיאַלאָגישע פאָרם איז כמעט לחלוטין פאַרשוואונדן אין בערגעלסאָנס ווערק פון סאָוועטישן פּעריאָד, הגם פיל פון זיינע העלדן געהערן צו די זעלבע שיכטן, וועלכע ריידן מערסטנטייל רוסיש.

13 י. דאָברושין. אונדזער אימפּרעסיאָניזם. שטראָם, נומ' 4, 1923, ז' 73.

14 וויסנשאַפט און רעוואָלוציע, 1־2, 1934, ז' 70.

15 דאָרט, ז' 71.

16 פון אַ בריוו צו ש. ניגערן. ציטירט לויט "יידישע קולטור", נומ' 3, 1963, ז' 11.

17 "יידישע קולטור", נומ' 3, 1963, ז' 10.

18 דאָרט, ז' 9.

19 נ. מייזיל, קעגנזייטיקע השפּעות אין וועלט־שאַפן, וואַרשע, 1965, ז' 315.

20 "יידישע קולטור", נומ' 3, זז' 12־13.

21 "וויסנשאַפט און רעוואָליוציע", 1־2, 1934, ז' 73.

22 "יידישע קולטור", נומ' 3, 1963, ז' 10.

23 זע י. שטערנבערג. דער גרויסער פּראָזע־מייסטער. "סאָוועטיש היימלאַנד", נומ' 4, 1964, ז' 4.

24 ציטירט לויט י. שטערנבערג "דער גרויסער פּראָזע־מייסטער", זשורנ' "סאָוועטיש היימלאַנד", נומ' 4, 1964, ז' 20.

25 "וויסנשאַפט און רעוואָלוציע", 1־2, 1934, ז' 72.

26 דאָרט, דאָרט.

איזי כאַריק

ווען דעם אָפּשטאַם פון זיין דיכטונג האָט איזי כאַריק דערציילט אין אַ ריי ווערק, באַזונדערס אין דער ליד "מיין יוגנט" און אין דער לעצטער פּאָעמע "אויף אַ פרעמדער חתונה".

ווען מע לייענט כאַריקס "מיין יוגנט", קומט אויף אין געדאַנק ח. נ. ביאַליקס באַקאַנט ליד "שירתי", הגם ביאַליק און כאַריק זיינען לויט זייער שאַפונג גאַנץ פאַרשיידענע דיכטער און עס איז שווער צו געפינען אַ קרובהשאַפט צווישן זיי. צוויי גרויסע דיכטער האָבן אין פאַרשיידענע צייטן דערציילט וועגן דעם "ייחוס" פון זייער דיכטונג. ביידנס לידער זיינען געבוירן אין די "שטילע געסלעך", אין דער אַטמאָספער פון נויט און אָרעמקייט. נאָר איינער האָט זיין ירושה געצויגן פון דעם טאַטנס טרויעריקע שבת־זמירות, וועלכע זיינען געגאַנגען "פון אַ ליידיקן מאַגן און געלעכערטן הארצן", פון דעם וויסטן און אויסזיכטלאָזן געזאַנג פון דער גריל — דעם "דיכטער פון דלות"; דער צווייטער דיכטער האָט זיין געזאַנג געשעפּט פון דער "זאַפטיקער שטים" פון זיין טאַטן דעם שוסטער, פון דעם הילכיקן קלאַפּן פון זיין האַמער, וואָס "פּאַלט און צאַפּלט צווישן די קני".

ביאַליקס ייחוס־בריוו איז דער יידישער דלות, וואָס ווייסט ניט קיין תקומה, ווערט ניט באַהעלט מיט דער מינדסטער האָפענונג, האָט ניט די קלענסטע אויס־זיכטן אויף בעסערס... כאַריקס ליד שטאַמט אויך פונעם דלות, נאָר טוט אָקאָרשט אַ קוק, וויפל האָפענונג און פרייד עס שטראַלט אַרויס פון דער ליד "מיין יוגנט"! אין ליד ווערט דערציילט וועגן זיין ייחוס אַ דיכטער, וואָס האָט אָנגעהויבן זינגען נאָך די ערשטע שטורעמס פון אָקטאָבער — זיי האָבן געבראַכט מיט זיך פריידיקע אויסזיכטן פאַר די "קרעפטיקע יינגלעך פון די ענגע און הילצערנע געסלעך".

ביאַליק האָט זיך שפּעטער געמוזט מודה זיין, אַז זיין געוויין איז געגליכן צו דער "קלאָג פון דער סאָווע אין דער וויסטעניש". כאַריק האָט מיט שטאָלץ געקאָנט זאָגן:

> אין היינטיקן אויפרוף אין העכסטן
> כ'האָב דאָס ליד פון מיין טאַטן דערקענט!

כאַריק האָט געבראַכט אין דער ליטעראַטור דאָס קרעפטיקע און זאַפטיקע ליד פון זיין טאַטן דעם שוסטער, די גאַליקע איראָניע פון זיין זיידן דעם בדחן. פון אים,

ווי פון אַנדערע אַזוינע ווי ער, וואָס "זייער מוזע ווייסט ניט קיין אַנדער עקזיסטענץ, ווי אַן אַקטאַבערשע" (מ. ליטוואַקאָוו), האָט ווירקלעך אַ שפּאַר געטאָן מיט "שווערער קראַפט פון הונגעריקע טאַטעס", און דאָס האָט אין אַ גרויסער מאָס באַשטימט די אייגנאַרטיקייט פון זיין דיכטונג. פון די "הונגעריקע טאַטעס" קומט די שטאַרקע אַנגעלאָדנקייט מיט סאָציאַלן וויטיק און סאָציאַלן האָס. די קאַלאָסאַלע רייכטימער פון דעמאָקראַטישן פאָלקלאָר זיינען געוואָרן דער וויכטיקסטער מקור, פון וועלכן ס'האָט געצויגן איר יניקה כאַריקס דיכטונג. און ניט נאָר אַ מקור. די פאָלקס־שאַפונג איז פאַר אים אין אַ געוויסער מאָס געוואָרן אַ שול, וואָס האָט אים געהאָלפן אויספּילן זיין פּאָעטישע מיסיע, די מיסיע פון אַ זינגער פאַרן פאָלק.

כאַריקס לירישער אומרו איז געווען אָנגעלאָדן מיט געזעלשאַפטלעכער ליידנ־שאַפט. זיינע אינטימע טענער זיינען געווען מיילנווייט פון דער טראַדיציאָנעלער אינדיווידואַליסטישער ליריק. "איך האָב זיך נאָך קיינמאָל מיט זיך ניט פאַרשפּאַרט, מיט זיך אויג אויף אויג ניט באַגעגנט" — האָט שפּעטער געשריבן איזי כאַריק. און ווירקלעך, פון סאַמע אָנהייב האָט אים געצויגן "צו גאַס", "צו מענטשן", זיין גרעסטער יום־טוב איז געווען:

פייערלעכע אָוונטן אויף ליכטיקע עסטראַדעס,
לייען איך און לייען, ביז איך ווער ניט מיד.
אין גאַר מיין גאַנצער אופריכטיקייט בין איך זיך מתוודה
און זינג אַרויס פאַר אַלעמען דעם יום־טוב פון מיין ליד.

כאַריק דער ליריקער האָט געזען פאַר זיך אַ ברייטע אוידיטאָריע, וועלכע ער האָט גערופן, באַמיט זיך אָנשטעקן זי מיט דעם יום־טוב פון זיין געמיט. פונדאַנען האָט געשטאַמט זיין נסיעה צום דינאַמישן סטיל פונעם לעבעדיקן מענטשלעכן געשפּרעך, צום דיאַלאָג, צו קאָמוניקאַטיווע רייד־פאָרמען, וועלכע זיינען זייער אָנגענומען אויך אין דער פאָלקסדיכטונג, באַזונדערס אין דער באַלאַדע. אין כאַריקס לידער און פּאָעמעס טרעפן מיר אָפט, ווי אין דער פאָלקסליד, די רעטאָרישע פראַגע אָדער דעם רעטאָרישן אויסרוף, די ווענדונג, פאַרשיידענע אַנדערע אַקטיווע רייד־פאָרמען, שטייגער־ווערטלעך, אינטעריעקציעס — אַלץ אַזוינע קינסטלערישע מיטלען, וועלכע זיינען אָריענטירט אויף גרויסער עמאָציאָנעלער אויפווירקונג, אויף צו אַקטיוויזירן דעם צוהערער, רייסן אים מיט זיך. מערקווירדיק, וואָס כאַריק האָט אין זינען דער עיקר דאָס געפיל אָדער דאָס געהער פון זיינע לייענער (ריכטיקער: צוהערער), פיל ווייניקער — דאָס אויג. ער שטרעבט דערצו, אַז זיין דיכטערישע איבערלעבונג זאָל ווירקן אָן באַפּוצונגען און אָרנאַמענטן, ער מיידט אויס ווי ווייט מעגלעך ברייטע באַשרייבערישקייט, פּלאַסטישע געמעלן און סקול־פּטורישקייט — אַלץ, וואָס מאַכט דאָס בילד סטאַטיש. כאַריקס סטיכיע איז דינאַמיק פון בילד, פערז, וואָרט.

נאָטירלעך איז אויך די גוואַלדיקע אויפמערקזאַמקייט צו דער מוזיקאַלישער זייט פון דער ליד. דער דראַנג צו מעלאָדישקייט דרינגט ביי כאַריקן אַרגאַניש אַרויס פון דער שעפערישער איינשטעלונג פון אַ דיכטער, וואָס רעדט מיטן פאָלק, טרעט אַרויס פאַר ברייטע מאַסן.

מ. ליטוואַקאָוו האָט מיט רעכט געשריבן וועגן כאַריקן:

״ער איז אַליין אָנגעלאָדן מיט פאָלקלאָר, וועלכן ער האַלט אין איין אויסלאָדן פון זיך און איבערדיכטן און שאַפן ווערק, וואָס ווערן גלייך ווי פאָלקלאָר, גייען אַריין אין די גלידער, צעגייען זיך איבער די אברים פון אונדזער מאַסן־שאַפונג — ער איז אַ פאָלקסזינגער, אַ זינגער פונעם רעוואָליוציאָנערן סאָוועטישן פאָלק״.

כאַריקס ערשטע לידער, וואָס האָבן אונטערן פסעוודאָנים אי. זעמבין זיך געדרוקט אין 1920 אין מאָסקווער זשורנאַל ״קאָמוניסטישע וועלט״, זיינען געשריבן אינעם נוסח פון דער מאָסקווער אַרבעטער־פּאָעזיע אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע. אין זיי פּרעוואַלירט דער ראָמאַנטיש־התלהבותדיקער טאָן, עס פעלט נאָך אָבער די באַזיניקונג פון די גרויסע געשעענישן.

אין 1922 איז אַרויס כאַריקס ערשט ביכעלע לידער ״ציטער״, אין וועלכן ער האָט זיך מתוודה געווען, אַז זיינע יונגע ״אָקסלען״ זיינען ״גרינג באַלאָדן מיט ירושה״ און אַז ״ציטריק״ גייט ער ״צום פּאַרטאָג״. די בילדער זיינען דאָ אַ ביסל פאַרנעפּלט. עס פילט זיך ערטערוויז די השפעה פון די אימאַזשיניסטן, דעם דיכטער פאַרפאָלגט דאָס געשפּענסט פונעם ״באַרוועס־אומגליקלעכן שטעטעלע״, וואָס פאַלט און קניט ״מיט שעפסן־טענה״, וואָס גייט אונטער אין נאַקעטן אַש פון זיינע שולן, מיט ״לעצטן בוימל־טריף״ פון זיינע קריגעלעך.

מיר שפּירן אָבער, אַז דעם דיכטערס האַרפּאַשנע נאַטור איז דערווידער דער בין־השמשות מיט די טונקעלע פאַרבן. אין דער שקיעה־אַטמאָספער רייסט זיך אַריין די זעאונג פון די ״ריזן״, וואָס ״האָבן שטיל געהויבן קעפּ נאָך בלויער שיין... און עפּעס שטיל אויף מיר געוויזן״. עס קומט דאָס פאַרגעפיל פון ״אַ געלעכטער, וואָס וועט זיך היינט צעוויגן, ווי אַן אומרו אין די הימלען״, פון פריידן, וואָס דאַרפן און מוזן קומען:

ערגעץ וואַכט שוין אַן אַנדער ריגל,
ערגעץ וויגט זיך אַ ניי געצעלט...

דער דיכטער רייסט זיך פון קלעם, שטרעבט אַראָפּשליידערן פון זיך די שווערע לאַסט, וואָס דריקט אויף זיינע פליגלען:

איך וויל מער ניט, אַז שווייגן זאָל אַ לאַנד!
איך וויל מער ניט, אַז שטומען זאָל אַ ניגון!

אַ, וואַרף אַראָפּ דיין אויסגעשטראַלטע האַנט
און לעסטער ניט דעם הייב פון מיינע פליגלען.

כאַריק טרעט אַרויס קעגן יענע, וואָס "בייגן זיך שטיל אויף קראַנקער קאַטע־רינקע" און "טריפן אין טרערן און לעסטערן מיט אויגן־ליכטלעך וועקסענע". נאָר איצט איז שוין זיין וועלט־אַנשויאונג ניט אויסגעדריקט דעקלאַראַטיוו. אַ געלייטער־טער גייט דער דיכטער אַרויס דער וועלט אַנטקעגן.

אַזוי איז דורכגעטראָטן געוואָרן דער וועג פון "ציטער" צו דער "ביינערדיקער וואָר" (1924—1925).

אין "ציטער" האָט כאַריק גערעדט אין זיין אייגענעם נאָמען, דאָרט האָט פּרעוואַלירט דער "איך". אין די לידער פון דער "ביינערדיקער וואָר" איז געקומען דער "מיר", דער "איך און אַזוינע ווי איך" (פּעפּער).

די ליריק איז דאָ גאָר פון אַ נייעם מין. דער דיכטער רעדט דאָ אין נאָמען פון אַ גאַנצן דור יונגען, וואָס זיינען "געבענטשט מיט האַריקע אַקסלען" און "קרעפּ־טיקע הענט", יונגען, וואָס זיינען געקומען פון שטעטלעך און דערפער, פון חורבות און רואינען, פול מיט ברען און אימפּעט צו לייגן די ציגל פאַר דעם גראַנדיעזן בנין פונעם יונגן סאָוועטישן לאַנד.

דעם נשמה־פּיבער פון אָט די יונגע "וואַלדהעקער", וועלכע ס׳שרעקט ניט דאָס "דעמבענע געשריי" פון אומגעוואַלגערטע אַלטע וועלטן, וועלכע זיינען כמעט אַסקעטיש פאַרליבט אין "האַרבער מי" און "שוואַרצן ברויט", וועלכע "טרינקען דאָס לעבן רויערהייט און וואַרטן ניט ביז עס וועט נעמען שטאַרבן" — האָט מיט גוואַלדיקער אינטימער וואַרעמקייט איבערגעגעבן כאַריק אין זיינע לידער.

אין שווערע שעהן פון געראַנגל טוט אַמאָל שטאַרק אַ צי צו פרידן און צו ליבשאַפט, נאָר "רו און ליבשאַפט — דערנאָך!". דורך אומרו צו רו, דורך שנאה צו ליבשאַפט — אַזאַ איז די דיאַלעקטיק פון דער דינאַמישער צייט. דער לירישער העלד איז זיכער, אַז "היינטער דעם אומרו פון קעפּ" פון זיין דור וועט בלייבן "די שיין", און געניסן פון איר וועט דער דור, וואָס וועט קומען, ער וועט שוין זען "די בלוטיקע ציגל אין זוניבערע ווענט". די עסטאַפּעטע פון די, וואָס זיינען "געפאַלן גערעכטע אויף די שטיינער און אויפן בלוט פון פער־לאַשעז", האָבן איבערגענומען די זיגער פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע, די העלדן אויף די פראָנטן פון בירגערקריג. זיי טאָקע ווידמעט כאַריק זיין עפּישן ערשטלינג, די באַהויכטע מיט רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק פּאָעמע "מינסקער בלאָטעס".

"מינסק — ווייסרוסישער פאַרקלערטער טרויער מיט בעטלערישער אויס־געקרימטער האַנט", מינסקער בלאָטעס, אַ מענגע פּיניעס, וואָס "שפּילן זיך דאָ הוילינקע אין זאַמד" — דאָס זיינען די העלדן פון דער פּאָעמע.

די דאָזיקע ניט געוויינלעכע פאַר דעם הערצאָישן עפּאָס סביבה ווערט גע־שילדערט מיט וואָרט און בילד, אויף וועלכע ס׳ליגט דער חן פון דעמאָקראַטישן פאָלקלאָר. פון דער פאָלקס־דיכטונג קומט די לאַקאָנישע, כמעט אַפאָריסטישע כאַראַקטעריסטיק, די איינפאַכע, נאָר שטאַרק אָנגעלאָדענע מיט אָנשוילעכקייט און עמאָציע מעטאַפאָר, דער פּאַראַלעליזם, די פּייזאַזש־באַראַמונג, די איבערחזרונג, די מעלאָדישקייט און מוזיקאַלישקייט פון דער סטראָפע.

בײם בויערן, בײם הובלען, בײ דער דראַטווע, בײ דער נאָל,
זינגט מען הויך און זינגט מען הייס און אַלע מיטאַמאָל...

ווי אָרגאַניש עס פלעכט זיך אײַן אינעם פאָלקסטימלעכן טעקסט דאָס פאָלקסליד "איי־איי־איי־איי — יאַשקע פאָרט אַוועק, לאָמיר זיך געזעגענען — דער פאָיעזד גייט אַוועק!..."

כאַריק זעצט פאָר די טראַדיציעס ניט נאָר פון סאָציאַלן פאָלקסליד, נאָר אויך פון דער דעמאָקראַטישער און רעוואָלוציאָנערער יידישער ליטעראַטור ביז אָקטאָבער. די טעמע פון די באָרוועסע און הונגעריקע פּיניעס, בײ וועלכע "אין מויל ווערט הונגעריק און זיס", ווען זיי פאַרקוקן זיך אויף די שווי־פענצטער פון די רײַכע קראָמען, איז זיכער ניט געווען קיין נײַע. מיר דערמאָנען זיך פּרצעס "די לבנה פאַרציילט" און אַנדערע נאָוועלן, ווינטשעווסקיס און באָווּשאָווערס לידער, א. רייזענס לידער וועגן נויט און אָרעמקייט און פיל, פיל אַנדערע. די דאָזיקע ווערק, וואָס האָבן אָנשוילעך אויפגעדעקט דעם טיפן אַנטאַגאָניזם צווישן אָרעם און רײַך, האָבן אין זייער צייט געהאַט אַ גרויסע רעוואָלוציאָנערע באַדייטונג. כאַריק איז אַוועק ווייטער פון זײַנע פאָרגייער.

דאָ און דאָרט ווערט די שילדערונג באַגלייט מיט בייזע און טראַציקע פראַגן, וואָס קלינגען, ווי קאַמף־אָנזאָגן: "מויער, מויער, דו ביסט שטאַרק, ביז וואַנען וועסטו דויערן?"

די סצענע, וואו ס׳ווערט דערציילט וועגן די צוויי יינגלעך, וואָס לאָזן זיך לויפן בײַנאַכט אין די רײַכע קוואַרטאַלן, פאַרענדיקט זיך אַזוי:

און ס׳פליט אין שויב אַ שאַרפער שטיין...
אַ גרוס אייך פון די בלאָטעס!

אויך דאָס בילד מיט די "באַשפּיגענע שוועסטער", וואָס דערמאָנט אין די באָוואוסטע ווינטשעווסקיס "דריי שוועסטער", פאַרענדיקט זיך בײ כאַריקן מיט אַזעלכע ווערטער:

מיידלעך, מיידלעך, גוטע פּראָסטע שוועסטער
פון הייזלעך נידעריקע, פון קעלער און פון ראָג —

נאָט אייך לייכטער, נאָט אייך מעסערס,
הייבט די הענט און שלאָגט.

דער דיכטער באַווייזט, ווי דער האַס, וואָס האָט זיך יאָרנלאַנג געזאַמלט אין די שטילע געסלעך, ברענגט צו אַן אויפרייס:

שויבן פיבערן און קולות ברעכן זיך און רייסן,
און רונד־אַרום ווערט הילכיק און געדיכט.

אינגאַנצן נאַוואַטאַריש איז געווען די רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנטיק אינעם צווייטן טייל פון דער פּאָעמע. דאָ איז באַוויזן די העראָאיק פון אַ גאַנצן לאַנד, וואָס האָט זיך "געשמאָק און הונגעריק צעברענט", די העראָאיק פון מאַסן.
עס ווערט אויפגעדעקט דער טיפסטער טראַגיזם פון די געשעענישן, זייער גאַנצע קאָמפּליצירטקייט:

אַ גאַנצן טאָג האָט זיך אַ לעצטער צוג געראַנגלט
און אָפּגעגאַנגען מיד נאָך אָרשע און סמאָלענסק,
שטיקט זיך איצט די שטאָט מיט אומרואיקע קלאַנגען:
ווּעמעס איז מען און אין ווּעמעס הענט?

שטאַרק דראַמאַטיש זיינען די לעצטע קאַפּיטלען. עס קויפּט אונטער די פּאָלקס־טימלעכע באַלאַדישקייט, מיט וועלכער זיי זיינען באַהויכט:

ניט קיין העלדן, ניט קיין האַריקע גיבורים
האָבן זיך דאָ ביינערדיק פאַרקלערט,
יונגע יונגען מיט יונגע אויגן
וויגן זיך פאַרמאַטערט אויף די פערד...

דער פינאַל — אַן אייגנאַרטיק ליד, וואָס צויבערט מיט לירישער ווייכקייט און וואַרעמקייט:

שטילער, פאַרמאַטערטע, רואיקער, טייערע,
ווער וועט פאַרהיטן די רו?
ס'וועלן היינט ווינטן און רואיקע פייערן
שטיל מיט אייך ריידן אויף דו...
און ווער עס וועט פעלן — וועט מוזן פאַרגעסן
אַ פאַרלאָשענעם קאָפּ אויף דער ביקס...
— זאַמדיקע, שטילע, פאַרוואָרפענע געסלעך,
היים, אונדזער בלוטיקער מינסק.

דאָס דאָזיקע ליד געהערט צו די בעסטע מוסטערן פון דער רעוואָלוציאָנער־ראָמאַנטישער יידישער דיכטונג.

אין אונדזער קריטיק איז געווען אָנגענומען צו שילדערן כאַריקס שפּעטישן וועג ווי אַ מין דורכאויסיקן גראַדליניקן גאַנג. אין דער אמתן איז עס ניט אַזוי. עס זיינען ביי אים אויך געווען צייטן פון שטרייט מיט זיך אַליין, פון ספיקות און שטימונגען. אַנדערש האָט עס ניט געקאָנט זיין ביי אַזאַ פילבאַרן, צאַרטן און אויפריכטיקן דיכטער, ווי איזי כאַריק, וואָס האָט אַזוי אָרגאַניש איינגעזאַפּט אין זיך אַלע פריידן און ליידן פון זיין צייט.

אין כאַריקס טעמפּעראַמענטפולן, שטורמישן אומרו האָט זיך געפילט דער אומרו פון די בעסטע מענטשן פון זיין דור. זיין וואַרענונג איז געווען געזעצמעסיק און באַרעכטיקט:

צו אונדז אין סוד זאָל קיינער ניט אַריינגיין,
ווער עס בענקט נאָך שטילקייט און נאָך רו...

אין לעבן איז געווען נאָך פיל בייז, און ס'איז ניט שטענדיק לייכט געווען צו פאַרהיטן "די זומערדיקע שויבן אין האַרצן". דער צאַרטער דיכטער האָט דערפון שטאַרק געליטן:

איך וויל ניט און איך קאָן ניט, אַז אַ האַרץ
זאָל ציטערן, זאָל בעטן זיך און וויינען, —
שוין בעסער גאָר אויף שטיינער־האַרט
אַזוי אַ בראָך טאָן זיך פאַרשטיינערט, —
ניין — איך וויל ניט, ניין — איך וויל ניט, ניין און ניין!
בעסער נעמט, צעזעצט מיך אָן אַ שטיין,
איידער אויסזעצן די שויבן פון מיין האַרצן...

ווי האַרב און קאָמפּליצירט עס איז געווען דער קאָנפליקט מיט זיך אַליין אין אַ צייט פון פאַרשאַרפטן צוזאַמענשטויס פון וועלטן — ווערט אויסדריקלעך דערציילט אין דער לירישער פּאָעמע "קאַטערינקע" (1925).

אין פלוג, אַ געוויינלעכע געשיכטע. דער לירישער העלד, וואָס האָט זיך אָקאָרשט אומגעקערט פון שלאַכטפעלד, לעבט איבער אַ שטאַרקע אויפטרייסלונג — ער איז געצוואונגען צערייסן מיט זיין געליבטער, ווייל זי געהערט צו אַ וועלט, וואָס איז אים פרעמד און פיינטלעך.

דעם דאָזיקן פאַקט דערהייבט דער דיכטער צו דער הייך פון אַ סאָציאַל־פילאָסאָפישער פאַראַלגעמיינערונג. אינעם צוזאַמענשטויס צווישן דער "קאַטערינקע אין אָרעמינקען העמד" און דער "בענקענדער פאַרטעפּיאַן", וואָס איז איינגעהילט

אין סאַמעט און פּליושענע גאַרדינען, ווערט פאַרקערפּערט דער דראַמאַטישער געראַנגל צווישן צוויי וועלטן, צווישן דעם, וואָס דאַרף לעבן, און דעם, וואָס איז פאַראורטיילט צום אונטערגאַנג.

אויך אין דער פּאָעמע ווערט מייסטערהאַפט געשפּילט מיט קאָנטראַסטן.

דאָס מיידל, וואָס איז ענלעך צו דער לירישער העלדן פון אַכמאַטאָוועס לידער פון יענע יאָרן אָדער אפשר גאָר אויף מירעלען פון ״נאָך אַלעמען״, ווערט פונעם דיכטער איינגעקוטעט אין ״רו פון ווענט״, אין ״שטילקייט פון דער נאַכט״. זי ווערט געוויזן אין שטוביקער אַריסטאָקראַטישער געמיטלעכקייט, אין שכנות מיט דער ״בענקענדער פאַרטעפּיאַן״. מיר דערוויסן זיך פון איר ייחוסדיקן אָפּשטאַם. איר פאָטער — אַ מין גדליה הורוויץ, אַ גביר — אַ יורד, אַ סאַמעטענער ייִד, וואָס האָט אַליין ״מיט פּויערים פאַרווייטע״ אויסגעהאַקט די ביימער פון זיינע ״שווייגנ־דיקע וועלדער״ און ״זיין יונגע טאָכטער ניט פאַרהיט פון עלנט, און זיין יונגע טאָכטער ניט פאַרהיט פון צער...״

דער לירישער העלד, פאַרקערט, איז די פּערזאָניפיצירונג פונעם אומרואיקן דור, וואָס ״טראָגט זיך איבער שטאָט און יאָגט זיך פון אַ מויער צו אַ מויער״; ער איז געקומען צעשטערן די שטילקייט, פאַרטרייבן די פינצטערניש, אָנצינדן ליכט.

דער טראַגישער קאָנפליקט, אין וועלכן ס׳פּילט זיך פּערזענלעכער ווייטיק און פּיין, ווערט געשילדערט מיט פּסיכאָלאָגישער ראַפינירטקייט. דעם העלד איז זיך שווער צו באַפרייען פון דעם מיידלס רייצנדיקער צאַרטקייט, שווער צו צוימען דעם ״אָנגעגאָסענעם האַלדז־און־נאַקן״...

נאָר מע דאַרף, מע מוז ״דאָס בלוט צעטרעטן אויף די שטיינער״, אַרויסרייסן דעם מיטלייד פון האַרצן מיט גוואַלד און ״פאַרמאַכן די טיר מיט אַ שנאה״.

ניט ווייניקער דראַמאַטיש איז געווען כאַריקס ״ליבע״־ראָמאַן מיטן שטעטל. שוין אין די לידער פון ״ציטער״ האָט ער באַוויינט דאָס אַלטע שטעטל, וואָס ״ליגט עלנט אויף קני״. דאָס דאָזיקע בילד האָט אים ניט אויפגעהערט צו פאַרפאָלגן. אין דעם ״העכסטן פון די מויערן״ איז צו אים אָפט דערגאַנגען דעם שטעטלס ״טרוקענער געוויין״. מיט פאַרבאָרגענעם ווייטיק האָט ער עס געשאָלטן: ״שטעטעלע, פאַרשווינד!״ דעם דיכטער האָט זיך דעמלט געדאַכט, אַז צוזאַמען מיט די לעצטע פאַרמאַכטע קראָמען און שטאַרבנדיקע ייִדעס וועט דאָס שטעטל אומפאַרמיידלעך אונטערגיין.

דאָס שטעטל איז אָבער ניט אונטערגעגאַנגען. עס האָט זיך אויך אַ צי געטאָן צום נייעם לעבן. אין כאַריקס ציקל לידער פון די יאָרן 1924—1925, וואָס זיינען געווידמעט דעם שטעטל, האָבן זיך דערהערט נייע טענער. דעם האַרבסטיקן ווינטיקן פּייזאַזש האָבן פאַרביטן נאַטור־בילדער, וואָס זיינען געווען באַהויכט מיט טוי און מיט באַגינען. ניט אַלץ איז פאַרפאַלן: ״מאַי צעגיסט זיך אויף די גאַסן״, און אויך

ביים שטעטל "מוז איצטער זיין מאַי"; "דער אָפּגעהאַקטער צווייג" וויל "ווידער אָנהייבן צו גרינען". דער דיכטער זעט איצט דאָס שטעטל אין אַ ניי ליכט, ווי עס וואָלט אויפסניי געבוירן:

דיינע הייזעלעך, ווי אויפגעוואַכטע שאָף,
עפענען די קיילעכדיקע אויגן
נאָך אַ שטילן, זומערדיקן שלאָף...

דאָס שטעטל קאָן מען ראַטעווען, מע דאַרף עס נאָר איינשליסן אינעם אַלגעמיינעם גרויסן איבערגעשטאַלטונג-פּראָצעס.

די דאָזיקע ניי-געעפנטע פּערספּעקטיוו ווערט קינסטלעריש רעאַליזירט אין די פּאָעמעס "ברויט" און "מיט לייב-און-לעבן".

דער דיכטער ווייסט איצט קלאָר, וואָס אינעם שטעטל וועט אונטערגיין און וואָס וועט ווייטער לעבן. אונטערגיין וועט דאָס שטעטל פון די זיידעס, שלום אַשס אָדער אַנוכיס שטעטל: "באַוואַקסן שוין פון לאַנג מיט שטילקייט און מיט מאָך אַלע פרומע ווערטער פון ר' אבא".

אויך "ברויט" איז אַ פּאָעמע "אָן אַ העלד מיט אַ קרוין אויפן קאָפּ" (י. בראַנשטיין), ס'איז ווידער הערשאַיק פון מאַסן, דאָס מאָל הערשאַיק פון רעוואָלוציאָנערער איבערגעשטאַלטונג פון גאַנצע פּלאַסטן לעבן, סאָציאַלע גרופּן און קלאַסן. כאַריק פּאַראַדירט דאָ באַוואוסטזיניק דעם טראַדיציאָנעלן הערשאַיש-עפּישן טאָן פון די "העלדישע פּאָעמעס", ער מאַכט אים הימישער, וואָכעדיקער:

אַזוי צי אַזוי, נאָר עס שמעקט שוין מיט מאַרט...

אַזוי פּראָסט-שטייגעריש הייבט זיך אָן דאָס געזאַנג וועגן ברויט. די געשיכטע וועגן דעם, ווי אַ גרויע מאַסע, וואָס איז געווען "געוואוינט צו וואָג און צום פונט", איז איבערגעגאַנגען צו פּראָדוקטיווער אַרבעט אויף ערד, ווערט דערציילט אין אַ תמימותדיקן פאָלקס-טאָן, באַגלייט מיט אַ וואַרעמען שמייכל פון אַ פאָלקסזינגער. קיין שום פּאָמפּעזקייט, קיין שום געמאַכטע פּאַטעטיק. אַ בילד פון אַ פּאַרלאָזענעם פּלאַץ, וואו ס'הוליעט הפקרדיק דער ווינט... די ערשטע אומהיימלעכע נאַכט אויפן נאַקעטן דיל...

בילדער פון שווערער מי, צו וועלכער מע איז ניט געוואוינט:

אוי, ווער האָט געזאָגט און וועז,
אַז גרינג איז, ערדעלע, דיך קענען...

אַ שלאַקסרעגן אין פעלד. "טאַטעס אויסגעווייקטע אין רעגן און אין זאַפּט", פרויען, וואָס קוקן שטילערהייט אין שויב, "וואָס וואַרטן פאַרשלאָפן און פאַרקלערט: אַ רחמנות אויף די טאַטעס, אַ רחמנות אויף די פערד".

דער מאַמעס וויגליד — אינעם נוסח פון די וויגלידער, וועלכע עס האָט געשאַפן

דאָס פאָלק, פון די לידער, אין וועלכע ס׳האָט זיך געהערט דער מאַמעס זיפץ, איר מוטערלעכע זאָרג פאַרן מאָרגן פונעם קינד. אין דער נייער וויגליד איז נאָך דאָ פיל מאַמישער טרויער, ווייל ״אין שטוב איז נאָך לער״, אָבער ״פעט און זאַפטיק זיינען פעלדער״, דער מאָרגן איז געזיכערט — קומען אַריין אין דער וויגליד נייע, מונטערע טענער, די מוטער ווייסט, אַז איר קינד וועט וואַקסן ״מיטן וואוקס פון בוים״, און ווען ״ס׳וועט ווערן גרינג אויף גאָרער ערד״, וועט עס אין פריידן דערמאָנען, אַז ״זיין מאַמען איז געווען שווער״.

די פרייד ווערט געבוירן אין שווערער מי און לייד, איז זי דעריבער באַזונדערס ליב. מיר שפירן זי אין דעם מייסטערהאַפט געשילדערטן בילד פונעם פרימאָרגעדיקן היי־שניט, וואו יעדעס וואָרט טוקט זיך ממש אין זונען־גאָלד, אין טראָפּנס טוי, אין ליכט און אין באַגינען. און ווי וואונדערבאַר ווערט דאָ געשפּילט מיט קלאַנג:

עס קלינגט און בלאַנקט אין ברייטן טאָל,
און קלינג־און־קלאַנג פון שאַרפן שטאָל
פאַרגייט זיך אין די קאָסעס...
טוי און זון, און שטיקער גאָלד
רינט פון היי און פאַלט אין טאָל,
צעמישט זיך מיט די גראָזן... אַאוו.

מיר פילן זי, די פרייד, אין דעם האַסטיקן ריטם, מיט וועלכן ס׳ווערט געשילדערט די מי פון די יישובניקעס.

אין דער פּאָעמע ״ברויט״ איז די לייזונג פון דער שטעטל־פּראָבלעם בלויז אָנגעמערקט. אין דער פּאָעמע ״מיט לייב־און־לעבן״ איז די פּערספּעקטיוו אָנגעצייכנט דייטלעכער.

״מיט לייב־און־לעבן״ איז אַ פּאָעמע, וואָס פאַרמאָגט אַ צענטראַל געשטאַלט. יעדע שורה פון אָט דער וואונדערלעכער שאַפונג כאַריקס איז שוין לאַנג אַריין אין די כרעסטאָמאַטיעס. ווי נאָר די פּאָעמע איז דערשינען, איז זי גלייך געוואָרן אַן אָביעקט פון שטורמישע אָפּהאַנדלונגען און דיסקוסיעס אין די אַרבעטער־קלובן און סטודענטישע אוידיטאָריעס. ווי די בעסטע מתנה האָבן זי אויפגענומען די יונגע יידישע לערער אין די שטעטלעך און שטעט פון יענער צייט. און ניט איין יונגע לערערן האָט אין די לאַנגע אָוונטן, ווען זי איז געזעסן איינגעבויגן איבער די קינדערשע העפטן, שטיל פאַר זיך געפליסטערט:

שווייגן מיינע קינדער
און מיינען, אַז איך וויין. — — —
קינדער, מיינע קינדער,
איך בין אַ קינד אַליין...

כאַריק האָט זיין העלד ניט באַשאַנקען מיט טיטאַנישער גבורה. די יונגע לערערן איז שוואַך אין געזונט, אײדל, צאַרט, פּילבאַר. דער דיכטער האָט זי אָנגע־לאָדן מיט אַלע גייסטיקע ווייטיקן, מיט וועלכע ער אַליין האָט געווייטיקט.

שוין דער אַריינפיר שליסט אונדז איין אינעם דראַמאַטיזם פון די געשעענישן. "האַרבסטיקער אומעט", "זאַמדיקער לאַנגווייל", "וויאַרסטן און וויאַרסטן און ווידער" — אויף דעם פּאָן — אַ יונגע, מונטערע ענטוזיאַסטן, וואָס פּאַרט "אין העק" "אַ פּרווו טאָן די כוחות", "מיט לייב און מיט לעבן אַריין אין דער אַרבעט". איר אָנקום ווערט באַגלייט מיט דעם ענערגישן, האַפּערדיקן יוגנט־געזאַנג, אין דער צייט, ווען דאָס פּאַרוואָרפענע שטעטל, וואוהין זי איז אָנגעקומען, איז פּאַרזונקען אין דער טרויעריקער מוזיק פון דעם זיידנס ניגונים.

אַזוי הייבט זיך אָן צעוויקלען דער הויפּט־קאָנפליקט צווישן "מיר, די יונגע גוואַרדיע" און "אויפן פּריפּעטשיק ברענט אַ פייערל"... כאַריק האָט געוויזן דאָס שטעטל אַזאַ, ווי עס איז געווען אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן. "אַלץ איז נאָך מיט ווילדפּלייש דאָ באַדעקט".

"ס'איז דאָס שטעטל אַ שוועל, וואָס פירט נאָר אָוועק צו וואַקזאַלן..." — אַזאַ איז געווען דער ערשטער איינדרוק. און מיר זעען די לערערקע אין איר ערשטער פאַרלעגנהייט, אין איר ערשטן טיפן טרויער, ווען זי דערפילט זיך הילפלאָז אויג־אויף־אויג מיט צענדליקער געזונטע, קרעפטיקע יונגען, וועלכע גייען אום אָן אַרבעט און וואַרטן אויף איר הילף.

כאַריק האָט אויסגעמיטן פלאַכע אידעאַליזאַציע אין דער שילדערונג פון דער יונגער לערערקע. ער האָט זי געוויזן מיט אַלע אירע שוואַכקייטן און ספיקות:

וואָס זאָל זי טאָן? ניט זיכער איז איר האַנט,
און זי אַליין מיט וויסן ניט באַלאָדן.

דער דיכטער דערציילט וועגן איר טרויער אין די לאַנגע ווינטער־נעכט, ווען ס'פלעגט זיך איר דאַכטן, אַז זי איז ווי אין אַ תפיסה און "הינטערן פענצטער שפּאַנט אום אַ וועכטער, שפּאַנט ער, דער וועכטער, אין ווייסן געלעכטער, אין ווייסן געלעכטער פון ווייסע בוראַנען".

ערגעץ הילכן דאָך ליכטיקע שטעט,
און יעטווידעס שטיינדעלע שיינט דאָרט...
צו וועמען איר שטילער געבעט,
איר שטילע באַרויקטע טענה?

ברייט אויסנוצנדיק דעם דיאַלאָג, פריי אָפּערירנדיק מיט פּאַראַדירטער סטיליזאַציע, האָט כאַריק דייטלעך אָנגעמאָלט די אַטמאָספער פון ווילדער שנאה, אין וועלכער די יונגע לערערקע איז אויסגעקומען צו אַרבעטן און קעמפן. מייסטערהאַפט

וואַריאירנדיק דעם מאָטיוו ״גייט זי דורך די גאַס״, באַווייזט דער דיכטער, ווי נאָך יעדן זיג פון דער לערערקע איז געוואַקסן דער האַס צו איר מצד די שונאים. דעמלט, ווען זי איז ערשט אָנגעקומען אין שטעטל ,האָבן די באַלעבעסלעך געקוקט אויף איר מיט ביטול, אויסגעלאַכט דאָס מיידל מיט ״די קורצע האָר און קורצן שכל״, וואָס קלייבט זיך דאָ איבערקערן די וועלט. שפּעטער, ווען זיי האָבן אין איר דערפילט אַ קראַפט, זיינען זיי געוואָרן גיפטיקער. דער פאָלקסטימלעך־פאַראָדירטער דיאַלאָג קלינגט שוין אכזריותדיק. דער חוזק ווערט שוין אַ מיטל פון נקמה, פון מאָראַלישער פאַרניכטונג:

גייט זי דורך די גאַס,
ווייזט מען מיט די פינגער...
ר׳ כאַצקעלעס טעכטער
לאַכצידיריי,
די בייכלעך ווערן העכער
לאַכצידיריי... אאַוו.

און ניט אויסבאַהאַלטענע פרייד פילט זיך שוין אין די סאַרקאַסטישע רעפּליקעס פון די שונאים, ווען די לערערקע ליגט אויפן טויטן־בעט:

מיט די פיס אין קלויסטער! מיטן קאָפּ אין דר׳ערד!
וואָס מיינסטו, אַז מיר זשאַלעווען ״זיי״ ערד?
און מע האָט צעלאַכט זיך אין די בערד...

אין אַזעלכע באַדינגונגען איז אויסגעקומען צו לעבן און ווירקן. דער קלענסטער זיג וואַקסט אין אַזעלכע אומשטענדן אויס אין עכטער העראָאיק. עס האַנדלט זיך דאָך וועגן איבערבויען וועלטן, מענטשן, שטייגער, פּסיכאָלאָגיע.

די לערערקע איז געווען אַ קינד פון דער עפּאָכע. אויף אַלע שווערסטע עטאַפּן פון איר קורץ לעבן איז זי פול מיט אָפּטימיזם. זי איז שטענדיק זיכער, אַז ״מאָרגן וועט זיין יום־טוב!״ וועגן דעם זאָגט עדות איר בריוו (אגב, אַ גלענצנדיקער מוסטער פון שפּראַך־סטיליזאַציע, מיט וועלכער ס׳צייכענען זיך אויס אַלע אַנדערע בריוו אין דער פּאָעמע). זי איז שטאָלץ דערמיט, וואָס איר ״פּיצל ערד איז אויך אין קאָן פון איצטערדיקע שלאַכטן״. קיינע צייטווייליקע ספיקות און אַנטוישונגען קאָנען ניט דערשטיקן איר גרויסע פרייד. ״און ס׳ווערט מיר גרינג. פאַרשאָטן דאָ אין שניי, וואָלט איך מיין פרייד דאָ אַלעמען פאַרטרויען״.

דאָס אַלץ בילדעט דעם אָפּטימיסטישן גרונט־טאָן פון דער פּאָעמע און גיט איר צו דעם כאַראַקטער פון אַן אָפּטימיסטישער טראַגעדיע. ניט אומזיסט איז דער פּייזאַזש, וואָס איז איינער פון די וויכטיקסטע קאָמפּאָנענטן, אַזוי רייך מיט בלוי און ווייס, מיט לויטערקייט און מיט געזאַנג. אמת, ער בייט זיך, עס טרעפט, אַז

ס׳ווייט פון אים מיט גרויסן אומעט, דאָך פּרעוואַלירן אין אים העלע, פרײדיקע טענער. אָט איז נאָר איין ביישפּיל:

א וועג — אין שניי, אין בלענד, אין בלוי,
און שטיקער זון און שטיקער רעגנבויגן.
עס האָט דער שניי היינט אויפגעשטראַלט אַזוי,
פאַרמאַכן זיך פון ווייסקייט אירע אויגן...
עס שמעקט דער פראָסט מיט האָניק און מיט וויין,
דאָס רואיק פעלד איז אָפּגעדעקט און העלט שוין,
"גוטמאָרגן, וועלט, געגריסט זאָלסטו מיר זיין!"
זי וויקלט זיך נאָך וואַרעמער אין פעלץ איין...

און אַפילו די לעצטע טראַגישע קאַפּיטלען טראָגן אין זיך טיף פאַרבאָרגן הויכן דראַמאַטישן אָפּטימיזם. זיי דערמאָנען אָן די בעסטע מוסטערן פון דער רעוואָלו־ציאָנער־ראָמאַנטישער סאָוועטישער דיכטונג, צום ביישפּיל מ. סוועטלאָוס "גרע־נאַדע" אָדער ע. באַגריצקיס "דער טויט פון אַ פּיאָנערקע".

דאָס קאַפּיטל "מינוטן" — אַן אייגנאַרטיקע באַלאַדע, ווי גלענצנד ווערט געשילדערט דער אַנוואוקס פון אומרו און טרויער!

10 אַזייגער מיט צוואַנציק מינוט...
13 אַזייגער מיט צוואַנציק מינוט...

גרויזאַם קלינגען זיי, די שטרענגע אַנזאָגן פון אומפאַרמיידלעכן זיך דער־נעענטערן צום טראַגישן פינאַל... אין זייער מאָנאָטאָנישער ווידערהאָלונג הערט זיך אַ מין לוויהדיקער גלאָקן־געקלאַנג... נאָר אין זיי פלעכט זיך רירנד־צאַרט אַריין אַ ווייכער, שוועסטערלעך־מילדער פּליסטער, וועלכער באַרואיקט, ווי אַ זיס־טרייסטנדיקע מוטערלעך וויגליד:

רו זיך אויס, לערערן, ס׳איז דיר ניט גוט...
רו זיך אויס, לערערן, ס׳וועט דיר זיין גוט...

די לערערקע איז געשטאָרבן. נאָר איר טויט, ווי איר לעבן, איז געווען ניט אומזיסט. זי האָט דורכגעאַקערט דעם רויען באָדן און מיט איר יונגן בלוט אים באַפרוכפּערט. דאָס שטעטל האָט זיך געענדערט, די מענטשן זענען געוואָרן אַנדערע. שוין גאָר אַ נייער קבלת־פּנים דערוואַרט איצט די, וואָס וועלן פאַרזעצן די אַרבעט פון דער יונגער לערערקע, די, וואָס וועלן פאַרווירקלעכן די "ליכטיקע לעגענדע", וועגן וועלכער זי האָט געטרוימטביים לעבן.

כאַריק רעאַליזירט קינסטלעריש דעם דאָזיקן געדאַנק. ער ווענדט דאָ אָן די רינג־קאָמפּאָזיציע. די פּאָעמע פאַרענדיקט זיך אַזוי, ווי זי האָט זיך אָנגעהויבן.

ווידער קומט דער מאָטיוו פֿון "די יונגע גוואַרדיע". ווידער די זעלבע "לופּטיקע הימלען", דער זעלבער טראַקט. אַ נייע לערערקע קומט אָן אין שטעטל, נאָר זי איז מונטערער, קרעפּטיקער, זיכערער.

קאָן זי ניט ליגן אַ שטילע און וואַרטן.
— לאָז! — און זי גיט זיך אַ ריס פֿון דעם וואָגן.
"היי, באַלעגאָלע! און פּרווו מיך דעריאָגן!"
און ס'טאַנצט שוין די זון אויף איר לעדערנעם גאַרטל.

און צום דריטן מאָל קומט אין פֿינאַל די פּאַראַדירטע וואַריאַציע פֿון "גייט זי דורך די גאַס", נאָר איצט קלינגט זי אינגאַנצן אַנדערש. קיינער לאַכט ניט פֿון דער נייער לערערקע. פֿאַרקערט: "מע דערזעט זי און מע פֿרייט זיך..."

וועגן דעם, ווי דער טרוים פֿון דער יונגער לערערקע, וועגן שטעטלעך, וואָס וועלן זיך אַנטאָן אין שטיין און שטאָל, איז מקוים געוואָרן, דערציילט כאַריק אין דער פּאָעמע "קיילעכדיקע וואָכן" (1930—1931). וועגן דעם ווערט געזאָגט אין אַ לירישער אָפּווייכונג טאַקע גופֿא אין דער פּאָעמע: "זי האָט נאָר אין חלום געזען די טאָרפֿן, פֿון יום־טוב אַזאַ ניט געוואוסט..."

די דאָזיקע לירישע רעטראָספּעקציע האָט אַ באַשטימטן זין. דער דיכטער דערמאָנט זיך אויך אין קינעלע, ביי וועלכן זיין טאַטע, דער שוסטער, פֿלעגט אַרבעטן ("איבערוף מיט "לידער וועגן לידער"), אויך פּיניע דער יונג פֿון די מינסקער שטילע געסלעך (איבערוף מיט "מינסקער בלאָטעס") שווימט אויף אין דער פּאָעמע. דאָס אַלץ מאַכט אַנשוילעכער דעם היסטאָרישן מהלך, וועלכן עס האָבן דורכגעמאַכט די "שטילע געסלעך" און די "פּאַרוויינטע אָזערעס" פֿונעם אַמאָליקן ווייסרוסלאַנד.

אין "קיילעכדיקע וואָכן" האָט זיך פּרעכטיק צעבליט כאַריקס סאַטירישער טאַלאַנט.

סאַטיריש־פּאַלעמיש איז שוין גופֿא דער פּייזאַזש. אין דער שילדערונג פֿונעם אוראַלט. פֿונעם נאַטור־בראשית, מיט וועלכן עס האָבן זיך געקוויקט די נאַצדעמישע "סאַמאָביטניקעס", ווערט דורכן דיכטער באַזונדערס באַטאָנט דאָס רויבערישע, ברוטאַלע, בלוטדורשטיקע: "הערנער־געפּלעכט, צעעפּנטע ציין, טומפּיקע שווערקייט פֿון לאַפּעס", "האַרטע צעוואַקסענע נעגל", נאָזלעכער, וואָס "שמעקן מיט גלוסטונג", "הונגער־געוואָי און משוגע".

די דאָזיקע ממשלה פֿון רויב און טיראַניע האָט מען יאָרנלאַנג אַרומגערינגלט מיט אַן אָרעאָל פֿון געטלעכער נשמה־יתירהדיקייט, מיט "זיידענעם פּלאַטער פֿון ווייסע מלאָכים", מיט "גאָלדענעם טריף פֿון איקאָנעס און וואַרעמען ווייערך פֿון פּאַניקאַדילעס". כאַריק רייסט אַראָפּ די הייליקע מאַסקעס פֿון דעם גראַף און דעם שררה, פֿונעם פּלאַקסענעם גלח און טכוירענעם רב. זיין חוזק־געלעכטער טרעפֿט

מיט איין קלאַפּ בײדע קולטורן: דעם שבתדיקן „טשירי־באָם" און דעם זונטיקדיקן „באָם־באָם".

אין דער קונסט פון פּאַראָדיע און איראָנישער סטיליזאַציע דערגרייכט כּאַריק אַ היפּשע הייך. די מיטלען, מיט וועלכע דער דיכטער פּאַלעמיזירט דאָ מיט דער ייִדישלעכער ראָמאַנטישער קולטור־טראַדיציע, דערמאָנען דעם אופן, ווי היינע, צום ביישפּיל, האָט פּאָלעמיזירט מיט דער דייטשישער רעאַקציאָנער־ראָמאַנטישער דיכטונג אין זיין באַרימטער פּאָעמע „דייטשלאַנד, אַ ווינטער־מעשהלע".

דער דיכטער שאַפט אַ גאַליק־בייסיקן אַנטירעליגיעזן פּאַמפלעט אויף דער רעליגיעזער קולטור, אויף דעם אתה־בחרתנו־קולט. מיט דער זעלבער קראַפט ווערט געפירט די פּאָלעמיק מיט שלום אַשס שטעטל־אידיליע.

מיט ברייטן עפּישן מעטער, מיט פיין אָפּגעקליבענער ביבלישער לעקסיק שילדערט כּאַריק די חסידיש־נגידישע זאַטע רו פון יחזקאל גאַמבינער און זיינע הייליקע משרתים, מיט וועלכע ער פּראַוועט צוזאַמען מלווה־מלכה:

פון מעריב געקומען. איצט מאַכט ער פּאַוואָליע הבדלה.
— ויתן לך מטל השמים ומשמני הארץ — — —
די שפּייכלערס באַלאָדן מיט פלאַקסן, מיט ווייצן, מיט קאָרן,
און ס׳כראָמטשען דעם גאָלדענעם האָבער די פערד אין סטאַדאָלע...

מיט בייסיקער סאַטירע ווערט געשילדערט דער יונגער גראַף, וואָס קומט צו פאָרן „איין חודש אין יאָר אויף פּאַלעוואַניע" און פּראַוועט יום־טוב אין זיין מאַיאָנטעק. די שמחה אינעם ליכטיקן שלאָס, וואו עס רוישט פון „קלעזמאָרים און טענץ", וואו מע באָדט זיך אין „געטראַנק און קרעדענץ", ווערט געוויזן אויפן פאָן פון די ווייסרוסישע „וויסטע פעלדער" און „טויטע טאָרפן".

דער דיכטער נעמט אַריין אין פייזאַזש הויפנס ווייסרוסישע פאָלקס־לעקסיק („איז אָרעם די כודאָבע און כמאַריק די פּאַגאָדע", „און ווער וועט אונדז דאָ קאָרמענען און ווער וועט אונדז דאָ אָנפּאָיען" אאַזו.) — דאָס בילד פון עלנט און וויסטעניש, פון גרויליקער נויט און סאָציאַלער אומגערעכטיקייט באַקומט זיך מחמת דעם אויסערסט איבערצייגנדיק.

מיט פיינער ראָמאַנטישער סטיליזאַציע זיינען באַשריבן דעם גראַפס פּרעכטיקע פּאַלאַצן („אין אַ מירמלנעם שלאָס אַ גינגאָלדענער דיל, אויף דעם גאָלדענעם דיל קלאָר־קרישטאָלענע בענק" אאַזו.). איראָניש ווערן פּאַראָדירט די ראָמאַנטישע מעשהלעך וועגן „גוטן פירשט אָדער דוכס".

די סאַטיריש־גראָטעסקישע בילדער פונעם פינצטערן אַמאָל בילדן דעם קאָנטראַסטישן הינטערגרונט פאַר דער גראַנדיעזער בויאונגס־פּאַנאָראַמע, וואָס וויקלט זיך פאַנאַנדער אין דער פּאָעמע.

אין דער שילדערונג פון די פּראָדוציר־פּראָצעסן און נייעם לעבנסשטייגער

נוצט כאַריק ברייט אויס די דעמאָקראַטישע עלעמענטן פון פאָלקלאָר, וועלכע ווערן פון אים טראַנספאָרמירט, באַנייט. דער פּייזאַזש קריגט אַ נייעם לבוש, אַלטע בילדער־אַסאָציאַציעס באַקומען אַ נייעם אינהאַלט.

אַן אַלט פאָלקסליד („דריי און דרייסיק דראַגונער פאָרן אויפן פּראַגער בריק" אאַז״וו.) האָט אַ ווײַ געטאָן מיט נייעם לשון, מיט פיינער קלאַנגען־שפּיל — מיר האָבן דייטלעך דערהערט דעם הילכיקן רויש פון טראַקטאָרן אויף די ברייטע פעלדער:

דריי און דרייסיק טראַקטאָרן ריידן אויפן טראַקט,
דריי און דרייסיק טראַקטאָרן רייסן אויף דעם טראַקט . . .

אין סטיל און ריטם פון שטורמישע פאָלקס־טענץ און טשאַסטושקעס איז געגעבן דער טאַנץ פון די טאָרפּיאַניקעס:

היי, טאַטוליע, היי, מאַמוליע,
ס׳וויל דיין זון אַ ביסל הוליען . . .

בונט און פילפאַרביק, ווי אַ פריילעכער פאָלקס־קאַרנאַוואַל, דערשיינט פאַר אונדז דאָס געוועט פון די בריגאַדעס.

עס הייסט כלל ניט, אַז די עפּאָפּעע פון דער גרויסער בויאונג איז ביי כאַריקן געגעבן ווי אַ דורכאויסיקער יום־טוב. דער דיכטער באַטאָנט אויסדריקלעך, ווי שווער ס׳איז געווען דער געראַנגל. מיט שטאַרקער קינסטלערישער קראַפט איז אויפגעדעקט די כיטרע שפּיל פונעם בעל־גוף; עס פאַרגעדענקט זיך דאָס בילד פון דער טעכנישער קאַטאַסטראָפע. כדי די פּאַטעטיק פון געשילדערטן זאָל ניט איבערגיין אין אַבסטראַקטער רעטאָריק, מישט כאַריק אַריין אין דעם דערהויבענעם עפּישן סטיל לירישע טענער. דאָס בילד פון דער פייערלעכער עפענונג פון דער עלעקטראָסטאַנציע ווערט איבערגעפלאָכטן מיט צאַרטע דערמאָנונגען פונעם דיכטערס קינדהייט און יוגנט, וועגן די העלדן פון זיינע פריערדיקע ווערק. די לירישע רעטראָספּעקציעס מאַכן די העראָאישע טעמע היימישער, אינטימער.

געוויס איז כאַריקן ניט לייכט געווען קינסטלעריש צו שילדערן די גרויסע סאָציאַליסטישע אינדוסטריע. קנאַפּ איז געווען זיין דערפאַרונג אויף דעם געביט, באַזונדערע שטעלן, געווידמעט דער פּראָדוצירּ־טעמאַטיק, קלינגען אַ ביסל דעקלאַראַטיוו, אייניקע פּאָזיטיווע געשטאַלטן (פיניע, מיקאָלע, גאַליעוו) האָבן זיך באַקומען צו בלייך.

ניט געקוקט אויף אייניקע בלויזן, געהערט די פּאָעמע „קיילעכדיקע וואָכן" צו די בעסטע, נאָך ווייניקע אין יענער צייט, ברייטע עפּישע לייוונטן, אין וועלכע ס׳האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די גרויסע בויאונג־פּראָצעסן אין סוף פון די צוואַנציקער יאָרן.

"איך קען דיך, ווייסרוסלאַנד, אַזוי ווי איך קען מיינע אייגענע פינגער..."

אַזוי לירעש, אינטים הייבט זיך אָן דער עפּאָס וועגן לייזער דעם בדחן.

אין דער פּאָעמע פּרעוואַלירט דער העקזאַמעטער, וועלכער גיט איר צו אַ מעשהדיק־עפּישן כאַראַקטער. נאָר דאָ און דאָרט, ווי אין אַלע כאַריקס פּאָעמעס, רייסט זיך דורך אַ מעכטיקער לירישער שטראָם. דאָ איז ער נאָך מער נאַטירלעך: דער דיכטער דערציילט וועגן זיין זיידן דעם בדחן.

אין סאַמע אָנהייב געלינגט כאַריקן מיט דער הילף פונעם פּאַמעלעך־רחבותדיקן מעטער, מייסטערהאַפטער קלאַנגלעכער אינסטרומענטירונג, אינערלעכן גראַם, פּאַלקסטימלעך־אָנשוילעכער פּלאַסטישקייט גלענצנד איבערגעבן די שטימונג פון עלנט און טרויער, וואָס הערשט אויף די אומענדלעכע "טראַקטן", אין די "וועלדער סאָסנאָווע און וועלדער יאַלאָווע", אין די דערפלעך און "שטעטלעך קרומע און לאָמע". די פּרעכטיקע פּייזאַזשן פון דער פּאָעמע פאַרמאָגן אַ בולטע סאָציאַלע באַפאַרבונג. אויף דער נאַטור ליגט דער שטעמפּל פון געזעלשאַפטלעכער ניט־איינגעאָרדנטקייט. אינמיטן דעם "גרויסן געזאַנג" פון די וועלדער "הייבט עמעץ אָן פלוצעם צו וויינען". וועגן דער רייכקייט און שפע פון די אַרומיקע פעלדער דערציילן "באַטראַקישע רוקנס, וואָס זיינען פאַרשמיסן אין פּריצישע הויכע סטאַ־דאָלעס". אינעם סומנעם פּייזאַזש מיט די "ווינטן, וואָס ווערן משוגע", מיטן "הימל", וואָס ווערט "באַקלעפּט און באַלאַגערט פון צעשראָקענע ווייסע וואָראָנעס", מיט די "שטעטלעך", וואָס "פּליען ווי העגער אין שריפות, פאַרגייען אין שוואַרצע מגיפות", ווערט מייסטערהאַפט אַריינגעפלאָכטן דאָס בויטרע־געשטאַלט — דער גרויזאַמער אָנזאָג פון טאָט און נקמה!

אַזאַ איז דער לאַנדשאַפטלעך־סאָציאַלער הינטערגרונט, אויף וועלכן ס'קומט אויף דאָס צענטראַלע געשטאַלט פון לייזער דעם בדחן. עס איז אַ פיין אינדיווי־דואַליזירט געשטאַלט, געוויזן אין דינאַמישער אַנטוויקלונג. צוערשט פּאַסיווע פאַרביטערונג, וואָס גייט ביסלעכווייז אַריבער אין סאַרקאַסטישן חוזק, שפּעטער אָפענער בונט, וואָס וואַקסט אַריבער אין קאַמף און ווידערשטאַנד — אַזאַ איז די עוואָלוציע פונעם הויפּט־העלד פון דער פּאָעמע.

לייזער דער בדחן קאָן ניט פאַרטראָגן די גרויסע עוולות, וועלכע עס באַגייען די שטעטלדיקע "פּני" לגבי דעם פּראָסטן עולם. ער הייבט אָן בונטעווען. ער זאָגט זיך אָפּ צו פּייקלען אויף דער צערעמאָניע פון "שפּייען אין פּנים" אבא דעם קצב, וועמען דער רב האָט באַשולדיקט אין "שפּייזן אַ שטעטל מיט טרפות". די דאָזיקע אומגעלומפּערטע, ווילדע עקזעקוציע פון דער הייליקער כנופיה איבער אַן אומשולדיקן מענטשן פון פאָלק איז פון דיכטער געצייכנט אין די בעסטע טראַדי־ציעס פון דער קלאַסישער סאַטירע.

דער "טריפער" לייזער איז געצוואונגען צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל. נאָר פאַרן

אַוועקגאַנג איז ער זיך אויף זיין אייגנאַרטיקן, לצנישן אויפן נוקם אינעם גאָטס־פּאַרכטיקן רב.

לייזער דער בדחן וויל מער ניט שפּילן אויף פרעמדע חתונות. ער וויל, אַז זיין צימבל זאָל העלפן איבערמאַכן די וועלט, וואָס איז "אומגעלומפּערט געמאַכט": "איינער עסט גריצע, דער צווייטער עסט באָב".

ער קומט מיט זיין ליד צו די שוסטער.

אומפאַרגעסלעך איז דער הפקרדיקער, עמכדיקער שוסטער־טאַנץ, וואָס ווערט געגעבן אין האָסטיקן ריטם — די שונאים אויף צעפּיקעניש.

פון די שוסטער גייט לייזער אַוועק צו די אָרעמפּויערים. זיי גיבן אים צו פאַרשטיין, אַז "אַן אמתער הונט, ער בילט ניט, ער פּרוווט בעסער בייסן". פון די פּויערים איז שוין ניט וויט צו בויטרעץ, דעם גוטן גזלן, וואָס נעמט זיך אַן פאַרן אָרעמאַן. עס ווייסט שוין איצט דער בדחן, אַז "אַ לעבן דאַרף אַנדערש זיך דרייען", אַז אויף דער וועלט "זיינען מענטשן פאַראַן, וואָס ווילן, אַז ווערן זאָל בעסער". וועט ער זיי העלפן מיט זיין ליד. זיין קאַטערינקע האָט איצט וואָס צו דערציילן:

ס'נעמען טאַנצן רויטע הענער
אויף די פּריצישע פּאַלאַצן,
גיך צעלויפן באַלעבאַטים
גיך צעלויפן בעלי־בתים
פון די מילן, פון די ברויזן,
און די פּריצים, די מאַגנאַטן
לויפן אויך אַן קעפּ און הויזן...

לייזער דער בדחן האָט ענדלעך דעראָבערט די גרויסע "פרייד פון אַ זינגער", וואָס זינגט פאַרן פאָלק, וואָס מונטערט אים צום קאַמף פאַר אַ בעסער לעבן.

די געשיכטע פון לעבן, געראַנגל און טויט פון לייזער דעם בדחן ווערט ביים דיכטער דערהויבן צו דער פּראָבלעם וועגן דעם גורל פון דער קונסט און דעם קינסטלער אין דער עקספּלואַטאַטאָרישער געזעלשאַפט.

לייזערס טראַגיק איז די טראַגיק פונעם פאָלקסמענטש, וואָס איז געווען "פאַרשאָלטן" מיט געזאַנג.

און דער זינגער זינגט, מיט גאַל, מיט ווייטיק, מיט בלוט — נאָר ער זינגט. זינגט, ביז ער ווערט אונטערגעבראָכן. זיין געזאַנג ווערט אַ געווער, אַ מעכטיקער כוח אין קאַמף פאַר אַ בעסערער צייט, ווען:

ווילסט לעבן, ווילסט זינגען, איז זינג אויף דער פריי,
אַזוי ווי דער וואַלד און דער פויגל...

לייזער דעם בדחנס ניט־דערזונגען ליד האָט אויסגעזונגען זיין איניקל איזי כאַריק.

אין דער פּאָעמע "אויף אַ פרעמדער חתונה" איז פאַראַן אַ קאַפּיטל, אין וועלכן ס'ווערט געשילדערט דאָס געפיל פון באַפרייאונג, וועלכן עס לעבט איבער דער בדחן, ווען ער גייט אוועק פונעם שטעטל און בלייבט אויג־אויף־אויג מיטן וואַלד, מיטן בלויען הימל און זוניקן פרימאָרגן. ער פילט זיך ווי ערשט געבוירן און קוקט אויף דער וועלט מיט באַגייסטערטע אויגן:

ס'איז לייזערן גוט... ווי דער וואַלד איז עס גרויס!
און דאַכט זיך — דאָס רופט זיך אַן כוואַיע,
און דאָס איז אַ סאָסנע, אָט דאָס איז אַ יעל,
דאָס האַרץ גייט אים אָפּעט פּאַוואָליע...

מיט אַזאַ מין פרישקייט פון געפיל, מיט כמעט קינדערשער פאַרחידושטקייט פאַר אַלץ, וואָס געשעט אינעם אַרום, זיינען אָנגעזאַפּט איזי כאַריקס לידער אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן.

דעם דיכטערס געמיט איז אַ מין אויסערסט פילבאַרע מעמבראַנע, וואָס לאָזט זיך וויברירן פון אַלץ, וואָס קומט פאַר אין אַרום. אַלע וויכטיקסטע געשעענישן אין לאַנד און אין אויסלאַנד געפינען אַן אָפּקלאַנג אין זיינע לידער ("איך עפן די לופטיקע פליגלען פון בלאַט", "ראַט פראַנט", "אַלע לאָמפּן אָנגעצונדן", "אַזוי ווי עס ציט...", "ס'איז נאַכט", "וואַסיליעווע קאַרינע", "אונדזער מונטערקייט", "אַ נאַכט אין ביראָבידזשאַן", "העכער פון מארס" אאַ.).

יעדע געשעעניש ווערט פון דעם דיכטער אויפגענומען ווי אַ פּערזענלעכע איבערלעבונג. דערהויבענער פּאַטעטישער מאַטעריאַל ווערט פאַרלירישט, בשמהדיק דערוואָרעמט און דעריבער — היימיש, נאָענט פאַר יעדן האַרץ. עס פילט זיך אין אָט די לידער דעם דיכטערס אומענדלעכע פאַרליבטקייט אין לאַנד, טיפע פאַר־וואָרצלטקייט אין דער אייגענער ערד.

די זוניקע העלקייט און זויבערע לויטערקייט פונעם דיכטערס געמיט האָט, לויט אונדזער מיינונג, געפונען דעם בולטסטן אויסדרוק אין איינער פון כאַריקס שענסטע לירישע מיניאַטורן, אין דער ליד "דער ערדישער פּילאָט".

אומיטלבאַר און פריש דערגייט צו אונדז דעם דיכטערס פאַרשיכורט זיין מיט לופט און הימל, זיין כמעט קינדעריש פאַרכלינען זיך מיט פרייד און מיט באַ־גייסטערונג:

לופט. ליכט. פלאַטער פון פּראָפּעלער.
איך פיל דיך ביזן הויט, אַעראָפּלאַן.

די אויגן מיינע ווערן שטרענגער, שמעלער,
דער האָריזאָנט — אַ גרויסער גרינגער פלאַם.
ער האָט די אויגן מיר מיט לופט פאַרכלינעט,
ער הוידעט אום די פאַלדן פון מיין האַרץ.
עס קאָן מיין האַרץ אַראָפּגיין באַלד פון זינען,
אַ סעקונדע, אַ סעקונדע. וואַרט...

און דאָך איז ניטאָ עפּעס בעסערס פון דער ערד, פון דער "העכסטער אויס־דערוויילטער ערד", מיט וועלכער דער דיכטער איז פאַרבונדן מיט טויזנטער האַרציקסטע פעדעם:

ערד מיינע — פון הויכע, הייסע טאָטן —
פון מיין פאַרבלוטיקטן און שטייפן טראָט,
דאָס זינגט אַצינד דער זונען־אַוויאַטאָר,
דער איינגעליבטער, ערדישער פּילאָט.

זינגענדיקער "זונען־אַוויאַטאָר", "איינגעליבטער ערדישער פּילאָט" — סאַראַ טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיק פאַר דעם שאַפן פון איזי כאַריק, דעם גרויסן פאָלקס־דיכטער, וועלכער האָט אַזוי ערדיש־זאַפטיק און מיט אַזויפיל עכטן ראָמאַנטישן שוואונג באַזונגען די ליכטיקע סאָוועטישע וואָר און איז מצד דעם בעריאַ־ווילקיר טראַגיש אַרויסגעריסן געוואָרן פונעם לעבן אין סאַמע בלי פון זיין גרויסן טאַלאַנט.

1966 ,10 העפט

דער טראָט פֿון דורות

(פּ ר ץ מ אַ ר ק י ש)

פּרץ מאַרקישעס לעצט פּראָזע־ווערק, זיין גרויסער ראָמאַן „טראָט פֿון דורות", איז אין תוך גענומען אַ סך־הכל־ווערק פֿון זיין גאַנצער שאַפֿונג. ער האָט דאָ פֿאַראַלגעמיינערט און קינסטלעריש סינטעזירט אייניקע צענטראַלע טעמעס פֿון זיינע פֿריערדיקע ווערק — די טעמעס פֿון מלחמה און רעוואָלוציע און די ענג פֿאַרבונדענע מיט זיי טעמע וועגן דעם גורל פֿון זיין פֿאָלק.

די עקספּאָזיציע פֿונעם ראָמאַן פֿירט אַריין דעם לייענער אין דער טראַגישער אַטמאָספֿער פֿון מלחמה־גרויל, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער אייראָפּע. דער שרייבער שילדערט דאָ אַ שוידערלעכע זאַווערוכע־נאַכט אויף דעם ברעג פֿון בוג, ביי וועלכן ס'האָבן זיך אָפּגעשטעלט דריי פּליטים, וואָס זיינען געלאָפֿן פֿון פֿאַשיסטישן גיהנום און זיך געראַטעוועט אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד:

„אויף יענער זייט איז געלעגן די פֿינצטערניש, אַ שווערע און אַ דריקנדיקע, פֿון דאָרט האָט זיך געטראָגן אַ געפּייף פֿון הפֿקר און אַ געוויין פֿון פֿאַראורטיילטע. פֿאַרכאַלעשטע זיינען דאָרט געלעגן שטעט און שטעטלעך. דער אומגליק איז געלעגן איבער זיי. דאָרט איז געווען דער דייטש".

און דאָ, אויף ד ע ר זייט, האָט גאַסטפֿריינטלעך גערופֿן צו זיך דאָס סאָוועטנ־לאַנד, די נייע וועלט, וואָס איז „פֿרעמד, נאָר אָפֿן פֿאַר געיאָגטע און געפּלאָגטע". שווער איז די פּליטים צו אַנטשיידן — אויף מזרח אָדער אויף מערבֿ, ווייל ווי צוציענדיק סע זאָל ניט זיין דער מזרח, זיינען דאָרט, אויפֿן מערבֿ, אויף יענער זייט, פֿאַרבליבן אַלע נאָענטע און ליבע, די עלטערן, די ברידער און שוועסטער, די היים.

דאָס דאָזיקע בילד אין דער עקספּאָזיציע פֿונעם ראָמאַן שאַפֿט שוין דעם אויסגאַנג־פּונקט פֿון דער גרונט־פּראָבלעמאַטיק. עס האַנדלט זיך וועגן דעם, ווי אַזוי עס דאַרף זיך אויפֿירן דער יחיד אין אָנבליק פֿון דעם טראַגישן גורל, וואָס דערוואַרט זיין פֿאָלק. דאָס יונגע פֿאַרפֿאָלק וויגדע און סלאַוועק באַשליסן זיך אומקערן צוריק צו זייערע עלטערן, וואָס זיינען געבליבן אין וואַרשע, ווייל זיי האַלטן פֿאַר זייער חובֿ טיילן דעם גורל פֿונעם גאַנצן פֿאָלק און לויט זייערע קרעפֿטן העלפֿן אים אין זיין נויט און אינעם געראַנגל פֿאַר זיין עקזיסטענץ. דער דריטער פּליט — בערנאַרד גראָס — באַשליסט צו פֿאַרבלייבן אין סאָוועטנלאַנד, כדי

צוזאַמען מיטן סאָוועטישן פּאַלק שמידן דעם זיג איבערן שונא און באַפרייען דאָס היימלאַנד.

סיי בערנאַרד גראַס, סיי וויגדע און סלאָוועק — יעדערער פון זיי איז אויף זיין אופן געווען גערעכט.

וויגדע און סלאָוועק האָבן שפּעטער קיינמאָל ניט חרטה געהאַט, וואָס זיי האָבן זיך אומגעקערט קיין פּוילן. אין די שווערסטע מינוטן פון פאַרצווייפלונג האָט זיי געשטאַרקט דאָס באַוואוסטזיין, אַז זיי האָבן געהאַנדלט ריכטיק, ווען זיי האָבן אויסגעקליבן אַלס שלאַכטפעלד דווקא די צום אומקום פאַראורטיילטע געטאָ, אין וועלכער זיי האָבן מיט זייער יוגנטלעכער מונטערקייט און ענערגיע געהאָלפן צו פּאַראַליזירן דעם יאוש און דערמוטיקן די פאַרצווייפלטע מאַסן צו העלדישן קאַמף און ווידערשטאַנד.

"דאָך איז געווען ריכטיק — זיך אומקערן..." — קאָנסטאַטירט סלאָוועק, ווען ער פירט איבער דעם הויף פון געסטאַפּאָ דעם צעשלאָגענעם, דורך אים פון טויט געראַטעוועטן פאָטער. אויך וויגדע, וועמען די אונטערערד אין געטאָ פאַרטרויט די אָמערסטן ריזיקאַלישע אויפטראַגן, געפינט אַ פולע באַרעכטיקונג פאַר דעם כלומרשט באַגאַנגענעם "טעות": "זי וועט זיך מער ניט פּייניקן פאַר דעם טעות. אויס טעות".

אויס טעות — צו דעם אויספיר וועט שפּעטער קומען אויך בערנאַרד, וועלכער האָט פריער געהאַלטן, אַז די יונגעלייט זיינען באַגאַנגען אַ פעלער, ווען זיי האָבן באַשלאָסן זיך אומקערן קיין פּוילן. שטייענדיק הינטער וואַרשע צוזאַמען מיט זיינע שלאַכט־חברים און דורכבלעטערנדיק אין באַוואוסטזיין די טראַגישע זייטלעך פון דער העראָאישער געטאָ־עפּאָפּיי, אַנערקענט ער, אַז עס איז גרויס געווען דער העלדנמוט פון זיינע יונגע פריינט, ווען זיי האָבן דעמלט, אין דער זאַווערוכע־נאַכט ביים בוג, זיך געלאָזט אין שווידערלעכן גערانגל מיטן טויט.

"אינעם דאָזיקן אומזין איז געווען גרויסקייט" — אַזוי וועט מאַרקיש באַטראַכטן אין אַ ברייטערן מאַסשטאַב די האַנדלונג פון אַ ריי זיינע העלדן אין געטאָ־אויפשטאַנד בכלל. עס שווימט ביי אים אויף אַ פראַגע: מעגלעך, אַז דער עצם אויפשטאַנד אין געטאָ איז געווען אַן אומזין? אפשר וואָלט ריכטיקער געווען, ווען די יינגערע, קרעפטיקערע וואָלטן איינציקווייז אָדער גרופּנווייז פאַרלאָזן דעם געטאָ און אַוועק אין די וועלדער צו די פּאַרטיזאַנער, וואו זיי וואָלטן געקענט ברענגען מער נוצן? אפשר וואָלט מען באַדאַרפט איבערלאָזן אויף הפקר די אַלטע און די שוואַכע, די פרויען און קינדער — אַלצאיינס האָט דאָך זיי דערוואַרט דער טויט!

מאַרקישן שרעקט ניט אָפּ די דאָזיקע האַרבע און קאָמפּליצירטע פראַגע, ער גיט אויף איר אַן ענטפער. ריכטיק האָבן געהאַנדלט די יונגע העלדן פון געטאָ, וועלכע זיינען פאַרבליבן מיט זייערע עלטערן, מיט דעם פאָלק, וואָס איז געווען פאַראורטיילט צום אומקום. עס האָט ניט געטאָרט דערלאָזט ווערן, אַז אַפילו איינער

אַ יחיד זאָל ווי אַ שאָף אונטערשטעלן דעם האַלדז פאַר דעם מעסער, ווער רעדט נאָך — אַ גאַנץ פאָלק! אויב שטאַרבן, איז מיט כבוד, אויב פאַלן, איז ניט פּאַסיוו, נאָר אין ווידערשטאַנד — אַט דאָס איז געוואָרן דער דעוויז פון געטאָ.

"אין דער דאָזיקער שלאַכט — באַמערקט מעטעק — איז די געטאָ זעעוודיק געוואָרן. חוץ דעם שונא האָט זי דערזען זיך אַליין, און עפּעס פאַרשטאַנען. זי האָט דערפילט דעם טעם פון שלאָגן זיך. ווי גלייכע קעגן גלייכע, ניט ווי געבונדענע קעלבער קעגן די הענקער".

פרץ מאַרקיש פאַראורטיילט דאָס פּאַסיווע ניט ווערן זיך דעם בייז, דאָס "מאַכן אַ ברכה אויף קידוש־השם" פון אַזעלכע, ווי יאַקוב, וואָס "ווערן לכתחילה געבאָרן, מע זאָל זיי שעכטן". שוין אין שייע רייזנאָלדן, דעם פּאַטריאַרך, האָט דער שרייבער אַקצענטירט דעם ווילן צו לעבן און טאָט, וועלכן ס'האָבן ניט געקענט פאַרניכטן קיינע גרוילן און גרויזאַמקייטן. אים זיינען נעענטער צום האַרצן "די צווייגן, וואָס האָבן זיך אָפּגעבראָכן פון בוים" — זיינע יינגערע קינדער, די רע־וואָלוציאָנערע פרידע און מעטעק — איידער דער פּאַסיווער עלטערער זון יאַקוב, כאָטש ער האַלט זיך פעסט ביי דעם "אַלטן בוים".

העלדיש גיבן אָפּ זייער לעבן דער שמיד חיים וויטעלסקי, דער טרעגער לייבעניו. זיי זיינען זיך נוקם, יעדערער אויף זיין אופן, אין די פאַרהאַסטע שונאים.

ווידערשטאַנד ווערט די נשמה פון געטאָ. יונג און אַלט, קינד־און־קייט נעמט אין האַנט געווער. אַלטע, אויסגעמאַטערטע, אויסגעמאָגערטע מענטשן ווערן עכטע גיבורים.

דער אַלטער היסטאָריקער רובין, ווען די קראַנקייט האָט צוגעשמידט צום בעט, האָט פלוצעם באַקומען כוח און זיך אַוועקגעלאָזט צום שטאָב. "ער איז אַריינ־געקומען, ווי אַ געשפּענסט, בלאַס, מיט גרויסע ברענענדיקע אויגן. די שמאַטעס אויף זיין לייב האָבן זיך ניט אָנגעזען. און מיט אַ קול אַזאַ, וואָס האָט אָפּגעקלונגען מיט יונגקייט, האָט ער זיך אָנגערופן: — נעם מיך, מעטעק, אין דיין חיל".

און שוין גאָר ווי אַ לעגענדע קלינגט די געשיכטע וועגן דעם לעצטן אויפ־שטענדלער:

"ער האָט זיך אַליין געשלאָגן קעגן אַ גאַנצער באַנדע פאַשיסטן אין אַ הויז... די דייטשן האָבן אָנגעגריפן, און דער לעצטער אויפשטענדלער האָט זיך קעגנ־געשטעלט, קלעטערנדיק אין דער הייך און פאַרניכטנדיק די אָנגרייפנדיקע — איינעם נאָך איינעם. די פאָן האָט ער געהאַלטן אין איין האַנט, און אין דער צוויי־טער — געווער, און אַזוי איז ער געשטיגן אַלץ העכער און העכער ביז דעם העכסטן ציגל פון דעם הויז און האָט זיך אַלץ אָפּגעשאָסן, און דייטשן זיינען געפאַלן אין דער נידער. און ווען ער האָט אויסגעשאָסן די לעצטע קויל און מער שוין ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט פאַרזעצן דעם לעצטן איינס־אויף־איינס, האָט ער זיך פאַרוויקלט אין דער פאָן און פונעם העכסטן שטאָק זיך אַראָפּגעוואָרפן אויף די

חורבות פון דעם געטאָ. אַט אַזוי האָט ער זיך באַהעפט מיט די בראָכשטיקער פון דעם פּלאַצדאַרם, וואָס האָט געהייסן געטאָ. דעמלט האָט די געטאָ פאַרענדיקט איר עקזיסטענץ. און אין געטאָ איז שטיל געוואָרן".

אין די מייסטעריש־געצייכנטע בילדער פון דער מאַסן־העראָאיק בעת דעם אויפשטאַנד אין געטאָ האָט דער שרייבער קינסטלעריש פאַרייביקט דעם גרויסן גערעכט פון זיינע העלדן, וועלכע זיינען אומגעקומען ניט מיט הכנעה און געבעט, נאָר אין ווירדיקן קאַמף קעגן היטלעריזם.

פּרץ מאַרקיש האָט היסטאָריש ריכטיק אָפּגעשאַצט די באַדייטונג פונעם געטאָ־אויפשטאַנד. ער האָט באַוויזן די פּאַניק אינעם פאַשיסטישן לאַגער, וואָס עס האָט אַרויסגערופן דער אומדערוואַרטער קלאַפּ איבער דער דייטשישער קריגסמאַשין מצד דער אויסגעמאַטערטער באַפעלקערונג פון געטאָ.

"טראַט פון דורות" איז רייך מיט געשעענישן, בילדער, עפּיזאָדן, פּערסאָנאַזשן. דער שרייבער דעקט אויף טיפּישע שטריכן, וואָס זיינען אייגן יעדן פון זיינע העלדן. דערביי אָבער צייכנט מאַרקיש שאַרף אינדיווידואַליזירטע געשטאַלטן, וועלכע זיינען געגעבן אין זייער פילזייטיקייט און דינאַמישקייט.

באַזונדערס קאָלאָריטפול איז די גאַלעריי געשטאַלטן פון די געטאָ־אויפשטענדלער. יעדער פון זיי איז אַ רייכע, פילפאַרביקע וועלט פאַר זיך.

נתן — דער טעמפעראַמענטפולער, פלאַמיקער, שטענדיק מאָביליזירטער, שטענדיק קאַמפסגרייטער "באַלעבאָס פון די אויפרייס־שטאָפן".

דער אָנפירער פונעם אויפשטאַנד אַלעקסאַנדער — דער טיף־מענטשלעכער, האַרציקער, מיט אַ שאַרף אויסגעדריקטן אחריות־געפיל; דער שרייבער ווייזט, ווי אין גאַנג פון די געשעענישן וואַקסט זיין דערפאַרונג, זיין קאַמפּסעפאַיקייט, פאַרהאַרטעוועט זיך זיין כאַראַקטער.

מעטעק — דער דאַזיקער "זעקס־און־דרייסיקיאָריקער מאַנצבל" האָט שוין באַוויזן דורכמאַכן אַ לעבן, וואָס איז פול מיט נסיונות, אַדורכגיין אַלע שבעה מדורי גיהנום. קאַרגע צוויי יאָר שלאַכטן אין שפּאַניע אַלס וואָלאָנטיאָר פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע, אַריבער צוויי יאָר קאָנצלאַגער. אויסגעטוישט דורך דער סאָוועטישער רעגירונג, לאָזט ער זיך אַראָפּ מיט אַ פּאַראַשוט אויף יענער זייט פראָנט־ליניע און גיט זיך אָפּ מיט לייב־און־לעבן דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין געטאָ.

מיט אַ באַזונדער וואַרעמקייט האָט פּרץ מאַרקיש געמאָלט די געשטאַלטן פון פרויען — קעמפער פון געטאָ. דאָס ערשטע אָרט צווישן זיי פאַרנעמט וויגדע. וויגדע איז ווירקלעך אַ ניי געשטאַלט אין דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור.

ברייט אויסנוצנדיק דעם אינערלעכן מאָנאָלאָג און אַנדערע מיטלען פון

פסיכאָלאָגיש פאַרטיפטן אַנאַליז, האָט דער שרייבער באַוויזן דאָס דאָזיקע געשטאַלט אין זיין גאַנצער רייכקייט און קאָמפּליצירטקייט. פון זייטל צו זייטל האָט ער מיט קינסטלערישן טאַקט געלאָזט אונדז נאָכפאָלגן איר עוואָלוציע אונטער דער ווירקונג פון די אומשטענדן, אין וועלכע זי האָט זיך געטראָפן.

אויסגעוואַקסן אינעם באַלעבאַטישן הויז פון שייע רייכגאָלד, האָט וויגדע אין דער קינדהייט, ווי מיר דערוויסן זיך פון איר ברודער מעטעק, זיך מיט גאָרניט באַזונדערס אויסגעצייכנט. נאָר אָט האָט זיך אויף איר יונגן געמיט אַרויפגעוואָרפן מיט איר גאַנצער האַרבקייט און גרויזאַמקייט די מלחמה. דער דונער פון די פיינט־לעכע עראָפּלאַנען האָט ניט נאָר פאַרטיליקט די פרייד פון איר חתונה, ער האָט זיך אַריינגעריסן אין איר יונג לעבן און עס צעבראָכן. ביסלעכווייז, אין פּראָצעס פון וואָגלעניש, פון זוכן אַ מיקלט צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע פּאַריאָגטע און אומגליקלעכע, קומט דאָס ניכטערע באַנעמען פון דעם אַלץ, וואָס איז געשען. און דאַן ווערט געבאָרן דער באַשלוס זיך אומקערן קיין פּוילן, ראַטעווען די עלטערן אָדער אומקומען.

גיך טרעט אָפּ דאָס ראָמאַנטישע, דאָס קינדעריש־אויפגעשרויפטע, ס׳קומט אָנשטאָט דעם דאָס אויסגעוויטעקטע, באַזיניקטע. וויגדע מיט דעם ״קינדערשן פוך אויף די ליפּן״ עקזיסטירט ניט מער. ״די עקשנות אירע איז געוואָרן אויס קאַפּריז און וואָרצלט זיך אין דעם גאַנצן אינהאַלט פון דער אַרבעט, וועלכע זי טוט און פאַר וועלכער זי האַלט גרייט איר לעבן״.

אַזאַ דערשיינט זי פאַר אונדז ערב דעם געפּלאַנטן אַטענטאַט אויף דעם הענקער פון געטאָ פאַן פּראַש. די עקזאַלטירטע, קינדעריש־שעמעוודיקע וויגדע וואַקסט אויס אין אַ מין נייער יהודית, ווען זי טרעפט זיך פנים־לפנים מיט דעם קאַט און פּילט אויס איר העלדישן אַטענטאַט.

ניי איז אויך דאָס געשטאַלט פון טאַסיע וועלטמאַן.

זי געהערט צו דער אינטעליגענטישער יידישער יוגנט, וואָס האָט אין זיך איינגעזאַפּט די ראָמאַנטיק פון דער פּוילישער און יידישער ליטעראַטור און וועלכע האָט אין דער שווערער שעה פון גרויסן נסיון זיך מיט לייב־און־לעבן געשטעלט צו דינסט דעם ווידערשטאַנד.

אַלעקסאַנדער, מעטעק, נתן, סלאַוועק, טאַדעוש, וויגדע, טאַסיע, עטל, סטע־פאַניע — די דאָזיקע געשטאַלטן־גאַלעריי האָט געבאָרן די עפּאָכע, די צייט פון גרויסע אויפטרייסלונגען, פון אומגעוויינלעכער הערואיק, וואָס איז באַקרוינט געוואָרן מיט דעם אומפאַרגעסלעכן געשיכטלעכן נצחון פון די פרייהייטסליבנדיקע פעלקער בראש מיטן סאָוועטנפאַרבאַנד איבער דער פאַשיסטישער ברוינער פּעסט.

מאַרקישעס לעצטער ראָמאַן איז אָנגעזאַפּט מיט טראַגיק. טריי נאָכפאָלגנדיק דער היסטאָרישערווירקלעכקייט, האָט דער שרייבער געגעבן אַ טיף רעאַליסטיש

בילד פון איינער פון די טראַגישסטע עפּאָכעס אינעם לעבן פון די אייראָפּעישע פעלקער.

דאָס פאַרפּייניקטע און אויסגעבלוטיקטע פּוילן... וואַרשע, וואָס "איז, ווי אַ שלאַכטפעלד, איבערגעווירעט אויף איר גאַנצער ברייט און לענג מיט נאַקעטע שוצגראָבנס און טראַנשייען", וואָס "גייט אויף אין רויך און אין ברוינעם שטויב און אין צעברעקלטן ציגל־ברוך, ווי אַן אויסגעטאָנענע, אַ נאַקעטע..."

וואַרשעווער טרויעריקע און פינצטערע געטאָ, איבער וועלכער ס׳לויערט שטענדיק די טויט־געפאַר... אונטערזוכונגען, אַבלאַוועס, פּייניקונגען, רויב, מאָרד; אַ ווילדע קינדער־שחיטה אויף איינעם פון די ראָגן... אַ טרויעריקער קינדער־צוג צום טויט... אַ בלוטיקער "יום־כיפּור־ספּעקטאַקל"... פּראַכט־צוגן, וואָס גייען אָפּ איינער נאָך דעם צווייטן אין די קרעמאַטאָריעס און גאַז־קאַמערס — בילדער, איינע שוידערלעכער פון דער צווייטער, בילדער, ניט אויסגעטראַכטע, גענומענע פון לעבן, היסטאָריש דאָקומענטירטע, וואָס פאַרקילן דאָס בלוט אין די אָדערן, וואָס טרייסלען אויף ביז צום גרונט טאַקע אַדאַנק דעם גרויזאַמען אמת.

און דאָך, ניט געקוקט אויף דער טיפסטער טראַגישקייט, אָטעמט דאָס ווערק מיט אָפּטימיזם, מיט גלויבן אין מענטשן און אין לעבן.

דער טראַגיזם און אָפּטימיזם בילדן דאָ אַ דיאַלעקטישע איינהייט. אין סאַמע אָנהייב, באַשרייבנדיק דעם "פינצטערן טרויער־צוג" פון טויזנטער משפּחות, פאַר־טריבענע פון די וואַרשעווער גאַסן אין די געטאָ־קוואַרטאַלן, זאָגט מאַרקיש אַן זיינע לייענער: "— נאָר אינאיינעם מיט אַלעמען האָט געשטראָמט אין געטאָ דער ניט־אָפּגעטיילטער גייסט פונעם פאָלק".

אין די סאַמע אויסזיכטלאָזע פעריאָדן פון גרעאַנגל פאַרן קיום פאַרלירן ניט די אויפשטענדלער אויף קיין רגע זייער מוט און גלויבן. עס שטאַרקט זיי דאָס געפיל, אַז זייער קאַמף אין געטאָ איז נאָר אַ קליין שלאַכטפעלד אין דער גרויסער באַטאַליע פאַר גערעכטיקייט און פרייהייט, וואָס וועט זיך אומבאַדינגט פאַרענדיקן מיט אַ נצחון.

די יידישע געטאָ־קעמפער, ווייזט מאַרקיש, פילן די שטיצע פון פּוילישן רע־וואָלוציאָנער טאַדעוש, וועלכער איז גרייט, פונקט ווי זיי, "פאַר זיין היים און זיין לאַנד... פאַר אַזאַ ווי עס איז — אַ צעבראָכנס, אַ באַשפּיגנס און אַ צעבלוטיקטס... אַ געבונדענער און פאַרוואונדעטער, זיך שלאָגן מיט די ציין". עס דערמוטיקט זיי די הילף פון די פּוילישע רעוואָלוציאָנערן כרעסטינע, סטעפאַניע, באַלעסלאָוו, וואָס שיקן צו געווער, פאַרבינדן די געטאָ מיט דער פאַרטיזאַנישער באַוועגונג אין די פּוילישע וועלדער — דאָס אַלץ שטאַרקט זייער שלאַכט־גייסט, פעסטיקט דעם גלויבן, אַז זייער פאַרצווייפלטער קאַמף אין געטאָ איז ניט אומזיסט.

דער שרייבער האָט קעגנגעשטעלט דער ווילדער דאָקטרינע פון ראַסן־האָס און מענטשנפאַרעסעריי די אידעע פון פעלקער־ברידערשאַפט. אינעם קינסטלערישן

געוועב פון ראָמאַן האָט ער מייסטעריש אַריינגעפלאָכטן די רירנדע געשיכטע פון דער הערלעכער ליבע צווישן דער איטאַליענערן מאַרטשעלאַ און דעם יידישן מאַלער חנניה. מאַרטשעלאַ פאַרבלייבט מיט איר געליבטן אין געטאָ, זי גייט מיט אים צוזאַמען אין גאַז־קאַמער. אויף דעם פּרווו פונעם איטאַליענישן קאָנסול אַרויסנעמען זי פון געטאָ מיט דער פּרייז פון פאַראַט לגבי איר געליבטן און לגבי אירע פּרינציפּן פון מענטשן־ליבע, ענטפערט מאַרטשעלאַ: "די איטאַליע, וואָס האָט מיך געלערנט ליב האָבן, וועט ביי מיר מיין אונטערטאַנשאַפט ניט צונעמען, און אין דער אונטער־טאַנשאַפט פון דער איטאַליע, וואָס פאָדערט פון מיר פאַראַט, בין איך ניט פאַר־אינטערעסירט, סיניאָר. דאָרט, וואו ס'איז מיין געליבטער, דאָרט איז מיין היים, סיניאָר. דאָרט איז איטאַליע, דאָרט איז מיין גאָט".

איינער פון די אינטערעסאַנטע פּערסאָנאַזשן אין "טראָט פון דורות" — דער היסטאָריקער רובין זאָגט: "די וועלט האָט זיך נאָך צוליב וואָס צו שלאָגן פאַר איר קיום!" און דאָס פאַרגרינגערט טאַקע דעם טויט פון די העלדישע קעמפער אין געטאָ; יעדערער פון זיי גייט אַוועק פון דער וועלט מיט דער איבערצייגונג, אַז די זאַך, פאַר וועלכער זיי זיינען געפאַלן, וועט פאַרגעזעצט ווערן, אַז מיט זייער טויט האָבן זיי געהאָלפן אויסטרעטן דעם וועג צו אַ בעסערער צוקונפט.

דעם העלדישן קאַמף פון סאָוועטישן פאָלק, וואָס שלאָגט זיך פאַר דער אייגענער פרייהייט און פאַר "דעם כבוד פון דער מענטשהייט", איז אין ראָמאַן געווידמעט אַ צווייטע פּאַראַלעלע סוזשעטישע ליניע, מיט וועלכער עס איז פאַרבונדן דאָס געשטאַלט פון בערנאַרד גראָס. ביידע סוזשעט־ליניעס צווייגן זיך אָפּ שוין אין דער עקספּאָזיציע. אין דער צייט, ווען סלאָוועק און וויגדע קערן זיך אום קיין פּוילן, שטעלט זיך בערנאַרד בראש פון אַן עשעלאָן יידישע פּליטים, וואָס פאָרט אויפן אוראַל.

אין דער שילדערונג פון די פּליטים פון פּוילן, וועלכע מאַכן דורך אין די סאָוועטישע באַדינגונגען אַ געוויסע עוואָלוציע סיי אינעם שטייגער, סיי אין זייער וועלט־אַנשויאונג, ווייזט זיך בולט אַרויס מאַרקישעס טיפער פאַרשטאַנד פאַר מאַסן־פּסיכאָלאָגיע, אַנטפּלעקט זיך זיין פיינער חוש פאַר הומאָר און פאָלקס־חכמה.

די פּליטים שליסן זיך ביסלעכווייז איין אין דער קאָלאָסאַלער אַרבעט פונעם סאָוועטישן הינטערלאַנד און שמידן צוזאַמען מיט אַלעמען דעם זיג איבער דעם שונא. ווען ס'בילדעט זיך די פּוילישע בריגאַדע, גיסן זיי זיך אין איר אַריין אַלס סאָלדאַטן און העלפן מיט דער סאָוועטישער אַרמיי צו באַפרייען פּוילן פון דעם דייטשישן אָקופּאַנט. די דאָזיקע פּאַראַלעלע סוזשעט־ליניע פאַרשטאַרקט די אַל־געמיינע אָפּטימיסטישע טאָנאַלקייט פון דעם ראָמאַן.

"טראָט פון דורות" ווערט פאַרענדיקט מיט דער באַפרייאונג פון וואַרשע: בערנאַרד גראָס געפינט זיך צווישן די זיגער אויף די חורבות פון דעם באַפרייטן פּוילן.

ביידע סוזשעט־ליניעס גייען זיך צונויף אין פינאַל און בילדן איין אָפּטימיסטישן שלוס־אַקאָרד, אין וועלכן ס׳ווערט באַטאָנט די אינערלעכע און אידעאיש־קינסטלע־רישע איינהייט צווישן זיי:

„ס׳איז געווען אַ פּראַסטיק־זוניקער טאָג. גאַסן האָבן אויפגעוואַכט. די לעבעדיק געבליבענע באַפעלקערונג איז אַן אויפגעמונטערטע אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן אירע באַפרייער, אָרקעסטערס האָבן געשפּילט דעם סאָוועטישן און פּוילישן הימן. צווישן דעם עולם, וואָס האָט באַגעגנט די רויטע אַרמיי, זיינען געווען באָלעסלאַוו, סטעפאַניע, טאַסיע און מעטעק".

די איינהייט פון ביידע סוזשעט־ליניעס איז אַן אָרגאַנישע, זי דרינגט אַרויס פון מאַרקישעס אָפּטימיסטישער לעבנס־פילאָסאָפיע, פון זיין הומאַניסטישן פּאַטאָס, פון זיין טיפן גלויבן אין זיג פון מענטשלעכן שכל איבערן וואַנדאַליזם, פון קאָמוניזם איבער דעם פאַשיזם.

דעם שרייבערס פּערזענלעכקייט לאָזט זיך שטאַרק פילן אין ראָמאַן. אין דעם זין איז ער „אויסגעשפּראָכן טענדענציעז", לויט ענגעלסעס באַוואוסטער טראַקטירונג פון דעם דאָזיקן באַגריף אין באַצוג צו אַזוינע שרייבער, ווי עסכיל, דאַנטע, שילער אָדער ווי די רוסישע ראָמאַניסטן. פּרץ מאַרקיש — דער שטייגער־שרייבער, פּסיכאָלאָג און היסטאָריקער טרעט דאָ אין ערגעץ ניט אַרויס אַלס שטרענגער עפּיקער, אַלס רעגיסטרירער פון פאַקטן. דער שרייבער שטייט ניט אָן אַ זייט פון די געשעענישן, אים איז פרעמד די פּאָזע פון אַ זייטיקן באָאַבאַכטער. ער געפינט זיך אַליין אין דער מיט פון די געשעענישן, ער וועיטיקט צוזאַמען מיט זיינע העלדן, גייט מיט זיי האַנט־ביי־האַנט אין געראַנגל. די האַנדלונג אין ראָמאַן איז אָנגעפילט מיט דעם שרייבערס שטימונג, באַהערשט פון זיין ליידנשאַפט און טעמ־פּעראַמענט. אין די דיאַלאָגן און מאָנאָלאָגן פון די העלדן, אין דער דערציילערישער שפּראַך פונעם מחבר, אינעם סטיל און ריטם פון ראָמאַן לאָזט זיך שפּירן דעם שרייבערס מיטגעפיל, זיין אומרו און האַס, זיין פּראָטעסט און קאַמף־רוף. גאַנצע זייטלעך פון עפּישער באַשרייבונג ווערן פאַרפלייצט מיט ליריזם אָדער דורכגעזאַפּט מיט בייסיקער פאַרביטערונג און ניט־איינגעהאַלטענעם סאַרקאַזם. די דאָזיקע שטענ־דיקע אַקטיווע מיטבאַטייליקונג פונעם שרייבער פאַרשטאַרקט די עמאָציאָנעלע אויפווירקונג פון ראָמאַן, זיין דראַמאַטישע געשפּאַנטקייט.

אַ ריי בילדער פונעם געטאָ־לעבן ווערן געמאָלט אין ליריש־עלעגישע טענער. זיי פאַרמאָגן זייער אינערלעכן ריטם, זייער אייגנאַרטיקן זאַצבוי. דאָס זיינען כמעט לידער אין פּראָזע.

אַזאַ איז דאָס אומפאַרגעסלעכע בילד פונעם טראַגישן אומקום פון די קינדער בראש מיט זייער לערער העניק גאָלדשמיד... מיט טיפסטן ליריזם זיינען געצייכנט אַ ריי געשטאַלטן, אַזוינע, ווי מעטעק, אַלעקסאַנדער, וויגדע, טאַסיע. און פאַרקערט,

דער שרייבער דריקט אָפּן אויס זיין עקל און האַס, ווען ער מאָלט די פּאַשיסטישע קאַניבאַלן, די הענקער פון געטאָ (פּאָן פּראַש, פישער א"אַ): זיי זיינען אַלע געצייכנט מיט מיטלען פון סאַטירישן גראָטעסק. אויך די דאָזיקע געשטאַלטן זיינען אינ־דיווידואַליזירט. מאַרקישן געלינגט אויסצוגעפינען די נייטיקע דעטאַל, דעם נייטיקן ספּעציפישן שטריך, וואָס טיילן זיי אָפּ איינעם פונעם צווייטן. דאָך פּרעוואַלירט דאָס גראָטעסקישע.

ליריש־סוביעקטיוו, פּאַלעמיש־קעמפעריש איז אפילו דער פּייזאַזש. מע שפּירט אין אים די אויפגעבראַכטקייט פונעם שרייבער, זיין מענטשלעכן ווייטיק, זיין הומאַניסטישן אני־מאמין. וויפל פאַרביטערונג שטעקט ,צום ביישפּיל, אין די פּייזאַזשן פון דעם דערנידעריקטן און פאַרפּייניקטן פּוילן! די נאַטור פּראָטעסטירט צוזאַמען מיטן שרייבער קעגן וואַנדאַליזם און צעיושעטן ווילקיר. די שיינקייט און האַרמאָניע אין דער נאַטור מאַכט אָנשוילעכער דעם שוידער פון טויט, וואָס די קאַניבאַלן האָבן געבראַכט אויף דער פרידלעכער ערד:

"וואַרשע איז געווען פאַרגייענדיק שיין אין איר יונגהאַרבסטיקן טרויער. אָפּגעגילדעטע ביימער־שפּיצן פון פאַרצייטיקע אַלייעס און גערטנער האָבן זיך מיט לייכטער פאַרזאָרגטקייט געוויגט אינעם דורכזיכטיקן רוים און ניט געהאַט אפילו דעם מינדסטן פאַרדאַכט, אַז ערגעץ האָט שוין דער טויט פאַרמאָסטן אויף זיי די דייטשישע האַק; אַז זיי טרויערן אויס אַ לעצטן פּוילישן האַרבסט".

אָדער אַזאַ מין נאַטור־בילד, וואָס דערשיטערט מיט זיינע לעבן־ און טויט־קאָנטראַסטן און גרייט פּסיכאָלאָגיש צו אונדזער אויפאַסונג פון דער שרעקלעכער מאָרד־אַקציע לגבי די קינדער:

"דאָס קליינע פּאַסיקל ערד אונטער די פענצטער איז געווען צעגראָבן, און בלימעלעך זיינען געוואַקסן, ביימעלעך, פאַרפּלאָנצטע און אויסגעכאַליעטע פון קינדערשע הענטלעך. אויף יעדן בלימעלע איז געווען דער הויך פון אַ קינדערשן אָטעם, פון אַ קינדערש קולכל און פון אַ קינדערש גלעקלדיק געלעכטער. דאָס, וואָס אינמיטן דער געטאָ האָט זיך אויף צו להכעיס די פאַרדאַרבער דורכגעריסן שפּראָצונג, האָט געמאַכט דאָס הויז פון דעם קינדער־היים נאָך הייליקער, נאָך לעבנסדאָרשטיקער און נאָך טראַגישער. זיי האָבן זיך גערייצט מיטן מלאך־המוות, די איידעלע און צאַרטע שפּראָצונגען, און האָבן זיך געצויגן צו דער זון, ביי אים, ביי דעם מלאך־המוות, אויף די אויגן. נאָר די זון אַליין איז שוין געווען אַ טרויעריקע, אַן אלול־דיקע, אַ ימים־נוראימדיקע..."

אומעטום, אין דער באַשרייבונג פון די געשעענישן, אין דער געשטאַלטן־מאָלעריי, אין די נאַטור־שילדערונגען, שוין אָפּגערעדט פון די פּובליציסטישע אָפּווענדונגען, הערן מיר די שטים פונעם שרייבער, וועלכע באַדויערט, פאַר־אורטיילט, וואָרנט.

די ליידנשאַפטלעכקייט, מיט וועלכער ס'ווערט געשילדערט די ניט־ווייטע

געשיכטלעכע פּאַרגאַנגענהייט, ווירקט מיט אין אַ גרויסער מאָס דער אויפפּאַסונג פון מאַרקישעס היסטאָרישן ראָמאַן אַלס אַן אַקטועל, היינטצייטיק ווערק.

מיר זיינען מסכּים מיט ה. רעמעניקן, וועלכער שרייבט אין זיין נאָכוואָרט צום ראָמאַן, אַז "טראָט פון דורות" איז אַן "עכטע פאָלקס־עפּאָפּיי פון אונדזער היינטצייטיקייט", וועלכע איז לויט איר "גאַנצן אידעאישן אינהאַלט ברענענדיק אַקטועל און היינטצייטיק פאַרשאַרפט. דאָס איז ניט קיין סאָציאַל־היסטאָרישע רעמיניסצענץ, נאָר אַ בילד פון איצט און אַ קוק אין דער צוקונפט".

מיט פּרץ מאַרקישעס לעצטן ראָמאַן האָט די ליטעראַטור וועגן דער אַזוי־גערופענער "חורבן־תקופה" זיך באַרייכערט מיט אַ באַדייטנדיק הויך־קינסטלעריש ווערק.

העפט 2, 1968

דאָס לעבן און שאַפן פון ל. קוויטקאָ

(וועגן אַ זאַמלונג אין רוסיש, דערשינען אין 1976)

"די באַצויבערטקייט מיט דער אַרומיקער וועלט האָט קוויטקאָן געמאַכט פאַר אַ קינדער־שרייבער: אין נאָמען פונעם קינד, מיט די ליפּן פון די פינפיאָריקע, זעקסיאָריקע, זיבניאָריקע קינדער איז גרינגער געווען אויסצודריקן זיין אייגענע גרענעצלאָזע ליבע צום לעבן, זיין טיפן גלויבן אין דעם, אַז דאָס לעבן איז באַשאַפן צוליב אומענדלעכער פרייד".

די דאָזיקע ווערטער פונעם באַוואוסטן קינדער־שרייבער, פריינט און פאַרערער פון לייב קוויטקאָ, קאָרניי איוואַנאָוויטש טשוקאָווסקי, וואָלטן געקאָנט דינען אַלס עפּיגראַף צום בוך וועגן דעם דיכטער. אין דער דאָזיקער אַרויסזאָגונג ווערט פּיקסירט דאָס סאַמע וועזנטלעכע אין דעם שעפערישן געשטאַלט פון לייב קוויטקאָ, איינעם פון די באַדייטנדיקסטע סאָוועטישע יידישע שרייבער, דעם "נס פון דער יידישער ליטעראַטור", ווי מע האָט אים ליב געהאַט אָנצורופן.

דער געדאַנק וועגן דער איינהייטלעכקייט פון קוויטקאָס גאַנצן שאַפן, אומ־אָפּהענגיק פון דעם, צי עס איז אַדרעסירט צו דערוואַקסענע אָדער צו קינדער, בילדעט דעם לייטמאָטיוו פון אַלע אַרטיקלען, עסייען, זכרונות, וואָס זיינען זאַרגזאַם אויפגעזאַמלט אינעם בוך.

דער מאַטעריאַל איז אין זיין גרעסטן טייל ספּעציעל געשריבן פאַר דער זאַמלונג. ער איז איינגעטיילט אין פינף אָפּטיילן. אינעם ערשטן זיינען פאַרגעשטעלט אַרטיקלען וועגן ל. קוויטקאָס שאַפונג; דער צווייטער אָפּטייל באַשטייט פון זכרונות פונעם דיכטערס מיטצייטלער; דער דריטער אַנטהאַלט קוויטקאָס אַרויסזאָגונגען אויף ליטעראַרישע טעמעס; אינעם פערטן אָפּטייל איז אַריין אַ בינטל בריוו פונעם דיכטער צו שרייבער־קאָלעגן; אינעם פינפטן איז געגעבן אַ פולע ביבליאָגראַפיע פון ל. קוויטקאָס ווערק אין יידיש און אין אַנדערע שפּראַכן פון די פעלקער פון פּססר.

אין די אַרטיקלען, וואָס זיינען געווידמעט דער כאַראַקטעריסטיק פון ל. קוויטקאָס שאַפונג, טרעפן מיר אַ ריי באַאָבאַכטונגען איבער די באַזונדערקייטן פון זיין דיכטונג, איבערהויפּט פון די לידער פאַר קינדער. יעדער איז ניט אַריין אין דער זאַמלונג קיין איין אַרבעט, אין וועלכער ס'ווערט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע

שאַפן פונעם דיכטער און געוויזן זיין שעפערישע אַנטוויקלונג פון די ערשטע טריט ביזן סוף פון זיין לעבן. אַזוינע אַרבעטן זיינען, ווי באַוואוסט, פאַראַנען אין דער סאָוועטישער יידישער קריטיק (צום ביישפּיל, די אַרבעטן פון ה. רעמעניק, מ. נאָטאָוויטש אאַ.). אין די אַרטיקלען, וואָס זיינען אַריין אין דער זאַמלונג, ווערן אויסגעקלאָרט בלויז באַזונדערע זייטן פון דעם דיכטערס שאַפונג, אָבער צוזאַמענגענומען בילדן זיי אַ וויכטיקן ביישטייער אין דער קוויטקאָ-פאָרשונג.

עס פאַרדינען אויסגעטיילט צו ווערן די אַרבעטן פון נ. אויסלענדער „פריעיאָרן פון קוויטקאָס שאַפן", פון וו. סמירנאָוואַ „אַ פרייד, וואָס לעשט זיך קיינמאָל ניט אויס", פון מ. פעטראָווסקי „דאָרשט נאָך מענטשלעכקייט", ב. רונין „דיכטונג פון טאָגטעגלעכן וווּנדער", ק. טשוקאָווסקי „אַן אויסגעצייכנטער דיכטער", ר. רובין „די גרויסע וועלט פון דער קינדהייט".

אין די דאָזיקע אַרבעטן, ווי אויך אין אַ ריי אַנדערע, ווערט באַטאָנט דאָס עיקרדיקע אין קוויטקאָס שאַפונג: איר אָרגאַנישע פאַרבינדונג מיט דעם פאָלקס-שאַפן.

„פאַר אים — שרייבט וו. סמירנאָוואַ — איז דער איבערגאַנג פון פאָלקס-דיכטונג צו דער מאָדערנער ליטעראַטור ניט געווען קיין ליטעראַרישע טראַדיציע, נאָר דאָס לעבן אַליין. קוויטקאָ איז אַ דיכטער — אַ סאַמאָראָדאָק, זיין פּאָעטישע באַגאַבונג האָט זיך גענערט פון דער פאָלקס-דיכטונג. די פאָלקס-שפּראַך איז געווען זיין אייגענע שפּראַך".

די פאָלקסטימלעכקייט פון ל. קוויטקאָס פריער דיכטונג — שרייבט נ. אויסלענדער — „איז אַן אָרגאַנישע, זי פאַרמאָגט טיפע וואָרצלען, זי לעבט, אַנטוויקלט זיך צוזאַמען מיט דער פאָלקס-מאַסע, אין די טיפענישן פון וועלכער זי איז אויפגעקומען. טאַקע דערפאַר איז קוויטקאָ געווען ביכולת צו שעפּן פון די פאָלקס-קוואַלן ניט נאָר דאָס פּאָעטיש-צאַרטע וואָרט, וואָס איז דורכגעשטראַלט מיט פאָלקס-פרייד און ליבע, נאָר אויך ווערטער בייזע און שטרענגע, אַמאָל אויך צאָרנדיקע, אין וועלכע ס'האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער גרויסער סאָציאַלער אומרו, וואָס האָט אין יענע יאָרן באַהערשט „הונדערטער טויזנטער הערצער".

„קוויטקאָ — שרייבט ק. טשוקאָווסקי — ניט נאָר ער נעמט פונעם פאָלקלאָר ווערטער, ער וואָרפט זיי אונטער דעם פאָלקלאָרישן ריטם, דעם פאָלקלאָרישן סינטאַקס, דער פאָלקלאָרישער מעלאָדיק". ער איז „קודם-כל געווען אַ פאָלקס-דיכטער אין בעסטן זין פון דעם דאָזיקן קלאַסאַלן וואָרט", אַזאַ ווי „נעקראַסאָוו, בעראַנזשע, שאַנדאָר פּעטעפי, פערגיוסאָן, ראָבערט בערנס".

פּאַכמענעריש, ראַפינירט, מיט דער הילף פון אַ גרינטלעכן אַנאַליז פון קוויטקאָס דיכטונג, ווייזן די קוויטקאָ-פאָרשער אויף קאָנקרעטע ביישפּילן, ווי אַזוי דעם דיכטערס אָפּטימיסטישע לעבנס-פילאָסאָפיע ווערט קינסטלעריש פאַרקערפּערט

אין זיינע ווערק. ב. רונין טיילט אויס אַלס כאַראַקטעריסטישן שטריך פון קוויטקאָס ליריק די עמפּינדונג פון „יום־טובדיקער בראשיתדיקייט, פון פריידיקער באַנייאונג" אין באַצוג צו טאָגטעגלעכע, וואָכעדיקע דערשיינונגען, וואָס קומען פאָר אין אַרום, די נטיה פונעם דיכטער צו באַטראַכטן „יעדן אָנקומענדיקן טאָג, ווי אַ טאָג פון וועלט־באַשאַף". פונדאַנען, ווי עס באַמערקט מ. פּעטראָווסקי — דער דורכאויסיקער אינטערעס פונעם דיכטער נאָכצופאָלגן אין אַלע דערשיינונגען, וואָס קומען פאָר אין דער נאַטור, פריער פאַר אַלץ זייער אָנהייב, דעם עצם פּראָצעס פון אַנטשטייאונג, פון אויפקום, פון „אויפסניי געבוירן ווערן". די קריטיקער זיינען זיך דערביי סומך אויף אַ גאַנצער ריי קוויטקאָס לידער, אַזוינע ווי „שטיי אויף פאַרטאָג", „אַ לויב דעם ניי־געבוירענעם", „כ'וויס אַ סוד", „אַ לויב", „דאָס בלאָזל־בלימל", „ציקאָריע", „דער ערשטער האַרבסט־טאָג" אאַ.

דער באַטראַכטונג פון ל. קוויטקאָס שאַפונג פאַר קינדער ווערט אין דער זאַמלונג אָפּגעגעבן די הויפּטאויפמערקזאַמקייט. די קריטיקער גייען זיך צונויף אין דער מיינונג, אַז עס קאָן ניט געמאָלט זיין קיין כינעזישע וואַנט צווישן קוויטקאָס דיכטונג פאַר קינדער און זיין ליריק פאַר דערוואַקסענע. זיי ווערן געשפּייזט פון איין מקור — פונעם פאָלקס־קוואַל. די וועלט פונעם פאָלקסמענטש איז פאַרבונדן מיט דער וועלט פונעם קינד. אין דער אומיטלבאַרקייט, מיט וועלכער דאָס קינד פאַסט אויף די וועלט, איז דאָ פיל פון דער קלוגער נאַאיווקייט, וואָס איז כאַראַקטע־ריסטיש פאַר דער לעבנס־אויפפאַסונג פונעם פאָלק. די דאָזיקע אייגנשאַפטן זיינען געווען אייגנטימלעך קוויטקאָן דעם פאָלקסמענטש. אין זיין קרישטאָל־ריינעם, פאַרליבטן און פאַרחידושטן קוק אויף דער וועלט, אין זיין ערלעכקייט און אויפ־ריכטיקייט איז געווען פיל פון קינדערישן צוטרוי און באַוואונדערונג.

„די אויסשליסלעכע אומיטלבאַרקייט אינעם אויפנעמען דעם אַרום — שרייבט ר. רובין — דאָס געפיל פון אינטימקייט אין באַצוג צו מענטש און קעגנשטאַנד, די ווירקונג פונעם פאָלקס־שאַפן, וואָס איז איינצייטיק אי נאַאיוו, אי קלוג, ווי די פּסיכיק פון אַ קינד — אָט די אַלע אייגנשאַפטן דעם דיכטערס האָבן אים אָרגאַניש געבראַכט צו דער קינדער־טעמע... דער סטיל פון קוויטקאָס קינדער־לידער דרינגט אַרויס פון זיין פאָלקלאָרישקייט. אין קוויטקאָס „דערוואַקסענער" ליריק טרעפן מיר די זעלבע טיפּיש־פאָלקלאָרישע איבערחזרונגען, הומאָר, עפּיק, ווי אין די קינדער־לידער. אומעטום פאַרהיט דער דיכטער זיין זויבערע, גוטמוטיק־שמייכלענדיקע באַציאונג צום לעבן".

די פאָרשערן באַמערקט, אַז, לײדער, ניט שטענדיק געלינגט די איבערזעצער פון קוויטקאָס קינדער־לידער אין רוסיש צו פאַרהיטן דעם באַזונדערן רייץ פון דעם דיכטערס פאָלקסטימלעכקייט. זי האַלט, אַז אין רוסיש איז קוויטקאָ ערטערווייז אַ ביסל צוגעגלעט. „אין אָריגינאַל איז ער פּשוטער, פרייער, סטיכישער, פאָלקס־טימלעכער. מער פאַר אַלץ האָט אין דער איבערזעצונג געליטן דער שטראָם פון

פֿאָלקלאָרישקייט און במילא אויך די נאַציאָנאַלע באַזונדערהייטן, הגם ס'איז אין דעם פּרט פֿיל דערגרייכט געוואָרן".

די פֿאָרשער דערקלערן דעם סוד פֿון דעם באַזונדערן צויבער, וועלכן ס'פֿאַרמאָגט קוויטקאָס קינדער־דיכטונג, מיט דעם, וואָס ער סטיליזירט ניט, מאַכט ניט נאָך די געפֿילן פֿון די קינדער, זייערע עמפּינדונגען, זייערע רייד, ווי עס טוען אַנדערע קינדער־שרייבער, ער פֿאַרוואַנדלט זיך פּשוט אין אַ קינד — באַמערקט וו. סמירנאָוואַ — און גיט איבער אומיטלבאַר זיינע, דעם קינדס, עמפּינדונגען, זיין וויזיע פֿון דער וועלט, זיינע באַטראַכטונגען — אין דער אומוואַנדלונג אין אַ קינד שטעקט קוויטקאָס לירישע קראַפֿט" מחמת "די קינדהייט האָט אין אים שטענדיק געלעבט — שרייבט ק. טשוקאָווסקי — אין זיין טעמפּעראַמענט, אין זיין ליריזם... אַנשטאָט דעם, צום ביישפּיל, ער זאָל ווי אַ דערוואַקסענער באַשרייבן, ווי קינדער גליטשן זיך אַראָפּ פֿון אַ שניי־באַרג, האָט ער געהאַלטן פֿאַר גלייכער זיך צו פֿאַרוואַנדלען אין אַ יאַטל און מיט זיי צוזאַמען זיך טראָגן באַרג־אַראָפּ אין אַ שליטן" (אויפֿן גליטש").

ק. טשוקאָווסקי גיט דערביי צו, אַז אין זיין כמעט קינדערישן צוטרוי צו אַלץ און אַלעמען, אין זיין פֿאַרליבטקייט אינעם אַרום, וואָס האָט אים צוווילנס אָפּגעווענדט פֿון די פּיינלעכע און האַרבע לעבנס־פּראָבלעמען, האָט קוויטקאָ צייטנווייז איבערגעכאַפּט די מאָס. אין אַזעלכע פֿאַלן האָט ער זיך געסטאַרעט "צוימען זיינע דיפֿיראַמבן און אַדעס מיט אַ גוטמוטיקער איראָניע, פֿאַרשטעלן זיי אין אַ הומאָריסטישער פֿאָרם". ענלעכס פֿאַרצייכנט אויך מ. פּעטראָווסקי: "דער דיכטער שאַפֿט צוערשט אין זיינע לידער־נאָוועלן אַן עמאָציאָנעלן איבערפֿלוס, און דאַן, ווי ער וואָלט זיך געהאַט דערשראָקן אַריינצופֿאַלן אין איבעריקער סענטימענטאַליטעט אָדער פּאַטעטיק, אַנטשולדיקט ער זיך מיט אַ געלעכטערל, סטראַכירט זיך מיט דער הילף פֿון איראָניע". אַלס ביישפּיל ווערן געבראַכט אַ ריי לידער, אַזוינע, ווי "אין זאַאָגאָרטן", "וואוהין שפּאַנט ער ?", "וועגן פֿלוימען", "אויסגעטראַכטע יאַגד", "דאָס קאַכלעפֿל" אאַ.

קוויטקאָס הומאָר, באַמערקן מיט רעכט די קריטיקער, שיידט זיך אונטער פֿון היינעס סאַרקאַסטישן, שוינלאָזן געלעכטער. ער איז אַ וואַרעמער, גוטמוטיקער, פֿאָלקסטימלעכער. ס'איז דער שמייכל פֿון אַ פֿאָלקסמענטש, וועלכער איז ניט אויסן קיינעם צו באַליידיקן אָדער צו פֿאַרשאַפֿן עמעצן לייד. ס'איז אַ "שעמעוודיקגוטמוטיקער שמייכל".

וועגן דעם דיכטערס טיפֿער מענטשלעכקייט ווערט פֿיל גערעדט אין די זכרונות פֿון זיינע מיטצייטלער אין צווייטן אָפּטייל פֿונעם בוך. די מערהייט פֿון אָט די מאַטעריאַלן ווערט דאָס ערשטע מאָל פּובליקירט און וועט געוויס דינען אַלס וויכטיקער צושטייער צו דער ביאָגראַפֿיע פֿונעם דיכטער. באַזונדערס ווערטפֿול זיינען די מעמואַרן פֿונעם דיכטערס פֿרוי בעטי קוויטקאָ. אין זיי ווערן נאָכגעפֿאָלגט

אַלע עטאַפּן פונעם דיכטערס לעבן. געוויס וועלן זיי דינען אַלס וויכטיקסטער מקור פאַר דער פולער לעבנס־באַשרייבונג פונעם דיכטער (אַ שאָד נאָר, וואָס די דאָזיקע אינטערעסאַנטע פאַרצייכענונגען זיינען, לויט אונדזער מיינונג, אַ ביסל איבערגעלאָדן מיט שטייגערישע דעטאַלן און קליינלעכע עפּיזאָדן).

אין אַלע זכרונות וועגן דעם דיכטער ווערט אונטערגעשטראָכן די אָרגאַנישע פאַר אים גוטסקייט. „טאָן גוטס איז געווען דער עצם מהות פון זיין לעבן" — באַטאָנט בעטי קוויטקאָ. דער דראַנג צו האַרמאָניע, צו האַרציקייט אין באַציאונג פון מענטש צו מענטש איז געווען פאַר אים אַ נאָרמע פון אויפפירן זיך אין לעבן, אַן עטאַלאָן פאַר זיין גאַנצער שאַפונג.

די טיפע לעבנספרייידיקייט, מיט וועלכער ס'איז דורכגעזאַפּט קוויטקאָס ליריק און בעיקר זיינע קינדער־לידער, איז געווען איינע פון די סיבות, וואָס האָט גורם געווען דעם לעבהאַפטן אינטערעס צו זיין שאַפן מצד די מוזיקער. וועגן דעם דערציילט צ. ראַצקאַיאַ אין איר אַרטיקל „קוויטקאָס דיכטונג — אַן אומאויסשעפּבאַ־רער קוואַל פון באַגייסטערונג", אַן אַרטיקל, וואָס עפנט אויף אַ ניי בלעטל אין דער קוויטקאָ־פאָרשונג. צ. ראַצקאַיאַ באַווייזט, אַז די מוזיקער, ווי עס האָט באַמערקט דער קאָמפּאָזיטאָר אַ. כאַלמינאָוו, האָט קוויטקאָס קינדער־דיכטונג צוגעצויגן און באַצויבערט בעיקר מיט דער איר אייגנטימלעכער „ליכטיקער, מאַזשאָרער וועלט־אויפפאַסונג", מיט דעם, וואָס זי „פירט די קינדער צו אַ פריידיקער דערקענטעניש פון דער אַרומיקער וועלט" און אויך מיט „דער עמאָציאָנעלער מעלאָדיק און דעם ריטמישן דופק פון זיין ליד, וועלכע זאָגן פיל אונטער דעם קאָמפּאָזיטאָר".

מיר דערוויסן זיך, אַז העכער פופציק קאָמפּאָזיטאָרס האָבן געשריבן מוזיק צו קוויטקאָס לידער. צווישן זיי אַזוינע אָנגעזעענע, ווי פּראָקאָפיעוו, מאַקראָוסאָוו, זשאַרקאָווסקי, קאָמפּאַנייעץ, ר. באָיאַרסקע, ווייַנבערג. אייניקע קוויטקאָס לידער האָבן געפונען זייער מוזיקאַלע פאַרקערפּערונג אין פאַרשיידענע זשאַנרען. צום ביישפּיל, „דאָס פידעלע" — אַלס אַ ליד פאַר סאָלאָ, אַלס אַ ליד אין דער אויספילונג פון אַ כאָר (וו. נעטשייעוו, וו. בלאָק), אַלס אַ קאָמפּאָנענט פון אַ גרויס סימפאָניש ווערק (מ. ווייַנבערג „די זעקסטע סימפאָניע"). דאָס באַקאַנטע הומאָריסטישע ליד „אַ חתן אַן אַ כלה" האָט צו זיך צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון פיר גאַנץ פאַרשיידענע לויט זייער שעפערישער אינדיווידואַליטעט מוזיקער.

קוויטקאָס שאַפונג פאַר „דערוואַקסענע" ווערט אין די אַרבעטן, וואָס זיינען אַריין אין דער זאַמלונג, ווייניק באַהאַנדלט. אַן אויסנאַם בילדן דאָס אַרטיקל פון נ. אויסלענדער, וואָס איז געווידמעט קוויטקאָס פריער ליריק, און דאָס אַרטיקל פון ל. קאַסיל „דער אָנהייב פון אַלע אָנהייבן", אין וועלכן דער אויטאָר שטעלט זיך אָפּ עטוואָס גענויער אויף קוויטקאָס ראָמאַן אין פערזן „יונגע יאָרן".

אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט ווערט אין נ. אויסלענדערס אַרבעט אָפּגעגעבן דער פּאָעמע „אין רויטן שטורעם", וואָס איר הויפּט־פאַרדינסט באַשטייט, לויט

דער מיינונג פונעם פאַרשער, אין דעם, וואָס דאָ האָט דער דיכטער, דער ערשטער אין דער יידישער ליטעראַטור, באַזונגען די מאַסן, וואָס האָבן מיט דער ביקס אין האַנט פאַרטיידיקט די דעראַבערונגען פון דער רעוואָלוציע. אַלס צענטראַלע ליניע אין דער פּאָעמע ווערט אויסגעטיילט דער מאָטיוו פון ברידערשאַפט צווישן פעלקער. נ. אויסלענדער באַטאָנט, אַז ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער יונגער קוויטקאָ האָט ווייטיקדיק רעאַגירט אויף די טראַגישע נסיונות פון די יידישע פאָלקסמאַסן אין די יאָרן פון בירגערקריג, איז ער טריי געבליבן זיין רעוואָלוציאָנער־ראָמאַנטישן אָפּטימיזם.

אין אויסלענדערס אַרטיקל, ווי אויך אין אַנדערע אַרבעטן, ווערט ביים אַנאַליזירן די פּאָעמע „אין רויטן שטורעם" אָנגעוויזן אויף דער ווירקונג פון א. בלאָקס „צוועלף". די דאָזיקע באַהויפּטונג דאַרף, ווי עס ווייזט אויס, אָפּגעפרעגט ווערן. אויף דעם מאַכט אויפמערקזאַם אין איר מעמואַרן־פאַרצייכענונג די פרוי פונעם דיכטער בעטי קוויטקאָ. זי דערציילט, אַז דער דיכטער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן איבער דער פּאָעמע אין 1917 אין אומאַן. זי איז אַרויס פון דרוק אין קיעוו אין 1918. אינעם זעלבן יאָר איז אין פּעטערבורג דערשינען בלאָקס פּאָעמע „צוועלף". סיי אומאַן, סיי קיעוו האָבן זיך דאַן געפונען אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע, און זיי זיינען געווען אָפּגעריסן פון אַלע אַנדערע געגנטן פון סאָוועטן־רוסלאַנד. קוויטקאָ האָט זיכער ניט געהאַט קיין שום מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט בלאָקס פּאָעמע. עס קאָן, אַלזאָ, ניט זיין קיין רייד וועגן השפעה, נאָר וועגן אַ באַשטימטן איבערוף צווישן צוויי גרויסע דיכטער, וועלכע האָבן די ערשטע, יעדערער אויף זיין אופן, באַזונגען די אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

לידער, ווערט אין די אַרטיקלען גאָר קנאַפּ גערעדט וועגן קוויטקאָס ליריק אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן. אין קוויטקאָס לידער פון דער מלחמה און נאָכ־מלחמה־צייט זיינען אויפגעקומען נייע טענער, נייע פאַרבן. דעם דיכטערס געמיט האָט זיך אָנגעפילט מיט טיפסטן טראַגיזם, אין וועלכן ווי און צאַרן איבער דעם חורבן און איבער די פילצאָליקע קרבנות האָבן זיך איבערגעמישט מיט פרייד פון נצחון איבער דעם שונא. דאָס איז אָפּטימיסטישער טראַגיזם אינעם בעסטן זין פון וואָרט.

וועגן דעם „מלחמה־ציקל" שרייבט לעוו אָזעראָוו: „דאָס זיינען שטיקער בלוט, וואָס האָבן זיך פאַרבאַקט אין די שורות, דאָס איז דער ווייגעשריי פונעם פאָלק... אַרבעטנדיק איבער איבערזעצונגען, האָב איך זיך געפייניקט מיט דעם זעלבן ווי און צאַרן... און דאָך, וואָס ס'זאָל ניט געווען טרעפן, איז דאָס האַרץ פונעם דיכטער פאַרבליבן זויבער און שטאָלץ".

אין די מעמואַרן פון קוויטקאָס מיטצייטלער זיינען דאָ אינטערעסאַנטע פּרטים פונעם דיכטערס שאַפונגס־פּראָצעס.

יא. כעלעמסקי ברענגט אין זיינע זכרונות קוויטקאָס אַ מערקווירדיקע אַרויס־זאָגונג לגבי זיין שאַפונג־פּראָצעס:

„ביי מיר איז דאָ אַ פּאַפּע. דאָס איז מיין בריווקאַסטן. איך שרייב געוויינלעך עפּעס אַ מין בריוו צו זיך אַליין. אויף אַ שטיקל פּאַפּיר וואַרף איך אַן אַ געדאַנק, אַ שורה, אַ טעמע — פון דעם, וואָס איך האָב צוגעזען, אונטערגעהערט. און — אין פּאַפּקע אַריין. אַזוינע „בריוו" זאַמלט זיך אויף אַ שלל. אין אַ געוויסער צייט אַרום עפן איך אויף מיין בריווקאַסטן און הייב אָן אַרויסצוגראָבן פון דער „פּאַראַדע" פּיצעלעך מעטאַל. פּאַוואָליע לויפן אָן אַ צוויי־דריי לידער".

אייניקע פּרטים פון דעם מין טרעפן מיר אויך אין קוויטקאָס בריוו צו זיינע איבערזעצער (צו פּ. טיטשינאַ, ק. טשוקאָווסקי, ס. מאַרשאַק, יע. בלאַגינינאַ), וועלכע זיינען אויפגעזאַמלט אינעם פערטן אַפּטייל פונעם בוך. די בריוו שטעלן מיט זיך פאַר אַ ווערטפולן מאַטעריאַל צום דערלערנען די ביאָגראַפיע פונעם דיכטער און זיין שאַפן.

אַ וויכטיקע דערגאַנצונג צו די אַרטיקלען וועגן ל. קוויטקאָס לעבן און שאַפן בילדעט אבא פינקעלשטיינס זאָרגזאַם צונויפגעשטעלטע ביבליאָגראַפיע. דאָס איז אַ פולע רשימה פון דעם דיכטערס ווערק אין יידיש און אין אַנדערע שפּראַכן. פון דער ביבליאָגראַפיע ווערט באַזונדערס קלאָר, ווי פּאָפּולער ס'איז דער דיכטער ביי די פעלקער פונעם ראַטנפאַרבאַנד. זיינע ווערק זיינען איבערזעצט אין רוסיש, אוקראַאיניש, דייטש, אַרמעניש, גרוזיניש, מאַריאיש, טשוואַשיש, טאָטעריש, אַדיגייאיש, טאַדזשיקיש, אוזבעקיש, אודמורטיש מאָרדאָוויש, יאַקוטיש, אַזערביידזשאַניש, טורקמעניש, קירגיזיש, באַשקיריש, מאָלדאַוויש, בוריאַטיש, אינגושיש און אין אַ ריי אַנדערע שפּראַכן. עס האָבן זיי איבערזעצט אויף די שפּראַכן פון אַנדערע פעלקער אַנגעזעענע שרייבער, אַזוינע ווי א. אַכמאַטאָוואַ, מ. אַליגער, ס. מאַרשאַק, ס. מיכאַלקאָוו, מ. סוועטלאָוו, ב. סלוצקי, י. כעלעמסקי, ל. אַזעראָוו, יע. בלאַגינינאַ, פּ. טיטשינאַ, מ. סאָסיוראַ, מ. רילסקי, אי. קוליק אאַ.

דער אַלגעמיינער טיראַזש פון קוויטקאָס ווערק אין פּסׁר באַטרעפט 32,072,860 עקזעמפּלאַרן.

אין דער ביבליאָגראַפיע זיינען אויסגערעכנט אויך די ווערק פאַר קינדער אין אַנדערע שפּראַכן, באַזונדערס אין אוקראַאיניש, וועלכע ל. קוויטקאָ האָט איבערזעצט אויף יידיש.

די גענויע רשימה פון דער ליטעראַטור וועגן ל. קוויטקאָ אין רוסיש מאַכט נאָך פולער דאָס בילד וועגן דער גרויסער פּאָפּולערקייט פונעם סאָוועטישן יידישן דיכטער ביי אונדז אין לאַנד.

אַ שאָד, וואָס עס פעלט אין דער זאַמלונג אַ גענויע פאַרצייכענונג פון די

פּילצאָליקע ליטעראַריש־קריטישע מאַטעריאַלן וועגן דעם דיכטער, וואָס זיינען דאָ אין יידיש.

"דאָס לעבן און שאַפן פון ל. קוויטקאָ" איז אַ וויכטיק בוך, וואָס וועט העלפן טיפער אַריינצודרינגען אין דער וועלט פון לייב קוויטקאָס פּאָעזיע.

די הײַנטצײַטיקע ייִדישע סאָוועטישע נאָוועלע

צווישן די פֿאַרשידענע זשאַנערן פֿון דער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור פֿאַרנעמט די נאָוועלע אַן אָנגעזעען אָרט. פֿאַר פֿופֿצן יאָר "סאָוועטיש היימלאַנד" זײַנען אויף זײַנע שפּאַלטן אָפּגעדרוקט העכער 500 נאָוועלן. אַלע אונדזערע פּראָזאַאיקער, ווער מער און ווער ווייניקער, האָבן אָפּגעגעבן זייער גאָב דעם דאָזיקן זשאַנער. מערקווירדיק איז די פּילאַרטיקייט, וואָס דער זשאַנער האָט לעצטנס באַקומען: ס'זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אויטאָביאָגראַפֿישע, היסטאָרישע, פֿילאָסאָפֿישע, פּסיכאָלאָגישע, שטייגערישע, סאַטירישע, הומאָריסטישע נאָוועלן, נאָוועלעטן הו־מאָרעסקעס, אד"ג.

בעת דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מלחמה און אַ קורצע צײַט נאָך איר האָט די נאָוועלע פֿאַרנומען אַ צענטראַל אָרט אין דער ליטעראַטור, זי האָט צײַטווײַליק פֿאַרביטן אַלע אַנדערע פּראָזע־זשאַנערן. און ס'איז נאַטירלעך. די דאָזיקע פֿאָרם האָט אַ דאַנק אַ ריי אירע ספּעציפֿישע אייגנשאַפֿטן געגעבן אַ מעגלעכקייט דעם שרײַבער, דעם אָנטיילנעמער פֿון די געשעענישן, תּיכּף, אויפֿן אָרט, אויסלאָדן די קינסטלערישע ענערגיע, וואָס האָט זיך בײַ אים אָנגעזאַמלט אונטער דעם פֿרישן אײַנדרוק פֿונעם געשעענעם און איבערגעלעבטן. אויך נאָך דעם, ווען די מלחמה האָט שוין אָפּגעשטורעמט, האָט די נאָוועלע אַ לענגערע צײַט ניט אויפֿגעהערט צו זײַן אַ וויכטיקער ליטעראַרישער זשאַנער, וועלכער האָט בײַגעשטייערט דער פֿאָרמירונג פֿון דער קינסטלערישער געשיכטע פֿונעם לעבן.

אין דער נאָוועלע האָט אונדזער ליטעראַטור געהאַט אַ רײַכע און פּרוכטבאַרע טראַדיציע. שלום־עליכמס גרעסטע קינסטלערישע דערגרייכונגען געהערן, ווי באַוואוסט דער נאָוועלע. י. ל. פּרץ איז געווען און פֿאַרבליבן אַ גרויסער מייסטער פֿון דער קורצער נאָוועלע. די נאָוועלע האָט געקראָגן אַ ביז גאָר אינטענסיווע אַנטוויקלונג אינעם שאַפֿן פֿון א. רייזען, ד. פּינסקי, ה. ד. נאָמבערג, י. מ. ווײַסנבערג, ש. אַש א"אַ. אַ געוואַלדיקן שריט פֿאָראויס האָט זי געמאַכט אינעם שאַפֿן פֿון ד. בערגעלסאָן און דער ניסתּר. די טראַדיציע פֿון זייערע פֿאָרגייער האָבן ווײַטער אַנטוויקלט מ. דניאל, ש. גאָדינער און אַ ריי אַנדערע שרײַבער, וועלכע האָבן אַרײַנגעטראָגן אין דער נאָוועלע דעם גייסט פֿון דער נײַער צײַט, פֿאַרברייטערט אירע מעגלעכקייטן און באַרײַכערט אירע אויסדרוק־מיטלען.

די הײַנטצײַטיקע נאָוועלע איז אַזוי אַרום אַנטשטאַנען ניט אויף קיין ליידיק

אָרט, זי האָט געהאַט פאַר זיך אַ גוט דורכגעאַקערן באָדן, אַ יאָרנלאַנגע טראַדיציע, וועלכע זי איז געווען באַרופן צו ירשענען און אַנטוויקלען ווייטער, באַרייכערן מיט דער נייער לעבנס־דערפאַרונג, מיט נייע קינסטלערישע מיטלען אין איינקלאַנג מיט די נייע עסטעטישע פאָדערונגען. די היינטצייטיקע נאָוועלע איז אין איר גרעסטן טייל אַקטועל, אָנגעלאָדן מיטן גליענדיקן אָטעם פון דער צייט, זי צייכנט זיך אויס מיט איר פסיכאָלאָגישער טיפקייט, פילאָסאָפישער באַדאַכטקייט און איז אין פיל פּרטים אָריגינאַל און נאָוואַטאָריש.

איינע פון די צענטראַלע טעמעס פון דער היינטצייטיקער יידישער נאָוועליסטיק איז די גרויסע פאָלקס־קאַטאַסטראָפע בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. אַ באַזונ־דערס שטאַרקע קינסטלערישע אָפּשפּיגלונג האָט זי געפונען אין דער אויטאָ־ביאָגראַפישער פאָרם.

די באַזונדערע נייגונג צום אויטאָביאָגראַפישן לאָזט זיך דערקלערן, ווי אונדז דאַכט, מיט דעם, וואָס די מערהייט אונדזערע שרייבער געהערט צו דעם דור, אויף וועמענס גורל ס׳איז אויסגעפאַלן צו לעבן אין אַן עפּאָכע, וואָס איז געווען רייך מיט אויפטרייסלונגען און קאַטאַסטראָפעס, מלחמות און רעוואָלוציעס. זייער רייכע אייגענע לעבנס־דערפאַרונג איז געווען אָנגעזעטיקט מיט אַזוי פיל דראַמאַטיזם, אַז ס׳איז גענוג געווען זיך אַ גריבל טאָן אין דער אייגענער ביאָגראַפיע, עס זאָל אויסגעשטעלט ווערן די קינסטלערישע ביאָגראַפיע פון דער עפּאָכע. די מערהייט אונדזערע נאָוועליסטן זיינען געווען אָנטיילנעמער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, פונעם בירגער־קריג, פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מלחמה, זיי זיינען צוזאַמען מיטן ראַטנלאַנד אויסגעשטאַנען אַלע נסיונות אין זיין געראַנגל פאַרן קיום.

דער אויטאָביאָגראַפיזם העלפט מיט צו פאַרשטאַרקן די וואָרהאַפטיקייט פונעם געשילדערטן. די שילדערונג באַקומט זיך איבערצייגעוודיקער, עמפּינדלעכער, אַנשוילעכער.

אויטאָביאָגראַפיע טראָגט מיט זיך אַ שטראָם פון לירישקייט, וואָס פאַרשטאַרקט די עמאָציאָנאַלע אויפווירקונגס־קראַפט פונעם קינסטלערישן וואָרט און בילד, גיט אַ מעגלעכקייט דעם שרייבער דערטראָגן צום לייענער אין זיין אומיטלבאַרער פרישקייט דעם גאַנצן קאָמפּלעקס איבערלעבונגען. דער ליריזם צווינגט דעם לייענער איבערלעבן דאָס אַלץ, וואָס ס׳ווערט אינטים־האַרציק דערציילט.

איבער דעם שעפער פון אויטאָביאָגראַפישן זשאַנער לויערט אָבער די געפאַר זיך צו פאַרשפּאַרן אין די ד׳ אמות פונעם אייגענעם ״איך״, זיך אַראָפּקייקלען אויף שמאָלע אינדיווידואַליסטישע פּאָזיציעס. אונדזער אויטאָביאָגראַפישער נאָוועלע האָט זיך אין דער מערהייט פאַלן איינגעגעבן אויסצומיידן די דאָזיקע געפאַר, אין אירע בעסערע מוסטערן שטעלט זי מיט זיך פאָר אַ זשאַנער פון הויך־קינסטלערישער פּראָזע, וואָס איז רייך מיט לעבעדיקע מענטשלעכע כאַראַקטערן, פּסיכאָלאָגישע

קאָליזיעס און דראַמאַטישע קאָנפליקטן. עפּיזאָדן פון פּערזענלעכן לעבן בילדן ביי אונדזערע בעסערע שרייבער דעם יסוד פאַר קינסטלערישער פאַראַלגעמיינערונג, סינטעטישער טיפּיזירונג. זייער סוביעקטיווקייט, וועלכע דערלאָזט ניט דעם קינסטלער צו זיין מיט אַפּאַטישער גלייכגילט פרעמד דער וועלט, וועלכע ער מאָלט, נאָר צווינגט אים דורכפירן די דערשיינונגען פון אַרומיקן לעבן דורך זיין לעבעדיקער נשמה און אַ דאַנק דעם אַריין אָטעמען אין זיי אַ לעבעדיקע נשמה" (וו. ג. בעלינסקי).

אונדזערע שרייבער "שלעפּן דורך — ווי עס באַמערקט י. שרייבמאַן — אַלע שורות דורך זיך, דורך זייערע אָדערן, דורך זיין אייגענעם האַרץ". די שעפער פון דער אויטאָביאָגראַפישער נאָוועלע האָבן דעריבער שטאַרק ליב די "איך"־פאָרם, וועלכע געפעלט זיי, ווי עס באַמערקט י. שרייבמאַן, "צוליב איר אומיטלבאַרקייט, אינטים־היימישקייט, טאַקע צוליב איר לירישקייט". ניט ווייניקער ליריש און סוביעקטיוו איז די אויטאָביאָגראַפישע נאָוועלע, אין וועלכער דער שרייבער טוט אויף זיך אָן, אַזוי צו זאָגן, אַ "מאַסקע", ער רעדט ניט פון זיין אייגענעם נאָמען, פאַר אים רעדט זיין לירישער העלד. שירע גאָרשמאַן, צום ביישפּיל, אַנטפּלעקט אָפּט אירע אינטימע איבערלעבונגען מיט דער הילף פון איר לירישן העלד.

די היינטצייטיקע אויטאָביאָגראַפישע נאָוועלע איז טיף פאַרוואָרצלט אינעם היינט און לעבט מיט זיין פּראָבלעמאַטיק, זי באַמיט זיך נאָכפאָלגן אַלע וויכטיקסטע פּראָצעסן, וואָס צעוויקלען זיך אין דער ווירקלעכקייט. די ניט־ווייטע פאַרגאַנגענהייט, די מלחמה־גרוילן, הערן ניט אויף צו רעגן אונדזערע נאָוועליסטן, אָבער זיי ווענדן זיי ניט אָפּ פון די אַקטועלע פּראָבלעמען פונעם היינטיקן טאָג. פאַרקערט, די טרויעריקע רעמיניסצענצן לגבי דעם נעכטן מאַכן עמפּינדלעכער די פריידיקע ריטמען פון דעם פרידלעכן היינט. דער איבערפלעכט פון מאַזשאָרע און מינאָרע טענער, פון פרייד און טרויער, פון פּאַטעטיק און עלעגיע גיט צו דער נאָוועליסטיק אַ באַזונדערן דראַמאַטיזם. דער ניט־ווייטער עבר ווערט קינסטלעריש רעפּראָדוצירט אין שיין פונעם היינטיקן טאָג.

די טראַקטירונג פון דער מלחמה־טעמע אין אונדזער ליטעראַטור איז פּרינציפּיעל אַן אַנדערע, איידער אין דער מערב־ליטעראַטור. אין זיין דערציילונג "אין דער היימשטאָט" האָט ט. גען טרעפלעך כאַראַקטעריזירט דעם אונטערשייד צווישן די דאָזיקע צוויי פאַרשידענע צוגאַנגען צו דער מלחמה־טעמע. אָפּשטעלנדיק זיך פאַרבייגייענדיק אויף רעמאַרקס נאָך־מלחמהדיקן ראָמאַן "צייט צו לעבן און צייט צו שטאַרבן", אין וועלכן ס׳ווערט, ווי אין אַ ריי אַנדערע נאָך־מלחמה־ווערק אין די מערב־לענדער, געשילדערט דער אַזויגערופענער "פאַרלאָרענער דור", וואָס פילט זיך דעזאָריענטירט, אַנטוישט און דעמאָראַליזירט נאָך דעם מלחמה־גרויל און פאַשיזם, באַמערקט דער סאָוועטישער שרייבער:

"די העלדן זוכן, וואַרפן זיך, שטערבן און סוף כל סוף שטאַרבן זיי אויף אַן

אומזיניקן אופן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך פאַרצווייפלונג און פוסטקייט. ביי דעם דאָזיקן שרייבער נעמט דער טויט שטענדיק דעם אויבן־אָן איבערן לעבן. צי איז עס טאַקע אַזוי אין דער ווירקלעכקייט? אינעם אייביקן געראַנגל צווישן טויט און לעבן זיגט דאָס לעבן!"

עס הייסט כלל ניט, אַז אונדזערע שרייבער פּרוּוון זיך פאַרמינירן דעם טראַגיזם, פאַרגלעטן די גרויסע וואונדן, מוותר זיין אויף די פאַרלוסטן, וואָס די מלחמה האָט גורם געווען דעם סאָוועטישן לאַנד בכלל און דעם יידישן פאָלק בפרט. אונדזער גרויסער קינסטלערישער "יזכור" איז אָנגעזאַפּט מיט טראַגיזם, מיט וויטיק — אַלמענטשלעכן און נאַציאָנאַלן (גענוג צו דערמאָנען אַזעלכע ווערק ווי אי. קיפּניסעס נאָוועלע "באָבי יאַר", ש. גאָרשמאַנס "פון שטוב צו שטוב", נח לוריעס "אַ באַגעגעניש", י. פאַליקמאַנס "אַכט און דרייסיק", און זיינע ראָמאַנען "די שיין קומט פון מזרח" און "דער שוואַרצער ווינט").

נאָר שילדערנדיק דעם טראַגישן גורל פון די הונדערטער טויזנטער פאַר־אורטיילטע צום אומקום אין די פאַשיסטישע געטאָס און טויט־לאַגערן, פאַלן די שרייבער ניט אַריין אין אויסזיכטלאָזן פּעסימיזם. זיי באַווייזן, אַז די סאָוועטישע מענטשן האָבן בעת די סאַמע שווערסטע נסיונות ניט פאַרלאָרן דעם גלויבן אין דער צוקונפט און די האָפענונג, אַז דער זיג וועט קומען. דאָס האָט זיי געגעבן מוט אַרויסצוווייזן ווידערשטאַנד אין מינוטן פון גרעסטער פאַרצווייפלונג.

די אַלטיטשקע באָבע מלכה, וואָס האָט געהאָלפן מיט אירע פלינקע הענט צו ברענגען אויף דער וועלט הונדערטער יונגע לעבנס, געפינט אין זיך מוט אין דער לעצטער מינוט זיך נוקם זיין אינעם פאַשיסטישן באַנדיט, דעם סטאַראָסטע וולאַדאָס, זי קערט אויף אים איבער אַ טשוהון מיט זאַדיקע וואַסער (ש. גאָרשמאַן "די באָבע מלכה").

פּייוויש־בערל, וואָס פאַרנעמט זיך מיט שוסטעריי אין דאָרף, פאַרלירט זיך ניט, ווען ער דערזעט, ווי צוויי פאַשיסטן איזדיעקעווען זיך איבער זיין ברודער זלמן, צווינגנדיק אים צו פויזן אויף אַלע פיר. ער פּלעט די מחבלים די קעפּ, ראַטעוועט אַרויס דעם ברודער, און ביידע גייען זיי אַוועק אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער (אי. קיפּניס, "ברידער").

אַ גרויסע ראָל האָט אין דעם אַלעמען געשפּילט די ברידערלעכקייט און פריינטשאַפט צווישן די פעלקער אין סאָוועטישן לאַנד.

געוויס זיינען געווען אויסוואורפן וועלכע האָבן פאַראַטן דאָס אייגענע פאָלק און צוגעלייגט אַ האַנט צו דער פאַשיסטישער שוואַרצער אַרבעט פון אויסראָטן די יידישע באַפעלקערונג אין די אָקופּירטע געגנטן. די מערהייט, אָבער, פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג האָט אַרויסגעוויזן טיפן מיטלייד צו די פאַראורטיילטע צום אומקום יידישע מאַסן. עס זיינען באַוואוסט זייער אַ סך פאַלן, ווען רוסן, אוקראַאינער, ווייסרוסן, ליטווינער, לעטן, פאָלאַקן און פאַרשטייער פון אַנדערע

פעלקער האָבן, ריזיקירנדיק מיטן אייגענעם לעבן, געראַטעוועט פון זיכערן טויט יידישע מענער און פרויען, דער עיקר — קינדער.

דער מאָטיוו פון פעלקער־פריינטשאַפט פאַרנעמט טאַקע אַ היפּש אָרט אין אונדזער נאָך־מלחמהדיקער נאָוועלע.

אַ רוסישע פרוי, מאַריאַ סטעפּאַנאָוונע — ווערט דערציילט אין נח לוריעס פּסיכאָלאָגיש־פּאַרטיפטער נאָוועלע "אַ געווייגלעכע, פּשוטה פרוי" — באַהאַלט אויס אין קעלער־שטוב פון איר הויז אַ צופעליק געטראָפענעם אויף דער גאַס יידישן רויטאַרמייער, וואָס איז אַנטלאָפן פונעם דייטשישן שפּיטאָל, וואו ער האָט זיך אויסגעגעבן אַלץ קאַראַאימער.

דער נאַטירלעכער ווילן באַשיצט אים אין מינוט פון געפאַר... געבן צו פילן, אַז אינמיטן דעם ים שנאה, אכזריות, חיהשקייט, וואָס האָט פאַרפלייצט די וועלט, האָט זיך אָפּגעהיט אַ מענטשלעך האַרץ — אָזאַ איז דער מאָטיוו, וואָס האָט באַוועגט די רוסישע פרוי זיך אַנטשליסן אויף איר דרייסטן און ריזיקאַלישן שריט.

מאַריאַ סטעפּאַנאָוונע באַציט זיך צום געראַטעוועטן, ווי צו אַן אייגן קינד. לאַנגע טעג און נעכט היט זי אים אָפּ פון אַ פרעמד אויג, ריזיקירנדיק יעדע מינוט מיט איר אייגענעם לעבן.

ביסלעכווייז וואַקסט איבער אַ הומאַניש געפיל אין אַ גרויסער ליבע, אין אַ גרויס פערזענלעך גליק, פון וועלכן די פרוי האָט פריער ניט געוווּסט.

אין נח לוריעס אַ צווייטן מאָנאָלאָג "אויס חבר", געשריבן אין אַן אַנדערער, אַ זעלטענער ביי דעם דאָזיקן שרייבער, שלום־עליכמישער טאָנאַלקייט, דערציילט אַ יידישער דאָרפס־שוסטער, ווי די איינוואוינער פונעם דאָרף, די רוסישע פּויערים, האָבן אים אויסבאַהאַלטן, און אַ דאַנק פאַרשידענע שפּיצלעך, אָפּנאַרנדיק די פאַשיסטן און זייערע באַהעלפער, אים אַרויסגעראַטעוועט פון טויט. דאָס געפיל, אַז דו ביסט ניט אַליין, אַז מען שטרעקט דיר אויס אַ וואַרעמע ברידערלעכע האַנט, האָט אים געהאָלפן אויסצושטייען אַלע נסיונות.

דער דאָזיקער מאָטיוו גייט דורך אַ גאַנצער ריי נאָוועלן: ביי ה. דאָבינען ("איר שוועסטער"), ש. גאָרשמאַן ("געפונען און פאַרלאָרן" און "ווידער שרייבט ברייוו"); ביי י. שרייבמאַנען ("צוויי חתונות"), י. ראַבינען ("וואָס וועט זאָגן מאַיע?"), ע. קאַנצעדיק ("אַ מאַמע"), און אַנדערע.

אייניקע אויטאָרן באַווייזן, אַז אויך אין די שווערע באַדינגונגען פון עוואַקואַציע האָט פיל געהאָלפן פאַרוואָגלטע יידישע פאַמיליעס די גאַסטפריינטלעכקייט, מיט וועלכער זיי זיינען אויפגעקומען געוואָרן אין די נייע ערטער (ש. גאָרשמאַן "אַ טאַטעריש האַרץ", "שטיינערנע הערצער", "אין טיפן הינטערלאַנד"; ס. ווערכע "קינדער, קינדער", א"אַ).

דעם גורל פון די לעבנגעבליבענע נאָך דער גרויסער קאַטאַסטראָפע זיינען אין אונדזער ליטעראַטור געווידמעט צענדליקער נאָוועלן. פאַר אַ סך האָט זיך דער

צוריקקער אַהיים באַטייט "פאָרן אויף קבר־אבות". אַנשטאָט אַ היים האָבן זיי געפונען רואינען, אַנשטאָט אַ פאַמיליע — גרויליקע "מצבות אין האַרצן". ס'איז שווער געווען זיך ווידער באַזעצן אויף דער ערד, וואו יעדער שטיין דערמאָנט אין די אומגעקומענע. פסיכאָלאָגיש באַרעכטיקט זיינען די טיף דראַמאַטישע קאָליזיעס, וואָס האָבן זיך אויף דעם באָדן צעוויקלט.

שווער קומט אָן די מענטשן אָנצוהייבן דאָס לעבן פון דאָס ניי. די טרויעריקע דערמאָנונגען, די שווערע פאַרלוסטן סמען אָפּ יעדער מעגלעכער פרייד, פאַראַליזירן דעם ווילן צו לעבן. עס גייט אַ שווערער געראַנגל צווישן טויט און לעבן, יאוש און האָפענונג. אינעם געראַנגל זיגט דאָס לעבן, די האָפענונג, די פרייד. און דאָס געשעעט דערפאַר, וואָס די דאָזיקע מענטשן פילן זיך ניט איזאָלירט נאָר פאַרקערט, זיי זיינען אַרומגערינגלט מיט ליבע און מיטגעפיל. דאָס געפיל פון אָנגעהעריקייט צו איין גרויסער ברידערלעכער משפחה העלפט גובר צו זיין די פערזענלעכע וויטיקן, דעם עלנט און דעם יאוש. ביסלעכוויז ציט מען זיך אַריין אינעם ריטם פון לעבן (ש. גאָרדאָן, "אַ חתונה אין קריזשאָפּאָל", "צוריק אַהיים"; י. שרייבמאַן, "צוויי חתונות", "מלאכה־מלוכה"; שירע גאָרשמאַן, "דער טאַטע מיט דער מאַמען", "זאָל פעלן אַ האָר"; י. ראַבין, "די שטוב"; א. ליזען, "דער צווילינג", און פיל אַנדערע).

עס הייסט אָבער ניט, אַז די לעבעדיקע פאַרגעסן אין די טויטע. די פּראָבלעם איז זייער אַ קאָמפּליצירטע און ווערט אין דער מערהייט נאָוועלן באַהאַנדלט און געלייזט מיט קינסטלערישן טאַקט. אַזעלכע נאָוועלן דעקן אויף די טיפע שראַמען, וואָס די קאַטאַסטראָפע האָט איבערגעלאָזט אין די הערצער פון די לעבן־געבליבענע. זיי וואָרענען: דאָס קען מען ניט, דאָ טאָר מען ניט פאַרגעסן. אָבער די לעבעדיקע דאַרפן לעבן, און דאָס לעבן דאַרף גייען ווייטער.

שירע גאָרשמאַן דערציילט מיט טיפן צער אין דער נאָוועלע "פאַרב נעם ביי מיר", ווי די ווייטיקפולע דערמאָנונגען לאָזן ניט צורו, פייניקן, דערפירן צו פּסיכישע אויפטרייסלונגען. "פאַרגעסן און געדענקען" — אַזוי האָט נח לוריע אָנגערופן איינע פון זיינע אַמערסטן רירנדיקע נאָוועלן.

די מלחמה־ווערק פון אָט דעם זשאַנער זיינען דורכגעדרונגען מיט שנאה און פאַראַכטונג צו פאַשיזם, צו מאָרד און מלחמה, זיי זיינען אָנגעפילט מיט פּראָטעסט קעגן ווילדן ראַסן־און־פעלקער האַס. איינצייטיק דערמיט, קען מען זאָגן, אַז דער אַנטי־מלחמה מאָטיוו איז נאָך בולטער אויסגעדריקט דווקא אין יענע נאָוועלן וועלכע שילדערן דאָס היינטיקע פרידלעכע לעבן. איך וויל אַלסביישפּיל ברענגען ש. גאָרשמאַנס מיניאַטור "די ערשטע באָד". די דאָזיקע קורצע נאָוועלע איז פול מיט זון, מיט ליכט, מיט לעבנספרייד. יונגע טאַטע־מאַמע באָדן ס'ערשטע מאָל אַן עופעלע, וואָס האָט ערשט מיט צען טאָג צוריק דערזען די ליכטיקע וועלט. די זאָרג־זאַמקייט און דער נחת פון די יונגע עלטערן, די אויפפירונג פונעם קינד ביים

באָדן זיך, זיין צוכאַפּן זיך צום מאַמעס ברוסט — דאָס אַלץ איז געצייכנט פּלאַסטיש, עמאָציאָנעל, קרעפּטיק. דער עיקר, אָבער, שטעקט אינעם פינאַל: ״טאַטע־מאַמע האָבן געהערט, געקוקט, ווי דאָס פּיצל האַרעוועט, און שווייגנדיק געטראַכט: ׳עס זאָל נאָר קיין מאָל פון מלחמה ניט וויסן...׳ דאָס קינד האָט אַלץ געשלונגען, געשלונגען, איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און ווייטער געשלונגען, זיך אָנגענומען ביי דער מאַמען קרעפטן צו קוועלן, צו וואַקסן, צום לעבן...״

אין אייניקע נאָוועלן ווענדן די אויטאָרן די אויפמערקזאַמקייט אויף באַשטימטע גרויזאַמע סימפּטאָמען פון פאַשיסטיש־מיליטאַריסטישע טענדענצן אין די מערב־לענדער. ביים לייענער ווערט דערוועקט דאָס אַחריות־געפיל לגבי דער צוקונפט פון דער מענטשהייט.

אין דער נאָוועלע ״האָטעל אינטוריסט״ דערציילט ט. גען וועגן דעם, וועלכע ״שווערע בלוטיקע דערמאָנונגען״ און פּיינפולע מחשבות האָט אַרויסגערופן ביי דעם אינזשינער זכריה דאַווידאָוויטש לעווינסקי, וועמענס משפּחה, די דייטשישע פאַשיסטן האָבן אומגעבראַכט בעת דער מלחמה, דאָס צופעליקע געפינען זיך אין איין נומער פון האָטעל מיט אַ יונגן סטאַזשער פון דייטשלאַנד. אים האָט געפייניקט דער געדאַנק: ״צי האָבן די זין באַנומען די גאַנצע שולד פון זייערע פאָטערס, וואָס האָבן געטראָטן אונדזער לאַנד, געמאָרדעט, פאַרגאָסן טייכן בלוט?״.

אָבער די עטלעכע טעג צוזאַמען זיין מיטן סטאַזשער איבערצייגן לעווינסקין, אַז יאָ, ״די זין האָבן באַנומען די גאַנצע שולד פון זייערע פאָטערס״, אַז פאַר דעם יונגן בחור פון דער דייטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק און פאַר אים, דעם ייד, דעם אינזשינער פון ראָטנפאַרבאַנד, שטייען די זעלבע אויפגאַבן, אויף ביידן ליגט די זעלבע אחריות: ניט דערלאָזן, אַז דאָס געשעענע זאָל זיך ווידער איבערחזרן.

די דאָזיקע אַקטועלע פּראָבלעמאַטיק ווערט מיט אַ באַזונדערער ליידנשאַפטלעכקייט פילאָסאָפיש באַזיניקט אין די נאָוועלן פון איינעם פון די עלטסטע יידישע שרייבער, משה אַלטמאַן.

מ. אַלטמאַנס נאָוועלן זיינען ביז גאָר אייגנאַרטיק. אין זיי טרעפן מיר אַ וואונדערלעכן איבערפלעכט פון ליריק און געדאַנקלעכקייט, אומיטלבאַרע מעשׂה־דיקייט און ראַפינירטער דערציילערישקייט, פון שטייגערישער שילדערונג און פילאָסאָפישער באַטראַכטונג. זיינע נאָוועלן זיינען מערסטנטייל אויטאָביאָגראַפיש, און דעריבער זיינען זיי דורכגעזאַפּט מיט ליריזם, און דאָך פּרעוואַלירט אין זיי דאָס לאָגישע אינטעלעקטועלע, געדאַנקלעכע. אַלטמאַן איז אין תוך אַ פּראָבלעמען־שרייבער.

פאַר זיינע נאָוועלן קלייבט אויס מ. אַלטמאַן אין דער מערהייט פאַלן די פאָרם פון אַ פילאָסאָפישן דיאַלאָג אָדער, ריכטיקער, פילאָסאָפישן וויכוח, די דאָזיקע פאָרם האָט אַ רייכע טראַדיציע אין דער וועלט־ליטעראַטור. מיר טרעפן זי אין די ווערק פון אַנטישער עפּאָכע, אין די אַלט־העברעיִשע ליטעראַרישע דענקמעלער,

נאָר באַזונדערס איז זי געווען פאַרשפּרייט אין דער ליטעראַטור פון 18־טן יאָר־הונדערט, ביי די פראַנצויזישע אויפקלערער.

ביי אַלטמאַנען איז דער וויכוח צווישן צוויי פאַרשידענע פילאָסאָפישע צוגאַנגען צום לעבן, צו דער פּראָבלעמאַטיק פון אונדזער צייט: איינער — אַ סקעפּטיש־פּעסימיסטישער (אים זאָגט אַרויס אַ מאָל אַן אַלטער אַרטיסט, אַ מאָל אַ פּסיכיאַטער), דער צווייטער — אַ האָפענדיק אָפּטימיסטישער (אים זאָגט אַרויס דער שרייבער אַליין). פאַר ביידן אָבער סיי פאַר דעם סקעפּטיקער סיי פאַר דעם אָפּטימיסט, איז כאַראַקטעריסטיש אַ טיפע דערשיטערונג פון די איבערגעלעבטע מלחמה־קאַטאַסטראָפן און שטאַרקע זאָרג פאַר דער צוקונפט פון דער מענטשהייט. ביידע אַפּעלירן זיי צום מענטשלעכן געוויסן.

אין די דאָזיקע נאָוועלן באַקומט דעם בולטן אויסדרוק מ. אַלטמאַנס הומאַ־ניסטישע קאָנסעפּציע, זיינע זאָרגן וועגן דעם גורל פון דער מענטשהייט און זיין גלויבן אינעם זיג פונעם מענטשלעכן שכל.

„איך וואָלט געוואָלט דערמאָנען מענטשן — זאָגט דער אַלטער אַרטיסט אין דער נאָוועלע — ‚אַ געשיכטע מיט ליבע' — אַז אַלץ, וואָס לעבט, איז שטערבלעך, ניט כדי צו פאַראומערן דאָס לעבן... פאַרקערט, כדי צו צווינגען טיפער צו שאַצן, האָבן מער אָפּשיי פאַרן לעבן, פאַר יעדנס לעבן..." אונדזער עפּאָכע, די עפּאָכע פון געוואַלדיקע טעכנישע דערגרייכונגען, איז מסוגל ברענגען דער מענטשהייט די גרעסטע פרייד און דאָס גרעסטע גליק, גלייכצייטיק אָבער אויך — די גרעסטע אומגליקן, טויט און פאַרניכטונג. די דאָזיקע אַלטערנאַטיוו באַאומרואיקט טאַקע דעם שרייבערס פאַרטנער לויטן וויכוח, דעם פּסיכיאַטער („אין דער טיף פון שפּיגל", „וואו קויפט מען קינדערישע סוועטערס?"). די געשפּענסטער פון „אַוש־ווענטשים, כיראָסימאַ, וויעטנאַם" פאַרפאָלגן אים, לאָזן אים ניט צורו. וואו איז די גאַראַנטיע, אַז דאָס אַלץ וועט זיך נאָך אַ מאָל ניט איבערחזרן?

די ליידנשאַפטלעכקייט, מיט וועלכער די דיאַלאָגן זיינען געשריבן, זאָגן עדות, אַז זייער מחבר האָט ניט נאָר „אַ טראַכט געטאָן", נאָר ער האָט די אַלע שאלות, זאָרגן, ספקות אויסגעקרענקט און אויסגעוויטיקט. ער האָט אויף זיי אַן ענטפער. דער ענטפער שטאַמט פון זיין גלויבן. מ. אַלטמאַן גלייבט אינעם מענטשן, אינעם כוח פונעם אַרבעטס־מענטש, ווען ער ס'וועט געהערן דאָס לעצטע וואָרט, און דערמיט וועט זיין געזיכערטער דער זיג פונעם מענטשלעכן פאַרנונפט, פון פרידן און גע־רעכטיקייט.

„— מען טאָר ניט צווייפלען אינעם מענטשן! — וואָרנט ער זיין פאַרטנער — מען טאָר ניט!... ווער האָט נאָך געהאַט אַזוי פיל מאָטיוון אַריינצופאַלן אין פאַרצווייפלונג, ווי דאָס יידישע פאָלק? האָט עס אויסגעדיכטעט אַ לעגענדע וועגן זעקס און דרייסיק פאַרבאָרגענע צדיקים, וואָס אין זייער זכות ווערט די וועלט ניט חרוב, דאָס סאַמע מערקווירדיקע דערביי: די דאָזיקע צדיקים, וואָס אין זייער

זכות בלייבט די וועלט אַ וועלט, זיינען ניט קיין למדנים, ניט קיין רביים, נאָר גאָר פּשוטע מענטשן, האַרעפּאַשניקעס. אַ וואַסער־טרעגער, אַ קירזשנער, אַ שניי־דער... דער אויסלייזער איז פאַראַן — דער מענטש פון מי״ (״וואו קויפט מען סוויטערס ?״).

אינעם פילאָסאָפישן דיאַלאָג ״די שפּיל אַרום אַ שטעקן״, אין וועלכן דער שרייבער אַפּערירט מייסטעריש מיט ״מעשהלעך פון חומש״, רופט ער צו פריינט־שאַפט און פאַרשטענדעניש צווישן די פעלקער. ״ליבשאַפט וואַרעמט. שנאה איז קעלט״. ״ס׳איז פאַראַן פייער אויף דער ערד, ס׳זיינען פאַראַן מענטשן און מענטש־לעכקייט״ — ווערט געזאָגט אין דער ״אַלטער באַלאַדע אָן גראַמען״ — אַ מייסטע־רישע באַאַרבעטונג פון אַ מאָלדאַווישער פאָלקס־מעשה.

אייניקע אַלטמאַנס נאָוועלן זיינען אַ ביסל צו אינטעלעקטואַליש, איבערגעלאָדן מיט ליטעראַרישע, געשיכטלעכע, פילאָסאָפישע אַסאָציאַציעס, פּאַראַלעלן, אַפּוויי־כונגען, וואָס עס צעשטערט טיילמאָל די קינסטלערישע שלמות. פון דעם אָבער ווערט ניט געמינערט זייער געוואַלדיקע עמאָציאָנאַלע אויפּווירקונגס־קראַפט.

מ. אַלטמאַן געהערט צו דער גרופּע שרייבער, וועלכע האָבן זיך איינגעבירגערט אין אונדזער סאָוועטישער סביבה ערב דער גרויסער פאָטערלענדישער מלחמה, בעת די בייבאַלטישע געגנטן, מערב־אוקראַאינע, מערב־ווייסרוסלאַנד און בעסאַראַביע האָבן זיך איינגעשלאָסן אין פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע רעפּובליקן. די דאָזיקע שרייבער האָבן אַריינגעטראָגן אַ וואָגיקן צושטייער אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור, און זיי פאַרדינען אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט.

די געגנטן, וועלכע האָבן דירעקט געגרענעצט מיט דעם פאַשיסטישן דייטש־לאַנד, האָבן, נאַטירלעך, אַמערסטן געליטן פונעם אומדערוואַרטן אָנפאַל פון די נאַציסטישע באַנדעס. אין אָט די קאַנטן האָט זיך די קאַטאַסטראָפע אויסגעווירקט באַזונדערס טראַגיש. פון דאַנעט די פאַרשטאַרקטע פילבאַרקייט פון די דאָרטיקע שרייבער צו די גרוילן פונעם קאַטאַקליזם. דאָס איז צו זען אין די נאָוועלן פון מ. אַלטמאַן, י. שרייבמאַן, י. בורג, א. ליזען א״אַ.

אָבער מיט דעם האָט זיך דער בייטראַג פון די דאָזיקע שרייבער אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור ניט באַגרענעצט. אין זייערע ווערק איז דער־שינען אַ נייער, אונדז פריער ניט באַקאַנטער, טיפּאַזש, ס׳איז אַריין אַהער דער בעסאַראַבער, בוקאָווינער, ליטווישער, לעטלאַנדישער, קאָלאָריט, עס האָט אַ שעמע־ריר געטאָן מיט ניט באַקאַנטע נאַטור־בילדער (צום ביישפּיל דער פּייזאַזש פון די קאַרפּאַטן־בערג ביי י. בורגן). די שרייבער פון די סאָוועטיש־געוואָרענע געביטן האָבן געבראַכט מיט זיך זייערע טעמעס, זייער אַקטועלע פּראָבלעמאַטיק (די אונטערערדישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, פּראָבלעמען פון גראַנגל צווישן אַלטן און נייעם שטייגער, צווישן די כוחות פון רעאַקציע און פּראָגרעס א״אַ).

אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך אין דער שרייבערישער מאַניר פון די דאָזיקע

שעפער איז די אָרגאַנישע צונויפגיסונג פון דער באַגייסטערט־פּאַטעטישער שילדע־רונג פונעם איצטיקן לעבן מיט דער ליריש־עלעגישער רעמיניסענץ לגבי דעם פאַרגאַנגענעם. דער פּרעוואַלירנדיקער קאָמפּאָזיציאָנעלער פּרינציפּ פון דער מערהייט נאָוועלן איז די פּאַראַלעל צווישן היינט און אַ מאָל (באַזונדערס איז עס קענטיק ביי י. בורגן, נאָר גאַנץ דייטלעך אויך ביי י. שרייבמאַנען, מ. אַלטמאַנען און ב. האַלפּערנען). דער איינדרוק פונעם נייעם, סאָוועטישן לעבן ווערן שטאַרקער און עמפּינדלעכער אויפגעפּאַסט און אונטערגעטראָגן אויף דער קאָנטראַסטפּולער פּאָן פונעם פריערדיקן, לגמרי אַנדערשדיקן לעבן.

הגם די רעמיניסצענצן לגבי דער פאַרגאַנגענהייט זיינען אָפט פאַרבונדן מיט עקסקורסן אין דער קינדהייט און אין דער יוגנט — עטאַפּן אינעם מענטשלעכן לעבן, וועלכע סטימולירן בדרך כלל צו ליריש־סענטימענטאַלער ראָמאַנטיזירונג — איז די שילדערונג פונעם עבר אין די ווערק פון די דאָזיקער שרייבער ווייט פון אידעאַליזאַציע. פאַרקערט, אין שיין פונעם נייעם לעבן אין דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט זעען אויס באַזונדערס עקלהאַפט די רעשטלעך פון דעם מיטל־עלטער, וועלכע האָבן זיך נאָך שטאַרק געלאָזט פילן אין די יידישע ישובים פון דער ביז־סאָוועטישער ליטע, לעטלאַנד אָדער בוקאָווינע, בעסאַראַביע. די שרייבער שילדערן זאַפטיקע, סאַטירישע, אינעם מענדעלע־נוסח, בילדער פונעם אַלטער־טימלעכן שטעטלדיקן שטייגער, דעקן אויף דעם שווערן גערעַנגל צווישן אַלט און ניי, צווישן פאַרשידענע קלאַסן, פּאַרטייען, מאָלן געשטאַלטן פון רעוואָלוציאָנערע טוער, בילדער פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף (מ. אַלטמאַן, "אַ מאָל איז געווען"; י. שרייבמאַן, "אַ קאַפּיטל ראַשקעוו", "אַביגדור, ניסל און ניוקע", "חיה ליפשיצעס חברטע"; י. בורג, "צוריק אַהיים", "נעכטיקע טעג", א"אַ).

דער סאָוועטישער מענטש, דער מענטש מיט אַ נייער פּסיכאָלאָגיע, נייעם קוק אויפן לעבן, נייער מאָראַל, ווערט אָפט אין די ווערק פון די דאָזיקע שרייבער קעגנגעשטעלט דעם מענטשן פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט מיט זיין אייגנ־טימערישער פּסיכאָלאָגיע און מאָראַל.

אין דער נאָוועלע "גיי דערקלער אַ טומטום", שילדערט ב. האַלפּערן אַ באַגע־געניש פון צוויי געוועזענע יוגנט־חברים אין זייער ביידנס געבוירן־שטאָט, ריגע. איינער האָט דאָרט אָפּגעלעבט אַלע יאָרן, דער צווייטער איז יונגערהייט אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע. צוויי געוועזענע חברים, צוויי ניט אַלץ איינע לעבנס־וועגן, צוויי פאַרשידענע וועלט־אַנשויאונגען, איינער האָט געלעבט נאָר צוליב זיך "זיך אויס־געקנאָטן אַ געמיטלעך לעבן, מיט אַ קאָקעטיש הייזל, קלומבעס פון רויזן, אַ געהאַרכזאַם ווייב". דער צווייטער האָט זיין גאַנצע ענערגיע, זיין גאַנצן לעבנס־אימפּעט אָפּגעגעבן דער געזעלשאַפט, דעם קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט. אונטער־פירנדיק אַ שטיקל סך־הכל, קען ער טאַקע מיט צופרידנקייט פאַרצייכענען, אַז ער האָט איבערגעלאָזט אַ שפּור אויף דער ערד און זיין גאַנץ לעבן האָט געהאַט אַ זין.

דער "מאַן אין גרויען" אין האַלפּערנס נאָוועלע מיט דעם זעלבן נאָמען, דער טוריסט פון אַרגענטינע, פאַרגלייכנדיק דעם לעבנס־וועג, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, מיט דעם לעבנס־וועג פון זיין סאָוועטישן יוגנט־פריינד, איז געצוואונגען צו אָנער־קענען אַז "בויען אַ ניי לעבן איז אַ ביסל שווערער און קאָמפּליצירטער, ווי באַגנבענען איטאַליענערקעס און האַנדלען מיט שמייכלען פון מיידלעך אין גרינע, עלעגאַנטע אוניפאָרמס". עס ווערט אים קלאָר, אַז ער האָט, אייגנטלעך, אַ גאַנץ לעבן "באַגנבעט זיך אַליין".

ב. האַלפּערנס נאָוועלן זיינען סאָציאַל און פּאָליטיש פאַרשאַרפט. אָפט באַווייזן זיך אין זיי פּובליציסטישע ווענדונגען.

ענלעך לויטן כאַראַקטער זיינען די נאָוועלן פון ג. קאָסאָי. זיין באַליבטע נאָוועלע־פאָרם איז דער מאָנאָלאָג.

ג. קאָסאָי האָט געלעבט אין אַמעריקע, ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט זיך געוויס צו באַקענען מיט די "מעלות־טובות" פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעל־שאַפט. אינעם גרעסערן מאָנאָלאָג "די פּרייז פון אַ דירה" ווערט צעוויקלט איינע פון פיל לעבנס־דראַמען, וואָס שפּילן זי אָפּ יעדן טאָג אין דער געזעלשאַפט, וואו דער הערשנדיקער פּרינציפּ איז "אַ מענטש צו אַ צווייטן מענטש איז אַ וואָלף".

אין אַ גאָר אַנדערער טאַלאַנטקייט זיינען געשריבן ג. קאָסאָיס נאָוועלן, אין וועלכע ער ווענדט זיך צו דער היינטצייטיקער סאָוועטישערווירקלעכקייט. אַנשטאָט סאַטירע און סאַרקאַזם קומט אַ וויכער, גוטמוטיקער, וואַרעמער הומאָר. אַזאַ איז דער הומאָריסטישער מאָנאָלאָג "דער קלוב פון געלעכטער", פון וועלכן סע שפּרודלט ממש מיט פאָלקס־חכמה און שאַרפזין.

דער שילדערונג פונעם נייעם סאָוועטישן לעבן, דער עיקר אין די בעסאַראַבער שטעט און שטעטלעך, ווידמעט פיל קינסטלערישע ענערגיע יחיאל שרייבמאַן.

י. שרייבמאַן איז טאַקע אַ נאָוועליסט, אַזוי צו זאָגן, לויטן באַרוף. ער איז כל ימיו טריי דעם דאָזיקן זשאַנער, מען קען אַפילו זאָגן, ער איז ניט נאָר אַ "פּראַקטיקער" פון דער נאָוועלע, נאָר אויך איר "טעאָרעטיקער" (אין די "מיניאַ־טורן", וואו ער באַהאַנדלט דעם דאָזיקן זשאַנער). ער שעצט די נאָוועלע אַלס זשאַנער פאַר איר געפּרעסטקייט. זיין דעוויז איז: "קורץ איז דאָס, וואָס קען ניט זיין קורצער" און "צופיל זאָגן איז פּונקט אַזוי, ווי גאָרניט זאָגן".

שוין אין שרייבמאַנס מיניאַטור־נאָוועלן, מיט וועלכע עס האָט זיך געעפנט דער ערשטער נומער פון "סאָוועטיש היימלאַנד", האָט זיך גלייך געלאָזט שפּירן דעם שרייבערס לעבנס־פריידיקע מוזע. די מיניאַטור "גראָז", צום ביישפּיל, וואָלט געקענט, דאַכט אונדז, דינען אַלץ מאָטיוו צו י. שרייבמאַנס שאַפן אינגאַנצן גענומען.

אויף אַ קנאַפּ דריטל פון אַ זייטל ווערט דערציילט, ווי אַזוי דאָס קליינינקע יינגל האָט פאַרחידושט און פאַרחושט זיך איינגעגראָבן אין דעם פרישן גראָז, וואָס

האָט פאַר אַ נאַכט אַרויסגעשפּראָצט אין אַ ווינקל פון אַ גרויס־שטאָטישן אויס־ברוקירטן הויף...

אַז מען לייענט י. שרייבמאַנס נאָוועלן, שטייט פאַר די אויגן אָט דער קליינינקער סעניע, וואָס איז אַזוי פול מיט חידוש און באַגייסטערונג פון דער צאַרטער גרינקייט פון פריש־אויסגעשפּראָצטן יונגן גראָז.

דעם לייט־מאָטיוו פון י. שרייבמאַנס נאָוועליסטיק וואָלט מען געקענט דעפינירן אַזוי: "דאָס לעבן — איז גוט!", דער שרייבער פאַרמאָגט די זעלטענע פעאיקייט אויסצוגעפינען דאָס יום־טובדיקע אינעם וואָכעדיקן און טאָג־טעגלעכן, ער איז באַשאָנקען מיט אַ באַזונדערן חוש פאַר אַלדאָס שיינס און דערהויבנס.

ביי שרייבמאַנען רופט אַרויס באַגייסטערונג יוגנטלעכע שיינקייט, ווער רעדט נאָך, ווען אויסערלעכע שיינקייט ווערט באַגלייט מיט אינערלעכער, מאָראַלישער. אַן אַפּאָטעאָז דער יוגנטלעכער נשמה־שיינקייט איז די נאָוועלע "דאָס מיידל פון שעפּעטאָווקע".

אין דער "סענאַטאָרישער לידיק־גייערישער זאָרגלאָזיקייט", דערציילט אונדז דער שרייבער, האָט דאָס מיידל פון שעפּעטאָווקע אַרויסגערופן "זינדיקע מחשבות". אויף וויפל זי האָט זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט און פלעגט אויף אַ צייט ערגעץ־וואו פאַרפאַלן ווערן, האָט זיך ביי אייניקע מאַנצבילן געשאַפן אַ חשד, אַז זי פירט זיך לייכט אויף. "מער פון אַלץ האָט געשונדעוועט איינער אַ כאָרמייסטער", אַ מענטש, וואָס האָט איבערגעלעבט אַ פאַמיליען־דראַמע און האָט "זיך געהיילט אין סענאַטאָריע מיט אַנעקדאָטן, מיט וויצן, מיט לייכטער שפּיל". טאַקע ער האָט זיך געשטעלט דעם ציל "אָראָפּרייסן" פון דעם דאָזיקן מיידל די מאַסקע פון צניעות. נאָר ער נאַרט זיך, נעבעך, מיאוס אָפּ. דאָס מיידל, נאָך וועלכער ער שפּירט אַ צייט נאָך, דערשיינט פאַר זיינע אויגן אין איר גאַנצער אינערלעכער מאָראַלישער שיינקייט. זי "ווערט פאַרפאַלן", ווייזט זיך אַרויס, אינעם צימער פון אַ געוועזענעם פאַדפאַלקאָווניק, וואָס האָט בעת דער מלחמה פאַרלאָרן די ראיה, זי העלפט אים גרייטן זיך צו די לעצטע עקזאַמענס אין הינטער־אויגיקן היסטאָרישן פאַקולטעט, וועלכן ער האַלט ביי פאַרענדיקן.

י. שרייבמאַנס נאָוועלן לאָזן נאָך זיך איבער שטימונג, זיי שטעקן אָן דעם לייענער מיט פרייד, באַוואונדערונג, בענקשאַפט. פיל העלפט דערצו דאָס פּראָסטע, נאָר וואַרעמע פאָלקסטימלעכע וואָרט, די נייטיקע פאַרב, דאָס צוגעגנגלעכע, נאָענטע צו דער פאָלקס־אויפפאַסונג בילד.

דעם זשאַנער פון דער מיניאַטור־נאָוועלע קולטיווירט מיט גרויסער ליבע מאַרק ראַזומני. זיינע מיניאַטורן זיינען ניט קיין לירישע, ווי ביי שרייבמאַנען, נאָר פילאָסאָפישע. ער באַטיטלט זיי מיט אַ נייעם נאָמען — "נאָוועלעטן".

ראַזומניס נאָוועלעטן באַזירן זיך אויף רעאַלע פאַקטן, וועלכע דער שרייבער

באַמערקט אויף יעדער טריט און שריט. דער עיקר איז אָבער אינעם געדאַנק, אין דער פילאָסאָפישער באַזיניקונג, אין דעם מוסר־השכל.

דער גרונט־טאָן פון מ. ראַזומנים "נאָוועלעטן" איז אַן אָפּטימיסטישער. דאָס לעבן צויבערט מיט פילאַרטיקייט, פילאָסאָפישער פּראָסטקייט און טיפקייט. מען דאַרף נאָר קענען באַזייטיקן דאָס שלעכטע, דאָס אָפּגעלעבטע, דאָס שעדלעכע; מען דאַרף קענען שעצן און אויסטיילן דאָס שיינע, געזונטע און פאַרנונפטיקע, לערנען זיך פון דעם.

אַ טיף־הומאַנישער געפיל דרינגט דורך אַט די מיניאַטורן. דער שרייבער וויל אויפריכטיק און פון האַרצן, אַז דעם מענטשן זאָל "דאָס האַרץ ניט ווייַ טאָן", ער זאָל זיך פילן גליקלעך און צופרידן אויף דער ערד. מ. ראַזומני שטעלט הויכע מאָראַלישע פאָדערונגען צו דעם מענטשן. ער פאַרהערלעכט אינעם מענטשן אַזעלכע אייגנשאַפטן, ווי ליבע, געטריישאַפט, ערלעכקייט, באַשיידנקייט, מענטשלעכקייט; פאַראורטיילט פאַלשקייט, פוסטע באַרימערייַ, געיעג נאָך רום, חניפה, מענטשן־שינאה אד"ג. ("פון אויבן אַראָפּ", "פאַרביקער שנייַ", "פאַרביי־גייער", "אַ פּשוט סטעאַרין־ליכטל", "ערלעכקייט", "ער איז אַלט, אָבער ניט פאַרעלטערט", "פריינד־שאַפט", "געפּוצטע שיך", "גלייכגילט", "איילט זיך טאָן גוטס" א"אַ).

אין ראַזומניס נאָוועלעטן פיגורירן ניט בלויז מענטשן, נאָר אויך בעלי־חיים, פייגל, פלאַנצן, טויטע קעגנשטאַנדן, נאָר זיי אַלע ווערן באַלעבט, פערזאָניפיצירט, זיי טראַכטן, דענקען, רעדן זיך איבער, מיט זייער הילף זאָגט דער שרייבער אַרויס זיינע איבערלעבונגען, זיין "דאָס בין איך אויסן". די דאָזיקע נאָוועלעטן זיינען ענלעך צו משלים און טראָגן אַן אויסגעשפּראָכן דידאַקטישן כאַראַקטער.

אין דער פילאָסאָפישער באַזיניקונג פון די עטישע פּראָבלעמען פון אונדזער לעבן שטעקט די קראַפט פון מ. ראַזומניס שאַפן, און דאָס איז זיין בייטראַג אין דער היינטצייטיקער נאָוועליסטישער פּראָזע.

וועלכער דאַרף זיין דער נייַער מענטש, דער בויער פון דער נייַער געזעלשאַפט, זיין גייסטיקער אָנבליק, וועלכע דאַרפן זיין זיינע מאָראַלישע פּרינציפּן — דאָס איז איינע פון די צענטראַלע פּראָבלעמען, וואָס רעגט די שעפער פון דער היינטצייטיקער נאָוועלע.

אַ גרויסן צושטייער אין דער לייזונג פון דער דאָזיקער פּראָבלעם, דער פּראָבלעם פונעם פּאָזיטיוון העלד אין אונדזער היינטצייטיקער ליטעראַטור, האָט אַריינגעטראָגן די גרופּע ביראָבידזשאַנער שרייבער. ב. מילער, ל. וואַסערמאַן, ה. ראַבינקאָוו, ס. באַרזשעס — יעדער פון זיי האָט אויף זיין אופן, לויט זיינע מעגלעכקייטן, אַריינגעטראָגן זיין גאָב אין דער קינסטלערישער געשטאַלטונג פונעם פּאָזיטיוון העלד, דעם אַקטיוון בויער פונעם נייַעם לעבן.

פאַר אַלע ביראָבידזשאַנער שרייבער איז כאַראַקטעריסטיש אַ פאַרשאַרפט פּאַטריאָטיש געפיל לגבי דעם סאָוועטישן היימלאַנד און דירעקט לגבי דער יידישער

אויטאָנאָמער געגנט, מיט וועלכער ס׳איז ענג פֿאַרבונדן דער לעבנס־גורל און דאָס ליטעראַרישע שאַפֿן פֿון יעדער פֿון זיי. די דאָזיקע שרייבער האָבן צוזאַמען מיט דער געגנט איבערגעלעבט אַלע אירע שווערע געבורט־ליידן. זיי האָבן מיט זייערע אויגן געזען ווי די ווילדע טייגע איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בליענדיקן קאַנט, זיי זיינען געווען צווישן די ערשטע בויער פֿון דער שטאָט ביראָבידזשאַן, מיט־געהאָלפֿן איר צעבליונג און אַנטוויקלונג. ״מיר אַלע — שרייבט ב. מילער — די איינוואוינער פֿון דער נאָך גאָר ניט אַלטער און במילא ניט זייער גרויסער שטאָט, וועלכע האָט אַנטליען די נעמען פֿון צוויי וויִיט־מזרחדיקע טייכן פֿאַר איר אייגענעם נאָמען, זיינען ניט געקומען אַהער אויף גרייטן. אַלע האָבן מיר אונדזער חלק אין אַלץ — אין אָט די מויערן, סקווערן, פֿאַבריקן, בויאונגען״ (״מענטשן גייען אין דער פֿרי צו דעם אַרבעט״). טאַקע אָט דער געפֿיל, וואָס שטאַמט פֿון דעם, וואָס ״מען איז ניט געקומען אויף גרייטן״, בילדעט דעם יסוד פֿאַר דעם פּאַטריאָטיזם פֿון די ביראָבידזשאַנערס, פֿאַר זייער ממש אינטימער צוגעבונדקייט צו דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט. די שרייבער זיינען אויף אַזוי פֿיל פֿאַרליבט אין זייער געגנט, אַז עס וואָלט זיי ניט דערעסן נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל צו דערציילן וועגן די דאָרטיקע מענטשן, וועגן זייער גרויסן אויפֿטו, וועגן דעם, ווי זיי האָבן איבער־געשטעלט די נאַטור, אויפֿגעלעבט די אוראַלטע ווילדקייט, אויסגעבויט מאָדערנע שטעט. דערמיט דערקלערן זיך באַשטימטע איבערחזורונגען, וועלכע מיר טרעפֿן ביי די דאָזיקע שרייבער אין דער שילדערונג פֿון דער געגנט, איבערחזורונגען, וואָס וואַרפֿן זיך אין די אויגן ביי יעדן פֿון זיי און נעמען אַ מאָל אָן דעם כאַראַקטער פֿון אַ געוויסן שטאַמפּ.

מיט אַ באַזונדער ״לויטערקייט״ צייכענען זיך אויס די נאָוועלן פֿון בוזי מילער. זיינע העלדן זיינען מיטצייטלער, פֿאַרשטייער פֿון פֿאַרשידענע פֿעלקער, בויער פֿונעם נייעם לעבן אין סאָוועטישן לאַנד. ער געפֿינט פֿאַר יעדער פֿון זיי די נייטיקע פֿאַרב, זיי חזרן זיך ניט איבער איינס די צווייטע. יעדער מיט זיין גורל, מיט זיין כאַראַקטער, מיט זיינע טרוימען און אידעאַלן, מיט זיינע פֿריידן און ליידן, אָבער אַלע געהערן זיי צו איין גרויסער גליקלעכער משפּחה. דער שרייבער איז שטענדיק צווישן זיינע פּערסאָנאַזשן, ער איז איינער פֿון זיי, ער איז צוזאַמען מיט זיי אונ־טערוועגנס, אין באַן, אין סאַלאָן פֿון עראָפּלאַנען, אויף די גאַסן פֿון זיין היימשטאָט. ער באַאָבאַכטעט זיינע מיטגייער אָדער מיטפֿאָרער, קוקט זיך צו צו זיי, באַטראַכט זיי, פּרוּווט זיך טרעפֿן, וועגן וואָס זיי טראַכטן, מיט וואָס זיי באַשעפֿטיקן זיך. ער פֿאַרפֿירט מיט זיין געמיטלעכן שמועס אָדער אַ וויכוח, מאַכט זיך לוסטיק מיט זיי צוזאַמען. פֿונדאַנען — די וואַרעמע לירישע, היימיש אינטימע אַטמאָספֿער, וואָס הערשט כמעט אין אַלע מילערס נאָוועלן (״אין האַרבסטיקן טאָג״, ״אַ פֿרילינגדיקער עסקיז״, ״אַ מוזיקאַלע נאָוועלע״, ״אונטערוועגנס״, ״דער שוואַרצער קאָטער״, ״אין צווייטן סאַלאָן״ א״אַ).

עס ווילט זיך באַזונדערס אויסטיילן איינע פון בוזי מילערס שענסטע נאָוועלן — "מענטשן גייען אין דער פרי צו דער אַרבעט". דאָס איז אַ געזאַנג אין פּראָזע, אַ לויבגעזאַנג דעם מענטשן, זיין שעפערישן מי, אַ הימן דעם לעבן, דער לויטערקייט פונעם פרידלעכן פרי מאָרגן, אַ הימן דער שיינקייט.

אויך ה. ראַבינקאָוו פילט זיך היימיש, ווי אַן אייגענער מענטש, צווישן די העלדן פון זיינע ביראָבידזשאַנער נאָוועלן. ער איז דאָ אַן אַלטער תושב, אים איז קענטלעך און טייער יעדער ווינקעלע. אומעטום טרעפט ער דאָ באַקאַנטע: אויף דער בויונג, אויפן זאַוואָד, אין דער שול, אויף די גאַסן פון דער שטאָט.

זיינע העלדן זיינען דאָס רוב "וועטעראַנען", פּאָרשטייער פונעם עלטערן דור, וועלכער האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, מיט די אייגענע הענט געבויט די ערשטע הייזער, אויפגעשטעלט די ערשטע זאַוואָדן. די וועטעראַנען האָבן וואָס צו דערמאָנען, זיי האָבן מיט וואָס צו שטאָלצירן. אַלס געשטאַלטן זיינען זיי אינדיווידואַליזירט און פאַרמאָגן אַ באַזונדערע פּסיכאָלאָגישע כאַראַקטעריסטיק ("דאָס הויז", "וועטעראַנען", "אין יאָרן אַרום", ""מאַיאָרטשיק", א"אַ).

ברייט איז דער טעמאַטישער דיאַפּאַזאָן אין ליובע וואַסערמאַנס שאַפונג. די שרייבערין האָט דורכגעמאַכט אַ גאָר שווערן לעבנס־וועג, אַ וועג פון נויט און רעוואָלוציאָנערן קאַמף — פריער אין פּוילן, שפּעטער אין פּאַלעסטינע. דעריבער טרעפן מיר ביי איר, חוץ די ביראָבידזשאַנער נאָוועלן, אין צענטער פון וועלכע עס שטייט דאָס פּאָזיטיווע געשטאַלט פונעם סאָוועטישן מענטשן, אויך אַ ריי נאָוועלן, וואו זי בלעטערט אויף זכרונות פון דער פאַרגאַנגענהייט, פון דער קינדהייט, פון דער אונטערערדישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג ("גאָלדענע שטיינער", א"אַ).

אין ה. פּאָליאַנקערס הומאָריסטישע נאָוועלן לאָזט זיך שפּירן אַ גאָר נאָענטע פאַרבינדונג צו דער שלום־עליכם־טראַדיציע. פּאָליאַנקער לאַכט אויס אייניקע פּסיכאָלאָגיש־שטייגערישע אַנאָמאַליעס אין אונדזער לעבן, באַשטימטע אינדיווידואַליסטישע נייגונגען אין דער פּסיכאָלאָגיע און אויפפירונג פון אייניקע מענטשן ("אַ מעשה מיט אַן עקשן", "צוויי חתונות מיט אַ גט", "אַ געשיכטע מיט אַ דאַטשע"), אונטערלעקעריי און חניפה ("די ווייסע וואָראָנע"); די קליינבירגעלעך־באַלעבעסלדיקע שוואַכקייט צו אַלץ וואָס קומט פון אויסלאַנד ("געסט פון אויסלאַנד", "אַ גאַסט אין שטעטל"), אד"ג. דער שרייבער איז געשטימט געמיטלעך, ער איז ניט אויסן צו שטראָפן מיט זיין געלעכטער, ער איז איבערצייגט אַז די דאָזיקע איבערגייענדיקע דערשיינונגען וועלן מיט דער צייט אַליין פון זיך אָפּפאַלן. די דאָזיקע איבערצייגונג שטאַמט פונעם שרייבערס גלויבן אין דער מאָראַלישער געזונטקייט פון דעם אַרבעטס־מענטש.

אַ טייל פון פּאָליאַנקערס נאָוועלן, וועלכע ווערן דאָס רוב פּשוט אָנגערופן

מעשיות, מחמת זייער פאָלקלאָריסטישן תּוך און נוסח, איז באַזירט אויף קאָמישע, כמעט אַנעקדאָטישע סיטואַציעס ("אַ מעשה מיט אַ חתונה", "באַשערט אַן אומגליק", "אַ מעשה מיט אַ קליפּה", "אַ מעשה מיט אַ וואָלף און מיט אַ יעגער" א"אַ). מיט די דאָזיקע מעשיות איז דער שרייבער פּשוט אויסן צו פאַרווײַלן דעם לייענער, אים לוסטיג מאַכן, עס זאָל זיין פריילעך אויפן האַרצן.

ה. פּאָליאַנקער קען גוט די פאָלקס־סביבה, אים געלינגט איבערצוגעבן די פּסיכאָלאָגיע, די גענג, דעם שטייגער, דאָס לשון פון זיינע פאָלקס־פּאַרשוינען. אַ דאַנק דעם זיינען זיינע נאָוועלן אָנגעזאַפּט מיט פאָלקס־הומאָר. אמת, אין געיעג נאָך קאָמישע עפעקטן, גיט זיך פּאָליאַנקערן ניט שטענדיק איין צו כאַפּן די מאָס. עס טרעפט ביי אים, אַז ער איז צו פיל מגזים, און וואָס "צו" ,ווי באַוואוסט, איז איבעריק. אַ הומאָריסט קען זיך, נאַטירלעך, דערלויבן געוויסע באַדינגלעכקייט, היפּערבאָלישקייט, אַן דעם איז אפילו ניט דענקבאַר דאָס קאָמישע. אָבער צו יעדער גוזמא איז דאָ אַ גרענעץ. זייער טרעפלעך ווערט, צום ביישפּיל, אין דער נאָוועלע "אַ גאַסט אין שטעטל" אויסגעלאַכט דער אַמעריקאַנער גאַסט, וואָס קען בשום אופן ניט פאַרשטייען, ווי קומט עס אַז אין כמעלניק היילט מען אומזיסט און ס'זיינען דאָרט ניט פאַראַן קיין "וואַסער־קאָרפּאָריישנס", וואָס וואָלטן געקענט אויף די ראַדאַנער וואַנסעס מאַכן ביזנעס, "שאַרן ממש גאָלד מיט לאָפּעטעס". עס לייגט זיך אויפן שכל דער ווילן פונעם גאַסט זיך איבערצייגן, ווי מען זאָגט "אויף דער פּראַקטיק" אין דעם, אַז מען היילט דאָ אומזיסט, און טאַקע געניסן פון דער דאָזיקער פּריווילעגיע, וואָס מענטשן נוצן זיך מיט איר בלויז אין דער סאָציאַליסטישער מדינה. ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס ליגנדיק "ווי אַ קיסר אין דער ווייס־ציכטיקער וואַנע", חשבונט דעם "פּרעזידענט", וויפל עס וואָלט אים דער דאָזיקער וואוילטיק אָפּגעקאָסט אין אַמעריקע אָדער קאַרלסבאַד. אָבער ווען ער לייגט זיך אַוועק, אַ פרישער, אַ געזונטער, לשם געניסן פון אומזיסטער היילונג אונטער דעם כירורגישן מעסער, מען זאָל אים אָפּערירן פון אַן אויסגעטראַכטן אַפּענדיציט, הייסט עס טאַקע, אַז דער שרייבער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס...

אַ מאָל ווערט אויך פאַרלאָרן די מאָס לגבי דעם לשון פון די פאָלקס־מענטשן. דאָס מענה־לשון פון דער יידענע אין "אַ מעשה מיט אַ קליפּה", למשל, איז שוין צו פיל אינעם נוסח פון דער יידענע אין שלום־עליכמס "דאָס טעפּל" און פון אַנדערע אַזוינע קאַסרילעווקער פּערסאָנאַזשן, פונקט ווי פון שלום־עליכמס צייטן וואָלט זיך קאַסרילעווקע גאָר ניט גערירט פון אָרט...

נאָר דאָס זיינען קליינע, ווי מען זאָגט, "פּראָדוקציר־פאַרלוסטן", וואָס נעמען זיך פון דער שטרעבונג לוסטיק צו מאַכן דעם לייענער. עס שטערט ניט ה. פּאָליאַנ־קערן אויספילן זיין הויפּט־אויפגאַבע: אָנשטעקן דעם לייענער מיט דעם אָפּטי־מיסטישן גייסט פון די פאָלקס־מאַסן, מיט זייער געזונטער לעבנס־לוסט און לעבנס־פרייד.

די שלום־עליכמישע טראַדיציע איז, קען מען זאָגן, אָרגאַניש אַריין אין דעם שעפערישן בלוט און פלייש פון דעם אויטאָר פון אַ ריי הומאָרעסקעס, י. רוביאַן. אמת, ס׳טרעפט, אַז די דאָזיקע אָרגאַנישקייט רופט זיך אָפּ מיט שוואַכקייטן. די מידות, עוויות, דאָס אַרט דענקען און דאָס רעדן פון די יידן און יידענעס אין באַזונדערע רוביאַנס מאָנאָלאָגן איז אויף אַזוי פיל ״על־פי שלום עליכם״, אַז לייענענדיק זיי, הייבט זיך אונדז צומאָל דאַכטן, אַז מיר געפינען זיך אין קאַסרילעווקע, צווישן די ״קליינע מענטשעלעך מיט די קליינע השגות״...

י. רוביאַן פאַרמאָגט אַ פיינע, זאַפטיקע, פאָלקסטימלעכע שפּראַך. אין אייניקע זיינע הומאָרעסקעס לאָזט זיך פילן אַ וואַרעמער לירישער שטראָם (״דאָס שוואַרצע ביקל״, ״בלומען״), אַנדערע זיינען געבויט אויף אַנעקדאָטישע סיטואַציעס, און ס׳איז אין זיי דאָ פיל פאָלקס־חכמה און שאַרפזין (״פיש״, ״אויך מיר אַ שידוך״, ״צוגאַסט״, ״אַ כלה אין הויזן״, ״אַן איבערלויף״, ״אין איילעניש״, ״זייט זשע מיר מוחל״ א״אַ).

מיר האָבן דאָ גערעדט וועגן אַ גאַנצן זשאַנער אין דער פּראָזע פון ״סאָוועטיש היימלאַנד״. פאַרשטייט זיך, די טעמע איז בלויז אָנגעצייכנט געוואָרן. עס ווילט זיך אָבער, אַז פון אונדזער איבערזיכט זאָל קלאָר ווערן דאָס וויכטיקסטע: די היינטצייטיקע יידישע סאָוועטישע נאָוועלע שטייט אויף דער הייך פון די פאָדערונגען פון אונדזער צייט, פאַרנעמט אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער סאָוועטישער יידישער פּראָזע.

1976 ,8 העפט

מיט דער מאָס פון מענטשלעכקייט

(שירע גאָרשמאַן)

ווילט איר וויסן, פון וואַנעט עס שטאַמען די ערדישע זאַפטן, מיט וועלכע ס׳איז ממש אָנגעטרונקען דער בעסטער טייל פון שירע גאָרשמאַנס פּראָזע, לייענט אויפֿמערקזאַם איבער די נאָוועלע "מיין באָבע־זיידעס פרילינגן".

אַ פריער פרילינג־מאָרגן, וועלכן איר דערשפּירט מיט אַלע אבֿרים. די ערד האָט נאָך ניט באַוויזן זיך אָפּצודעקן פונעם שניי, נאָר ס׳וועקט זיך שוין אומעטום לעבן... די באָבע שטייט אין סאָד ביי דער בייט, פון וועלכער ס׳גייט אויף אַ רויכל, און קוקט פאַרחידושט ווי די ווינטער־ציבעלעס שפּיזן דורך די ערד, זי בייגט זיך איין, רייניקט אָפּ די ערד און רעדט "אָר־אָו, זיך נעבעך אָנגעהאָרוועט, ביז מען האָט זיך דורכגעשלאָגן צו דער שיין..." דער זיידע האַלט דעם קאָפּ פאַריסן צום הימל, קוויקט זיך מיט דער לויטערקייט און ריינקייט, זיינע אויגן זיינען פול מיט פריידיקע טראָפּנס. ער הייבט אויף זיין אייניקל, די קליינע חנקה, צו די סאַמע אויבערשטע צווייגן און רעדט אומגעדולדיק, גיך, גיך:

— זעסט? קוק! פּיקן זיי זיך אויס!

דאָס קינד דערזעט דאָס ערשטע מאָל איינעם פון די "וואונדער שבוואונדער", וואָס קומען פאָר אין דער נאַטור: ווי עס פּלאַצן טונקל־רויטע בראָדעווקעס און זיי לאָזן אַרויס פרישנדיקע גרינע פליטערלעך. זי שרייט אַרויס מיט קינדערישער התפעלות:

"אוי, זיידינקע, אַ געזונט אין דיר, איך זע!"

טאַקע דאָ, אין דער פריע קינדהייט, אין די באָבע־זיידעס פרילינגען, האָבן זיך אָנגעהויבן שירע גאָרשמאַנס זעאונגען, איז געבוירן געוואָרן שירעס געזאַנג..

אינעם ליטווישן שטעטל קראָק, אין זיידנס און באָבעס הויז, וואו ס׳האָבן געהערשט נויט און דחקות, נאָר וואו מען האָט געוואוסט דעם טעם פון "מה נאה אילן זה", האָט זיך ביי איר, דער קומענדיקער שרייבערין, וואָס האָט געהערט צו די קינדער, וועלכע האָבן ניט קיין קינדהייט, אויסגעכאַוועט די בענקשאַפט נאָך ליכט און שיין, דער דראַנג צום לעבן, די ליבע צו דער נאַטור. אין איר גאַנצן שאַפן דאָמינירט דער געראַנגל צווישן געזונטן, נאַטירלעכן און ווילקירלעכן ברוטאַלן. באַזונדערס זעט מען עס אין די נאָוועלן, וואָס זיינען געווידמעט דעם אַמאָל, מיט

וועלכן ס׳זיינען פאַרבונדן ניט ווייניק טרויעריקע דערמאָנונגען ביי דער שרייבערין.

אין דער נאָוועלע "דער מיט־עסער" שילדערט ש. גאַרשמאַן אַ טראַגעדיע, וועלכע קען געמאָלט זיין נאָר אין אַ געזעלשאַפט, וואָס איז געבויט אויף סאָציאַלער אומרעכט און אונטערדריקונג.

דער הונגער און די ביטערע נויט צווינגען די אָרעמע פרוי חיה־הינדע מיט־צוגיין מיט איר מאַן, האַטשע, איבער די דערפער און איבערלאָזן אַן אַ מוטערלעך אויג אירע עלף קינדער. וועלנדיק ראַטעווען די קינדער פון הונגער, ווערט די מוטער פאַקטיש אַן אומשולדיק, שולדיקע אינעם טויט פון פינף פון זיי. צווישן די איבעריקע זעקס, וואָס "פלעגן מיט איר אינאיינעם שבת גריזשען רעטעך, אָנרייבן אַ מוציא ראַזעווע ברויט מיט קנאָבל און פאַרטרינקען מיט וואַסער פון שול־הויף ברונעם", האָט דער סאַמע־קלענסטער, שמואלקע, געהאַט דעם אומגליק געבוירן צו ווערן אַ נאַרמאַל, געזונט קינד, וואָס פאַרמאָגט אַ צו גרויסן, לויט די נאָרמעס פון זיין פאַמיליע, אַפּעטיט. אין דער סביבה, וואו שמואלקע וואַקסט, איז אַזאַ נאָרמאַלע דערשיינונג, ווי אַ געזונטער אַפּעטיט — אַן אַנאָמאַליע. די נויט און פינצטערניש געבוירן פאַראורטיילן: ניט אַנדערש, אַז אינעם קינד לעבט אַ מיסטער, וועלכן מען דאַרף אַרויסטרייבן. די אָפּגעשטאָנענע אָרעמע מוטער ווערט ניט ווילנדיק די שולדיקע אין דעם, וואָס דאָס לעבן פון איר קינד ווערט צעבראָכן. דאָס דערשיטערנדיקע בילד מיט דעם אינעם שופלאָד לעבעדיק באַגראָבן יינגל, וואָס איז שוין נאָך דעם פאַראורטיילט אויף אייביק צו פאַרבלייבן אַ טעם מיט וואַסערדיקע אייגעלעך, וואַקסט אויס אין אַ סימבאָל.

ס׳איז שווער זיך פאַרצושטעלן אַ מער שאַרפן באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דער פינצטערער פאַרגאַנגענהייט.

שיינקייט, וואָס ווערט באַרבאַריש צעטראָטן, נאַטירלעכע פּראַכט, וואָס ווערט דערנידעריקט און צעבראָכן — אַזאַ איז דער לייט־מאָטיוו פון אַ גאַנץ ריי שירע גאַרשמאַנס נאָוועלן ("צעטראָטענע בליאונג", "צווישן בערג", "פאַרצויגן מיט שפּינוועבס" א"אַ).

גאַרשמאַן איז אָבער ניט די זינגערין פון טויט, זי איז די זינגערין פון לעבן. זי ווייסט, אַז שיינקייט איז אומשטערבלעך. פון דאָנעט שטאַמט איר אומענדלעכע ליבע צו אַלץ, וואָס שפּראָצט, גרינט, ווערט געבוירן, גיסט זיך אָן מיט לעבן. דערפאַר טרעפן מיר אַזוי אָפט אין אירע נאָוועלן דעם מאָטיוו פון ניי־געבוירענעם לעבן, דערפאַר פאַרנעמט אַזאַ בכבודיק אָרט אין איר שאַפן די פרוי, די מוטער — די טרעגערין פון לעבן אויף דער וועלט.

אין דער שילדערונג פון דער פרוי איז שירע גאַרשמאַן טריי דער פּרעץ־טראַדיציע. חיים דער טרעגער פון פּרעצעס "שלום־בית" וויל ניט, אַז זיין פרוי זאָל זיין זיין פוס־בענקעלע אין גן־עדן, ער וויל, זי זאָל זיצן מיט אים אויף איין שטול, און ער איז איבערצייגט, אַז "דער רבונו־של־עולם וועט מוזן באַשטיין"!

אַ רייכע גאַלעריע פּאָזיטיווע פרויען־געשטאַלטן האָט פאַר אונדז צעוויקלט שירע גאַרשמאַן. יעדע פרוי האָט איר פּנים, איר כאַראַקטער, איר גורל, נאָר זיי אַלע פאַראייניקט געזונטע ווירדע און שטאָלץ, טיף־מוטערלעכע אחריות פאַר דעם לעבן.

די פרוי אין גאַרשמאַנס נאָוועלן איז אַן אַקטיווע נאַטור, זי צייכנט זיך אויס מיט קאָלאָסאַלער לעבנס־פעאיקייט, ענערגיע, זי לאָזט זיך ניט דערנידעריקן. זי איז מסוגל צו באַשיצן איר ווירדע און זיך שלאָגן פאַר איר ליבע און גליק. אַזוי זיינען די קאָלאָריט־פולע, נשמה־רייכע, עקספּאַנסיווע פיגורן פון חנקהן און בליומען, צוויי צענטראַלע געשטאַלטן אין שירע גאַרשמאַנס רייכע פרויען־גאַלעריע, וועלכע גייען דורך דורך אַ ריי נאָוועלן. אין דער שילדערונג פון די דאָזיקע געשטאַלטן איז דאָ פיל אויטאָביאָגראַפישעס, דעריבער זיינען די דערציילונגען, אין וועלכע זיי פיגורירן, דורכגעזאַפּט מיט אַ שטאַרקן ליריש־ראָמאַנטישן שטראָם, וואָס גיט זיי אַ באַזונדער רייץ.

די רויט־האָריקע בליומקע, וועלכע איר פאָטער האָט אָנגערופן „פעלדערמויז", איז אַ לעבעדיקע פאַרקערפּערונג פון דער נאַטור אין איר בראשיתדיקער פּראַכט. דאָס הויז פון איר פאָטער, דעם געזונטן האָרעפּאַשניק, דעם מילנער הירשע, געפינט זיך הינטערן שטעטל, אין דער אַרומרינגלונג פון פעלד, לאָנקע און וואַלד. דאָ וווינען פרייע ווינטן, דאָ ווייסט מען ניט פון מיטל־אַלטערלעכע זיטן און מנהגים. בליומקע האָט פון פריער קינדהייט איינגעזאַפּט אין זיך די געזונטע ערד־זאַפטן, די פרישקייט און שיינקייט פון דער אַרומיקער נאַטור. „צו זעקס יאָר האָט זי אויסגעזען ווי אַ נייַן־יאָריקע" — ווערט דערציילט אין דער מייסטערהאַפטער נאָוועלע „ווי דער פעלדערמויז איז אַ מענטש געוואָרן". „די דאַרפישע יינגלעך האָבן פאַר איר געציטערט, ווי פאַרן רוח. זי איז געווען פלינק, בייגעוודיק און פאַר קיינעם ניט מורא געהאַט". צו 15 יאָר איז בליומקע געווען באַהאַוונט אין דער מיל אַזוי ווי דער טאַטע. „צו 17 יאָר האָבן אַפילו די גרויע מעליקע וואָלקנס ניט געקענט לעשן אירע רויזע באַקן, איר קלאָרע הויט, איר פייער־רויטן קאָפּ"...

בליומקעס סטיכיע איז דער טייך. דאָ ליגט זי אָפּ שעהנווייז „מיטן פּנים אַרויף, פּאַמעלעך באַוועגנדיק מיט די ווייסע, דינע, בייגעוודיקע הענט, וואָס האָבן שעמערירט אין דער פאַרנאַכטיקער שיין פערלמוטערנע וואונדערלעכע וואַסער־באַשעפענישן"... רופט מען טאַקע בליומקען „דעם מילנערס טייך־מיידל". ווי שיין און נאַטירלעך בליומקע איז אויף דער שויס פון דער נאַטור, אַזוי איז זי שיין און נאַטירלעך אין איר ליבע. זי האָט ליב לייבקע צמחן, דעם שמידס זון, און קיינער וועט זי ניט צווינגען חתונה האָבן פאַר דעם, וועמען זי האָט ניט ליב. זי, דאָס שטאָלצע קינד פון פאָלק, קען מען ניט קויפן פאַר קיינע רייכקייטן. לייזער, דעם וואַלד־הענדלער, וועלכער שדכנט צו בליומקען זיין זון, ענטפערט זי ווירדיק און שפּאָטיש:

"אַ דאַנק אייך ר׳ לייזער, פאַרן נדן. צוויי פאָר פערד וואָלטן אונדז זייער צוניץ געקומען, נאָר אויף וואָס דאַרפן מיר אַ פינפטן פערד ? !"

דעם מילנערס הויז, די לאָנקע און דער וואַלד, וואָס רינגלען עס אַרום, זיינען אַ מקום־מקלט פאַר דעם "וואַלד־עפּעלע", חנקהן, דעם לירישן העלד פון אַ ריי שירע גאַרשמאַנס דערציילונגען. און ס׳איז קיין וואונדער ניט. אַפילו חנקעס פאַרהאָרוועטע באַבע פעסיע מאַכט זיך אַ יום־טוב אינמיטן וואָך, ווען זי כאַפּט זיך אַראָפּ אַהער אין "גן־עדן" ("יום־טוב אינמיטן וואָך"). די קליינע פאַרשייטע חנקע קומט אַהער זיך ראַטעווען, ווען ס׳טוען צופּיל דריקן די ענגע ד׳ אמות פון דער באַבע־זיידנס הויז, ווען ס׳ווערט צו שווער דער עול פון דער היימישער השגחה.

ווי אַ פויגל, וואָס האָט זיך באַפרייט פון שטייגל, לויפט חנקע צו דער לאָנקע, צום טייך, וואָס שעמערירט מיט געלע טייך־קריגלעך, צום "מילנערס טייך־מיידל", דער זיך־באַדנדיקער בליומקען, חנקעס שוועסטערקינד...

די נאַטורעלע געזונטקייט און שיינקייט צוזאַמען מיט דעם גייסט פון פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט, מיט וועלכן ס׳אָטעמט די דאָזיקע סביבה, זאַפּט אין זיך חנקע איין שוין אויך דעם גאַנצן לעבן. אַ מוטיקע, ענערגישע, אומאָפּהענגיקע, פול מיט מענטשלעכער ווירדע און פּרויאישן שטאָלץ, לאָזט זיך חנקע אַוועק אין לעבן, פאַרלאָזנדיק צו פערצן יאָר דער באַבע־זיידעס הויז. אַרבעט שרעקט זי ניט אָפּ, זי געדענקט גוט דעם זיידנס ווערטער: "האָרעוואַניע פאַר אַ האַנט איז ווי אַ שאַרפשטיין פאַר אַ מעסער", זי פאַרגעסט אויך קיין מאָל ניט דער באַבעס געבאָט: "אָלעמען זאָלסטו זשאַלעווען, נאָר זיך זאָלסטו ניט זשאַלעווען... קיינעם זאָלסטו זיך ניט אונטערגעבן, קיינעם ניט אונטערטעניק זיין" ("חנקע").

אין דער גרעסערער דערציילונג "חנהס שאָף און רינדער" בלעטערט די שריי־בערין אויף די אינטימסטע זייטלעך פון איר לעבנס־געשיכטע, טוקט זיך איין אין די דערפרישנדיקע וואַסערן פון אירע יוגנט־יאָרן. איז טאַקע די דאָזיקע דערציילונג באַהויכט מיט לירישער וואַרעמקייט.

ווי אַן אייגנאַרטיקע פּרעלודיע צום פייערלעכן יוגנט־און־ליבע־געזאַנג דער־שיינען די ערשטע בילדער פון דער דערציילונג. די דריי און צוואַנציק יאָריקע חנה פאָרט רייטנדיק אויף אַ פערד און באַשפּרענקלט מיט זאַלץ דאָס פּאַרוויאַנעטע גראָז פונעם לייִמיק־צעשפּאָלטענעם סטעפּ, כדי די בהמות זאָלן מיט מער חשק עסן די אויסגעדאַרטע פּאַשע. חנה איז יונג און פול מיט לעבענסלוסט, די רחבות פונעם סטעפּ באַגייסטערט זי אויף אַ הויכן, מונטערן גליקלעכן ניגון אָן ווערטער.

אָרגאַנישע געבונדנקייט און געקניפּקייט פון מענטש מיט נאַטור, מיט אַלץ, וואָס שפּראָצט און גרינט, לעבט און אָטעמט, דרינגט דורך די גאַנצע דערציילונג. די שילדערונג פון דער ליבע צווישן חנהן און דעם מאָלער נחמיהן פאַרנעמט דאָס צענטראַלע אָרט אין דער דערציילונג. די שרייבערין ווייזט דאָ אַרויס אַ פיינעם חוש פאַר פּסיכאָלאָגישער שילדערונג פון די דינסטע ניואַנסן פון מענטשלעכע

געפילן און איבערלעבונגען. די ליבע ווערט געגעבן ווי אַ מעכטיקע קראַפט, וואָס האָט אינגאַנצן אויפגערודערט חנהס לעבן, אָנגעפילט עס מיט טיפן אינהאַלט. די ליבע האָט אַרויסגעבראַכט אויף דער העלער שיין די טיף־פאַרבאָרגענע אונטער אַ דיקן הייטל פון געוויסער דאָרפישער פאַרגרעבטקייט, אָרגאַנישע פאַר חנהן צאַרטסטע מענטשלעכקייט.

חנה דער בריגאַדיר, די באַלעבאָסטע פון אַלע "שאָף און רינדער", וועלכע איז געוואוינט געוועזן צו שרייען אויף אירע "אונטערטאַנען" און פלעגט זיך אפילו ניט אָפּשטעלן פון "פלעמען איבער די באַקן", ווען זי פלעגט זען אַן עוולה און אומגערעכטיקייט, איז געוואָרן ווייכער, מילדער, געצוימטער, איינגעהאַלטענער. דאָס גרויסע גליק האָט זי געמאַכט וואַרעמער אין דער באַציאונג צו מענטשן, האָט געמאַכט געמיטלעכער אויך די באַציאונג פון אַנדערע צו איר.

מענטשלעכקייט — דאָס איז יענע וויכטיקסטע אייגנשאַפט, וועלכע שירע גאָרשמאַן שעצט מער פון אַלץ ביי אירע פּאָזיטיווע געשטאַלטן. מענטשלעכקייט אין סאַמע ברייטן זין פון וואָרט, וואָס באַטייט ליבע צו אַלץ, וואָס לעבט אויף דער ערד און האָט רעכט אויף אַ פריי, גליקלעך לעבן, ווידערגעפיל און שינאה צו יעטווידער פאָרם פון אונטערדריקונג, דערנידעריקונג, געוואַלדטאַט און ווילקיר.

שירע גאָרשמאַן איז איבערצייגט, אַז "ווען מען פייניקט אַ בהמה, איז מען קיין מענטש ניט". און דעריבער איז אַזאַ אייגנשאַפט, ווי ליבע צו אַ בעל־חי — אַ נייטיקע דעטאַל אין דער כאַראַקטעריסטיק פון אירע פּאָזיטיווע געשטאַלטן, און, פאַרקערט, פאַראַכטונג צו לעבעדיקע וועזנס איז אַ שטריך אין דער כאַראַקטעריסטיק פון אַ נעגאַטיווער געשטאַלט (צום ביישפּיל, פון בעקי אין דער נאָוועלע "אַ מיידל פון דער פּראָווינץ"). ביי שירע גאָרשמאַן איז ניט צופעליק פאַראַן אַ באַזונדער ציקל נאָוועלן אונטערן טיטל "צער בעלי־חיים".

ס'איז קיין וואונדער ניט, וואָס די שרייבערין, וועלכע שעצט אַזוי הויך דאָס האַרמאָניש־הומאַניסטישע אין לעבן און ציטערט אַזוי איבער אַלץ, וואָס לעבט און איז שיין און נאַטירלעך, האָט מיט אַזאַ געוואַלדיקער דערשיטערונג אויפגענומען דעם שווידערלעכן קאַטאַקליזם, וועלכן ס'האָבן געבראַכט מיט זיך די פאַשיסטישע האָרדעס. אין שירע גאָרשמאַנס מלחמה־נאָוועלן קלינגט ווי אַ טרויעריק־צאַרנדיקער רעפריין די פראַגע: "דאָס לעבן איז אַזוי וואונדערלעך. ס'איז אַזוי גוט צו לעבן. פאַרוואָס, פאַרוואָס זיינען זיי פאַרשניטן געוואָרן?!" ("פון שטוב צו שטוב").

דעם ווילדן אומזין פונעם היטלעריזם, דער ברוטאַלער אוממענטשלעכקייט, דעם גורל פון טויט האָט די שרייבערין קעגנגעשטעלט די שיינקייט, פאַרקערפּערט אינעם געשטאַלט פון דער פרוי און מוטער — דעם סימבאָל פונעם אומפאַרטיליק־באַרן כוח פון לעבן. אינעם צונויפמענשטויס מיט די כוחות פון פאַרדאַרבונג און טויט גייט די שיינקייט אַרויס אַ זיגערין.

די אַלטיטשקע באָבע מלכּה האָט אין זיך איינגעזאַפּט די געזונטקייט פון דער ערד, דעם אור־כּוח פון די נאַטור־קרעפטן, מיט וועלכע זי איז געקניפּט און געבונדן. זי וויל ניט אָנערקענען דעם טויט, ווייל איר באַרוף איז העלפן ברענגען דעם לעבעדיקן נפש אויף דער וועלט. די דאָזיקע מיסיע איז איר טייער, זי איז שטאָלץ מיט דעם, וואָס גאַנצע דורות יונגע לעבנס גייען דורך דורך אירע הענט.

דער בלוטיקער קאָשמאַר פונעם היטלעריזם מעקט אָפּ און לייִדיקט אויס אַלץ, וואָס האָט געבילדעט דעם עצם מהות פון דער באָבע מלכּהס לעבן, וואַרפט אום, אַזוי צו זאָגן, איר לעבנס־פילאָסאָפיע. „אין די נעכט זיצט זי ביי פאַרהאָנגענע פענצטער־לעך, פירט מיטן פינגער איבער קרומע שורות אין אַ געלן העפט און רעכנט: 'אברהם, רויזע און זייער הערשעלע, פייוועקע, דינקע, פרומקע, שייע, כיענע, זייער בענצעלע, נחמקע, שלומקע, מנוחקע און יונהלע'. זי פירט מיטן פינגער אַזוי לאַנג, ביז זי בלייבט זיצן, שאָקלענדיק זיך, מיט פאַרמאַכטע אויגן... ס'הייבן זיך אָן דרייען קאַראַהאָדן אַרום געלע שייטערס, אין וועלכע ס'ברענען עופלעך. ס'איז פול איר שטיבל מיט געשרייען פון קינדער... זי זיצט אין אַנטאָן גאַנצע נעכט עפנט די אויגן, כּדי אַוועק צו יאָגן דעם גרויל...”

דער גורל וואַרפט די באָבע מלכּה אַריין אין הויז פון דעם דאָרף־סטאַראָסטע וולאַדאָס. זי זעט מיט אירע אייגענע אויגן איינעם פון די שולדיקע אינעם טויט פון די הונדערטער יונגע לעבנס, וועלכע זי האָט געהאָלפן ברענגען אויף דער וועלט. און דאָ קומט איר צום לעצטן מאָל צוניץ איר געזונטקייט און קרעפטיקייט, די פלינקייט פון אירע הענט, די קונסט פון געבן לעבן אויף דער וועלט — היינטיקס מאָל, אָבער, אויף נקמה צו נעמען פאַר דער פאַרשוועכונג פונעם לעבן, פון דער שיינקייט, פונעם מענטשן: „זי האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם טשוהון מיט אַזאַ אימפּעט, ווי צו ראַטעווען אַ קימפּעטאָרן פון די לעצטע שווערע ווייען, און, צו־לויפנדיק, איבערגעקערט די זוד אויף אים” („די באָבע מלכּה”).

דער טריומף פון לעבן איבער דעם טויט איז מייסטעריש געוויזן אין דער נאָוועלע „לעבן און ליכט”.

נאָך דעם ערשטער קינדער־אַקציע אין געטאָ, ווען ס'קומט אום דער פינף־יאָריקער נחמיהלע, האָבן מאיר מיט זיין פרוי זיך געגעבן אַ נדר צו האָבן אַ קינד. נאָר פאַר האָבן אַ קינד אין געטאָ קומט שיסן, פאַר ברענגען לעבן צאָלט מען מיט טויט. די פרוי באַנדאַזשירט זיך, קיינער זאָל ניט באַמערקן אַז זי טראָגט. דאָס קינד ווערט געבוירן, אָבער רעכט אויף לעבן האָט עס ניט. קען דען אָבער אַ מוטער מיט די אייגענע הענט אומברענגען דאָס צאַפּלדיקע פּיצל לעבן, וואָס זי האָט אַרויסגעבראַכט?

דאָס שוואַכע לעבן ראַנגלט זיך מיט דעם גרויזאַמען טויט, און ס'באַזיגט אים. אין געטאָ קען מען דאָס קינד ניט האַלטן, ראַטעוועט מען עס אַרויס, און סע בלייבט לעבן...

די שרייבערין באַווייזט, אַז די מלחמה איז געווען דער בעסטער פּרוווּשטיין פֿאַרן מענטשן. "אין געטאָ — דערציילט די פרוי אין 'לעבן און ליכט' — זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן מורא געהאַט פֿאַר צוויי זאַכן אַ סך מער, ווי פֿאַרן טויט, וואָס האָט געלויערט פֿון יעדער שטיין, פֿון יעדער שפּאַרונע... פֿאַר וואָסערע צוויי זאַכן ? ערשטנס — בלייבן מענטשן, צווייטנס — זיך ניט לאָזן פֿאַרפֿירן פֿון טעפּ לינדזון, האַלטן דעם שלאָס אויפֿן מויל — די שעה זאָל ניט זיין, ניט שאַטן יענעם !"

אַזוינע מענטשן, ווי דער דאָקטאָר פֿיינבערג, מאיר דאַווידזאָן, חנקע פרידמאַן, דער קאָמוניסט מאיר האָבן מקריב געווען דאָס אייגענע לעבן צוליב ראַטעווען אַנדערע און האָבן שרעקלאָז, ריזיקירנדיק אויף יעדער טריט און שריט מיטן לעבן, זיך נוקם געווען אין די פֿאַשיסטן.

אין אַ ריי נאָוועלן באַווייזט שירע גאַרשמאַן, אַז אויך ביי די פֿאַרבליבענע אין הינטערלאַנד האָט די מלחמה דייטלעכער אַנטפּלעקט דאָס מענטשלעכע, וואָס בילדעט דעם קרן פֿונעם סאָוועטישן מענטשן. די באַלעבאָסטע פֿונעם הויז אין אַ דאָרף טיילט מיט דער עוואַקוּאירטער פֿאַמיליע פֿון הירשע דעם מילנער אַלע ליידן און פֿריידן ("שטיינערנע הערצער"). די פרוי פֿונעם שעף פֿון פּאָליט־אָפּטייל אויף אַ סטאַנציע אין קאַזאַכסטאַן פֿירט אַוועק צו זיך אַהיים חנהן מיט איר קראַנק יינגל, וואָס איז אין אַ קאַלטן ווינטער־טאָג געבליבן שטעקן אויף דער דאָזיקער סטאַנציע, און "דעם גאַנצן חודש, וואָס חנה איז געווען ביי אָט דער משפּחה, האָט זי קיין איין רגע ניט געפֿילט, אַז זי איז איבעריק אָדער פֿרעמד" ("אויף אַ פֿאַר־וואָרפֿענער סטאַנציע").

אָבער מיט אַ ביטערן סאַרקאַזם און ניט־פֿאַבאַרגענער פֿאַראַכטונג שילדערט שירע גאַרשמאַן יענע מענטשן, וועלכע האָבן אין צייט פֿון דער מלחמה זיך געזאָרגט נאָר וועגן אייגענעם נפֿשל, און די לייד און די נויט פֿון די אַרומיקע איז זיי ניט אָנגעגאַנגען ("שכנים").

די שרייבערין ווייסט ניט קיין גרעסערע זינד, ווי עגאָאיזם, אייגנטימערישע אינסטינקטן, גלייכגילט צו מענטשנס ליידן. העכער פֿון אַלע מעלות אין דער וועלט זיינען פֿאַר איר מענטשן־ליבע, יושר און גערעכטקייט. איר איז צום האַרצן אַזאַ הערלעך געשטאַלט ווי "קאָמונקע" — אַ מענטש, וואָס זשאַלעוועט אַלעמען, נאָר ניט זיך אַליין, און איז שטענדיק גרייט מקריב צו זיין דאָס געזונט און דאָס לעבן פֿאַרן גליק פֿון זיינע חברים. קיין שום שוועריקייטן קענען ניט ברעכן זיין געמיט, זיין פֿעסטן גלויבן אין אַ בעסערן, ליכטיקערן מאָרגן ("ס'וועט זיין גוט").
מיט אַ ווייכן הומאָר שילדערט גאַרשמאַן דעם עטוואָס־קאָמישן שלום האַרצמאַנען, פֿאַר וועלכן עס שטייט אין דער גאַנצער האַרבקייט די פּראָבלעם: וואו נעמט מען כאָטש נאָך דריי שעהן אין מעת־לעת, ווייל דעם גאַנצן טאָג איז ער פֿאַרהאָרוועט און ס'קלעקט אים קיין צייט ניט — חלילה, ניט פֿאַר זיך, פֿאַר אַנדערע, פֿאַר וועמען

מען דאַרף זאָרגן און ווען מען דאַרף קומען צו הילף ("וואו נעמט מען"?).

דערפאַר אָבער ווערט דער שרייבערינס וואָרט אויפגעבראַכט און סאַרקאַסטיש, ווען זי דערציילט וועגן נפשות, וואָס עס האָט זיי אויפגעגעסן אייגן־נוץ און אויסגערעכנטקייט און זיי זיינען געוואָרן קנעכט פון זייער גיריקייט נאָך לוקסוס און באַרייכערונג ("אַ מיידל פון פּראָווינץ", "גייענדיק פון מאַרק", "מען זאָל באַהיט ווערן" א"אַ). שירע גאָרשמאַנס פּען ווערט בייסיק און שאַרף, ווען זי שילדערט עוולות און אומרעכט, וועלכע לאָזן זיך נאָך וואו־ניט־וואו מערקן אין דער באַציאונג פון מענטש צו מענטש אין אונדזער געזעלשאַפט. מיט בייזער סאַטירע איז געשילדערט דאָס "געבילדעטע" פּאָרפּאָלק, זשעניע מיט איר מאַן, וועלכע האָבן פאַרביטערט דאָס לעבן פון דער אייגענער מאַמען, זי באַהאַנדלט ווי אַ שוואַרץ־אַרבעטאָרין, געקירצט אירע יאָרן און דערנענטערט איר טויט. שאַרף־איראָניש קלינגט דער פינאַל:

"אינעם טאָג פון דער לוויה האָט אַבראַשע, זשעניעס מאַן, געבראַכט אַ פאָטאָגראַף. ניט באַשערט געווען אָבער חיהן פאַראייביקט צו ווערן. אַקוראַט דאַן, ווען דער פאָטאָגראַף האָט אָנגעצילט זיין אַפּאַראַט, איז אַריינגעגאַנגען נאַטאַליע פּעטראָוונע, אַ שכנה, וואָס פלעגט אַ מאָל, ווען ס'איז געווען גליטשיק אין גאַס, העלפן חיהן טראָגן אַ שווער קאָשעק. זי האָט זיך אָנגעשטעלט לעבן טויטן בעט און מיט אַ דאַרפישן ניגון פאַרצויגן:

— וואָס דאַרפסטו פאָטאָגראַפיעס, בידנע שכנה מיינע! בעסער וואָלט מען דיך ניט געלאָזט אַליין. קלאָגעדיקע, פינצטערע דאָליע דיינע!

דער פאָטאָגראַף האָט זיך שטילערהייט אַרויסגעשאַרט" ("אַ מאַמע").

אין שירע גאָרשמאַנס בעסטע דערציילונגען לעבן אויף די נאָבעלע טראַדיציעס פון אונדזער קלאַסיק. איר איז באַזונדערס נאָענט פּרץ מיט זיין סאָציאַלן הומאַניזם, פּרץ פון די "רייזע־בילדער", פון "מוסר" און פון "אַ כעס פון אַ יידענע", פונעם "משולח" אָדער "מקובלים". "פּרץ — זאָגט ש. גאָרשמאַן — איז אַזאַ פּילבאַרער פּידל, וואָס מיר האָבן קיין איין טראָפּ אין אונדזער לעבן, וואָס זאָל ביי אים ניט געווען האָבן קיין אָפּקלאַנג... מער פון אַלץ האָבן מיך באַצויבערט זיינע 'רייזע־בילדער' מיט דער געוואַלדיקער קאָנצענטראַציע פון אויפמערקזאַמקייט צום אייגענעם פאָלק און זיין אויסקומעניש".

ביי פּרצן האָט די שרייבערין געלערנט די קונסט פון דער לאַקאָנישער דער־ציילונג, פון דער נאָוועלע, וואָס דערגייט ערטערוויז צו מיניאַטור. פריער ביי פּרצן, שפּעטער ביי טשעכאָוון. "ווען איך האָב זיך אויסגעלערנט רוסיש, שוין פּליסיק געלייענט אין 1939־1940 — דערציילט שירע גאָרשמאַן — האָב איך זיך באַקאַנט מיט טשעכאָווס שאַפן. ליב באַקומען איז ניט דאָס וואָרט, ער האָט מיך אינגאַנצן באַהערשט, איך האָב אַפילו אויף אַ צייט אויפגעהערט צו לייענען יידיש. ער האָט

מיך געצווּמען מיט זיין גרויסער ליבע צו זיין פאָלק. אַז איך האָב זיך אָנגעלייענט מיט טשעכאָוון, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך דאַרף בכלל ניט שרייבן".

איר באַזונדערע ליבע צו דער נאָוועלע דערקלערט די שרייבערין אַזוי:

"דער מאָטיוו פון קורץ געזאָגט איז אַלע מאָל פּרעכטיק. בשעת עס נעמט דיך דורך דער וועיטיק פאַר זאַכן, וואָס האָבן ניט געדאַרפט האָבן אַן אָרט אין דער באַציאונג פון מענטש צו מענטש, אָדער ווען ס׳כאַפּט דיך אָן אַ פריידי אָדער אַנציקונג פון עפּעס גוטס, שיינס, מענטשלעכס — דאַרף מען ניט קיין גרויסן שטח, אַז עס זאָל ניט קענען דער וועיטיק אָדער די פרייד צעשוואומען ווערן".

די שרייבערין באַהערשט פולשטענדיק די קונסט פון קאָנצענטראַציע. קליין אין שטח, זיינען אירע נאָוועלן רייך מיט געדאַנק, געפיל־שטימונג. אייניקע נאָוועלן באַוואונדערן ממש מיט זייער קינסטלערישער שלמות, וואָס ווערט דערגרייכט דורך געפּרעסטקייט (צום ביישפּיל, "פאַרצויגן מיט שפּינוועבס", "דער טאַטע מיט דער מאַמען", "די ליבע פון אַ בלעכער", "דער טרעגער", "די ערשטע באָד", "לעבן און ליכט" א"אַ).

אויך דאָס בילד, די פּאָרטרעט־צייכענונג, דאָס פּסיכאָלאָגישע אָדער שטייגערישע געמעל, די נאַטור־שילדערונגען זיינען ביי שירע גאָרשמאַן לאַקאָניש און קאָנדענסירט.

אָט, צום ביישפּיל, דער פּאָרטרעט פון דער באָבע פעסיע:

"די באָבע איז שוין דאָ. די פּאַטשיילע אויף דעם שפּיץ קאָפּ. די אַרבל פאַרקאַטשעט, די בלויע אויגן אויסגעוואַשן ווי דער הימל. זי רעדט צום זיידן און קוקט אויף מיר" ("מיין באָבע־זיידעס פּרילינגען").

די שרייבערין האָט ניט ליב צעצויגענע נאַטור־שילדערונגען. צוויי־דריי פּענדזל־שטריכן, און ניט נאָר מיר זעען, מיר פילן דעם טעם און דעם ריח פון דער נאַטור־דערשיינונג, מיר שטעקן זיך אָן מיט דער שטימונג, וועלכע זי רופט אַרויס.

צום ביישפּיל:

"די זון וואַרעמט. פון בייט גייט אויף אַ רויכל. אין אַ שורה איינס אין איינס זיינען אַרויסגעקראָכן די שפּיציקע ציבעלעס. זיי האָבן נאָך ערד אויף זיך. די באָבע בייגט זיך איין, רייניקט אָפּ פון זיי די ערד און רעדט, ווי זי רעדט מיט דער קו, מיט די הינער: ׳אָי־אָי, זיך נעבעך גוט אָנגעהאָרעוועט, ביז מען האָט זיך דורכגעשלאָגן צו דער שיין. זע נאָר, ווי מען האָט זיך אויסגעסטראָיעט, ווי די סאָלדאַטן מיט פּיקעס..." ("מיין באָבע־זיידעס פּרילינגען").

דער אָפּשיי פאַר "קורץ געזאָגט" פילט זיך אויך אין דער שפּראַך פון שירע גאָרשמאַנס נאָוועלן. די שרייבערין האָט ליב קאָנדעסירטקייט ניט נאָר אינעם געבוי פונעם ווערק, נאָר אויך אינעם דיאַלאָג, אין דער באַשרייבונג. זי האָט ניט ליב געצויגענע באַשרייבונגען, האָט פיינט זיך פאַרנעמען מיט אויסטייטשונגען אָדער

באַריכותדיקע מאָטיווירונגען. זי האָט ליב אַריינזאָגן שאַרף, קלוג, דער לייענער וועט פאַרשטיין, וואָס זי מיינט. זי טרויט אים, דעם לייענער, זי פאַרלאָזט זיך אויף זיין כוח התפיסה. אויך אירע העלדן האָבן בדרך כלל פיינט לאַנגע דרשות, זיי האָבן אויך ליב אַריינזאָגן קורץ און שאַרף. שירע גאָרשמאַנס שורה איז אָפט אַפּאָריסטיש און אויסערסט אויסדריקלעך. דער אַפּאָריסטישער זאָג, צום ביישפּיל, "אַ רחמנות אויף די מאַנצבילן" פאַרבאָרגט אונטער זיך אַ רייכסטן מאָראַליש־שטייגערישן מאַטעריאַל און שליסט אין זיך איין די קווינטעסענץ פון דער גאַנצער נאָוועלע; "קאָמונקעס" ווערטל "קוקט ניט אין די מאָגנס, קוקט אין די מאָרגנס" אַנטהאַלט אין זיך ניט נאָר דעם עצם מהות פון זיין "קאָמונקעס", וועלט־אויפֿפאַסונג, נאָר עס שפּיגלט אויך אָפּ דעם ענטוזיאַזם און מסירות־נפש פון די יידישע קאָמונאַרן אויף די קרימער פעלדער.

שירע גאָרשמאַן האָט אַ פיינעם געפיל פאַרן בייגעוודיקן פאָלקסוואָרט, וואָס איז אַרומגעוואַקסן מיט בילד און שטייגער, פאַר דעם שפּריכוואָרט אָדער וויץ. איר שפּראַך באַצויבערט מיט רייכקייט, זאַפטיקייט, יאָדערדיקייט, שפּילעוודיקייט און גלייכצייטיק פּאַעטישקייט, נאַטירלעכקייט. ס'איז אַ שפּראַך אַ געריידטע, אַ לעבעדיקע, אָן באַפּוצונג, אָן גלאַנץ און פּרעטענציעזקייט, ווייל זי שטראָמט פון אַ געזונטער פאָלקס־סביבה, זי גייט פונעם לעבן, ניט פון דעם ביכל.

ס'איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס ערטערווייז, ווען מיר לייענען אייניקע, באַזונדערס מאָנאָלאָגאַרטיקע גאָרשמאַנס דערציילונגען, טוט אויף אונדז אַ ווייע מיט דעם באַזונדערן חן פונעם לעבעדיקן, פאָלקסטימלעכן שלום־עליכמישן דיאַלאָג אָדער מאָנאָלאָג (צום ביישפּיל, אין "דער פעטער נפתלי", "נייע צייטן — נייע צרות", "גייענדיק פון מאַרק", "די פאַריתומטע מאַמע", "רייזע־קאַשע", "לעבן און ליכט" א"אַ).

שירע גאָרשמאַן זעצט פאָר די פּראָגרעסיוו־הומאַניסטישע טראַדיציעס פון דער קלאַסישער ליטעראַטור, נוצט פרוכטבאַר אויס אירע קינסטלערישע דערגרייכונגען, דערגאַנצט זיי מיט דער אייגענער שעפערישער דערפאַרונג אין אַ נייער עפּאָכע, ביי נייע אומשטענדן, טראָגט אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור איר אייגענעם, אייגנאַרטיקן נוסח.

העפּט 11, 1974

ביי די קוואַלן פון לעבן

(שמואל גאָרדאָן)

אין די דערשינענע פאַר דער לעצטער צייט זאַמלונגען פון שמואל גאָרדאָנס פּראָזאַישע ווערק, (שמואל גאָרדאָן, פּרילינג, מאָסקווע 1970), זיינען איינגעשלאָסן זיינע שאַפונגען פאַר די יאָרן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער שרייבער דערשיינט דאָ פאַר אונדז, ווי מיר קענען אים פון פריער, מיט דעם אים אייגנ־טימלעכן גרויסן אינטערעס צו די אַקטועלסטע פּראָבלעמען פון אונדזער לעבן.

זיין באַליבטער פּערסאָנאַזש איז דאָס רוב, ווי פריער, דער תושב פונעם שטעטל און פון יידישן דאָרף; דער פּלאַצדאַרם — מערסטנטייל דאָס שטעטל, אָבער שוין ניט יענץ, וואָס האָט זיך אַזוי דאַרשטיק אַ ציי געטאָן צו די ברייטע רחבותן אין די ערשטע יאָרן נאָך דער גרויסער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, נאָר דער עיקר דאָס היינטיקע שטעטל, איבער וועלכן ס׳האָט זיך דורכגעטראָגן דער גרויסער מלחמה־שטורעם, דאָס שטעטל נאָך דער קאַטאַסטראָפע.

די ליבע פון אונדזערע שרייבער און דיכטער צום שטעטל איז אַ נאַטירלעכע. אין משך פון עטלעכע יאָרהונדערטער איז עס געווען דער לעבנס־צענטער פון מיליאָנען יידן. מיט דעם שטעטל איז פאַרבונדן אַ שטיק יידישער שטייגער, דאָ זיינען אויסגעכאָוועט געוואָרן אונדזערע קולטור־רייכטימער.

ניט אומזיסט דערציילט אונדז שמואל גאָרדאָן, אַז ער איז אַ פאַרליוירענער געשטאַנען לעבן דער רשימה פון די אויטאָבוסן, אויף וועלכע ס׳זיינען פאַרצייכנט די שטעטלעך, וואוהין זיי האַלטן אַפּ זייערע רייסן, און ניט געוואוסט וואוהין פריער צו פאָרן. עס רופט צו זיך דער זיידע מענדעלע קיין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, נאָר ס׳פאַרלויפט אים דעם וועג אַברהם גאָלדפאַדען און בעט באַזוכן אַלט־קאָנסטאַנטינאָוו; טענהן אָבער נחמן בראַצלעווער און הערשעלע אָסטראָפּאָלער, אַז צו זייערע שטעטלעך איז אַ סך נענטער; און דאָ קומען אַרויס דוד בערגעלסאָן, דער נסתר, דוד האָפשטיין, און לאַדן אין קיין אַכרימאָווע, בערדיטשעוו, קאַראַס־טישעוו; ס׳באַווייזט זיך פּרץ מאַרקיש און רופט קיין פּאָלאָנע; עס שלאָגט אים איבער איציק פעפער, פאַרבעט צו זיך קיין שפּאָלע...

האָט זיך טאַקע דער שרייבער אַוועקגעלאָזט אין אַ וויטער נסיעה און האָט דערזען דאָס שטעטל נאָך דעם קאַטאַקליזם, זיינע איינוואוינער, וואָס זיינען בייט לעבן געבליבן און זיך צוריקגעקערט אַהיים. אין דער גאַנצער האַרבקייט איז

פאָרן שרייבער אַנטשטאַנען די פראַגע וועגן קינפטיקן גורל פונעם שטעטל, פון די לעבן־געבליבענע, וועלכע האָבן אויף זייערע אַלטע וואוין־ערטער דאָס רוב געטראָפן בלויז חורבות און ברודער־קברים. וועגן דעם אַלעמען האָט ער אונדז דערציילט מיט גרויסער אינטימער וואַרעמקייט אין אַ גאַנצער ריי זיינע דערציילונגען און אין דער פּרעכטיקער סעריע "רייזע־בילדער".

אָט זעען מיר אַ בילד, ווי צווײ בהמות, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן פון די כוחות, שלעפּן אַ וואָגן מיט אַן אויפגעהויבענער בויד, און אַ הויכער ייד אין ברילן טרייבט זיי אונטער, זיי זאָלן זיך באַוועגן שנעלער (די נאָוועלע "אַ היים"), און ס'טוט אונדז אַ קלעם ביים האַרצן, עס טוט אויף אונדז אַ ווייע מיט דער טרויעריקער וואָר פון די ערשטע נאָך־מלחמה יאָרן. דאָס קערט זיך אַהיים די משפּחה פון אַ יידישן פויער פון קרים, וועלכע האָבן בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע אויסבאַהאַלטן ביי זיך קאַזאַקן פון איינער אַ קובאַנער סטאַניצע. די משפּחה וואָלט געקענט דאָרטן פאַרבלייבן, און ס'וואָלט זיך איר געלעבט גאָר ניט שלעכט, אָבער ס'ציט אַהיים, צום פריערדיקן וואוין־אָרט. מאַכט מען דורך אַ מהלך פון העכער פינף הונדערט וויאָרסט "אויף אַן אייגענער פּאָר בהמות", ווייל דער פויער שמעון האָט זיין רעזאָן: "כ'ווייס אַפריער, אַז חוץ ליידיקע ווענט, וועל איך דאָרט גאָרנישט טרעפן. נאָר אַז אין שטאָל שטייט אַן אייגענע סקאָטינקע, וועט שוין ניט פעלן קיין מלבוש, קיין מעבל, און מען וועט נאָך קענען אונטערהאַלטן עמעצן מיט אַ ביסל מילך אויך". דער עיקר: "מען האָט אַ היים..."

אין אַ העכסט קאָנדענסירטער קינסטלערישער פאָרם האָט דער שרייבער די גאַנצע קאָמפּליצירטקייט פון דער פּראָבלעם פון "צוריקקער אַהיים" איבערגעגעבן אין דער דערציילונג "אין ווייַנגאָרטן", איינער פון זיינע בעסטע דערציילונגען.

נאָך דעם אומגליק איז פאַר טויזנטער לעבן־געבליבענע, וועלכע די מלחמה האָט צעשיידט מיט זייערע וואוין־ערטער, געשטאַנען די דראַמאַטישע פראַגע: "צי בלייבט מען הי, צי פאָרט מען צוריק?". פאַר פיל פון זיי איז דאָס פאָרן צוריק געווען באַזונדערס שווער און ווייטעדיק, ווייל ס'האָט געהייסן "פאָרן אויף קבר־אבות", זיך באַזעצן אויף דער ערד, וואו יעדער שטיין, יעדעס ווינקעלע דערמאָנט אין די אומגעקומענע, סאַמע נאָענטסטע און טייערסטע.

אַזוי איז געשען מיטן ווייַנגאָרטן. פריער איז ער געווען ביי די איינוואוינער פונעם יידישן דאָרף "ביי לעבן", דער סימבאָל פון גליקלעכער מי און פרייד, איצט איז ער געוואָרן אַ סימבאָל פון טויט און פאַרניכטונג, ווייל אויף דעם אָרט זיינען אומגעבראַכט געוואָרן די טאַטעס און מאַמעס, די ברידער און שוועסטער, די זין און אייניקלעך. פונעם בליענדיקן ווייַנגאָרטן איז געוואָרן אַן אימהדיקער ברודער־קבר.

מיט גרויסער מייסטערשאַפט שילדערט ש. גאָרדאָן די איבערלעבונגען פונעם הויפּט־העלד פון דער דערציילונג, מלך גאַלענדער. נאָכן דעמאָביליזירן זיך פון

דער אַרמיי באַזעצט ער זיך „אין איינער אַ ווייטער שטאָט". ער קערט זיך ניט אום אַהיים, ווייל ער, וועמענס משפּחה איז אומגעקומען אין ווייגגאַרטן, „וועט קיין מאָל ניט קענען וואוינען אין שכנות מיט קברים"... ער לאָזט זיך פאָרן אַהיים בלויז צוליב דעם, כדי פאַרקויפן די שטוב, וועלכע איז אים געבליבן בירושה.

און דאָך נעמט דאָס לעבן זיינס. דער אָפּטימיזם פון די אויסגעהונגערטע נאָכן סטעפּ צוריקגעקערטע קאָלווירטניקעס, וועלכע האָבן דאָ נאָך די שווערע מלחמה־יאָרן, מיט ווייניקע הענט און מיט געבראָכענע הערצער, אויפגערודערט דעם באַקעטן סטעפּ און געצוואונגען אים געבן אַ רייכע גערעטעניש, זייער מוטיקער גלויבן אין דעם צוקונפט, זייער עקשנותדיקער אויף צו להכעיס דעם טויט און דער איינגעשפּאַרטער דראַנג צום לעבן — דאָס אַלץ העלפט מלכן זיך דערגראָבן צו יענעם גרויסן אמת, וועלכע עס זאָגט אַזוי איבערצייגעוודיק אַרויס דער עלטערער און פיל מער פון אים דערפאַרענער בענציע:

„— אויב מיר קענען נאָך אַזעלכע נסיונות שטיין דאָרטן (אין ווייגגאַרטן — א. ר.) און אַרבעטן, זעען מיר ערשט, ווי שטאַרק מיר זיינען. אַוועק די צייט, ווען מיר פלעגן נאָך אַ פּאָגראָם זיך אַרומטראָגן איבער דער וועלט מיט אונדזערע וואונדן, מיט אונדזער יידישן „יחוס", אַז מיר זיינען די געליטנסטע, די גערודפסטע, די שוואַכסטע. אַוועק די צייט פון אַרומגיין איבער דער וועלט אויסבעטלען רחמנות. ס'איז געקומען די צייט פון ווייזן גבורה, און מיר האָבן עס באַוויזן, באַוויזן עס אויף דער מלחמה און באַווייזן עם איצט".

דער שרייבער באַווייזט, אַז אינעם אַקטיוון בויען דאָס נייע לעבן, אינעם העפטיקן איינשליסן זיך אינעם לעבן פונעם גאַנצן לאַנד און אפילו אין דער פעאיקייט גובר צו זיין זייערע פּערזענלעכע ווייטיקן זעען די לעבן־געבליבענע דאָרפס־תושבים זייער בירגערלעכן, נאָך מער, זייער נאַציאָנאַלן חוב, זייער אחריות פאַרן קיום פונעם אייגענעם פאָלק.

ש. גאָרדאָנס „רייזע־בילדער", וועלכע זיינען אַזוי באַליבט געוואָרן ביים לייענער, קויפן אונטער מיט זייערע אָריגינאַלקייט. ס'איז אייגנאַרטיקע פּראָזע: אי ליריק, אי עפּאָס. אויך דער זשאַנער איז אַ נייער: האַלב פאַרצייכענונג, האַלב נאָוועלע.

די גרויסע ליבע צום שטעטל האָט דעם שרייבער דיקטירט אונטערצונעמען אַ נסיעה אין אַ ריי אוקראַאינישע שטעטלעך. וואָס ער האָט דאָרט דערזען און וואָס ער האָט דאָרט דערהערט, האָט ער אונדז מיט אַן אינערלעכן האַרציקן ציטער דערציילט. האָבן מיר זיך דערוואוסט אַז דאָס שטעטל לעבט, אַז ס'זיינען דאָ אינעם שטעטל ניט נאָר בית־עולמס און ברידער־קברים, נאָר אויך בליענדיקע גערטנער, ניי־אויפגעקומענע הייזער, ביידעס און באַבעס, וועלכע טאַנצן אַ שערעלע אויף יונגע חתונות. בחורים און מיידלעך וואָס בויען אַ ניי לעבן, קינדער, וואָס זינגען לוסטיקע

לידער און פאַרהילכן דעם אַרום מיט זייער פריילעכן געלעכטער. דאָס שטעטל לעבט, הגם דער ווייטיק האָט זיך אינגאַנצן ניט געשטילט און די מלחמה־וואונדן האָבן זיך אינגאַנצן ניט פאַרהיילט.

און אָט זיינען מיר צוזאַמען מיטן שרייבער אין וועג, פון שטעטל צו שטעטל, פון סטאַנציע צו סטאַנציע. "ווער ס'איז אויסגעוואַקסן אין אַ שטעטל, דער ווייסט וויפל דערמאָנונגען און געפילן עס וועקן אויף אין זיכרון און אין דער נשמה די וואַסער־מילן, די קוזניעס, די אויסגעשפּאַנטע וועגענער אויפן פלאַץ, די זשאַבעס וואָס קוואַקן אין טשערעט..."

מעזשיבאָזש, דעראַזשנע, קאַזאַטין, קריזשאָפּאָל, פּאַגעבישטשע, וואָראָמקע, קראַסנע — אַלע זיינען זיי ענלעך איינעם צום אַנדערן, אומעטום האָט דער גרויסער חורבן איבערגעלאָזט זיינע בלוטיקע שפּורן, נאָר יעדעס שטעטל האָט זיינע פאַרבן און ריחות, זיינע פריידן און ליידן, זיינע אויסזיכטן אויף דער צוקונפט.

די שטעטלעך זיינען אונטערן צייכן פון חורבן און אויפבוי גלייכצייטיק. פון די רירנדיקע ליריש־עפּישע שילדערונגען הערן זיך דעריבער אַרויס צוויי מעלאָדיעס. איינע — אַ מאַזשאָרענע, אַ פריידפולע, דאָס איז די מעלאָדיע פון לעבן, פון האָפענונג, פון גלויבן; די צווייטע — אַ מינאָרע, אַ נאָגנדיקע. דאָמינירנד איז די ערשטע מעלאָדיע. דאָס לעבן באַזיגט דעם טויט.

דאָס געזאָגט קען אַמבעסטן אילוסטרירט ווערן אויף דעם אַנאַליז פון איינער פון די אַמערסטן געלונגענע רייזע־נאָוועלעס, פון "אַ חתונה אין קריזשאָפּאָל".

שוין גלייך פון אָנהייב וואַרפט זיך אין די אויגן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ שטעטל וואָס היילט האַסטיק די וואונדן. אין צענטער פון דער נאָוועלע שטייט די שילדערונג פון דער שטעטלדיקער חתונה.

פּאַראַלעל מיט דער מומע שיינדל, וועלכע האָט געהאַט גענוג גייסטיקן כוח גובר צו זיין די וואונדן אין האַרצן און פאַרהיטן אַ שטאַרקן ווילן צום לעבן, קומט דאָס געשטאַלט פון דוואָסיען, וועלכע האָט איבערגעלעבט דעם שוידער פון פעטשערער לאַגער. דוואָסיע גייט ניט באַגעגענען חתן־כלה, זי מיידט אויס די חתונה. יעדער פון אָט די ביידע פרויען דערמאָנט אויף איר אופן דעם שוידער־לעכן גרויל פון דער פאַרגאַנגענהייט. און ס'איז אַ גרויסע פראַגע, ווי עס באַמערקט מיט רעכט דער קריזשאָפּאָלער לערער נתן דאַווידאָוויטש שאַדאַראָווסקי, "ווער עס דערמאָנט מער אין דעם, וואָס איז זיך פאַרלאָפן אין דער וועלט, דוואָסיע מיט איר פאַרשפּאַרן זיך צווישן פיר ווענט, צי שיינדל מיט איר קערן וועלט ביים פירן חתן־כלה פון זאַגס?".

די קבֿרים פאַרגעסט מען טאָקע ניט. דאָס לעבן אָבער טריאומפירט. די לעבעדיקע דאַרפן לעבן. "די קריזשאָפּאָלער חתונה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן שבת, האָט זיך פאַרצויגן ביז זונטיק־צונאַכטס און זיך פאַרענדיקט מיט מזל אויף דער פולער וואָך". קריזשאָפּאָל איז ניט קיין אויסנאַם. אין דער נאָוועלע "קאַזאַטין"

וויקלט דער שרייבער פּאַנאָנדער אַ גאַנצע גאַלעריע לעבעדיקע געשטאַלטן, צווישן זיי יידן־אייזנבאַן־אַרבעטער, און פון אַנדערע פּראָפעסיעס. עס טיילן זיך אויס די קאָלאָריטפולע פיגורן פונעם מאַשיניסט פון עלעקטראָוואָז, כאַסקל, און פון זיין געהילף יאַנטל. דאָס זיינען מענטשן, וואָס זיינען פול מיט לעבן, אימפּעט, אָפּטימיזם, וואָס האָבן ליב אַ שאַרף ווערטל, אַ געפּעפּערטן וויץ. מיט איין וואָרט "אַ פריילעך פאָלק", ווייל, ווי עס זאָגט יאַנטל: "איר האָט ווען־ניט־איז באַגעגנט אַ בעל־עגלה אַ מרה־שחורהניק? און אַ ייד אַן אייזנבאַנער, אויב איר ווילט וויסן, שטאַמט פון בעל־עגלות". רעדן זיי טאַקע, די דאָזיקע אייזנבאַנער, וועלכע "שטאַמען פון בעלי־עגלות", אַ וואָרצלדיקן זאַפטיקן, געשמאַקן יידיש, און מיר דאַרפן זאָגן אַ יישר־כוח גאָרדאָנען, פאַר דעם, וואָס ער האָט אונדז מחיה געווען מיטן דאָזיקן באַטעמטן יידיש, וועלכער האָט זיך, ווייזט אויס, טאַקע גוט פאַרהיט אינעם היינטיקן שטעטל ביי די לעבן־געבליבענע נאָכן גרויסן חורבן.

און ניט נאָר אייזנבאַנער טרעפן מיר דאָ, נאָר אויך אַזאַ מין געשטאַלט ווי ר' זישע "אַדמיראַלטייסטוואָ", וואָס שטייט ביים אַריינגאַנג אין רעסטאָראַן; ווי בערל דער בעקער און שמחה דער פּייקלער, וועלכע שפּילן אין דער כלי־זמר־קאַפּעלע; ווי די פּענסיאָנערן, וואָס זיינען "פּאָ סאַמאָסטאָיאַטעלסטווו" פאַריק־מאַכערס, שוסטער, שניידער, קירזשנער, און אַפילו "קאָנפּערסאַנציע אויף חתונות"; ווי צום ביישפּיל, אברהם פּעקער — אַן אייגנאַרטיק געשטאַלט פון אַ נייעם טיפּ בדחן, אַ ווערטלזאָגער, אַ לוסטיקן גראַמען־מאַכער, וועמענס לידעלעך זיינען מוסטערן פונעם נייעם נאָך־מלחמהדיקן יידישן פאָלקלאָר.

ניט אומעטום, פאַרשטייט זיך, איז אַזוי לעבעדיק און פריילעך ווי אין קאַזאַטין. דער שרייבער ווייסט גוט, אַז פיל פון די שטעטלעך, וועלכע האָבן פריער געלעבט אַ פולבלוטיק לעבן, גייען איצט ביסלעכווייז אַראָפּ פון דער סצענע. מיט טיפן טרויער, צום ביישפּיל, דערציילט ער וועגן וואָראָנקע, שלום־עליכמס געבורט־שטעטל. ס'איז אַוועק מיט רויך די וואונדערבאַרע ראָמאַנטישקייט, אין וועלכער עס זיינען איינגעטונקען שלום־עליכמס דערינערונגען וועגן שטעטל פון זיין קינדהייט אין "פונעם יאַריד".

דאָך פאַרלירט ניט דער שרייבער, ווי זיינע העלדן, דעם גלויבן, אַז מען דאַרף ניט "זאָגן קדיש" נאָך דעם שטעטל. די מערהייט פון די שטעטלעך לעבט און וועט לעבן: "אין אַ סך שטעטלעך איז פאַרבליבן אַ קאָרען, טיפע וואָרצלען, און דאָס קען מען מיט דער האַנט ניט אַוועקמאַכן... וועלן זיין זאַוואָדן, מיט פאַבריקן, מיט וואַרשטאַטן — וועט זיין אַ יוגנט, און דאָ, וואו ס'איז דאָ אַ יוגנט, דאָרט איז פאַראַן אַ לעבן".

דעם שרייבערס אומרו פאַר דעם צוקונפט פונעם שטעטל לאָזט זיך פילן אויך אין דער דראַמע "דעם בעל־שמס געסל" (סאָוועטיש היימלאַנד, 12, 1968), פאַר וועלכע ס'האָבן גאָרדאָנען געגעבן שטאָף טאַקע די רייזעס איבער די שטעטלעך.

די באַשרייבונג פון "בעל־שמס געסל" האָבן מיר געטראָפן אין דער פאַרצייכענונג "מעזשיבאָזש". אין דעם געשטאַלט פון כעוועדן דערקענען מיר טאַניע פאַסמאַניק, וועלכע פירט אַרום די געסט איבערן שטעטל און דערציילט די געשיכטעס וועגן דעם בעל־שם, און וועגן הערשעלע אָסטראָפּאָלער. די באָבע איטע, וואָס גיט אַכטונג, אַז איר אייניקל, דוקא זאָל אויף דעם אַקאָרדעאָן שפּילן "פאַ נאַטאַם", איז געקומען אַהער פון דער פאַרצייכענונג "פאַגרעביטשע".

די נאָך־וויייענישן פון דער מלחמה לאָזן זיך שפּירן אויף יעדער טריט און שריט. דאָס שטעטל, וואָס איז אַמאָל געווען אַ כרך, איז איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דאָרף, אין וועלכן ס'לעבן עטלעכע צענדליק פאַמיליעס. די יוגנט, ווי נאָר זי ענדיקט די שול, צעפאָרט זיך איבער די זאַוואָדן און אינסטיטוטן.

דאָס שטעטל, אָבער, וויל ניט אונטערגייען, עס רייסט זיך צו ווידער־אויפֿלעבונג, עס וויל זיך איינשליסן אינעם אַלגעמיינעם אימפּעטפולן לעבן פונעם גאַנצן לאַנד. דערפאַר טאַקע באַשליסט דער שניידער הלל, אָפּשפּילן די חתונה פון זיין זון דווקא דאָ אין שטעטל, און דווקא מיטן גרעסטן פאַראַד. די פריילעכע חתונה דאַרף זיין אַ קוויטל אויף לעבן, אַ מין אָדערוף פאַר דעם, אַז עס איז "נאָך ניט אויס מיט דעם שטעטל", ווייל, ווי עס זאָגט דאָ שייע: "אין בלאָט איז פונקטלעך אַנגעוויזן וויפל זאַוואָדן און פאַבריקן מען וועט אין די נייע פּיאַטילעטקעס אויסבויען אין די שטעטלעך, און אַז סע וועלן זיין זאַוואָדן מיט פאַבריקן, וועלן במילא זיין חתנים מיט כלות, און אַז סע וועלן זיין חתנים מיט כלות, וועלן שוין במילא זיין חתונות".

די ברייטע פאַרטראַכטע חתונה איז אָבער צעשטערט געוואָרן, ווייל די גרויליקע געשפּענסטער פון דער ניט־ווייטער פאַרגאַנגענהייט זיינען נאָך אינגאַנצן ניט פאַרשוואונדן, זיי לויערן נאָך און באַרויבן די רו און די פרייד. אַרום דעם טאַקע צעוויקלען זיך די דראַמאַטישע געשעענישן אין "דעם בעל־שם געסל".

אין צוואַנציק יאָר אַרום נאָכן אָפּקומען די פאַרדינטע שטראָף קערט זיך אום קיין מעדזשיבאָזש דער פּאָליצײ־מאַן אַלעקסיי. די שוועסטער פונעם פאַרעטער, נאַטאַליע, האַלט, ווי אַלע אַנדערע, אַז "אַ חיה האָט ניט קיין היים!" זי דערלאַנגט אַ מעלדונג, וועלכע ס'האָבן אונטערגעשריבן די איינוואוינער פון שטעטל און קאָלווירטניקעס פון די דערבייאיקע דערפער, און בעט, מען זאָל דעם פאַרברעכער ניט דערלויבן לעבן אין שטעטל.

באַזונדערס דערצאָרנט איז הלל דער שניידער. ער וועט קיין מאָל ניט פאַרגעסן יענער האַרבסטיקער פאַרנאַכט אויף דעם דריטן טאָג נאָכן אומברענגען די יידן פונעם שטעטל, ווען צו אים, ווען די דייטשן האָבן אַלס פאַכמאַן געלאָזט לעבן, איז געקומען אַלעקסיי און אַוועקגעפירט זיין אייניקל צום טויט. הלל טראָגט אַרויס זיין פּסק־דין דעם פאַרברעכער.

הללס געשטאַלט באַקומט נייע העראָאישע שטריכן אין די לעצטע סצענעס פון דער דראַמע.

דעם גראָוון זקן שטייען פאַר נייע נסיונות. ער דערוויסט זיך אַז זיין לעניני־גראַדער מחותן מאַטעש, דער פאָטער פון זיין קומענדיקער שנור, איז געווען נאַטשאַלניק פון דער יידישער פּאָליציי אין געטאָ, און האָט, הייסט עס, צוגעלייגט זיין האַנט צו דער אויסראָטונג פון די יידן. הלל שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר צעשטערן די חתונה פון זיין זון. דאָס געוויסן פון זיין פאָלק, וועלכן הלל פאַרקערפּערט, פאָדערט פון אים, ער זאָל זיין אומרחמנותדיק צו מענטשן, ווי צו אַלעקסייען, וויל זיי דאַרפןביידע טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די שוידערלעכע פאַרברעכנס.

פאַר שמואל גאָרדאָנען איז דער ראַנדעוואו מיט דעם שטעטל אויך אַ באַגעגעניש מיט דער אייגענער קינדהייט און יוגנט. פון דאַנעט שטאַמט דער טיפער ליריזם.

פּאָגרעבישטשע, דאָס שטעטל פון זיין קינדהייט, האָט זיך שטאַרק געענדערט. דער שרייבער טרעפט דאָ נייע הייזער, בליענדיקע גערטנער, נאָר ער זוכט אויס דווקא די אַלטע געסלעך, שטעלט זיך אָפּ דווקא ביי די חורבות, ביי די הייזלעך מיט די האַלב־איינגעוואַלגערטע גאַנעקעס, מיט די רויטע לאָדנס און פאַרזשאַווערטע זאַוועסעס, דרייט זיך לאַנג אַרום צווישן די שטומע אָפּגעקראָכענע ווענט, און דער זכרון זיינער מישט אויף אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל פון די ווייט־פאַרלאָפענע יאָרן.

מיט אַ ווייכן ליריזם איז באַהויכט אויך די רייזע־נאָוועלע "קראַסנע". מעגלעך, אַז טאָקע בעתן באַזוך אין קראַסנע איז ביי ש. גאָרדאָנען אַנטשטאַנען דער פאַרטראַכט פון איינעם פון זיינע לירישסטע און אינטימסטע ווערק, דער גרעסערער דערציילונג "אויפן גליטש", אין וועלכער ער האָט אויפגעשטעלט אַ פּאָעטישן דענקמאָל דעם שטעטל פון די צוואַנציקער יאָרן.

דאָס שטעטל ווערט דאָ געזען מיט די אויגן פון אַ גרויסשטאָטישן בחור, דעם לענינגראַדער סטודענט בצלאל שליפער, וואָס איז אַהער אַראָפּגעקומען אויף זיין חודשלעכער פּראַקטיק. אַלץ פאַרכאַפּט אים דאָ און פאַרכישופט: דאָס הילצערנע בריקל, וואו עס הייבט זיך אָן דער שאָסיי מיט די שוואַרץ־און־ווייס געשטרייפטע סטויפּיקלעך פון ביידע זייטן, די אויסגייענדיקע זון אין נאָענטן וואַלד, די אָנגעבויגענע ווערבעס ביים שטילן גרינבלעכן טייכל, די שפּאַצירנדיקע פּאָרלעך, די יוגנט, וואָס ציט זיך דאָרשטיק צום וויסן און זינגט מונטערע לידער אויף די שטילע אָונטיקע גאַסן. נאָר דער באַזונדערער צויבער פונעם שטעטל, דער סודות־פולער רייץ זיינער איז פאַרבאָרגן אין די שטעטלדיקע מיידלעך, און באַזונדערס אין איינער, דער שענסטער פון אַלע, אין דער שטעטלדיקער שולמית, דער שלאַנקער און וואוקסיקער דינה מיט "די גרויסע טונקל־גרויע אויגן און לאַנגן שטייפן האַלדז — געשניצט ווי פון העלפאַנדביין".

דער שרייבער שילדערט מיט עכטער מייסטערשאַפט דינהס צניעות, איר פעאיקייט צו צוימען די לײדנשאַפט, וואָס גיט צו איר ליבע אַ באַזונדערן פּאָעטיש־ראָמאַנטישן רייץ.

אָט זעען מיר זי, דינהן, ווי זי יאָגט זיך אַן אומרואיקע און דערשיטערטע נאָך דעם צוג, ווי זי זוכט צווישן די רעלסן, באַהערשט פון איין געדאַנק, אַז מיט בצלאל האָט עפּעס פּאַסירט, ווען ער האָט, באַגלייטנדיק דינהס חברטע עטל, ניט באַוויזן אַראָפּשפּרינגען פון די טרעפּלעך פון וואַגאָן. אָט הערן מיר איר פאַר־צווייפלטן אויסגעשריי צו יואל דעם בעל־עגלה: „וויפל וויאַרסט איז פון דאַנעט צו דער צווייטער סטאַנציע? אויב איר וועט מיך ניט פירן אַהין, לאָז איך זיך גלייך צופוס...” און שפּעטער — איר געוויין, איר פאַרשטיקט קול, איר פּליסטערן צו בצלאל:

„— איך האָב מורא געהאַט, אַז דו ביסט אַראָפּגעשפּרונגען, אַז דו ליגסט צווישן די רעלסן... וואָס עס זאָל מיט דיר ניט געווען פּאַסירן, וואָלט איך דיך ניט פאַרלאָזט. איך וואָלט געווען לעבן דיר, שטענדיק מיט דיר. מיט דיר, וואָס עס זאָל ניט געשען”.

איר ערשטער ליבע בלייבט דינה טריי, ווי מען זאָגט ביז צו דעם גרוב. שוין נאָך דעם ווי מען האָט זי חתונה געמאַכט פאַר אַן אַנדערן, פאַרגעסט זי אויף קיין איין טאָג ניט בצלאלען. די זעלבע „נאַגנדיקע בענקשאַפט”, וואָס ביי בצלאלען, באַוועגט אויך זי צו באַזוכן דאָס שטעטל, דאָס וויגל פון זייער ליבע.

ניט געקוקט אויף דעם, איז זי אַ טריי ווייב פון איר מאַן, אַן איבערגעגעבענער מוטער פון אירע קינדער. דאָס אַנטשפּרעכט פולקאָם איר שלימותדיקער נאַטור, אירע עטישע פּרינציפּן.

אויך שפּעטער, אויפן דריטן יאָר נאָך דער מלחמה, ווען דינה איז שוין געוואָרן בצלאלס פרוי, האָט זי אַלץ ניט אויפגעהערט אַרויסצוקוקן אויף אַ בריוו פונעם פּראָנט, פון איר ערשטן מאַן, שמחהן, און „אַלע יאָרן זיך געפילט שולדיק פאַר אים, וואָס זי האָט אַזוי צוגעלייט זיך צונויפגייען מיט אַ צווייטן”. דאָס אַלץ האָט געוויס מיטגעווירקט איר פאַרצייטיקן טויט, ווייל „איר האַרץ איז די אַלע יאָרן געווען געגליכן צו אַ שטייף־אויסגעצויגענער סטרונע, וואָס פונעם קלענסטן צוריר קען זי פּלאַצן”.

דינהס טראַגישער סוף איז דורכגעזאַפּט מיט דעם טיפסטן דראַמאַטיזם. ער באַקומט אַ כמעט סימבאָלישן כאַראַקטער. עפּעס ווי דער שרייבער וואָלט, געזעג־געגענעדיק זיך מיט דינהן, זיך געזעגנט מיט זיין אייגענער ראָמאַנטישער יוגנט, מיט דער פּאָעזיע פונעם שטעטל פון יענע יאָרן.

דאָס געזאָגטע הייסט כלל ניט, אַז שמואל גאָרדאָן אידעאַליזירט דאָ דאָס פריערדיקע שטעטל, זעט ניט די שאָטנדיקע זייטן. ס'איז גאָרניט אַזוי. דער שרייבער האָט ניט פאַרטושירט די באַגרענעצקייט, וועלכע איז געווען כאַראַקטעריס־

טיש פאַר די תושבים פונעם קליינעם שטעטל. ער האָט באַוויזן אַז אין דעם, וואָס דינהס ליבע האָט זיך ניט אויסגעשפּילט, זיינען אין אַ גרויסער מאָס שולדיק די שטעטלדיקע זיטן. אינטריגעס, רכילות, מסירות, קליינלעכע פּערזענלעכע חשבונות פון די אַרומיקע האָבן ניט ווייניק מיטגעווירקט צו דער פאַרקריפּלונג פון די ליבע־פאַרהעלטענישן צווישן דינהן און בצלאלען. ס׳איז גענוג צו דערמאָנען דעם קליינשטעטלדיקן ״אַקטיוויסט״ ליפּא סעגאַל מיט זיין איבערגעטריבענער וואַכזאַמ־קייט און קרענקלעכער אַמביציע. אויך אויף דינהן האָט דאָס שטעטל אַרויפגעלייגט זיין שטעמפּל, און דער שרייבער האָט עס ניט פאַרבאָרגן.

און דאָך האָט ש. גאָרדאָן אין דעם דאָזיקן געשטאַלט פאַרקערפּערט דער עיקר דאָס פּאָעטישע, דאָס דערהויבענע, יענץ ניט־פאַרגענגלעכע, וואָס די פאָלקס־טראַדיציע האָט פון דורות פאַרהיט אינעם שטעטל, דעם יאָרן־לאַנגן גרונט־צענטער פונעם יידישן לעבן.

אין ״אויפן גליטש״ האָט זיך אפשר מער ווי אַנדערשוואו אַנטפּלעקט שמואל גאָרדאָנס פיינער חוש פאַר דער שפּראַך, זיין פעאיקייט אָפּצוקלייבן דאָס נייטיקע און טרעפלעכע וואָרט, זיין קונסט פון בויען די שורה, דעם זאַץ, זיין פאַרשטאַנד פאַר דעם אינעווייניקסטן ריטם פון דער פּראָזע. איניקע זייטלעך פון ״אויפן גליטש״ זיינען מוסטערן פון עלעגישער דיכטונג אין פּראָזע.

עס דאַרף אָפּגעמערקט ווערן גאָרדאָנס באַזונדערע נטיה צו ניט־געוויינלעכע, קאָמפּליצירטע, פּסיכאָלאָגישע קאָליזיעס. די דאָזיקע אייגנשאַפט האָט זיך באַזונדערס בולט אַנטפּלעקט אין זיין גרעסערער דערציילונג ״די איינציקע״.

די טעמע פון דער דאָזיקער דערציילונג איז, אייגנטלעך, ליבע — די שטאַרקע, כמעט געהיימניספולע קראַפט, וועלכע באַהערשט דעם מענטשן, פון וועלכן עלטער ער זאָל ניט זיין. די העלדן פון דער דערציילונג זיינען אַלע ניט גאָר יונג. לינע קאָזשדאָן איז אַלט זיבן און דרייסיק, איר מאַן, העניך איז אויף אַ יאָר צען עלטער, נאָך עלטער איז רפאל מאַנדעל. און דאָך זיינען זיי אַלע דריי באַהערשט פון אָט דעם גרויסן געפיל, וועלכער פאַרשאַפט יעדער פון זיי אי פרייד, אי לייד.

לינע האָט אַכצן יאָר געטראָגן דאָס גליק פון איר ערשטער גרויסער ליבע צו העניכן. ווען עמעצער פון זיי פלעגט זיין אין אַ קאָמאַנדירונג, פלעגט זי באַקומען אַ בריוו, אין וועלכע העניך האָט געמאָסטן זיין ליבע צו איר, דער ״טייערער און איינציקער״, מיט דער ״טיפקייט פון ים, מיט דער גרענעצלאָזיקייט פונעם רוים״ און פלעגט פאַרגלייכן ״די בענקשאַפט צו איר מיט דער בענקשאַפט פון אַ חתן צו אַ כלה״.

און אָט, אויפן ניינצנטן יאָר פון זייער צוזאַמען־לעבן, דערוויסט זיך פלוצעם לינע, אַז מען האָט זי אָפּגענאַרט. אין אירע הענט פאַלט אַריין העניכס בריוו צו אַן אַנדער פרוי, צו וועלכער ער ווענדט זיך מיט די זעלבע ווערטער: ״טייערע, איינציקע מיינע״, און מעסט די טיפקייט פון זיין ליבע צו איר מיט די זעלבע מאָסן.

לינע לעבט שרעקלעך איבער דאָס געשעענע, העענריכס פּאַראַט באַטייט פאַר איר ניט נאָר אַ קראַך פון איר פערזענלעך גליק, נאָר אויך אַ קראַך פון איר גלויבן אינעם מענטשן, אין ליבע. פונעם שווערן גייסטיקן קריזיס פירט זי אַרויס רפאל מענדעל, מיט וועלכן זי באַקאַנט זיך צופעליק.

רפאל מאַנדעל איז פּסיכאָלאָגיש אַ קאָמפּליצירט געשטאַלט. דער דאָזיקער קלוגער און לעבנס־דערפאַרענער מענטש גיט זיך אָפּט אַרויס פאַר ניט דעם, וואָר ער איז אין דער אמתן. ער האָט איבערגעלעבט גרויסע אַנטוישונגען, וועלכע זיינען ענלעך צו לינעס. זיי האָבן אים אָבער ניט איינגעבראָכן. אַלס שוץ־מיטל האָט אים געדינט זיין אייגנאַרטיקע לעבנס־פילאָסאָפיע, וואָס איינער פון אירע טעזיסן איז: „אויף דעם לעבן דאַרף מען קוקן פשוט און איינפאַך. דער גרעסטער שונא פונעם מענטשן איז דער זכרון, גליקלעכע זיינען די וואָס קענען אָפּטעמפּן אין זיך דעם זכרון".

עצהט טאַקע מאַנדעל לינען, זי זאָל פאַרגעסן דעם אומגליק וואָס איז געשען אין איר לעבן, און ניט זוכן קיין שולדיקע, ווייל „ליבע איז ניט קיין גאָט און ניט קיין געטין. ס'איז געצנדינערײַ, און געצנדינערײַ ווייסט ניט פון קיין איינציקן און שטענדיקן גאָט. געצנדינער קענען זיך איינצייטיק בוקן צו עטלעכע געטער... ס'איז ניטאָ דער מענטש, וואָס זאָל זיך איינליבן אין מאָל אויפן גאַנצן לעבן, פונקט ווי ס'איז ניטאָ דער בוים, וועלכער זאָל בלויז איין מאָל בליען". די עכטע ליבע דאַרף אויסמיידן דאָס באַרירן זיך מיט דער ווירקלעכקייט, ווייל זי איז גילטיק נאָר „אַלס דערמאָנונג, אַלס אַ היילִיקייט, צו וועלכער מען רירט זיך ניט צו, אַלס אַ טרוים, וואָס באַגלייט דאָס גאַנצע לעבן".

סיי מאַנדעל, סיי לינע — ביידע זייַנען פאַרבליבן אין זייערע פאַמיליעס, נאָר אין ביידנס הערצער לעבט „די עכטע, איינציקע, שטענדיקע, אויפן גאַנצן לעבן, ליבע", ווייל זי איז נאָר דערמאָנונג, נאָר טרוים. אין איינעם אַ שבת קלינגט ער אָן פון דער ווייטער שטאָט לינען אין טעלעפאָן, זי לייגט אַוועק דאָס טעלעפאָן־טרייבל, און שפּילט פאַר אים בעטהאָווענס לבנה־סאָנאַטע. אין דער רגע ווערט אַלץ, וואָס רינגלט זי אַרום, „פאַרשוואונדן אינעם חושך פון אירע שטייף־צוגעשלאָסענע אויגן. זי זעט פאַר זיך דעם באַרג און אויף זיין סאַמע שפּיץ, אונטער דעם ליכטיקן שטויב פון דער אַראָפּקוקנדיקער לבנה — זיך און רפאלען".

אוודאי איז אַזאַ מין אַרט ליבע שיין. צי איז אָבער גערעכט מאַנדעל, ווען ער באַהויפּטעט, אַז נאָר אין אַזאַ פאָרם קען די ליבע פאַרבלייבן אַן עכטע, איינציקע און באַשטענדיקע, אַז קוים באַרירט זי זיך מיט דער ווירקלעכקייט, פאַרלירט זי איר ראָמאַנטישן חן און פאַרוואַנדלט זיך פון אַ יום־טוב אין אַ שטענדיקן אינדער־וואָכן?

דער שרייבער, וועמענס שטעלונג איז אין תוך פאַרבאָרגן, גיט אונדז ניט קיין ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע, ווי אויך אויף אַנדערע, וועלכע שווימען

אויף ביים לייענען די דערציילונג. מעגלעך, ער איז נאָר אויסן געווען אָנצורירן דעם לייענער מיט די דאָזיקע פּראָבלעמען, צווינגען אים פאַרטראַכטן זיך איבער זיי און אַליין זוכן אויף זיי אַן ענטפער.

אַקטואַלע לעבנס־פּראָבלעמען, דער עיקר פון מאָראַליש־עטישן כאַראַקטער, ווערן באַרירט אויך אינעם ראָמאַן "פּרילינג".

דאָס איז אַ ראָמאַן וועגן דער יוגנט. ער שליסט זיך איין אין דער ריי ווערק, וועלכע מען איז געוואוינט אָנרופן "דערציאונגס־ראָמאַנען".

דער שרייבער שטויסט זיך אָפּ פון אַ געוויינלעכן שטייגערישן עפּיזאָד, וועלכער גיט אים די מעגלעכקייט אַוועקצושטעלן פאַרן לייענער וויכטיקע פּראָבלעמען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער דערציאונג פונעם יונגן דור לויט די עטישע נאָרמעס פון אונדזער געזעלשאַפט. דאָס איז דער עפּיזאָד אין טראָליייבוס, וואו דער פאַר־ליבטער אַלעק און שבע זעען, ווי אַ וואוקסיקער יונגאַטש רוקט אַריין די האַנט אין רידיקיול פון אַ באַיאָרטער פרוי, דערביי וויל זיך אַלעק ניט אַריינמישן, און שבע פאָדערט פונעם גנב, ער זאָל אומקערן דאָס געגנבטע, און די געשיכטע ענדיקט זיך מיט דעם, וואָס שבען, אַ שווער פאַרוואונדערטע, פירט מען אָפּ אין שפּיטאָל, וואו זי ליגט אָפּ עטלעכע חדשים. דער דאָזיקער עפּיזאָד האָט אַריינגעטראָגן אַ גאַנצע איבערקערעניש אינעם לעבן ניט נאָר פון אַלעקן, נאָר אויך פון זיין פאָטער בנימין זאַכאַראָוויטש סיוועך.

בנימין זאַכאַראָוויטש איז אַן אינטערעסאַנטע און קאָמפּליצירטע פיגור, בעת דער פאָטערלענדישער מלחמה האָט ער מוטיק געקעמפט קעגן די פאַשיסטישע חיילות אַלס קאָמאַנדיר פון אַ באַזונדערן באַטאַליאָן. נאָך דער מלחמה, אָבער, האָט ער זיך אָנגעהויבן אויפפירן מעשה אַריסטאָקראַט. חוץ דעם לוקסוס־הויז, אין וועלכן ער האָט זיך באַזעצט, האָט ער געקויפט אַ דאַטשע און די צימערן פון זיינע וואוינונגען אויסגעשטאַט מיט אויסלענדיש מעבל.

אין זיין פאַמיליע האָט זיך געבילדעט אַ "קולט" פון זיין פערזענלעכקייט. די פרוי און די קינדער זיינען אין זיין אָנוועזנהייט ממש אומגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער. ווען זיין טאָכטער, מאָרע, דערציילט אונדז דער שרייבער, פלעגט אַרויס־ברענגען דאָס וואָרט "פּאַפּאַ", האָט זיך געפילט פונקט אַזאַ דערוויטערדיקייט, ווי זי וואָלט אים גערופן "חבר פּאָלקאָווניק".

אויך אין אינסטיטוט, וואו ער האָט געאַרבעט אַלץ פאַרוואַלטער פון דער מיליטערישער קאַטעדרע, האָט זיך סיוועך באַמיט איינשטעלן אַ "דיסטאַנץ צווישן די, וואָס באַפעלן, און די, וואָס פילן אויס די באַפעלן". ער האָט זיך אויפגעפירט אַזוי, אַז "די, וואָס האָבן אים געקענט נעענטער, האָבן ניט געפּרוווט אים אין עפּעס איבערצייגן. זיי האָבן געוואוסט: אויב סיוועך האָט געזאָגט 'ס'איז אַזוי', וועלן זיי אים ניט קענען דערוויזן, אַז 'ס'איז ניט אַזוי'. צווינגען אים ענדערן די מיינונג

האָבן געקענט בלויז יענע, וואָס זיינען, לויטן ראַנג, און, דער עיקר, לויטן אַמט געשטאַנען מיט אַ שטאַפּל העכער פון אים״.

אין אַזאַ אַטמאָספער האָט זיך פאַרמירט דער כאַראַקטער פון דעם פאַלקאָוויקס זון, אַלעק. נאָכן ענדיקן די שול איז ער אָן קיינע שוועריקייטן, מיט דער הילף פון זיין ״אַלמעכטיקן פאָטער״, גלייך אַנגעקומען אין אינסטיטוט. אַזוי וואָלט זיך ווייטער געפירט, ווען ניט דער עפּיזאָד אין טראַלייבוס, וועלכער איז געוווען אַ מין סיגנאַל ביידן, סיי דעם זון, סיי דעם פאָטער, וואוהין עס קען זיי ווייטער פאַרפירן זייער אַרט לעבן.

בנימין זאַכאַראָוויטשן האָט דאָס געשעענע געצוואונגען איבערשאַצן אַלע ווערטן. ער האָט דערזען דאָס, וואָס פריער האָט ער, זייענדיק פאַרבלענדט פונעם אייגענעם רום און לוקסוס, ניט געזען. פאַר אים איז אין איר גאַנצער האַרבקייט אויפגע־קומען די פראַגע: ״ווי אַזוי האָט געקענט געשען, אַז ביי אים, וואָס האָט ניט איין מאָל געקוקט דעם טויט אין די אויגן, זאָל אויסוואַקסן אַ זון, וועלכער ווערט באַשולדיקט אין פחדנות און פאַראַט, ווען קיינער פון זיינע שול־חברים דער־לאַנגט ניט די האַנט?״. אַ שטרענגער אַנאַליז פון זיין אַרט לעבן ביז אַהער ברענגט אים צום אויספיר, אַז אין געשעענעם איז מער פון אַלעמען שולדיק ער אַליין, די אַטמאָספער וואָס האָט זיך געשאַפן ביי אים אין דער היים, די דערציאונג וועלכע ער האָט געגעבן זיינע קינדער.

אונטער דער ווירקונג פון די געשעענישן ענדערט זיך סיוועער. ער טרייסלט אַראָפּ פון זיך די גדלות, די גאווה, ווערט ווייכער, מענטשלעכער אין דער באַציאונג, צו די אַרומיקע. שוין גאָר אַן אַנדערער דערשיינט ער פאַר אונדז אין דער רירנ־דיקער סצענע, ווען ער זעגנט זיך מיט אַלעקן, ווען ער האָט פאַרגעלייגט צוריקנעמען די דאָקומענטן פון אינסטיטוט און אָנקומען אַרבעטן אין אַ זאַוואָד. ער דערלאַנגט אים דאָס סאָלדאַטישע טונקל־גרינע רוקזעקל, וואָס איז פאַרבליבן נאָכן אומגעקומענעם אויפן פראָנט עלטערן זון, דאַניען, און זאָגט: ״וואו דו זאָלסט ניט זיין און וואָס מיט דיר זאָל ניט טרעפן, זאָלסטו שטענדיק געדענקען, וועמענס רוקזעקל דו טראָגסט...״

פאַר אַלעקן איז דאָס געשעענע געוואָרן אַן אייגנאַרטיקע שול פון דערציאונג. די געענדערטע באַציאונג צו אים מצד זיין געליבט מיידל און די שול־חברים, דעם פאָטערס גזעגענונגס־ווערטער, די רעליקוויע פונעם העלדיש־אומגעקומענעם עלטערן ברודער — דאָס אַלץ ווירקט אויף זיין איבער־דערציאונג. אַלעק נעמט אָן דעם באַשלוס — זיך אַוועקלאָזן אין דער ווייטער אינטאַ, אָנקומען אויף אַרבעט אויף אַ שאַכטע און דערמיט אָנהייבן דאָס לעבן אויפסניי, זעלבשטענדיק, אָן דעם פאָטערס שוץ־פליגל. ער איז מחויב אַליין שאַפן זיין ביאָגראַפיע, ווי עס האָט אים געזאָגט דער פאָטער.

אַלעק ווייסט גוט, אַז שאַפן אַן אייגענע ביאָגראַפיע וועט אים זיין ניט גרינג,

ער איז אָבער גרייט אויף אַלץ. טאַקע אַזוי — אַ דרייסטן און אַנטשלאָסענעם — טרעפֿן מיר אים, ווען ער טרעט אַרויף אויף דער ערד פֿונעם פֿאַרוואָרפֿענעם שאַכט־יאַרישן שטעטלביים פּאָליאַר־קרייז.

אינעם ראָמאַן „פֿרילינג" באַהאַנדלט דער שרייבער אַ ריי אַקטועלע פּראָבלעמען פֿון אונדזער צייט: די פּראָבלעם פֿון עלטערן און קינדער, פֿון דערציאונג פֿונעם יונגן דור, פֿון די מאָראַלישע פּרינציפּן פֿונעם סאָוועטישן מענטשן — דערביי טרעט ער ניט אַרויס אַלס אַ זייטיקער שילדערער, נאָר פּאַרטיידיקט הייס די עטישע נאָרמעס פֿון אונדזער געזעלשאַפֿט.

לײַדער, האָט דער באַשטימטער דידאַקטישער כאַראַקטער פֿונעם ראָמאַן גורם געווען צו אַן איבערגעלאָדנקייט מיט מאָראַליזירנדיקע סענטענציעס. אייניקע געשטאַלטן טרעטן ערטערווייז אַרויס אין דער ראָל פֿון רעזאָניאָרן און האָבן זיך מחמת דעם באַקומען אַ ביסל סכעמאַטיש (צום ביישפּיל, וואַדים טימאָפֿייעוויטש וועטשעריא, דניאל קיווין).

אינעם ראָמאַן, אין די גרעסערע און קלענערע דערציילונגען, אין די רייזע־בילדער — אומעטום לאָזט זיך שפּירן דעם שרייבערס שאַרפֿער חוש צום געהערטן און געזעענעם, זיין ברענענדיקער אינטערעס צו אַל דאָס נייעם, אַקטועלן, פֿריש־צאַפּלדיקן, וואָס וויקלט זיך פֿאַנאַנדער אין אַרומיקן לעבן. ש. גאָרדאָנס אומרואיקער גייסט, די טבע פֿון אַן „אויסשפּירער און אַנטדעקער", וועט אים געוויס באַוועגן זיך צו לאָזן אין וויטערדיקע נסיעות איבער די שטעט און שטעטלעך פֿון אונדזער לאַנד, און ער וועט אונדז, גלייבן מיר, אין דער נאָענטסטער צייט דערפֿרייען מיט נייע ווערק וועגן אונדזער צייט, וועגן די מענטשן וועלכע אַרבעטן און בויען דאָס נייע לעבן.

העפֿט 12, 1973

טוביה געגנס ראָמאַן „אונדזערע צייטן"

„אונדזערע צייטן" איז טוביה געגנס ערשטער פּרווו אין אַ נייעם פאַר אים זשאַנער, דעם ראָמאַן. און מען דאַרף גלייך זאָגן, דער פּרווו איז אים געלונגען.

ביז איצט האָבן מיר ט. געגנען געקענט דער עיקר אַלס דעם מייסטער פון דער קורצער נאָוועלע. נאָר אויך צו גרעסערע פאָרמען האָט אים פון צייט צו צייט געצויגן. זיינע גרעסערע דערציילונגען „אין דער היימשטאָט", „אַ דערציילונג פון דער קינדהייט", „אַ פּשוטע געשיכטע" דאַרפן באַטראַכט ווערן ווי אַ געוויסער עטאַפּ אויפן וועג צום ראָמאַן, צו „אונדזערע צייטן".

דער נאָמען פונעם ראָמאַן אַנטשפּרעכט זיין אינהאַלט. פון יעדער שורה זיינער לאָזט זיך שפּירן דער הייסער אָטעם פון „אונדזערע צייטן". פון דער געניויער באַשרייבונג פונעם נייעם מויער אין אַ נייעם מיקראָ־ראַיאָן פון דער הויפּט־שטאָט, מיט וועלכער דער ראָמאַן הייבט זיך אָן, ביז דער אויספירלעכער שילדערונג פון די קאָרפּוסן פונעם גרויסן מעטעאָלורגישן זאַוואָד אין נאָוואָסיבירסק, מיט וועלכער דער ראָמאַן ווערט פאַרענדיקט — דורכאויס און אומעטום פילן מיר די אַטמאָספער פון אונדזער שטורמישער צייט, דער צייט פון גרויסן עקאָנאָמישן און קולטורעלן אויפשטייג, דער צייט פון דער וויסנשאַפטלעך־טעכנישער רעוואָלוציע. אונדזערע צייטן זיינען, אָבער, ליידער, ניט נאָר יאָרן פון גראַנדיעזן אויפשוואונג, נאָר גלייכ־צייטיק אויך יאָרן פון היילן טיפע וואונדן, יאָרן פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, וועלכע האָט גורם געווען דעם אומקום פון מיליאָנען מענטשן אויפן פראָנט און אין הינטערלאַנד, אין די טויט־לאַגערן און גאַז־קאַמערן. וועגן דעם פאַרגעסט ניט טוביה געגן. דער מחבר פונעם ראָמאַן „אונדזערע צייטן" ווייסט גוט, אַז איבער דעם דור, וואָס שטעלט אויף פון רואינען די נייע גראַנדיעזע בנינים און פאַר־ווירקלעכט די גרויסע רעוואָלוציע אין דער וויסנשאַפט און טעכניק, האָט זיך דורכגעטראָגן דער מלחמה־שטורעם, וועלכער האָט איבערגעלאָזט טיפע קאַרבן אין מח און אין האַרצן פון יעדן איינעם, וואָס האָט אים איבערגעלעבט.

דאָס געשטאַלט פונעם וויסנשאַפטלער כאַנין און די פּראָבלעמאַטיק, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם וויסנשאַפטלעך־טעכנישן פּראָגרעס, זיינען ניי אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור. אייגנטלעך האָט געגן צום ערשטן מאָל זיך געווענדט צו דער דאָזיקער טעמאַטיק שוין אין זיין גרעסערער דערציילונג „אין דער היימשטאָט". דאָ, אינעם ראָמאַן „אונדזערע צייטן", באַקומט די דאָזיקע פּראָבלעמאַטיק אַ טיפערע און ברייטערע באַהאַנדלונג.

דאָס געשטאַלט פונעם געלערנטן כאַנין איז געגעבן אויף אַ רייכן סאָציאַל־היסטאָרישן הינטערגרונט. אין דער יידישער ליטעראַטור איז איצט צום ערשטן מאָל אַוועק אַ רייד וועגן עלעקטראָניק, וועגן טעכנישע דערפינדונגען, וועגן וויסנשאַפטלעכע דיסערטאַציעס און עקספּערימענטן, וועגן פּראָדוציר־פּראָצעסן, וואָס ווערן אַנטוויקלט אויפן יסוד פון דער היינטצייטיקער וויסנשאַפט און טעכניק. מיט גרויס באַהאַוונטקייט און וויסן האָט געגן געשילדערט דאָס נאָוואָסיבירסקער וויסנשאַפטלער־שטעטל מיט זיין שפּעפּרישן טאָג־איין, טאָג־אויס, די ליידן און פריידן פון דער "עקספּערימענטאַלער לאַבאָראַטאָריע", וואו ס'ווערט פּרובירט נייע אַנטדעקונג פון אומאויפהערלעכער שטאָל־שמעלצונג, דער גרויסער מעטאַלורגישער זאַוואָד מיט זיין הייסן צעך און מאַרטען־אויוונס, וואו ס'ווערט אויפגעשטעלט דער ניי־דערפונדענער אויוון, וואָס טיילט זיך אויס, ווי "אַ ניי־געבוירן שפּעפּלע צווישן אַ גרויסער סטאַדע אַלטע שאָף".

לעוו באַריסאָוויטש כאַנין, אָדער, ווי מען רופט אים געקירצט, לעבאַר, דאָס צענטראַלע געשטאַלט אין ראָמאַן, איז געמאָלט מיט אַ געניטער האַנט פון אַן עכטן מייסטער און געהער, בלי ספק, צו די אינטערעסאַנטסטע געשטאַלטן אין אונדזער היינטצייטיקער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

דאָס איז אַ געלערנטער, וועלכער איז ניט נאָר פאַרליבט אין זיין אַרבעט, ער פאַרמאָגט די פעאיקייט אַריינצוקוקן אין דער צוקונפט און באַשטראַלן די טאָג טעגלעכע מי מיט שעפערישער פאַנטאַזיע.

די דאָזיקע אייגנשאַפט פון זיין נאַטור ווערט באַטאָנט אינעם לאַקאָנישן, מיט קאַרגע שטריכן געמאָלטן פאָרטרעט, אין וועלכן כאַנין ווערט ניט צופעליק פאַרגליכן מיט דאָן־קיכאָטן, און ניט נאָר זיין ראָמאַנטישקייט, זיין היזיכער אידעאַליזם מאַכט לעבאַרן ענלעך צום באַרימטן ליטעראַרישן העלד, נאָר אויך די אים־אייגנטימלעכע טיפע מענטשלעכקייט, ערלעכקייט און אויפריכטיקייט, זיין כמעט קינדישע פאַרטרוילעכקייט צו מענטשן:

"דערביי האָט ער מיט דער לאַנגער פיגור, מיטן לענגלעכן פנים, אויף וועלכן עס האָבן געברענט די אויגן, טאַקע אויסגעזען ווי דאָן־קיכאָט, אַ משונהדיקער פאַנטאַזיאָר, עס האָט אים נאָר געפעלט די שפּאַגע און דער העלם פון דעם זינלאָזן ריטער. אין די רייד זיינע איז געווען עפּעס גאָר קינדישעס, וואָס קלעפּט זיך ניט מיט דער ערנסטקייט פון אַ וויסנשאַפטלעכן טוער, אַן עלטערן מענטשן".

די דאָזיקע דאָן־קיכאָטישע ראָמאַנטישקייט, באַטאָנט דער שרייבער, האָט זיך ביי לעבאַרן אַנטוויקלט נאָך אין דער פריער יוגנט. פון זיינע יוגנטלעכע פאָטאָגראַפיעס קוקט אַרויס "אַ בחור מיט אַ פנים, מיט אַ העכערער שטרעבונג, מיט אַ ציל. די אַנגעשפּיצטע אויערן האָבן שוין אויסגעהערט פיל לעקציעס איבער אַלע מינים וויסנשאַפטן און דאָרשטן צו הערן נאָך און נאָך. דער בליק זיינער — אַ

פּאַרטרוימטער און פאַרחושטער — איז פון אַ פאַרשוין, וואָס איז אַריינגעטאָן אין די העכערע ספערן און האָט ווייניק וואָס צו טאָן מיט זיך גופא".

טאַקע ווי דאָן־קיכאָט, האָט לעוו באַריסאָוויטש „ווייניק וואָס צו טאָן מיט זיך גופא", אייגננוץ און פּראַקטישער אינטערעס זיינען אים פרעמד. ער יאָגט זיך ניט נאָך רום, אים אינטערעסירט ניט זיין פּערזענלעך וואוילגיין, אים גייען אָן איינציק און אַליין די אינטערעסן פון דער וויסנשאַפט גופא, די אינטערעסן פונעם כלל, וועלכע זי, די וויסנשאַפט, איז באַרופן צו דינען. פון דאַנעט שטאַמט זיין שטרענגקייט צו זיך אַליין, די אחריות־פולקייט לגבי דער אייגענער ארבעט, דאָס ניט באַפרידיקן זיך מיטן דערגרייכטן, די שטענדיקע שטרעבונג צו פאַרפולקאָמונג, צו דערגראָבן זיך ביז צום גרונט. לעוו באַריסאָוויטש איילט זיך ניט צו פאַרטיידיקן די דאָקטאָר־דיסערטאַציע, און כאָטש זיין בוך איז שוין כמעט אינגאַנצן פאַרטיק, יאָגט ער זיך ניט צו פאַרעפנטלעכן, ער וויל אים דערגאַנצן מיט נייע פרוון.

מיט דעם אַלעמען שיידט זיך לעוו באַריסאָוויטש כאַנין לגמרי אונטער פונעם אַנדערן געלערנטן, וואָס ווערט אויסגעפירט אין ראָמאַן, פון אַנאַטאָלי דאַנילאָוויטש רייסקי, וועלכער איז געגעבן אין אַ געוויסער מאָס אַלס אַנטיפּאָד צו כאַנין. דעם שרייבער האָט זיך איינגעגעבן אַנצומאָלן אַ קאַלירטפולע פיגור, וועלכע איז גענוג טיפּיש פאַר אַ באַשטימטער קאַטעגאָריע וויסנשאַפטלער. רייסקי איז ניט קיין סכעמאַטיש געשטאַלט פון אַ פסעוודאָ־געלערנטן. דער שרייבער האָט אים געוויזן אַלזייטיק. דאָס איז אַ פעאיקער טוער, וואָס האָט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס, אַ שאַרפע וויסנשאַפטלעכע אינטואיציע, איז קאַפּאַבל צו מאַכן געוויסע פאַרשערישע חידושים. ער געהער אָבער ניט צו די ענטוזיאַסטן, צו די ראָמאַנטיקער, צו די דאָן קיכאָטן, ער געהער מער צו די סאַנשאָ־פאַנטשאָס, פונעם כלל זיינען ביי אים אויף דעם לעצטן אָרט. אין פאָדערגרונט איז ביי אים דאָס אייגענע, דאָס פּערזענלעכע, דער פּראַקטישער אינטערעס.

זיין אויסזען: „אַ קרעפּטיקער יאָדערדיקער מאַנצביל, מיט גלייכע קוואַדראַטע פּלייצעס פון אַן אויסגעשולטן מיליטערמאַן, מיט רויטע באַקן, ווי ער וואָלט געהאַט פערציק גראַד היץ".

גן־עדן קומט אים שוין אויף דער וועלט״, נאָר אין זיין פעאיקייט צו נעמען אים, דעם דאָזיקן גן־עדן, מיט געוואַלד. אַ פעאיקייט, וואָס האָט זיך ביי אים אויס־געאַרבעט שוין אין דער פריער קינדהייט. דער שרייבער ברענגט אַ ריי כאַראַקטער־ריסטישע עפּיזאָדן פון רייסקיס קינדהייט, פון וועלכע ס׳לאָזט זיך גרינג אַרויסזען, אַז צוגלייך מיט גוטע פעאיקייטן איז ער פון דער נאַטור געווען באַשאָנקען ״מיט אַ וואוילער קענטשאַפט אויסצונעמען ביי מענטשן, ביי וועמען עס איז ווינטשנסווערט אויסצונעמען און נושא־חן זיין״.

אין דער וויסנשאַפט האָט רייסקי שטענדיק געזוכט די גרינגסטע וועגן, וואָס פירן צום דערפאָלג, צו רום און פּריאָריטעט. ער איז ״מקנא געווען יעדער, ביי וועמען, ווי אים האָט זיך געדאַכט, עס לויכט זיך בעסער איידער ביי אים, און ער האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט ער בלייבן אין שאָטן, אַ פאַרטונקלטער דורכן אַנדערנס ליכט״. גרענעצלאָזע אייגנליבע, רומגיריקייט, קינאה, גציעג נאָך פּריאָרי־טעט פירן אָן מיט אַלע זיינע האַנדלונגען. ער שטימט קעגן לעבאָרן, ווען יענע פאַרטיידיקט זיין קאַנדידאַט־דיסערטאַציע, ווייל בדרך־כלל האָט רייסקי שטענדיק ״יענעמס דערפאָלג איבערגעלעבט ווי אַ שווערן קלאַפּ, אַן אייגענעם ביטערן פאַר־לוסט״. דאָס שטערט אים ניט אַרבעטן צוזאַמען מיט לעבאָרן אין זיין לאַבאָראַטאָריע, ווייל יענעמס פּראָיעקט פון אומאויפהערלעכע שטאַל־שמעלצונג שיינט צו זיין פּערספּעקטיוו־פול און מען קען פון דעם אַרויסציען גרויסע נוץ פאַר דער אייגענער קאַריערע. ווען ס׳ווערט אָבער קלאָר אַז די פּערספּעקטיוו איז אַ זייער ווייטע, און דער רום קען, חלילה, פאַרשפּעטיקן, טרייסלט ער זיך אָפּ פון עם געוועזענעם קאָלעגע און שטעמפּלט אים עפנטלעך אַלס אַ ״לא יוצלח, אַ דאָן־קיכאָטל״, קוים אָבער

דאָקטאָר־דיסערטאַציע אויף דער זעלבער טעמע. אַלע מאַניפּולאַציעס ווערן דערביי אָפּגעטאָן אַזוי "ראַיעל מיט שכל", אַז כאַניך "קען ניט אַ פּיפּס טאָן", כאָטש ער פילט אַז "רייסקי שטייט צו אים מיט אַ מעסער צום האַלדז". נאָך מער, דער געוויסנהאַפטער געלערנטער הייבט אָן צו צווייפלען אין זיינע פעאיקייטן און אים הייבט זיך אָן טראַכטן, אַז דאָס, וואָס אים גיט זיך איין שווער מיט האַרעוואַניע און מיט פאַרלוסטן, גיט זיך רייסקין איין גרינג, אָן אָנשטרענגונג. שפּעטער ווערט אים, דעם ערלעכן געלערנטן, ווי אויך זיין פרוי, פאַלינע יאַקאָוולעוונע, באַשיימפּערלעך קלאָר, אין וואָס סע שטעקט דער סוד פון דעם, וואָס ביי רייסקין באַקומט זיך אין זיין וויסנשאַפטלעכער טעטיקייט אַלץ אַזוי לייכט און גראַציעז. ווען רייסקי האָט געפּרוווט, פאַרגלייכנדיק זיין "גראַציעזקייט" מיט כאַנינס "שווערער האַרעוואַניע" אין דער וויסנשאַפט, דורכפירן אַ פּאַראַלעל צווישן זיי ביידן מיט מאָצאַרטן און סאַליערי, האָט שוין פאַלינע, פאַר וועלכער ס'האָט זיך דעמאָלט פולשטענדיק אַנטבלויזט זיין, רייסקיס, עגאָאיסטיש־קאַריערעסטישער מהות, געוואוסט אים צו ענטפערן:

"די גראַציעזקייט גיט זיך דיר איין, ווייל דו ביסט ניט איבערקלייבעריש אין די מיטלען".

אגב, האָט רייסקי דעם דאָזיקן דיאַגנאָז — ניט איבערקלייבערישקייט אין די מיטלען — גאָר גיך באַשטעטיקט מיט דעם לעצטן נידערטרעכטיקן מיטל, וועלכן ער האָט אָנגעווענדט קעגן לעבאָרן, מיט דער דורך אים פאַבריצירטער און לעוו באַריסאָוויטשן צוגעשיקטער "אַנאָנימקע", וועלכע האָט, בלי ספק, פאַרסירט דעם טויט פונעם געלערנטן.

רייסקי האָט דערגרייכט די העכסטע שטאַפּלען פון זיין קאַריערע, טרעטנדיק מיט די פיס אַנדערע, וועלכע זיינען אים געשטאַנען אויפן וועג. פאַר אים איז די וויסנשאַפט געווען בלויז אַ מיטל זיך צו דערהייבן אויף דעם לייטער פון רום, בלויז אַ וועג צו אַ בעסערן אייגענעם וואוילשטאַנד. ער האָט ניט געהאַט קיין שול, קיין נאָכפאָלגער, זיינע וויסנשאַפטלעכע אויפטוען האָבן איבערגעלאָזט קנאַפּע שפּורן אין לעבן. זיין גאָב דער וויסנשאַפט איז אין תוך מינדערווערטיק.

גען ווידמעט אין זיין ראָמאַן פיל אויפמערקזאַמקייט דעם פערזענלעכן לעבן פון זיין הויפּט־העלד. דערביי הייבט ער אויף אַ וויכטיקע און אַקטואַלע לעבנס־פּראָבלעם, וואָס איז ניט איין מאָל אויפגעשוואומען אין דער ליטעראַטור. דאָס איז די פּראָבלעם פון געזעלשאַפטלעכן און אינדיווידועלן, אַלגעמיינעם און פערזענלעכן. דאָס לעבן איז רייך און קאָמפּליצירט, און ניט שטענדיק גיט זיך איין איינצו־שטעלן אַ פולשטענדיקע האַרמאָניע צווישן די דאָזיקע צוויי פאַלאַרע קאַטעגאָריעס. עס זיינען באַוואוסט פאַקטן, ווען דאָס פערזענלעכע לעבן פון גרויסע קינסטלער און געלערנטע לייגט זיך צונויף צומאָל ניט גענוג גליקלעך מחמת דעם, וואָס זייער שעפערישע טעטיקייט נעמט ביי זיי אָוועק די גאַנצע לעבנס־ענערגיע און

פֿאַרוואַנדלט זיך אין איין־און־איינציקער לײדנשאַפֿט, װעלכע דאָמינירט איבער אַלע אַנדערע און שלינגט זײ אײַן. געװן האָט באַװיזן אין זײַן ראָמאַן, אַז אױך כאַנינס פּערזענלעך לעבן האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן אין אַ גרױסער מאָס, דערפֿאַר, װאָס זײַן װיסנשאַפֿטלעכע טעטיקייט איז פֿאַר אים געװאָרן די אײנציקע. דער שרײַבער האָט אָבער אױסגעמיטן פֿאַרפֿלאַכונג, ער האָט זיך ניט געשטעלט אױף דעם װעג פֿון פּרימיטיװער, טראַפֿאַרעטער באַהאַנדלונג פֿון דער דאָזיקער פּראָבלעם. ער האָט זי באַטראַכט פֿיל ברײטער און פֿיל טיפֿער. מיט גרױסן קינסטלערישן טאַקט האָט ער אױפֿגעקלערט אַז דאָס, װאָס כאַנין האָט זיך ניט אײַנגעגעבן אײַנצו־שטעלן אַ האַרמאָניע צװישן זײַן אינטימען און געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, איז אַלײן אַ רעזולטאַט פֿון אַנדערע, פֿון אים ניט אָפּהענגיקע, אָביעקטיװע, מען קען זאָגן, גורלדיקע סיבות, װעלכע ס׳האָט געבאָרן די צײַט, די צײַט פֿון דעם מלחמה־שטורעם און שוידערלעכן קאַטאַקליזם. אױפֿדעקנדיק די דראַמאַטישע און אין תּוך טראַגישע פֿאַמיליען־געשיכטע פֿון לעװ באַריסאָװיטש כאַנין, האָט דער שרײַבער דײַטלעך באַװיזן, אַז גאָר אין אַ גרױסער מאָס איז זי אַ פּועל־יוצא פֿונעם מלחמה־קאָשמאַר און פֿון זײַנע נאָכװײענישן.

די מלחמה־טעמע האָט קײן מאָל ניט אױפֿגעהערט צו רעגן געגנען, איר האָט ער געװידמעט אַ רײ נאָװעלן, װעלכע זײַנען אַרײַן אין בוך ״דאָס פֿאַרבליבענע העפֿטל״ (1944), נאָװעלן װאָס האָבן מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ מין קינסטלערישן רעפּאָרטאַזש פֿון די גרױזאַמע און העראָישע שלאַכט־טעג. צו דער מלחמה־טעמע האָט זיך דער שרײַבער אומגעקערט אױך נאָך דער מלחמה. באַזונדערס טיף האָט זיך אים אײַנגעגעבן איבערגעבן דעם שוידערלעכן גורל פֿון די מלחמה־יאָרן אין דער דערצײלונג ״אין דער הײמשטאָט״, װאו ער האָט מיט גרױסער קינסטלערישער קראַפֿט געשילדערט דעם געראַנגל, װעלכן ס׳איז אױסגעקומען צו פֿירן די נאָך דעם קריג, לעבן־געבליבענע מענטשן מיט זיך אַלײן, מיט דער דריקנדיקער לאַסט פֿון טרױעריקע זכרונות, מיט די ״מצבֿות אין האַרצן״ אין פּעריאָד, װען דאָס גאַנצע לאַנד האָט גענומען הײלן די מלחמה־װאונדן און זיך אַ ציִ געטאָן צו װידער־אױפֿלעבונג און באַנײַאונג.

אױך אינעם ראָמאַן ״אומזיסטע צײַטן״ איז דער געראַנגל צװישן טױט און לעבן נאָך ניט פֿאַרענדיקט. און באַזונדערס איז עס טאַקע קענטיק אױף דעם לעבנס־גורל פֿון לעװ באַריסאָװיטש און פֿאָלינע יאַקאָװלעװנען.

די מלחמה האָט פֿאַרקריפּלט די מענטשלעכע גורלות, און טאַקע זי איז די הױפּט־שולדיקע, װי עס באַװײַזט זיך איבערצײַגעװדיק געװן, אין דעם, װאָס לעװאַרס און פֿאָלינעס גליק האָט זיך ניט אױסגעשפּילט און זײער פֿאַמיליען־געשיכטע האָט באַקומען אַזאַ דראַמאַטישן כאַראַקטער.

מיט גרױסער פּסיכאָלאָגישער ראַפֿינירטקייט דעקט אױף דער שרײַבער שטאַפּל נאָך שטאַפּל די אַנטװיקלונג פֿון דער דאָזיקער דראַמע.

ביידע האָבן זיי פאַרלאָרן די פאַמיליעס בעת דער מלחמה. לעוו באַריסאָוויטש איז געווען אויפֿן פראָנט, און ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט, האָט ער קיינעם ניט געטראָפֿן ביים לעבן. זיין פרוי, סאָניע, און דעם זון, עלינקען, האָבן די פאַשיסטן אומגעבראַכט.

פאַלינע יאַקאָוולעוונע האָט בסך־הכל עטלעכע וואָכן געלעבט מיט איר מאַן צוזאַמען. ער איז אומגעקומען אויפֿן פראָנט אינעם טאָג פֿון נצחון: "אין איין אויגנבליק איז זי געוואָרן די אומגליקלעכסטע פרוי אין דער וועלט, דאָס לעבן האָט פאַרלאָרן דעם טעם, זי האָט אָנגעטאָן אַ שוואַרץ קלייד און אַ שוואַרץ טיכל אויפֿן קאָפּ. לויט דער נאַטור אַן ענערגישע, אַ לעבנסווילנדיקע און לעבנספריידיקע, איז זי ביי זיך אַראָפּגעפֿאַלן, און ס'וואָלט אפשר אינגאַנצן זיך אונטערגעהאַקט אירע קרעפֿטן, ווען ניט וואָלאָדיע — דער זון..."

דער עלנט־געוואָרענער לעוו באַריסאָוויטש געפֿינט אַ טרייסט אין דער אַרבעט, אין דער וויסנשאַפֿט, אין זיינע שעפערישע פּלענער, וועלכע ער גיט זיך אָפּ מיט לייב און לעבן. נאָר די "מצבות און הארצן" זיינען פריש, און ער קען זיי ניט פאַריאָגן אַפילו דאַן, ווען ער הייבט אָן אַ צווייט פאַמיליען־לעבן מיט פאַלינע יאַקאָוולעוונען. זיינע פאָדערונגען צום פאַמיליען־גליק זיינען געווען טיפערע, ווי ביי פאַלינען. פאַלינע האָט געהאַלטן אַז "געוויינלעכע מענטשן דאַרפֿן נאָר אַ ביסל געוויינלעך גליק", און מען קען עס דערגרייכן, ווען מען באַמיט זיך צו פאַרגעסן די פאַרגאַנגענהייט, ווען מען רייסט אַרויס מיט געוואַלד די "מצבות" פֿון הארצן. לעוו באַריסאָוויטש האָט זיך ניט געקענט באַנוגענען מיט "אַ ביסל געוויינלעך גליק", ער האָט געוואָלט אַז דאָס פאַמיליען־גליק זאָל זיין פול, ווי עס איז געווען פריער, פאַר דער מלחמה.

כאָטש לעבאַר און פאַלינע האָבן ליב געהאַט איינער דעם צווייטן, האָבן זיך "זייערע לעבנס ניט צוזאַמענגעגאָסן", האָט זיך די ליבע צווישן זיי "ניט אויס־געשפּילט". פאַלינע האָט שטענדיק געפֿילט, אַז "נאָך אַזוי פיל יאָרן צוזאַמען לעבן קוקט ער נאָך אַלץ אויף איר, ווי אויף אַ פרעמדער, אַלע אירע רייד, אַלע אירע שריט און גענג מעסט ער ביז היינטיקן טאָג מיט אַ צווייטער מאָס. אַז ער פאַרגלייכט זי מיטן ערשטן ווייב זיינס, סאָניען... ער זאָגט עס ניט, נאָר זי, פאַלינע, פילט, אַז אַלץ, וואָס זי ברענגט אַרויס פֿונעם מויל, און יעדער טוּאונג אירע רופֿן ביי אים אַרויס אַ פראַגע, צי וואָלט יענע אויך אַזוי געזאָגט און געהאַנדלט". ווי צאַרט סע איז ניט לעבאַר צו זיין צווייטער פרוי, פאַרגעסט ער אויף קיין איין מינוט ניט די ערשטע, היט זאָרגזאַם סאָניעס בריוו, איר געשטאַלט קומט אים אָפֿט פאַר די אויגן; ווי טריי איז ער ניט צו פאַלינעס זון וואָלאָדיען, וועלכן ער האָט באמת ליב, פאַרגעסט ער אויף קיין רגע ניט דעם אומגעקומענעם עלינקען, און ווען ער ברענגט אַ שפּילעכל וואָלאָדיען, מוטשעט אים די דערמאָנונג: "מענטשן, וואָס האָבן געזען, האָבן מיר דערציילט, אַז אין יענעם ווינטן טאָג, ווען מען האָט די קינדער צוזאַמען

מיט זייערע מאַמעס געטריבן צו דער גרוב, האָט עלינקע געהאַלטן אין דער האַנט אַן עראָפּלאַנדל — דאָס לעצטע שפּילעכל, וואָס איך האָב אים באַוויזן צו קויפן..."

דער מלחמה־שוידער האָט זיך געשטעלט אויף דעם וועג פון לעבאָרס און פּאַלינעס פּאַמיליען־גליק, קיין האַרמאָניע האָט זיך אין זייער פּאַמיליען־לעבן ניט באַקומען.

ווען לעבאָרן לייגט מען פאַר אַריבער צו פאָרן קיין נאָוואָסיבירסק, זאָגט זיך פּאַלינע אָפּ מיטצופאָרן, ווייל איר איז שווער זיך צו שיידן "מיט מאָסקווע, מיט די פריינד און באַקאַנטע, וואָרפן אַ נייע פּרעכטיקע דירה", ווי עס וואָלט געווים געטאָן ווי זי באַמערקט אַליין, זיין ערשט ווייב, סאָניע. לעבאָר נעמט אויף איר אָפּזאָג ווי אַ באַוויז פון ניט גענוגנדירער ליבע און טריישאַפט. פּאַלינע געפינט ניט אין לעבאָרס בריוו פון נאָוואָסיבירסק קיין אויסדרוק פון בענקשאַפט נאָך איר. "אייניקע מאָל, ווען עס כאַפּט זי אַרום דער אומעט — באַמערקט גען — איז זי גרייט צו לויפן אויפן טעלעגראַף און קלאַפּן לעוו באָריסאָוויטשן אַ דעפּעש, אַז זי פאָרט צו אים, און זאָל ער זי קומען באַגעגענען. זי ווערט אָבער גיך אָפּגעקילט, דערמאָנענ־דיק זיך, אַז אין קיין איין בריוו, וואָס זי האָט דערהאַלטן פון אים אין משך פון די פינף חדשים, זינט ער איז אָוועקגעפאָרן, רופט ער זי ניט צו זיך, דערמאָנט ניט וועגן דעם אַפילו מיט אַ וואָרט".

אַזוי ווערט געשאַפן דער באָדן פאַר דער באַקאַנטשאַפט מיט רייסקין. מייסטעריש שילדערט גען דעם געוואַלדיקן קאַמף, וועלכן ס'קומט אויס פירן פּאַלינען מיט זיך אַליין אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דאָזיקער אומדערוואַרטער ליבעגעשיכטע. נאָך די ערשטע צוזאַמענטרעפן מיט רייסקין "וואַשט זי לאַנג די הענט מיט זייף, ווי זי וואָלט געוואָלט פּראָפילאַקטיש אַראָפּוואַשן עפּעס איבעריקס, עפּעס אַזעלכעס, וואָס קען זיך צוקלעפּן און אַריינקריכן אינעווייניק, טיף אונטער דער הויט". זי באַמיט זיך פון אים צו באַפרייען איין מאָל פאַר אַלע מאָל, נאָר די ניט אויסגעשפּילטע ליבע האָט געבילדעט אַ פּאָסטקייט: "די, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין קינדהייט, בענקען נאָך אַ שפּילעכל ביז דער טיפער עלטער. אַז מען שפּילט ניט אויס די ליבע אין דער יוגנט, קוקט מען אַרויס און מען יאָגט זיך נאָך איר בלאָסן שאָטן ביזן סוף לעבן".

אינעם גלענצנדיקן קאַפּיטל "צוגאַסט אין מאָסקווע", וואָס איז אָנגעשריבן, ווי מען זאָגט, אין איין אָטעם־איבערכאַפּ, איז מיט גרויסער פּסיכאָלאָגישער פעאיקייט געשילדערט די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון די געשעענישן. לעוו באָריסאָוויטשעס אָנקום קיין מאָסקווע עפנט עפּעס אַ ניי בלעטל אין זייער פּאַמיליען־געשיכטע. זיין בענקשאַפט נאָך פּאַלינען רייסט אַרויס אין אַ ליבע־אויפברויז, וואָס דערמאָנט די בעסטע, יונגע יאָרן. פּאַלינען כאַפּט אָן אַ טיפער געפיל פון חרטה פאַר דעם, וואָס איז געשען צווישן איר און רייסקין, זי באַשליסט אויסקויפן איר שולד פאַר דעם נאָענטסטן צו איר מענטשן, דעם "אומיטלבאַרן, אומבאַהאָלפענעם

און אומבאַשיצטן ווי אַ קינד". זי נעמט אָן דעם ענדגליטיקן באַשלוס מיטצופאָרן מיט אים קיין נאָוואָסיבירסק. מעגלעך, אַז ערשט איצט וואָלט דאָס געגאַרטע גליק געקומען, די פאַמיליען־האַרמאָניע וואָלט זיך איינגעשטעלט. אָבער רייסקיס צוגע־שיקטע "אַנאָנימקע" וואָלגערט אַלץ אום אין איין מינוט. פאַר לעבאָרס ערלעכער נאַטור איז פּאָלינעס פאַראַט, אין וועלכן ער האָט אַזוי ניט געוואָלט גלייבן און וועלכן די אויפריכטיקע פּאָלינע איז ניט בכוח געווען אָפּצולייקענען, געווען געגליכן צו אַ טויט־קלאַפּ. ס'איז געווען די צווייטע און די שטאַרקסטע טראַומע, וואָס ער האָט אין מאָסקווע באַקומען נאָך דער באַקאַנטשאַפט מיט רייסקיס דאָקטאָר־דיסערטאַציע. איצט איז שוין לעוו באַריסאָוויטשן שווער קומען צו־זיך.

די געלונגענע רעאַליזירונג פון זיין עקספּערימענט מיטן אויוון פון אומאויפּ־הערלעכער שטאָל־שמעלצונג בעת זיין צוריקקער קיין נאָוואָסיבירסק ברענגט אים גרויס פרייד, נאָר באַרואיקן זיך נאָך די איבערגעלעבטע אויפטרייסלונגען קען ער שוין ניט. שטאַרקער ווי פריער וואַקסט אָן די בענקשאַפט נאָכן באַרויבטן פאַמיליען־גליק. אָפטער קומען אויף אין זיכרון די בילדער פון דער ניט ווייטער פאַרגאַנגענהייט. סאָניעס אויגן פאַרפאָלגן שוין אים איצט אָן אויפהער. די צופעליקע באַקאַנטשאַפט מיט אַדען, פון וועלכער "עס האָט ווידער אַ ווי געטאָן לעוו באַרי־סאָוויטשן אין פּנים מיט זייער אַ גרינגער און פריידיקער בלויקייט", וואָס האָט דערמאָנט די בלויקייט פון סאָניעס אויגן, פאַרטיפט זיינע ווייטיקן. אַלס לעצטער קלאַפּ איז געקומען סאָניעס טאָגבוך פאַר איר טויט, וועלכער פאַלט אַריין אין זיינע הענט...

לעוו באַריסאָוויטש כאָטש האָט ניט אויסגעהאַלטן דעם דרוק פון די "מצבות אין האַרצן", די מלחמה־נאָכווייענישן האָבן אונטערגעגראָבן זיין געזונט, מיט־געווירקט זיין פריצייטיקן טויט. ער איז אָבער געבליבן אומשטערבלעך דורך זיין טאַט. "דער אויוון פון דער לאַבאָראַטאָריע" און דאָס רויכל פון זיין קוימען קנוילט זיך אין הימל אַריין, ווי אַ ניי־געבוירן שעפעלע צווישן אַ גרויסער סטאַדע אַלטע שאָף, עס האָט שוין אָבער זיין באַשטענדיק־אייגן ערטל אין הימלשן רוים, און אין טאָג, ווען ס'איז ניטאָ קיין ווינט, מישט עס זיך ניט צונויף מיט די איבעריקע רויכן און מען קען עס גרינג דערקענען".

די עסטאַפּעטע נעמט איבער פון זיין האַנט וואָלאָדיע, אַ פאָרשטייער פונעם יונגן דור. מיט שטאָלץ זאָגט ער אָן מאַרינקען, מיט וועלכער עס וועט אים, ווייזט אויס, באַשערט זיי צוזאַמען צו בויען דאָס צוקונפטדיקע לעבן: "דאָס ברענט דעם טאַטנס אויוון !".

וואָלאָדיע וועט זיכער פאַרזעצן די אַרבעט פון זיין שטיפפאָטער.

אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר סע זיגט דאָס לעבן.

די מלחמה־קאַטאַסטראָפע האָט זיך אָפּגערופן אויך אויף דעם גורל פון אַנדערע העלדן אין ראָמאַן. באַזונדערס טיילט זיך אויס אין דעם פּרט די טראַגישע פיגור

פון העניעץ, לעוו באַריסאָוויטשעס שוועסטער. מיט טיפן דראַמאַטיזם שילדערט גען דעם ווייטיק פון אַ מוטער, וואָס האָט פאַרלאָרן אויף דער מלחמה איר איינציקן זון.

עס פאַלט אַ שאָטן פון די פאַרגאַנגענע פאַלקס-ליידן אויף דעם יונגן גליק פונעם וויסנשאַפטלעכן טוער פון דעם אַרכיוו ניאָמע וויינשטיין און זיין געליבטער ליזען. די טאָגביכער און די בריוו פון די פאַראורטיילטע צום אומקום אין די געטאָס און גאַז־קאַמערן, וועלכע ס'קומט אויס ניאָמען צו לייענען אין אַרכיוו, פאַרפאָלגן אים טאָג און נאַכט.

אַ קרבן פון קאַטאַקליזם איז אויך דאָס ציגיינער־מיידל, קאַרמען, וועמענס לעבן די מלחמה האָט שוידערלעך פאַרקריפּלט, געמאַכט פון איר "אַ קאַליע עפּעלע, וואָס איז פריצייטיק אַראָפּגעריסן פונעם בוים..."

שילדערנדיק די דראַמאַטישע פאָלגן פונעם קריג אויף דעם יונגן דור, הייבט גען אויף אַ וויכטיקע פּראָבלעם: צי דאַרף בכלל דער יונגער דור וויסן פון די מלחמה־גרוילן? און אפשר דאַרף מען אים וועגן זיי ניט דערמאָנען, זיי זאָלן אים ניט שטערן פולשטענדיק צו געניסן פון די פרײדן פונעם היינטיקן טאָג?

ליזע זאָגט צו ניאָמען:

"— מען דאַרף וועגן דעם ניט רעדן, מען דאַרף ניט טראַכטן וועגן די גרוילן. וואָס קומט אַרויס פון דעם?"

אַן ענלעכער וויכוח קומט פאָר צווישן פּאָלינען און לעבאַרן. פּאָלינע האַלט, אַז מען דאַרף פאַרגעסן די פאַרגאַנגענהייט. זי איז קעגן דעם, איר זון, וואָלאָדיע, זאָל וויסן דעם אמת, אַז לעוו באַריסאָוויטש איז ניט זיין פאָטער, אַז זיין אמתער פאָטער איז אומגעקומען אויפן פראָנט. "קינדער — טענהט זי — דאַרפן ניט טראָגן אויף זיך די ליידן און די פּיינען פון די עלטערן... קינדער דאַרפן וואַקסן גליקלעכע..." לעבאַר האַלט זיך, פאַרקערט, ביי דער מיינונג, אַז מען טאָר ניט פאַרגעסן די פאַרגאַנגענהייט, אַז די יוגנט דאַרף שטענדיק געדענקען די ליידן פון די עלטערן און געניי וויסן, פאַר וואָס די עלטערן האָבן געקעמפט און פאַר וואָס זיי האָבן מקריב געווען דאָס לעבן.

גען גיט אָפּ געהערעכט לעבאַרן. זיין ראָמאַן וואַרנט, אַז גאַרניט טאָר ניט פאַר־געסן ווערן. טאָקע צוליב דער צוקונפט דאַרפן די קינדער זיין באַהאַוונט אין אַל־דאָס שוידערלעכן, וואָס עס האָט געבראַכט מיט זיך דער היטלעריזם, כדי זיי זאָלן זיין אויף דער וואַך און אַקטיוו קעמפן פאַר דעם, אַז דער דאָזיקער קאַשמאַר זאָל זיך קיין מאָל מער ניט איבערחזרן.

דעם שרייבערס אומרו פאַר דעם צוקונפט לאָזט זיך שפּירן אויך אין יענע שטעלן פונעם ראָמאַן, וואו ס'ווערט גערעדט וועגן וויסנשאַפטלעך־טעכנישן פּראָ־גרעס. גען ווייסט גוט, אַז דער געוואַלדיקער טעכנישער פאָרשריט פון דער מענטשהייט קען ברענגען אומקום און פאַרניכטונג, אויב די שלום־ליבנדיקע מענטשן וועלן ניט גענוג אַנטשיידן זיך ראַנגלען פאַר דעם פרידן. טאָקע אויף דעם

מאַכט אויפמערקזאַם לעוו באַריסאָוויטשן זיין ברודער, דער דאָקטאָר האַרי כאַניק, וואָס איז אַראָפּגעקומען פון אַמעריקע:

"פאַרשטייסט ליבער ברודער, די ציוויליזאַציע וואַקסט, די וויסנשאַפט ביי אונדז און ביי אייך מאַכט גראַנדיעזע פאָרשריטן, מיר פירן דורך די קאָמפּליצירסטע אָפּעראַציעס. אונדזערע, אייערע קאַרדיאָלאָגן, אָנקאָלאָגן טוען פיל אויף צו באַקעמפן די שווערסטע קרענק! אָבער כ'פרעג דיך, וואָס איז דער אויפטו? איך האָב אין מיין קאַנטע אַרום הונדערט אָפּעראַציעס אויפן האַרצן. הונדערט מענטשן געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט. דאָס איז אַ סך. אָבער אין פאַרלויף פון איין־און־איינציקער שעה קענען ווערן אומגעבראַכט מיליאָנען מענטשן... עס איז גענוג אַ קורצער באַפעל, אַז די ריזיקע טויט־סקלאַדן זאָלן ברייט צעעפענען זייערע טויערן..."

דער ראָמאַן "אונדזערע צייטן" שטעלט מיט זיך פאָר אַ נייעם, העכערן שטאַפּל אין טוביה געגס שאַפן.

אינעם נייעם זשאַנער האָבן זיך טיפער אַנטפּלעקט די וויכטיקסטע שטריכן פון זיין אייגנאַרטיקן טאַלאַנט און ס'האָבן זיך באַוויזן נייע אייגנשאַפטן. דער ברייטער לייוונט האָט געבראַכט מיט זיך גרעסערע מאַסשטאַבלעכקייט אין דער שילדערונג פון דערווירקלעכקייט, אַ געשטייגערטע אויפמערקזאַמקייט צו באַזונדערע דעטאַלן אין דער צייכענונג פון שטייגער־בילדער, פון טיפּן און געשטאַלטן. נאָך בולטער, ווי אין די פריערדיקע ווערק, האָט זיך דאָ אויפגעדעקט דעם שרייבערס גרויסע באַאָבאַכטונגס־פעאיקייט; עס פילט זיך ממש, אַז גאָרניט גייט ניט פאַרביי זיין דאָרשטיק אויג, אַלץ דאָס געזעענע בעט זיך אויף דער פען, ווערט פונעם קינסטלער אויפגעכאַפּט און בילדעריש פיקסירט. עס האָט זיך שטאַרקער אַנטפּלעקט דעם שרייבערס פּלאַסטישע קונסט, באַזונדערס אין זשאַנער און נאַטור־בילדער. עס האָט זיך פאַרברייטערט דער לאַנדשאַפטלעכער דיאַפּאַזאָן, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן. צו דעם געוויינלעכן פאַר אים אורבאַניסטישן גרויסשטאָטישן פייזאַזש, וועלכער פאַרנעמט אויך דאָ אַ בכבודיק אָרט, איז צוגעקומען דאָס פאַרביקע, שטימונגספולע נאַטור־בילד, עס צויבערט דעם לייענער אי דער אונטערמאַסקווער וואַלד־פייזאַזש, אי דער צאַרטער, פאַרהילטער אין ווינטער־שטילקייט פייזאַזש פונעם נאָוואָסיבירסקער שטעטל פון די וויסנשאַפטלער, אין די אָנגעזאָפּטער מיט הימל־בלוי און בלומען־דופט זומערדיקער פייזאַזש פון די קאַרפּאַטן־בערג.

אמת, דער שרייבער ווערט צייטנווייז ווי פאַרשקלאַפּט פון זיין אייגענער באַאָבאַכטונגס־קראַפט. אים איז צומאָל שווער זיך צו צוימען, עס פאַרפּלייצט אים די פאַרצייכענונגס־סטיכיע, מיט וועלכער אים קומט אויס אַריינצוטרעטן אין אַ געראַנגל. פון טייל צו טייל וואַקסט זיין ווידערשטאַנדס־פעאיקייט לגבי דער דאָזיקער סטיכיע, פונעם שלל זעאונגען און בילדער ווערט אויסגעוויילט דאָס וויכטיקסטע; דאָס געוויינלעכע און קליינלעכע ווערט אָפּגעוואָרפן. אַזוי, צום ביישפּיל, זיינען אייניקע קאַפּיטלען אין דעם ערשטן טייל (באַזונדערס דאָס קאַפּיטל

״וואַסער״) איבערגעלאָדן מיט אויספּירלעכער באַשרייבונג פון שטייגערישע פּרטים, אויך אין דעם צווייטן טייל טרעפן מיר נאָך וואו־ניט־וואו אַן איבערפלוס פון דעטאַלן־פאַרצייכענונג (צום ביישפּיל, אין דער שילדערונג פונעם שטעטל פון די וויסנשאַפטלער). דערפאַר צייכנט זיך אויס דער דריטער טייל מיט זיין דינאַמישקייט, מיט דער געשפּאַנטער האַנדלונג, וועלכע ווערט כמעט אין ערגעץ ניט איבערגעריסן דורך איבערפליסיקע צייכענונג פון איינצלהייטן (אפשר בלויז אינעם קאַפּיטל ״אַז ניט באַשערט״).

אויף וויפל אינעם נייעם ראָמאַן־זשאַנער האָט זיך פאַרברייטערט די געשטאַלטן־גאַלעריע, איז דאָ נאָך אַנשיילעכער געגנס מייסטערשאַפט פון אינדיווידואַליזירן געשטאַלטן. אין ראָמאַן איז פאַראַן אַ רייכער טיפּאַזש. צוגלייך מיט ערשטראַנגיקע געשטאַלטן, זעען מיר אויך אַלע לעבן זיי, יעדער געשטאַלט איז אינדיווידואַל געצייכנט. דעם שרייבער געלינגט אויסצוטיילן ביי יעדער אַ באַזונדערע, כאַראַק־טעריסטישע דעטאַל, וועלכע העלפט אויסדעקן דאָס אייגנטימלעכע אין זיין כאַ־ראַקטער. לעבאָרס ראָמאַנטישקייט, צום ביישפּיל, זיין שטענדיק אומשוועבן אין די ״העכערע ספערן״ ווערט אילוסטרירט מיט אַ דעטאַל, אין וועלכער ס׳איז באַטאָנט זיין צעשטרייטקייט: ״די ברילן, דעם בלאָקנאָט, די פען, דעם זייגער, די בלויע פאַפּקע — עפּעס מוז ער פאַרגעסן״; ״ער האַלט אַז אַ דריטל לעבן גייט ביי אים בכלל אַוועק אויף זוכן״.

אַ פיינע קינסטלערישע דעטאַל ווערט אויסגענוצט אין דער כאַראַקטעריסטיק פונעם זעלבסטצופרידענעם, אין זיך פאַרליבטן רייסקין און זיין דיפּלאָמאַטישער קונסט אויסצונעמען ביי מענטשן:

״ווען אַנאַטאָלי דאַנילאָוויטש קומט ערגעץ אַריין, האַלט ער דאָס היטל אַ פּאָר איבעריקע ווײַלעס אויף קאָפּ, ער איילט זיך ניט עס אַראָפּצוכאַפּן. ס׳איז אַ שיין ווינטערדיק היטל פון העל ברוינעם אַנדאַטרע־פוטער, מיט אַ גרויסן פאַרנעמלעכן פון פאַרנט און מיט אויך אַזעלכע גרויסע ׳אויערן׳, פאַרבונדענע אַרויפצו. עס פּאַסט אים דאָס היטל צו זיין קיילעכיק פּנים, באַזונדערס ווען דער פראָסט רייבט אָן די באַקן. אַנאַטאָלי דאַנילאָוויטש ווייסט וועגן דעם״.

אַ היפּשע קינסטלערישע דערגרייכונג איז דאָס געשטאַלט פון מאַניקען. מיט גרויס וואַרעמקייט האָט דער שרייבער געמאָלט איר אין תוך טראַגישע ליבע צו לעוו באַריסאָוויטשן, אַ ליבע, אין וועלכער ס׳האָבן זיך אָרגאַניש צונויפגעשמאָלצן גרויסע פרויען־ליידנשאַפט מיט שוועסטערלעכער צאַרטקייט און מוטערלעכער זאָרג לגבי דעם ״גרויסן קינד״. גען רעדט גאָר ווייניק פון מאַניקעס ליבע, ער צווינגט אָבער אונדז זי צו דערשפּירן אין יעדער טראָט אירן, אין יעדער שטריך אויף איר געזיכט.

פיין אינדיווידואַליזירט זיינען אַפילו די דריטראַנגיקע געשטאַלטן. צום ביישפּיל, די גרופּע וויסנשאַפטלער, לעבאָרס מיטאַרבעטער אין דער לאַבאָראַטאָריע. יעדער

פון זיי האָט זיין כאַראַקטער, זיינע שוואַכקייטן, זיין לעבנס־פילאָסאָפיע, מען קען אפילו זאָגן, זיין סטיל, זיין אופן זיך אויסצודריקן, אין וועלכן ס׳ווייזט זיך אַרויס זיין נאַציאָנאַלער כאַראַקטער, זיין אינדיווידואַליטעט.

די פאַרטיפערונג פון דער פּסיכאָלאָגישער שילדערונג גייט אינעם ראָמאַן באַנאַנד מיט אַ נייער אייגנשאַפט, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין געגס טאַלאַנט — דאָס איז די נטיה צו דראַמאַטיש־געשפּאַנטע סיטואַציעס, אַן אייגנשאַפט, וואָס אַנטהאַלט אין זיך גרויסע מעגלעכקייטן פאַר דעם ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון זיין שאַפן.

טוביה געגס ראָמאַן "אונדזערע צייטן" שטעלט מיט זיך פאָר, אָן שום ספק, אַ וויכטיקע דערשיינונג אין אונדזער היינטצייטיקער יידישער סאָוועטישער פּראָזע.

העפט 6, 1973

דער שעפערישער וועג פון אַ קריטיקער

(י. נוסינאָוו)

1.

די יידישע ליטעראַטור פון נאָך דער אָקטאָבער־צייט האָט געשאַפן אַ נייע, עכט־וויסנשאַפטלעכע קריטיק, וועלכע האָט טיף און אַלזייטיק באַהאַנדלט די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פונעם סאָוועטישן פּעריאָד פון דער ליטעראַטור און ממש געמאַכט אַן איבערקערעניש אינעם צוגאַנג צו די ווערק און שרייבער פון דער פאַרגאַנגענהייט. צווישן דער גלענצנדער פּלעיאַדע הויך־טאַלאַנטירטע קריטיקער און ליטעראַטור־היסטאָריקער פאַרנעמט אַן אָנגעזעען אָרט יצחק נוסינאָוו.

געבוירן אין טשערניכאָוו, וואָלינער גובערניע, אין 1889, האָט י. נוסינאָוו שוין צו 15 יאָר זיך אָנגעשלאָסן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אויף דער אוקראַינע. אין דער רעאַקציע־צייט נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905 איז אים אויסגעקומען עמיגרירן אין דער שווייץ, וואו ער איז אין אַ רעזולטאַט פון אַ שווערער קראַנקייט עטלעכע יאָר געווען צוגעשמידט צום בעט אין איינעם פון די דאָרטיקע סאַנאַטאָריעס. דאָ האָט דער יונגער עמיגראַנט זיך אַריינגעטאָן אין שטודיום פון ליטעראַטור, קונסט און פילאָסאָפיע. קען זיין, נעמט איר אָנהייב די קאָלאָסאַלע ערודיציע מיט וועלכער ס'האָט זיך אויסגעצייכנט דער קומענדיקער ליטעראַטור־פאָרשער (גרינטלעכע באַהערשונג פון אַ ריי אויסלענדישע שפּראַכן, טיפע באַהאַוונטקייט אין דער געשיכטע פון דער יידישער, מערב־אייראָפּעאישער און רוסישער ליטעראַטור און קונסט, אין דער געשיכטע פון פילאָסאָפיע אין דער מאַרקסיסטיש־לענינישער קענטעניש).

אומגעקערט האָט זיך י. נוסינאָוו קיין רוסלאַנד באַלד נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע. אין 1919 איז ער אַריינגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך אין גאַנצן אָפּגעגעבן דער ליטעראַרישער, געזעלשאַפטלעכער, וויסנשאַפטלעכער און פּעדאַגאָגישער אַרבעט. אין 1924 האָט ער פאַרענדיקט דעם "ראַניאָן" (רוסישער אַסאָציאַציע פון וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישע אינסטיטוטן פאַר געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן) און דערפאָלגרייך פאַרטיידיקט די דיסערטאַציע אויף דער טעמע "די פּראָבלעם פון היסטאָרישן ראָמאַן". אין סוף פון די צוואַנציקער יאָרן איז ער געווען טעטיק אַלס ווירקלעכער מיטגליד פון "ליאַ" (אינסטיטוט פאַר ליטעראַטור־קענטעניש און שפּראַך ביי דער קאָמוניסטישער אַקאַדעמיע), שפּעטער —

אַלס פּראָפעסאָר פון מערב־ליטעראַטור אין אינסטיטוט פון רויטער פּראָפעסור, אַלס פּראָפעסאָר פון געשיכטע פון יידישער און מערב־אייראָפּעאישער ליטעראַטור אין מאָסקווער מלוכישן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, וואו ער איז אַ צייט געווען פאַרוואַלטער פון דער קאַטעדרע פון געשיכטע פון דער מערב־אייראָפּעאישער ליטעראַטור.

אין די צוואַנציקער יאָרן צעוויקלט זיך ברייט י. נוסינאָווס ליטעראַריש־קריטישע און רעדאַקטאָרישע טעטיקייט. ער דרוקט זיך אין דער קיעווער "פאָלקס־צייטונג" (שפּעטער אין "דער קאָמוניסטישער פאָן"), אין דעם מאָסקווער "עמעס", אין זשורנאַל "די רויטע וועלט" א"אַ. צוזאַמען מיט א. אויסלענדערן און ד. האָפשטיינען גרינדעט ער און רעדאַקטירט די ביכער־סעריע "ליריק". אין די דרייסיקער יאָרן, צוזאַמען מיט א. גורשטיינען און מ. ווינערן רעדאַקטירט ער די אַקאַדעמישע אויסגאַבע פון מענדעלעס ווערק.

אין דער צייט פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מלחמה גיט אָפּ י. נוסינאָוו אַלע זיינע כוחות דעם קאַמף קעגן פאַשיזם, ער פירט אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדיסטישע טעטיקייט, שרייבט סיסטעמאַטיש אַרטיקלען פאַר דער סאָוואינפאָרמביוראָ.

י. נוסינאָווס לעבן האָט זיך טראַגיש איבערגעריסן אין 1950.

2.

וועגן דעם ברייטן שעפערישן דיאַפּאַזאָן פון יצחק נוסינאָוון אַלץ קריטיקער און פאָרשער זאָגן עדות די ביז גאָר פאַרשידענע טעמעס, פּראָבלעמען, שרייבער, ווערק, וועגן וועלכע ער האָט געשריבן. ביי אים זיינען דאָ אַרבעטן איבער פראַגן פון קונסט־טעאָריע און עסטעטיק (צום ביישפּיל — "פראַגן פון ליטעראַטור־קענטעניש", "פּראָבלעמען פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור", "פּראָבלעם פון פּאָזיטיווע געשטאַלטן אין דער ליטעראַטור" א"אַ); אַ ריי אַרבעטן וועגן מערב־אייראָפּעישע שרייבער (סערוואַנטעס, שעקספּיר, מאָליער, געטע, בייראָן, הוגאָ, גאַדיע, דיקענס, סטענדאַל, מערימע, פּרוסט, ראָלאַן, באַרביס א"נ); וועגן דער רוסישער קלאַסישער ליטעראַטור (פּושקין, טאָלסטאָי, טשעכאָוו, גאָרקי); וועגן סאָוועטישע רוסישע שרייבער (לעאָנאָוו, פּאַסטערנאַק, גאָרבאַטאָוו א"אַ), וועגן די יידיש־קלאַסיקער, וועגן סאָוועטישע יידישע שרייבער, וועגן מאָסקווער מלוכישן יידישן טעאַטער א"אַ.

י. נוסינאָוו איז אויסגעקומען צוזאַמען מיט אַנדערע קריטיקער מאַרקסיסטן, אַריינטרעטן אין הייסע און דויערנדיקע שטרייטן מיט אַ ריי בורזשואַזע ליטעראַטור־היסטאָריקער, באַקעמפן דעקאַדענטישע, מאָדערניסטישע, פאָרמאַליסטישע און אַנדערע עסטעטישע טעאָריעס.

זיין ליטעראַריש־קריטישע טעטיקייט האָט י. נוסינאָוו צעוויקלט אין דער צייט פון "מיליטערישן קאָמוניזם", פון פאַרשאַרפטן קלאַסן־קאַמף, ווען ס'איז באַזונדערס

נייטיק געווען צו באַקעמפן יעדן פרווו פון אַנטי־געזעלשאַפטלעכער טראַקטירונג פון דער ליטעראַטור און קונסט. די אַנגעגליטע, קריגערישע אַטמאָספער האָט געצוואונגען דעם קריטיקער אין זיינע אַרבעטן שטעלן דעם טראָפּ הויפּטזאַכלעך אויף דער קלאַסן־טענדענץ אינעם אידעאיש־קינסטלערישן אינהאַלט פון די ליטע־ראַרישע ווערק. די באַזונדערע אַקצענטירונג פונעם סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכן מהות אינעם אַנאַליז פון ליטעראַרישע ווערק, די ניט־גענוגנדיקע אויפמערקזאַמקייט צו דער עסטעטישער ספּעציפיק פון דער ליטעראַטור האָט ניט זעלטן געבראַכט צו פאַראיינפאַכונגען, צומאָל צו וואולגאַריזאַטאָרישער אויסטייטשונג פון די ליטע־ראַטור־פּראָצעסן.

מען דאַרף ניט פאַרגעסן אַז י׳ נוסינאָוו, ווען ס׳איז אויסגעקומען צוזאַמען מיט אייניקע אַנדערע קריטיקער צו לייגן די ערשטע שטיינער צום נייעם בנין פון דער יידישער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור־וויסנשאַפט, האָט אָפט געהאַט צו טאָן ממש מיט ליטעראַריש־עסטעטישער רו׳ערד. עס איז אויסגעקומען שטעלן און לייזן פּראָבלעמען, וועלכע זיינען נאָך געווען ווייניק אויסגעקלאַרט. דאָס אַלץ האָט געפאָדערט דרייסקייט, אַנטשיידנקייט, אָפּעראַטיווקייט. אין אַזוינע באַדינגונגען זיינען אָבער אומפאַרמיידלעך געווען שטרויכלונגען. אין י. נוסינאָווס אַרבעטן פון יענער הייסער צייט קען מען טרעפן אייליק אַרויסגעזאָגטע השערות, ניט אין דער מאָס קאַטעגאָרישע פאָרמולירונגען, אַזעלכע באַהויפּטונגען און אויספירן וועלכע האָבן זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן ווי ניט קיין גערעכטע. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט די ליטעראַרישע פּראַקטיק באַוויזן אַלס ניט־באַרעכטיקט י. נוסינאָווס פּראָגנאָז וועגן דעם, אַז דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור איז פרעמד דער ראָמאַנטיזם אַלס קינסטלערישער מעטאָד.

דער קריטיקער האָט שפּעטער איבערגעקוקט אייניקע זיינע פריערדיקע אָפּ־שויאונגען. ער האָט זיך מיט דער צייט באַפרייט פון וואולגאַריזאַטאָרישע טענדענצן, פון שאַבלאָן־דאָגמעס. וועגן דעם זאָגט עדות די איבערוועגנדיקע מערהייט פון זיינע אַרבעטן, וועלכע זיינען אָנגעשריבן אין דער צווייטער העלפט פון די דרייסיקער און אין די פערציקער יאָרן. ווען מען טוט, צום ביישפּיל, אַ פאַרגלייך אַזוינע שפּעטערדיקע אַרבעטן פון י. נוסינאָוון, ווי די ברייט־באַקאַנטע סעריע פאָרשונגען אונטערן אַלגעמיינעם טיטל ״דורותדיקע געשטאַלטן״ אָדער דער פרעכטיקער אַרבעט וועגן שעקספּירס ״אַנטאָני און קלעאָפּאַטרע״ און וועגן פּושקינס ״עגיפּטישע נעכט״, ווי אויך די גלענצנדע סעריע אַרטיקלען וועגן מאָסקווער מלוכישן יידישן טעאַטער — וואו מען פאַרגלייכט זיי מיט אייניקע פריע אַרבעטן פון די צוואַנציקער יאָרן, זעט מען באַשיימפּערלעך, ווי אויסגעוואַקסן עס איז דער אינטערעס פונעם פאָרשער צו דער עסטעטישער זייט פון ליטעראַטור און קונסט, ווי עמאָציאָנעל־פּאַר־ביקער עס איז געוואָרן זיין שעפערישע פּאַליטרע, שטייפער, געשליפענער זיין סטיל, בילדעריש־רייכער און צוגענגלעכער זיין שפּראַך.

3.

באַזונדערס גרויסע פֿאַרדינסטן האָט י. נוסינאָוו אין געביט פֿון דער יידישער ליטעראַטור־פֿאָרשונג.

אין שיין פֿון די לענינישע אָנווייזונגען וועגן דער באַציאונג צו דער קולטור־ירושה האָט נוסינאָוו פֿיל אַכט אָפּגעגעבן אונדזער קלאַסישער "מסורה". אין זיינע אַרבעטן, ווי אויך אין די אוניווערסיטעט־קורסן, וועלכע ער האָט געלייענט, האָט ער פֿאַנאַנדער־געאַרבעט אַ נייע סיסטעם פֿון דער געשיכטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור. צוזאַמען מיט איינציקע אַנדערע גרונטלייגער פֿון דער מאַרקסיסטיש־לענינישער יידישער ליטעראַטור־וויסנשאַפֿט האָט ער פֿעסטגעשטעלט, אַז די ליטעראַטור אין יידיש הייבט זיך ניט אָן מיט מענדעלען, איר יחוס־בריוו קומט פֿון פֿריער. "מענדעלע איז ניט דער אָנהייב פֿון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ער איז דער אָנהייב פֿון איר קלאַסיק" — האָט קאָנסטאַטירט דער פֿאָרשער, אָפּשאַצנדיק די ראָלע פֿון די אָנפֿאַנגער פֿון דער יידישער ליטעראַטור, אַזוינע ווי אַקסענפֿעלד און עטינגער, האָט י. נוסינאָוו באַזונדערס באַטאָנט דעם אויבן אָן, וואָס מענדעלע האָט פֿאַרנומען אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער קלאַסישער יידישער ליטעראַטור:

"מענדעלעס געשטאַלטן און אידייען האָט צוגעגרייט די גאַנצע אויפֿקלערערישע ליטעראַטור, פֿון אייכלען און וואָלפֿזאָנען ביז אַקסענפֿעלדן, עטינגערן, דיקן און גאָטלאָבערן. אָבער וואָס פֿאַראַ באַטייט יעדערער פֿון די פֿאָרגייער מענדעלעס האָבן פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור... פֿאַר דעם זיג פֿון דעם נייעם בירגערלעכן וועלט־באַנעם אין דער יידישער סביבה, פֿאַר דער צוגרייטונג פֿון מענדעלעס געשטאַלטן און אידייען — וועט אויף שטענדיק בלייבן דער הויפּט־אונטערשייד צווישן די אַלעמען און מענדעלען. מענדעלע האָט די דאָזיקע געשטאַלטן געבראַכט צו סינטעטישער פֿאַראַלגעמיינערונג, צו פֿאַרסך־הכלטע טיפּישקייט, ער האָט די דאָזיקע אידייען דערהויבן צו יענער סאָציאַלער מדרגה, ווען זיי האָבן אָביעקטיוו איבערגעוואָקסן דעם לכתחילהדיקן אַנטיפֿעאָדאַלן באַטייט און זיינען געוואָרן דער אָנהייב פֿון אַנטיבורזשואַזער קריטיק אין דער ליטעראַטור" [1].

די דאָזיקע און אַנדערע באַהויפּטונגען זיינען אין אַ גרעסערן מאָס געוואָרן ריכט־ליניעס פֿאַר דער ווייטערדיקער מאַרקסיסטישער מענדעלע־פֿאָרשונג, וואָס האָט געשטרעבט צו באַטראַכטן מענדעלעס שאַפֿונג אין שיין פֿון דער ליטעראַרישער טראַדיציע.

מענדעלען איז געווידמעט איינע פֿון י. נוסינאָווס פֿריע אַרבעטן "פֿון בוך צו בוך" (1928). שוין אין אָט דער אַרבעט האָט זיך בולט אַרויסגעוויזן די כאַראַקטעריסטישע פֿאַר נוסינאָוון אַלס פֿאָרשער געוויסנהאַפֿטיקייט און וויסנשאַפֿטלעכע סקרופּולעזקייט ביים אַנאַליזירן ליטעראַרישע דערשיינונגען. דעם וויסנשאַפֿטלער האָט ניט אָפּגעשראָקן די נייטיקע ביי אַזאַ מין פֿאָרשונג "שוואַרצע אַרבעט". ער האָט אונטערגענומען דעם גראַנדיעזן שטודיום פֿון מענדעלעס טעקסטן,

פון אַלע וואַריאַנטן פון זיינע ווערק, וועלכע ער האָט נאָכגעפאָלגט שורה נאָך שורה, וואָרט נאָך וואָרט. אויפֿן סמך פון די פאַרגלייכונגען צווישן איין וואַריאַנט און דעם צווייטן האָט ער אָנגעצייכנט אַ קלאָר בילד פון דעם, ווי אין פאַרבינדונג מיט דער עוואָלוציע פונעם שרייבערס וועלט־אָנשויאונג, ווען ער האָט, באַרייכערנדיק זיך מיט לעבנס־דערפאַרונג טיפער באַנומען די טענדענצן פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג — האָבן זיך געענדערט זיינע ווערק, באַקומען אַ נייע אידעאישע אָנלאָדונג, דעראָבערט נייע קינסטלערישע פאַרבן און ניואַנסן. דערביי איז גאָרניט ניט אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון אויג — יעדער ענדערונג, אַפילו אינעם טיטל, אין דער ווידמונג, אין דער הקדמה, אין דער קאַפּיטלען־פאַרטיילונג און אינעם טעקסט, איז פונעם פאַרשער פיקסירט געוואָרן, באַהאַנדלט און אויסגענוצט געוואָרן פאַר וויכטיקע פאַראַלגעמיינערונגען און אויספירן.

די אַרבעט ״פון בוך צו בוך״ שטעלט מיט זיך פאַר ניט נאָר אַ באַדייטנדיקן צושטייער פאַר דער מענדעלע־פאַרשונג, זי איז אויך אַ מוסטער פון אַן ערנסטער וויסנשאַפטלעכער טעקסטאָלאָגישער אַרבעט, פאַרביי וועלכער עס קען ניט דורכ־גייען יעדער איינער, ווער עס וויל זיך באַשעפטיקן מיט וואַריאַנטן־פאַרשונג.

איין טייל פון דער אַרבעט האָט באַקומען אַ ווייטערדיקע אַנטוויקלונג אין דער פאָרעדע צום 5טן באַנד פון דער אַקאַדעמישער אויסגאַבע פון מענדעלעס ווערק (1937). די דאָזיקע פאָרעדע איז בלי־ספק איינע פון די באַדייטנדיקסטע אַרבעטן וועגן מענדעלעס ״ווינטשפינגערל״. י. נוסינאָוו גיט דאָ אַ גרונטלעכן אַנאַליז פון די דריי רעדאַקציעס פונעם ״ווינטשפינגערל״ און באַווייזט ווי עס האָט זיך ״אין דער עוואָלוציע פונעם ווערק — פון 1866 ביז 1911 — אויסגעדריקט מענדעלעס אידעאישע און קינסטלערישע עוואָלוציע פאַר די פאַרלאָפענע העכער 40 יאָר״. דער קריטיקער אילוסטרירט מיט קאָנקרעטע ביישפּילן, ווי עס האָט זיך אויס־געברייטערט מענדעלעס קריטיק, וועלכע איז אין לעצטן וואַריאַנט איבערגעוואַקסן אין אַ שאַרפן אָנגריף אויף ״דער פּאָליטישער סיסטעם פון דער צאַרישער זעלבסט־הערשונג״, ווי עס האָט זיך געענדערט מענדעלעס באַציאונג צו דער השכלה און צו די נייע קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטעניש, אין וועלכע ער האָט דערזען אַ נייעם ״עמק הבכא״, אַ נייעם ״טאָל פון טרערן״.

אַ גרויסן אינטערעס האָט י. נוסינאָוו אַרויסגעוויזן צו מענדעלעס ווערק ״מסעות בנימין השלישי״. אין אַ ריי אַרבעטן האָט ער געגעבן באַטראַכט דאָס געשטאַלט פון בנימין השלישי, וועמען ער האָט מיט רעכט איינגעשלאָסן אין דער גאַלעריע פון די ״דורותדיקע געשטאַלטן״ אַלס אַ יידישן וואַריאַנט פון דאָן קיכאָט. אין דער פאָררעדע צו ״מסעות בנימין השלישי״ (1930) האָט נוסינאָוו אויפגעדעקט דעם סאָציאַל־היסטאָרישן תוך פון אַזוינע געשטאַלטן ווי דאָן קיכאָט און בנימין השלישי. דערביי האָט ער ריכטיק אָנגעוויזן אויף דעם חילוק צווישן סערוואַנטעסעס באַציאונג צו דאָן קיכאָטן און מענדעלעס באַציאונג צו בנימינען: ״סערוואַנטעס

קומט צום סוף צו דערהייבן דאָן קיכאָטן, ער שטאַרבט ווי אַ גוטער קריסט, ווי אַ מענטש אַ חכם. מענדעלע וועט ברענגען צום סוף בנימינען צו דער מדרגה, אַז קיינער דאַרף אים ניט. אַפילו דער גענעראַל מאַכט צום אָפּיצער: ׳דאָ פעלט אַ קלעפּקע׳. אָט אין דעם אַנטשיידענעם אָפּזאָגן זיך פון ליריזם בנוגע פאַרגאַנגענהייט איז געווען מענדעלעס אידעאָלאָגישע פאַרשאַרפטקייט פון אַ קעמפער, אַ דעמאָקראַטישן משכיל״ [2].

אויך צו די אַנדערע צוויי גרויסע אונדזערע קלאַסיקער האָט י. נוסינאָוו אַרויסגעוויזן אינטערעס. ער שרייבט וועגן ״שלום־עליכמס אָנהייב אין יידישעס־בלאַט״ (״רויטע וועלט״, 1926), שרייבט אַ פאָררעדע צו שלום־עליכמס ״יידישע ראָמאַנען״ (1929). צו שלום־עליכמס שאַפן קערט זיך נוסינאָוו אום ניט איינמאָל אין די דרייסיקער־פערציקער יאָרן.

אייניקע פון י. נוסינאָווס אַרבעטן געווידמעט שלום־עליכמס שאַפן, זיינען ניט פריי פון פאַרייפאַכונגען. ווי באַוואוסט האָט י. נוסינאָוו זיך אַ לאַנגע צייט אינטערעסירט מיטן סאָציאַל־היסטאָרישן גענעסיס פון הומאָר. אין זיינע אַרבעטן אויף דער דאָזיקער טעמע זיינען דאָ פיל אינטערעסאַנטע באַאָבאַכטונגען און וויטגייענדיקע אויספירן. אָבער ס׳זיינען דאָ אויך פעלערהאַפטע, ניט באַגרינדעטע הנחות. אַזוי למשל, אַרויסגייענדיק פונעם טעזיס, אַז דער הומאָר איז בדרך־כלל אייגנטימלעך יענע שיכטן, וואָס זיינען ״סאָציאַל־מאַכטלאָז״, האָט י. נוסינאָוו באַהויפּטעט, אַז ווייל דער הומאָר איז ״לויט דעם תוך זיינעם אַ פשרה־מאַכערישער, אַ הומאַניסטיש־קלאַגנדיקע מעטאָד״, קען ער ניט דינען דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אויף אויסלאַכן די שוואַכקייטן פון די סאָציאַלע אילוזיעס ביי אונדזער קליינבירגערטום, כדי איבערדערציען עס... דער פּראָלעטאַריאַט ווירקט ניט מיט ׳לאַכן דורך טרערן׳ נאָר מיט סאַרקאַזם און סאַטירע״ [3]. אַזאַ מין לאָגיק האָט געמוזט ברענגען צום פאַרמינערן די ראָלע פון שלום־עליכמס ירושה פאַר דער נייער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור.

ניט געקוקט אויף אייניקע וואולגאַר־סאָציאָלאָגישע פאַרייפאַכונגען, פון וועלכע דער קריטיקער האָט זיך, אגב, שפעטער אָפּגעזאָגט, איז זיין בייטראָג אין דער שלום־עליכם־פאָרשונג געווען אַ באַדייטנדיקער.

אין דער פאָררעדע צו שלום־עליכמס ״מעשיות און געשיכטעס״ (1930) האָט י. נוסינאָוו באַטאָנט שלום־עליכמס ״געזונטן רעאַליזם, וואָס האָט געשטאַמט פון זיין טיפער דעמאָקראַטישקייט, פון זיין פאָלקס־אָרגאַניק״. ער האָט דאָ געגעבן אַ ריי טיפע כאַראַקטעריסטיקעס, וועלכע רופן אַרויס באַוואונדערונג מיט דער לאַפּידאַרישקייט פון אויסדרוק און כמעט־אַפאָריסטישער געשליפנקייט פון יעדן זאַץ. לויט דער רייכקייט פון סאָציאַל־פילאָסאָפישע אַסאָציאַציעס, לויט דער טרעפלעכקייט פון די פאַראַלגעמיינערונגען זיינען אייניקע פון אָט די כאַראַקטעריסטיקעס

ממש אַ געווינס פֿאַר דער ליטעראַטור־וויסנשאַפֿט. אַט, צום ביישפּיל, וועגן „מאָטל פּייסי דעם חזנס":

„אין אַ צייט ווען ביאַליק האָט באַזונגען ,יידישע קינדערלעך' פֿאַר זייערע ,דאַרע פּיסעלעך', פֿאַר זייערע ,פֿאַרטראַכטע אייגעלעך', האָט שלום־עליכם זיך געשטעלט אַ דורותדיקן קינסטלערישן דענקמאָל דורך דעם, וואָס ער האָט קינסטלע־ריש באַפֿרייט דאָס יידישע קינד פֿון רחמנות און פֿאַרזאָרגטקייט.

די סימבאָלישע באַדייטונג פֿון מאָטלס ווערטער ,מיר איז גוט, איך בין אַ יתום' באַשטייט טאַקע אין דעם, וואָס מאָטל איז געבליבן אַ יתום נאָך דעם יידישן מיטלאַלטער, ער איז אויסגעלייזט געוואָרן פֿון דער כנסת־ישראל השגחה. פֿון דאַנעט שטאַמט די פֿרייד, וואָס שטראָמט פֿון אים... ,מאָטל פּייסיס' איז די באַגעגעניש פֿון קינד מיט דער נייער וועלט..."[4].

רעדנדיק וועגן אַזוינע געשטאַלטן, ווי טוביה דער מילכיקער, מנחם־מענדל, מאָטל פּייסעס, דערקלערט י. נוסינאָוו מיט רעכט, אַז דורך „דער קינסטלערישן בלוט און פֿלייש, מיט וועלכע זיי זיינען אָנגעפֿילט, ווערן זיי פֿון סאָציאַלע געשטאַלטן פֿאַרוואַנדלט אין פּסיכאָלאָגישע באַגריפֿן, און אַלס אַזעלכע וועלן זיי לעבן דאַן, ווען די סאָציאַלע ווירקלעכקייט, וואָס האָט זיי אַרויסגערופֿן, וועט שוין לאַנג זיין אַ פֿאַרגעסן בלעטל געשיכטע"[5].

ליידער, איז אויך די דאָזיקע אַרבעט ניט פֿריי פֿון איבערפֿלייצונגען. אַזוי ווערט, צום ביישפּיל, טוביהס געשטאַלט, וואָס באַקומט אין אַלגעמיין אַן אינ־טערעסאַנטע און טיפֿע אָפּשאַצונג, צוגעשריבן אַ מין פֿאַרקערפּערונג פֿון „פּינטעלע ייד־אויסדערוויילטקייט" פֿון „אייביק יידישקייט־אָפּטימיזם". צו פֿיל ווערט אין דער כאַראַקטעריסטיק פֿון טוביהן אַקצענטירט זיין הכנעהדיקייט, „אונטערטעניקייט צו דער פֿאַר אים אומפֿאַרשטענדלעכער גאָטס גערעכטקייט".

עס קלינגט פֿאַלש דער שלוס־טעזיס פֿון דער פֿאָררעדע: „אַלע זיינען ווערק, בתוכם — אַלע זיינע נאָוועלן, זיינען געוווען דורכגעדרונגען מיט זיינע אידייען פֿון סאָציאַלן הומאַניזם, פֿון זיין עמך־דעמאָקראַטיזם, מיט דער אידעע פֿון אייביק יידישקייט־אָפּטימיזם. זיין אָפּטימיזם איז אין דעם, וואָס ער ווייסט און באַגרייפֿט, וואָס עס קומט אום כתרילעווקע, עס גייט אונטער דער פֿריערדיקער שטייגער, עס בייטן זיך די סאָציאַלע פֿאָרמען, עס קומט אָבער, לויט זיין דעה, ניט אום טוביה, עס קומט ניט אום מאָטל, וועלכע זיינען פֿאַר אים די קינסטלערישע פֿאַרקערפּערונג פֿון אייביק־יידישקייט אַלס אויסדרוק פֿון אייביק־מענטשלעכן.

אין דעם אַנטפּלעקט זיך שלום־עליכם ווי אַ קינסטלערישער אידעאָלאָג פֿון קליינבירגערטום, אַלס קינסטלערישער אַפּאָלאָגעט פֿון „פּינטעלע־ייד־אויסדער־וויילטקייט"[6].

פֿיל טיפֿער און אָלזייטיקער ווערט באַטראַכט דאָס טוביה־געשטאַלט און אויפֿגעדעקט דער אידעאיש־קינסטלערישער מהות פֿון „טוביה דעם מילכיקן" אין

י. נוסינאָווס אייניקע שפּעטערדיקע אַרבעטן, באַזונדערס אין די אַרטיקלען וועגן מאָסקווער מלוכישן ייִדישן טעאַטער.

די דאָזיקע אַרבעטן, וועלכע געהערן צו די בעסטע פאָרשונגען פונעם קריטיקער, זיינען אינטערעסאַנט ניט נאָר מיט זייער פיינעם און ראַפינירטן אַנאַליז פון אַ ריי ספּעקטאַקלען פון גאָסעט — זיי זיינען פון אַ גרויסער ווערט אויך פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור־פאָרשונג.

"טוביה דעם מילכיקן" האָט י. נוסינאָוו איצט דערזען אין אַ נייער שיין. דאָס טוביה־געשטאַלט, אַזאַ ווי עס איז געווען קינסטלעריש אינטערפּרעטירט דורך מיכאָעלסן און אַזאַ ווי עס איז איצט דערשינען פאַרן פאָרשער פונעם טעקסט גופא, איז אַנטשטאַנען פאַר דעם לייענער אין גאָר אַ נייעם לבוש, ווי אויפסניי געבוירן. עס איז צוגעקומען אַ שלל נייע פרישע געדאַנקען.

אָט ווי י. נוסינאָוו רעזומירט איצט דעם תוך פון "טוביה דעם מילכיקן":

"אין וואָס איז טוביהס טראַגיזם? אין דעם פאַטאַלן קאָנפליקט צווישן דורות־דיקן הומאַניזם פון פאָלקסמענטש מיט דער נייער קאַפּיטאַליסטישער ווירקלעכקייט, וואָס איז אין איר עצם אַזוי אַנטיהומאַניסטיש. דער טראַגיזם פון טוביהן איז אין דעם צוזאַמענשטויס פונעם אַלטן פאָלקישן פאַסיוון הומאַניזם, וואָס איז אַזוי מאַכטלאָז בייצוקומען דעם קאַפּיטאַליסטישן שווידער, מיט דעם נייעם אַקטיוון, סאָציאַלן הומאַניזם, וואָס אין קאַמף פאַר זיין זיג לאָזן זיך צווישן די ערשטע טוביהס טעכטער... טוביה דערמאָנט ניט איין מאָל איובן אין זיינע נסיונות. נאָר ס'קומט צו אַ נייער מאָמענט. פון אָפּגעבן גאָט דאָס גערעכטע — קומט טוביהן אָפּגעבן דאָס גערעכטע זיינע טעכטער און צו באַגיטיקן זייערן, באַזונדערס האָדלס, נייעם וועג. טוביהס לעבנס־קראַפט איז אין זיין אומגעהייערער פעאיקייט אַריבער־שפּאַנען דעם נעכטן און אָננעמען די וועגן, וואָס עס לייגן דורך די 'היינטיקע קינדער'".

נאָך אַלע נסיונות און פּלאָגן ענטפערט טוביה אויף דער "וועלטס אַלטער קושיא" מיט טיפן גלויבן אין מענטשלעכן שעפערישן אינטעלעקט, אין מוטיקן מענטשלעכן ווילן, אין אומשטערבלעכקייט פון פאָלק און אין זיין ווייטערדיקן וועג" [7].

דאָס איז אַ נייער, טיפערער צוגאַנג צו דער טוביה־געשטאַלט, וועלכער עפנט נייע האָריזאָנטן פאַר דער שלום־עליכם־פאָרשונג.

אייניקע געדאַנקען פון דער דאָזיקער אַרבעט האָבן געפונען זייער פאַרטיפע־רונג און דעטאַליזירונג אינעם אַרטיקל "שלום־עליכם" וואָס איז געווען אָנגעשריבן צום 80טן געבורטסטאָג פונעם גרויסן פאָלקס־שרייבער. דאָס איז איינע פון נוסינאָווס בעסטע אַרבעטן וועגן שלום־עליכמען. דעם פאָרשער האָט זיך איינ־געגעבן אָנצייכענען אַ קלאָר, טיף בילד פונעם לעבנס־וועג און פון דעם שאַפן פונעם קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור. י. נוסינאָוו קלערט דאָ אויף דעם

אַלמענטשלעכן באַדייט פון שלום־עליכמס שאַפן, פון זיין געשטאַלטן־וועלט, פון זיין אידיען־גאַנג:

"דאָס געשטאַלט פון מנחם־מענדלען און אויך אַנדערע, אים קרובע שלום־עליכם־געשטאַלטן, זיינען אַרויסגעוואַקסן פון דער פאַר־אָקטאָבערישער יידישער ווירקלעכקייט און האָבן פאַרקערפערט אין זיך פאַרשידענע זייטן פון יענער ווירקלעכקייט. אָבער זייער רעאַליזם, די פולקייט און טיפקייט, מיט וועלכע ס'איז אין זיי אויסגעדריקט דער טרויעריקער גורל פונעם יידישן 'קליינעם מענטשן', האָבן פאַרוואַנדלט די דאָזיקע געשטאַלטן, וואָס פאַרמאָגן אַ וועלט־באַדייטונג. אין זיי איז אַנטהאַלטן דער דראַמאַטיזם ניט נאָר פונעם 'לופט־מענטש' פונעם יידישן שטעטל אין דעם אַלטן צאַרישן תחום־המושב... אין אים האָט באַקומען זיין אייגנאַרטיקן אויסדרוק דער קראַך פון די אילוזיעס ביים 'קליינעם מענטשן'" 8.

גרויס איז געווען דער אינטערעס פון י. נוסינאָוון אויך צו י. ל. פּרצעס שאַפונג. ער האָט אָנגעשריבן פּרצעס ביאָגראַפיע, וואָס איז דערשינען אינעם בוך "געקליבענע ווערק פון י. ל. פּרץ" (1925), צוזאַמען מיט זיין פאָררעדע "די הויפּט־קוואַלן פון פּרצעס שאַפן". אין איינקלאַנג מיט מ. ליטוואַקאָוון האָט י. נוסינאָוו קאָנסטאַטירט אין זיין פאָררעדע, אַז "ביים איבערשאַצן די גרויסע דערשיינונגען פון דער פאַר־אָקטאָבערישער יידישער קולטור... וועט די פּרץ־פּראָבלעם זיין איינע פון די האַרבסטע". דערביי האָט ער באַטאָנט אַז "פּרצעס ירושה, וואָס דאַרף שטודירט און באַנומען ווערן... וועט נאָך אַ לאַנגע צייט ווירקן אויפן יידישן וואָרט". אין פּרצעס שאַפן האָט דער קריטיקער באַזונדערס אויסגעטיילט די דעמאָקראַטישע און אַנטיקאַפּיטאַליסטישע טענדענצן: "פּרץ האָט ווייטיקדיק געפילט דאָס גרויסע סאָציאַלע אומרעכט פון קאַפּיטאַליזם, ער האָט געשפּירט דיליידן פונעם אונטערדריקטן, האָט תכלית שנאה פיינט געהאַט דעם אונטערדריקער, זיין באַזונדערס בולטן יידישן אויסדרוק, דעם יידישן סוחר. ער האָט געגלייבט אין צוקונפטיקן זיג פון דער אַרבעט און אין דער גערעכטיקייט פון אָט דעם זיג" 9.

דאָך איז פּרץ דאָן אויך פאַר י. נוסינאָוון פאַרבליבן אַ "האַרבע פּראָבלעם". פאַרפּירט פון אייניקע דאָגמאַטישע סכעמעס, איז דער פאָרשער ניט געווען ביכולת ברייט צו אַלזייטיק אויפצופאַסן פּרצעס שאַפן. ער האָט אין פּרצן דערזען אַן "אויסדרוק פון קליינבירגערלעכער נאַציאָנאַליסטישער און אינדיווידואַליסטישער אידעאָלאָגיע". אין אַזוינע ווערק ווי "חסידיש" און "פאָלקסטימלעכע געשיכטן", האָט ער אויסגעפונען בלויז "אידעאָלאָגישער קאָנסערוואַטיזם און נאַציאָנאַל־רעליגיעזע אַפּאָלאָגעטיק".

י. נוסינאָוו האָט לגמרי נעגירט די באַדייטונג פון פּרצעס פּובליציסטיק. אין זיין אַרטיקל "פּרצעס פּובליציסטישע ירושה" ("רויטע וועלט", 1925, נומ. 7) האָט ער איינזייטיק און טענדענציעז באַטראַכט די פּובליציסטישע אַרטיקלען "אין מיין ווינקעלע". פּרצעס רייכער געדאַנקענגאַנג איז פונעם פאָרשער רעדוצירט

געוואָרן בלויז צו "אתה־בחרתנודיקער גדלות") צום "קלאַפּערגעצייג פֿון קליינבירגערלעכן נאַציאָנאַליזם" און "גאָטזוכערייַ".

אַלס רעזומע איז געקומען אַזאַ קאַטעגאָרישע דעקלאַראַציע: "מיר וועלן פֿאַר דער ירושה ניט קעמפֿן. מיר וועלן אָפֿן זאָגן, אַז אַלץ אין אַט דער ירושה איז אונדז פֿרעמד און פֿיינטלעך".

י. נוסינאָווס פֿעלער איז דאָ באַשטאַנען ניט נאָר אין דעם, וואָס ער האָט איינזייטיק אויסגעטייטשט די אַרטיקלען פֿון "אין מיין ווינקעלע", נאָר דער עיקר אין דעם, וואָס ער האָט פֿאַרזען אַ ריי אַנדערע פּובליציסטישע אַרבעטן פֿרצעס, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין פֿאַרשידענע צייטן אין פֿאַרשידענע פּעריאָדישע אויסגאַבן אין יידיש און העברעאיש. פֿיל פֿון זיי זיינען געווען אָנגעזעטיקט מיט שאַרפֿער קריטיק לגבי דער נאַציאָנאַליסטיש־קלעריקאַלער רעאַקציע אין דער יידישער סביבה, און אין אייניקע איז אפֿילו געקומען צום אויסדרוק די שטרעבונג פֿונעם שרייבער צו פֿאַרקניפּן זיינע נאַציאָנאַלע אידעאַלן מיט די אידייען פֿון סאָציאַלער רעוואָלוציע" [10].

אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז דער צוגאַנג צו פּרצן געוואָרן ביי י. נוסינאָוון פֿילזייטיקער און אָביעקטיווער. דער קריטיקער אַקצענטירט אין פּרצעס שאַפֿן דעם "קאַמף פֿאַר הויכער מייסטערשאַפֿט און סאָציאַלער וועלטלעכקייט", רעדט מיט דרך־ארץ וועגן די "פּרץ־טראַדיציעס" אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס ווערן פֿאַרגעזעצט און אַנטוויקלט אין די ווערק פֿון אַ ריי שרייבער פֿונעם יינגערן דור, בתוכם, פֿון אַזאַ גרויסן וואָרט־מייסטער, ווי דוד בערגעלסאָן.

אין זיינע אַרבעטן וועגן די קלאַסיקער האָט י. נוסינאָוו געשטרעבט פֿעסטצושטעלן דעם היסטאָרישן צוזאַמענהאַנג אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער יידישער ליטעראַטור אין פֿאַרשידענע עפּאָכעס, נאָכצופֿאָלגן די פֿעדעם, וואָס פֿאַרבינדן די היינטצייטיקע ליטעראַטור מיט דער נאַציאָנאַלער טראַדיציע. אין איינער פֿון זיינע לעצטע אַרבעטן, "גרויסע סך־הכלן" (1947) האָט ער געשריבן:

"די סאָוועטישע יידישע קולטור, ליטעראַטור, קונסט, האָט אויף איר אופֿן איינגעזאַפּט אין זיך די ביז־אָקטאָבערישע יידישע קולטור. אין די בילדער און מאָטיוון פֿון דער סאָוועטישער יידישער קונסט זיינען איינגעוועבט בילדער און מאָטיוון פֿון תנ"ך, פֿון די פֿאָלקסטימלעכע אגדה־אוצרות, פֿון די מיטלאַלטערלעכע יידישע דיכטער און פֿאָלקס־לעגענדעס פֿונעם טראַגישן מיטלאַלטער, פֿונעם פֿאָלקסשאַפֿן פֿון די לעצטע יאָרהונדערטן און פֿון די קלאַסישע ווערק פֿון די גרונטלייגער פֿון דער נייער יידישער ליטעראַטור" [11].

די פֿאַרבינדונג פֿון דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור מיט דער קלאַסישער ירושה באַטראַכט י. נוסינאָוו אין שיין פֿון דער פּראָבלעם פֿון טראַדיציע און נאָוואַטאָרישקייט.

4.

מיט אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט האָט, נאַטירלעך, י. נוסינאָוו זיך באַצויגן צו דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור. ער איז געשטאַנען ביי איר וויגעלע, איבערגעלעבט אירע געבורט־ווייען, געוואַקסן און זיך אַנטוויקלט צוזאַמען מיט איר.

אין דער סעריע "בריוו פון מאָסקווע" ("רויטע וועלט", 1925, 1926) האָט דער קריטיקער, אַנאַליזירנדיק די אַלמאַנאַכן "ניי ערד" און "אָקטאָבער", אָפּגעמערקט דעם אָנהייב פון געוויסע דיפערענציר־פּראָצעסן אין דער ליטעראַטור. ער האָט מיט פרייד אויפגענומען פּרצעס "יאַטן", כאַריקס "מינסקער בלאָטעס", קושניראָווס "קינדער פון איין פאָלק", ער האָט דערזען אין די דאָזיקע ווערק "אַן אָנזאָג אויף דער באַנייאונג פון אונדזער דיכטונג", "די התחלה פון אָקטאָבערישן סטיל אין דער יידישער ליטעראַטור". דער קריטיקער האָט מיט באַפרידיקונג פיקסירט דעם פאַקט, וואָס אַ ריי סאָוועטישע שרייבער שליסט זיך אַקטיוו איין אין די שטורמישע פּראָצעסן פון דער סאָוועטישער וואָר, גייט איבער פון "באַאָבאַכטן צו אָנטיילנעמען".

אָבער אין די "בריוו פון מאָסקווע" האָט זיך נאָך שטאַרק געלאָזט פילן די ווירקונג פון דער וואולגאַריזאַטאָרישער רעלאַטיוויסט־שער טעאָריע פון "קלאַסאָ־ווער סוביעקטיווקייט" און "קלאַסאָווער באַגרענעצטקייט" פון שרייבער, ביי וועלכער נוסינאָוו האָט זיך אין יענע יאָרן געהאַלטן. זייענדיק איבערצייגט, אַז די יידישע ליטעראַטור איז געווען און פאַרבליבט דער עיקר אַ ליטעראַטור פון און פאַר דעם קליינבירגערטום, האָט נוסינאָוו גראַדליניק און איינזייטיק אָפּגעשאַצט אַ ריי באַדייטנדיקע דערשיינונגען סיי אין דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור, סיי אין דער יידישער ליטעראַטור אין אויסלאַנד. ער רופט זיך אָפּ מיט ביטול וועגן האָפשטיינען, מאַרקישן, קוויטקאָ, טאַדלט כאַריקן און פעפערן פאַר זייער "עפּי־גאָנעריי" לגבי די דאָזיקע "קליינבירגערלעכע דיכטער". ער באַציט זיך דורכאויס נעגאַטיוו צו אַזוינע וויכטיקע פיגורן אין דער יידישער ליטעראַטור אין אויסלאַנד ווי שלום אַש, י. אָפּאַטאָשו, ה. לייוויק.

צום גליק האָט זיך י. נוסינאָוו מיט דער צייט באַפרייט פון לינקאַטשישע איבערפלייצונגען.

אין די "בריוו פון מאָסקווע", ווי אין די ווייטערדיקע אַרטיקלען וועגן דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור, שפּירט מען ווי לייבלעך־נאָענט עס איז דעם קריטיקער דער גורל פון דער ליטעראַטור. י. נוסינאָוו טרעט אַרויס ווי אַ מיט־בויער און מיטשעפער, וועמען ס'פאַרשאַפט פרייד יעדער נייער דערפאָלג. דער קריטיקער פאָלגט נאָך שריט נאָך שריט יעדע נייע דערשיינונג אין דער ליטע־ראַרישער וועלט, שרייבט רעצענזיעס אויף ניי־דערשינענע ביכער, אַלמאַנאַכן, זאַמלביכער. אין זיינע אַרבעטן באַמיט ער זיך אויפצוכאַפּן די אַלגעמיינע טענדענצן

אין דער אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור און אָנצייכענען די וועגן, אויף וועלכע זי וועט ווייטער דאַרפן גייען.

אין דעם פּרט איז אינטערעסאַנט י. נוסינאָווס אַרטיקל "אויף פּאַרפּעסטיקטע פּאָזיציעס" ("רויטע וועלט", נומ. 9, 1926), וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַן אויספירלעכע רעצענזיע אויף דעם אַלמאַנאַך "אוקראַינע", וועלכער איז דערשינען אין קיעוו אין 1926. דער קריטיקער זעט אין אין דעם דאָזיקן אַלמאַנאַך "אַ נייעם עטאַפּ אין דער ליטעראַטור", וואָס "מאַכט אַן עק צו אַלע פריערדיקע וויכוחים וועגן דעם, אויף וועלכע וועגן ס'וועט גייען די ליטעראַטור, און באַווייזט אַנשוילעך, אַז די ליטעראַטור האָט קיין אַנדערע, ווי קיין רעאַליסטיש־קאָנקרעטע, ניט געקענט זיין".

י. נוסינאָוו באַמערקט, אַז אין פאַרגלייך מיט דער תקופה פון 1920—1922 האָט זיך די ליטעראַטור מער אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן לעבן. איינער פון די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער דערשיינונג, האַלט ער, איז דער אויפשטייג פון דער פּראָזע, וועלכע איז פריער אָפּגעשטאַנען פון דער דיכטונג. דער קריטיקער געפינט אין דער נייער סאָוועטישער יידישער פּראָזע מערקבאַרע שפּורן פון דער השפּעה מצד דער דיכטונג. ער גיט גענויע ברייטע כאַראַקטעריסטיקעס פון וואָלקענשטיינס, אָרלאַנד, רעזניקס, נח לוריעס פּראָזאַאישע ווערק. מערקווירדיק איז דער אינטערעס, וואָס דער קריטיקער ווייזט אַרויס צו דער פּראָזע פון י. קיפּניס און דער נסתר. ניט אומזיסט ווידמעט ער די דאָזיקעביידע שרייבער ספּעציעלע אַרבעטן. אין דער רעצענזיע אויף דעם אַלמאַנאַך "אוקראַינע" און אין דער פאָררעדע צו י. קיפּניסעס "חדשים און טעג", וואָס איז געוועזן אָנגעשריבן אין דער זעלבער צייט, ווערן ריכטיק אויפגעכאַפּט אייניקע וועזנטלעכע שטריכן פון קיפּניסעס שרייבערישער מאַניר. י. נוסינאָוו שטעלט פעסט, אַז קיפּניס האָט "זיין וועג אין דער ליטעראַטור". ער וואָרנט דערביי: "דאָס איז אָבער אַ וועג, אויף וועלכן ס'איז שווער לאַנג בלייבן און ניט איבערחזרן זיך און ניט לאַנגווייליק ווערן. מען מוז דערצו פיל שעפערישע פרישקייט פאַרמאָגן". מען קען ניט אָפּזאָגן י. נוסינאָוון אין ווייטזיכטיקייט. די שעפערישע פּראַקטיק פון י. קיפּניסן אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט באַוויזן, אַז די דאָזיקע געפאַר האָט טאַקע געלויערט אויפן שרייבער און ניט שטענדיק האָט זיך אים איינגעגעבן זי איינגאַנצן אויסצומיידן. י. נוסינאָוו אַנטפּלעקט דעם "צויבער" פון קיפּניסעס "רעאַליסטישן פּרימיטיוו", געפינט אַרויס זיין סאָציאַלן מקור, אויסנוצנדיק דערביי די אַנאַלאָגיע מיט אַלפאָנס דאָדע. איבערצייגעוודיק ווערט אויפגעקלערט די גרעזעמעסיקייט פון שלום־עליכמס השפּעה אויף קיפּניסן. איידל און סקרופּלעז ווערט אויפגעדעקט די אייגנאַרטיקייט פון קיפּניסעס שפּראַך און סטיל.

דעם נסתרס שעפערישער מעטאָד ווערט פונעם קריטיקער באַצייכנט אַלס דער מעטאָד פון "מיטאָלאָגישן רעאַליזם". און מחמת דער שרייבער "מיטאָלאָגיזירט

אונדזערע פּראָבלעמען מיט וואָרט און באַגריפן־טאַטעריאַל פון אַ גאַנץ פרעמדער אונדז תקופה״, האַלט י. נוסינאָוו אַז ״זיין זעלטענע מעשהדיקייט בלייבט דאָרום אַ בוך פאַר איינציקע״. דאָס באַוועגט דעם קריטיקער פאָראויסזאָגן אַז ״פון אַט דעם גורל זיינעם וועט ער זיך שויך, זעט אויס, ניט באַפרייען, כל זמן ער וועט דיכטער בלייבן״. צום גליק, איז די דאָזיקע נביאות ניט מקוים געוואָרן. וועגן דעם זאָגט עדות די גרויסע פּאָפּולערקייט פון דעם נסתרס שפּעטערדיקע ווערק ביי די ברייטסטע שיכטן לייענער.

אין זיינע ווייטערדיקע אַרבעטן וועגן דעם ניסתר האָט י. נוסינאָוו באַזונדערס אונטערגעשטראָכן די נאָענטקייט פונעם ניסתרס געשטאַלטן־וועלט — זיין סימבאָליק, שפּראַך און סטיל — מיט דער געשטאַלטן־וועלט און בילדערישקייט פונעם יידישן פאָלקלאָר, דעם ניסתרס שטרעבונג אַנצוזעטיקן זיין מעשהדיקייט מיט סימבאָליק פון סאָציאַלער באַפרייאונג און רעוואָלוציאָנערער באַנייאונג פון דער מענטשהייט (״פון מיינע גיטער״). נוסינאָוו באַגריסט דעם ניסתרס דערנענטערונג צום לעבן, צו די סאָציאַלע נויטן פון זיין צייט, רופט זיך אָפּ פּאָזיטיוו וועגן דעם ניסתרס פּאַרצייכענונגען וועגן דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט, וועלכע ער באַצייכנט אַלס באַדייטנדיקע דאָקומענטן אין דער יידישער דאָקומענטאַלער ליטעראַטור. דער ראָמאַן ״די משפּחה מאַשבער״ ווערט מצד י. נוסינאָוון אין איינער פון זיינע לעצטע אַרבעטן (״גרויסע סך־הכלן״) צוגערעכנט צו די בעסטע ווערק, אין וועלכע ״ס׳ווערט קינסטלעריש אויפגעלעבט דער נעכטן״ און ס׳ווערט פּאַראייביקט ״די טראַדיציע פון פיל־דורותדיקן העלדישן און מסירות־נפשדיקן טאַט פון אונדזער פאָלק״.

אין דער רעצענזיע אויף דעם אַלמאַנאַך ״אוקראַינע״ האָט זיך י. נוסינאָוון איינגעגעבן צו באַפרייען זיך פון פאַרטיקע סכעמעס. ער האָט איצט דערזען אין אַ נייער שיין אייניקע דיכטער, וועלכע די קריטיק האָט געשטעמפּלט אַלס ״מיטלויפער״. דער קריטיקער באַגריסט דאָס נייע ווערק פון ל. קוויטקאָ ״יונה לאהס״: ״יעדער דיכטער האָט זיין בוך, וואָס צו אים גייט ער אין זיין שאַפונגס־וועג. פאַר דעם געזונטן פאָלקישן קוויטקאָ ווייזט ׳יונה לאהס׳ אָט דער בוך צו זיין״. וואָרעם נעמט י. נוסינאָוו אויף ע. פיניבערגס לידער פון ״לאַנד און ליבשאַפט״. אַנאַליזירנדיק זיין איבערדיכטונג פון יעסענינס צוואה־ליד, טיילט דער קריטיקער אויס די אייגנטימלעכע פאַר פינינבערגן ״גרויסע גלוסטונג און צויבער פון לעבן״.

אין אַרלאַנדס ״הרעבליעס״ זעט י. נוסינאָוו אַן אָנזאָג אויף וויכטיקע פּראָצעסן אין דער ליטעראַטור: ״אויב נעכטן איז דער שרייבער געווען באַצאָרנט פון צער פון די ׳לעצטע׳ און באַקלאָגט זייער ׳אונטער־ראָד־גורל׳, שפּירט ער שוין איצט די ׳לעצטע׳ ווי אַ שטעקן אין דער ראָד פון סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע און גאַרט דורך זיין קינסטלערישן שאַפן דעם שטעקן צו באַזייטיקן. — אין דעם איז, אייגנט־לעך, די הויפּט־אידעאָלאָגישע נייעס פון אַרלאַנדס ׳הרעבליעס׳״[12].

עס פאַרדינט אויפמערקזאַמקייט דער פאַקט, וואָס אין י. נוסינאָווס אַרטיקלען

פון די דרייסיקער יאָרן וואַקסט דער אינטערעס צו דער קינסטלערישער זייט פון דער ליטעראַטור. רעדנדיק וועגן די אויפגאַבן, וועלכע שטייען פאַר די יידישע סעקציעס פון מאַפּפּ, טיילט י. נוסינאָוו אויס אַלס איינע פון די צענטראַלע: די דערציאונג פונעם קינסטלער אַלס מייסטער. אין צוזאַמענהאַנג מיט א. אַבטשוקס ווערק "הירשל שאַמיי" שרייבט ער:

"שלעכט איז ניט, וואָס 'הירשל שאַמיי' איז אַ ווערק וועגן אַן אָפּגעשטאַנענעם אַרבעטער. פּראָלעטאַרישע טעמאַטיק, בויאונג־סוזשעטיק דאַרף באַזונדערס באַגריסט ווערן. פאָרם מוז אָבער אַנטשפּרעכן אינהאַלט. געמלאכהטע ווערק, אָרעמע טעכניק, קינסטלערישע פאַרפלאַכונג קריגט דאָ אַ כאַראַקטער פון אידעאָלאָגישער שעדיקעריי, ווייל יעדער אַזאַ קינסטלערישער דורכפאַל איז מסוגל שפּיזן אומצוטרוי צו אָט דער סוזשעטיק, מאַכט אָפּהענטיק אונדזערע שרייבער. קינסטלערישע זאָרגלאָזיקייט, ניט געגנוג אָנגעשטרענגטע אַרבעט, שרייבעריש לייכט לעבן אויף קעסט פון נייער טעמאַטיק מוז דעריבער ניט ווייניק אַטאַקירט ווערן ווי אידעאָלאָגישע אָפּנייגן... די פראַגע וועגן אָנגעשטרענגטער קינסטלערישער אַרבעט, וועגן מאַקסימאַלער קינסטלערישער קוואַליפיקאַציע ווערט אַ צענטראַלע פאַר אונדזער קאָלעקטיוון שרייבערישן באַוואוסטזיין" [13].

אין די בעסטע אַרבעטן פון די דרייסיקער און פערציקער יאָרן געלינגט י. נוסינאָוון זיך באַפרייען פון איינזייטיקער "סאָציאָלאָגיזירונג", דערגרייכן אַ האַרמאָנישן סינטעז ביים אויפדעקן דעם געזעלשאַפטלעכן עקוויוואַלענט און פראַ־פעסיאָנעלע מעלות פון קינסטלערישע ווערק. אין פאַרבינדונג דערמיט איז נוסינאָוו ניט איין מאָל אָנגעגריפן געוואָרן מצד די קריטיקער פון וואולגאַר־סאָציאָלאָגישן שניט.

כאַראַקטעריסטיש איז אין דעם פּרט די שאַרפע רעאַקציע פון די דאָגמאַטישע קריטיקער אויף י. נוסינאָווס אַרבעט וועגן אשר שוואַרצמאַנען ("פּראָליט", נומ. 12, 1931). נוסינאָוו דערקלערט דאָ, אַז שוואַרצמאַנס שאַפן איז "דער אָנהייב פון קלאַסיק אין דער יידישער דיכטונג". ער באַמערקט מיט רעכט, אַז אשר שוואַרצ־מאַנס טרויער קומט ניט פון פערזענלעכער "אינטעליגענטיש־יחידישער שטימונג", נאָר פון גרויסן "וועלט־צער איבער דער וועלט־מלחמה". ער האַלט פאַר נאַטירלעך און גוזעצמעסיק דעם דיכטערס "נאַציאָנאַלן ווייטיק", וואָס שטאַמט פון זיין טיפן מיטלייד צו די ליידן פון זיין פאָלק בעת דעם מלחמה־קאַטאַקליזם און איז ענג פאַרבונדן מיט דעם סאָציאַלן טרויער און מיטגעפיל צו דער גאַנצער ליידנדיקער מענטשהייט. נאַטירלעך איז דער ווייטערדיקער שטאַפּל אין שוואַרצמאַנס עוואָלוציע: דער איבערגאַנג פון "הומאַניסטיש־פּאַציפיסטישער תפילה און נאַציאָנאַלער קללה" צום סאָציאַלן טאַט, פון לידער, אין וועלכע ס'פּרעוואַלירן מלחמה־ווייטיק און נאַציאָנאַלער צער, צו דעם אויפשטאַנד־ציקל; אַזוי אויך איז דאָס פריִוויליקע

אַריינטרעטן פֿונעם דיכטער אין דער רויטער אַרמיי געקומען אַלס ״מוז פֿון זיין גאַנצן דיכטערישן וועג״.

אַזאַ אַרבעט וועגן אַ דיכטער — אַ ״מיטלויפֿער״ האָט ניט געקענט באַפֿרידיקן די דאָגמאַטישע קריטיקער.

אויך אין דער אָפּשאַצונג פֿון דוד בערגעלסאָנס שאַפֿונג האָט י. נוסינאָוו זיך באַפֿרייט פֿון סאָציאָלאָגיזירונג. אין דער צייט, ווען אין זיינע פֿריִע אַרבעטן איז אויסגעדריקט אַ געוויסער סקעפּסיס לגבי דער מעגלעכקייט פֿון אַן אידעאיש־קינסטלערישער עוואָלוציע ביי בערגעלסאָנען, איז שוין אין דער מיט פֿון די דרייסיקער יאָרן פֿאַר אַזאַ מין סקעפּסיס קיין באַדן ניט געווען.

אַנאַליזירנדיק ד. בערגעלסאָנס שאַפֿן, באַמערקט דער פֿאָרשער, אַז שוין זיינע פֿריִע ווערק זיינען — אין גייסט פֿון דער פּרץ־טראַדיציע — געווען דורכגעדרונגען מיט טיפֿן האַס צו דער בורזשואַזער ווירקלעכקייט, מיט עקל און פֿאַראַכטונג צום זאַטן בורזשואַ און גלייכצייטיק מיט וואַרעמער ליבע און מיטגעפֿיל צום פּראָסטן מענטשן, צום האָרעפּאַשניק (״דער טויבער״). אין די ווערק וואָס זיינען געווען געשריבן אין דער רעאַקציע־צייט, האָט זיך, לויט י. נוסינאָווס מיינונג, אָפּגעשפּיגלט די אַטמאָספֿער פֿון יאוש און אַנטוישונג, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער אינטעליגענץ נאָך דער מפּלה פֿון דער רעוואָלוציע פֿון 1905. נאָר אויך אין די דאָזיקע ווערק האָט זיך געפֿילט פּראָטעסט, ״נעגאַציע פֿון לעבן, פֿון דער וועלט, וווּ ס׳הערשט אומעט, זינלאָזיקייט און טריומפֿירנדיקע באַנאַלקייט״ (״אַרום וואָקזאַל״); ״טיפֿע פֿאַראַכטונג צו דער וועלט פֿון סאָציאַלער געמיינקייט, מאָראַלער פּוסטקייט, צו דער וועלט פֿון טריומפֿירנדיקע זיידענאָווסקיס און טאַראַבייס״ (״נאָך אַלעמען״).

דערביי דרינגט דער קריטיקער אַריין אין דער קינסטלערישער לאַבאָראַטאָריע פֿונעם גרויסן מייסטער, אַנטדעקט דעם סוד פֿון דער גרויסער עמאָציאָנעלער אויפֿווירקונג פֿון בערגעלסאָנס ווערק: ״ער פֿילט אָן די גאַנצע אויסערלעכע וועלט מיט די עמפֿינדונגען פֿון זיינע פּערסאָנאַזשן, צייכנט די וועלט מיט זייערע פֿאַרבן, פֿאַר־וואַנדלט זי אין אַ פֿאַרקערפּערונג פֿון יענעם אומעט, יענער זינלאָזיקייט פֿון לעבן, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר זיי״.

י. נוסינאָוו געפֿינט עלעמענטן פֿון פּראָטעסט אַפֿילו אינעם פּעסימיזם פֿון מלכן און חיים־משהן (״אָפּגאַנג״).

איבערצייגעוודיק ווערט באַגרינדעט די געזעצמעסיקייט פֿון בערגעלסאָנס קומען צו דער רעוואָלוציע: ״דער פּעסימיזם, מיט וועלכן ס׳איז דורכגעדרונגען ד. בערגעלסאָנס שאַפֿן פֿונעם ביז־סאָוועטישן פּעריאָד, איז געווען אַ רעזולטאַט פֿון טיפֿער אומצופֿרידנקייט מיט דער בורזשואַזער ווירקלעכקייט. טאָקע דערפֿאַר איז בערגעלסאָן געווען אימשטאַנד איבערצושאַצן די פֿאַרגאַנגענהייט און זיך איינ־שליסן אין די רייען פֿון די שעפֿער פֿון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור,

ווען ס'האָט זיך פאַר אים אויסגעקלאָרט די גרויסע שעפערישע באַדייטונג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע".

י. נוסינאָוו באַווייזט ווייטער אין זיין אַרבעט, ווי די יאָרן פון איבערגאַנג אויף דער זייט פון דער רעוואָלוציע זיינען געוואָרן פאַר בערגעלסאָנען יאָרן פון קאָלאָסאַלן שעפערישן אויפשוואונג. ווי איינער פון די ערשטע צווישן די קריטיקער גיט נוסינאָוו אַ גרינטלעכן אַנאַליז פון בערגעלסאָנס וויכטיקסטע ווערק פון סאָוועטישן פעריאָד, באַזונדער פון "ביים דניעפּער". ער באַמערקט מיט רעכט, אַז אין "ביים דניעפּער" איז וויכטיק ניט אַזוי דאָס, וואָס בערגעלסאָן שילדערט אויף אַ נייעם אופן ענלעכע פּערסאָנאַזשן (גדליה הורוויץ, אין "נאָך אַלעמען" און מיכאל לעווין אין "ביים דניעפּער"), נאָר דער עיקר דאָס, וואָס מיר האָבן דאָ צו טאָן "מיט אַ נייעם מעטאָד, אַנדערע פּראָפּאָרצן אינעם מאַטעריאַל, מיט אַן אַנדער אויסוואַל פון מאַטעריאַל, מיט אַן אַנדער פּראָבלעמאַטיק".

אַ גרויסן אינטערעס האָט י. נוסינאָוו אַרויסגעוויזן צום שאַפן פון פּרץ מאַרקיש. דער קריטיקער האָט דערשפּירט פון סאַמע אָנהייב, אַז מיט מאַרקישן איז אין דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור געקומען אַ באַדייטנדיקער טאַלאַנט, אָבער איינצייטיק מיט דעם האָט ער אַרויסגעזאָגט אַ באַשטימטן צווייפל בנוגע דער מעגלעכקייט פון אַן אידעאַישער עוואָלוציע פונעם "אַנאַרכיסטיש־בונטאַרישן" דיכטער. "אַז פּרץ מאַרקישעס פּאָעזיע — האָט ער געשריבן — זאָל ווערן אַ לעניניסטישע און ניט קיין אינטעליגענטיש־קוסטאַרישע, צי אַז אונדזער איצטיקע פּאָעזיע זאָל זיך באַפרייען פון בטלניש־קבצנישע מאָטיוון און זאָל ווערן אַ פּראָ־לעטאַריש־אינדוסטריעלע — ווען אַזוינס זאָל פּאַסירן, וואָלט אויסגעקומען אַ צווייפל טאָן אין מאַרקסעס פאָרמול, אַז 'זיין באַשטימט באַוואוסטזיין'".

אָבער שוין אין אַ פּאָר יאָר אַרום האָט י. נוסינאָוו מיט פרייד אָפּגעמערקט דעם גרויסן איבערגעבורט, וואָס פּרץ מאַרקיש האָט דורכגעמאַכט. אין 1929 שרייבט ער אַ גרינטלעכע אָפּהאַנדלונג וועגן מאַרקישעס ראָמאַן "דור אויס דור איין" ("רויטע וועלט", נומ. 8), אין וועלכן ער זעט איין אַ "געוויסן עטאַפּ אין דער פאַרוואַנדלונג פון דער 'מיטלויפער'־ליטעראַטור אין אַ 'ליטעראַטור פון פאַר־בינדעטע'". י. נוסינאָוו באַצייכנט מיט באַפרידיקונג, אַז אין דעם דאָזיקן ראָמאַן ווערן די "געשעענישן אין יידישן לעבן באַטראַכט אין ענגער פאַרבינדונג מיט דער מלחמה און רעוואָלוציע, און אַפילו די פּאָגראָמען ווערן געוויזן אין צוזאַמענהאַנג מיט גרויסע סאָציאַלע פּראָצעסן".

אין 1932, אין דער גרעסטערער אַרבעט וועגן פּ. מאַרקישן אין דער ליטעראַ־רישער ענציקלאָפּעדיע, ווייזט שוין י. נוסינאָוו דייטלעך, וואָס פאַר אַ גרויסע עוואָלוציע דער דיכטער האָט דורכגעמאַכט — פון אַנאַרכיסטישער בונטאַרישקייט צו רעוואָלוציע און אַקטיוון אַנטייל אין סאָציאַליסטישן אויפבוי. דער קריטיקער באַגרייפט איצט די געזעצמעסיקייט פון דעם דאָזיקן אַנטוויקלונגס־גאַנג פונעם

דיכטער. ער דערקלערט אַז שוין אין מאַרקישעס פריע בונטאַרישע לידער איז געווען "פּראָטעסט קעגן דער נאַציאָנאַליסטישער ראָמאַנטיק און סענטימענטאַלער ליריק פון יענע, וועלכע האָבן אידעאַליזירט דאָס אונטערגייענדיקע שטעטל". ער שטעלט אויך פעסט, אַז מאַרקישעס לידער־ציקל "די קופּע" איז אין תוך אַנטשטאַנען ווי אַ רעאַקציע אויף די פאַרשפּרייטע אין יענע יאָרן אין דער יידישער דיכטונג נאַציאָנאַליסטישע פּאָגראָם־מאָטיוון. מיט רעכט באַמערקט ער, אַז די אויסגע־שפּראָכענע אַנטירעליגיעזקייט פון דעם דאָזיקן ווערק, דאָס בונטאַרישע איינרייסן מיט די נאַציאָנאַליסטישע קלאָג־געזאַנגען האָבן צוגעגעבן דער "קופּע" אַ באַשטימטע רעוואָלוציאָנערע באַדייטונג. מיט זיין עפּיקורייאיש־לעבנספרייידיקן טאָן, מיט זיין ניהיליזם, לגבי אַלע נאַציאָנאַליסטיש־רעליגיעזע "הייליקייטן", מיט זיין בונטאַרישן אויפרייסן די טראַדיציאָנאַלע פאָרמען פון דער יידישער קליינבירגערלעכער דיכטונג איז מאַרקיש געוואָרן דער נאָוואַטאָר פון דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור — דערקלערט דער קריטיקער.

צו פּרץ מאַרקישן קערט זיך י. נוסינאָוו אום אין איינער פון זיינע לעצטע אַרבעטן (1946). ער שרייבט אַ רעצענזיע אויף דעם בוך "פּ. מאַרקיש. לידער און פּאָעמעס", וואָס איז דערשינען אין רוסיש אין 1945. דער קריטיקער שטעלט זיך באַזונדערס אָפּ אויף מאַרקישעס דיכטונג ערב און בעת דער פּאַטערלענדישער מלחמה, באַצייכענענדיק זי אַלס "העראָאישן עפּאָס פון אונדזער היימלאַנד".

דער קריטיקער פירט אויס אינעם שלוס־זאַץ פון דער רעצענזיע, אַז אין די לעצטע ווערק פון פּ. מאַרקישן האָבן זיך מיט אַן אויסערגעוויינלעכער קראַפט צעעפנט די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן פון זיין רייכן און פילפאַרביקן טאַלאַנט: "טיפקייט פון געדאַנק, בולטקייט פון געשטאַלטן, ליידנשאַפטלעכקייט פון פּאָעטישן אויסדרוק, שאַרפע פּאַמפלעטישקייט פון דער פאַרניכטנדיקער סאַטירע", צוגלייך מיט דעם "פלאַמיקער פּאַטאָס פון זיינע פאַרהערלעכונגען, פאַלקסטימלעכקייט פון זיינע זשאַנער־סצענעס, רירנדיקע האַרציקייט פון זיין ליריק".

אין איינער פון זיינע לעצטע אַרבעטן ("גרויסע סך־הכלען", 1947) האָט י. נוסינאָוו, אונטערפירנדיק אַ סך־הכל פון די דערגרייכונגען פון דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור פאַר 30 יאָר סאָוועטנמאַכט, געשריבן:

"די סאָוועטישע יידישע ליטעראַטור אינגאַנצן גענומען, דאָס שאַפן פון אירע בעסטע און פּרוכטבאַרסטע שרייבער און דיכטער, שטעלט מיט זיך פאָר אַ קינסט־לערישע ענציקלאָפּעדיע פון דער סאָוועטישערווירקלעכקייט".

אין אויפשטעלן די דאָזיקע קינסטלערישע ענציקלאָפּעדיע האָט ניט קיין קליינעם גאָב אַריינגעטראָגן אויך י. נוסינאָוו. ער האָט געהערט צו יענעם מין קריטיקער, וואָס באַציען זיך צו זייער באַרוף מיט דעם גרעסטן געפיל פון אחריות. ער איז געווען איבערצייגט, אַז אַן עכטער קריטיקער טאָר זיך ניט באַנוגענען מיט דער ראָלע פון אַ קאָמענטאַטאָר פון דעם שרייבערס ווערק, ער דאַרף און מוז

זיין אַ מיטשעפער, אַ מיטבויער, וואָס באַווירקט צוזאַמען מיטן שרייבער די וויכטיקסטע פּראָצעסן אין דער ווירקלעכקייט גופא.

"דער קריטיקער — דער מאַרקסיסט — האָט געשריבן י. נוסינאָוו אין זיין אַרבעט וועגן א. וו. לונאַטשאַרסקין — דערקענט די ווירקלעכקייט אויף זיין באַזונדערן אופן, ער פּאַסט זי אויף דורך קינסטלערישע געשטאַלטן, וועלכע זיינען שוין פון זייער זייט אַ טייל פון דער ווירקלעכקייט... ער איז ניט דער שאָטן פונעם שרייבער, נאָר אַ שעפערישער פאַקטאָר אינעם גאַנצן קינסטלערישן פּראָצעס פון לאַנד, עפּאָכע, קלאַס".

טאַקע צו אַזאַ גראַד און קוואַליטעט האָט זיך אין די בעסטע אַרבעטן זיינע דערהויבן דער קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער יצחק נוסינאָוו.

העפט 2, 1970

1 מענדעלע מוכר־ספרים, ב, 5, מאָסקווע 1937, פאָרעדע פון י. נוסינאָוו, VIII—VII.
2 י. נוסינאָוו, פאָררעדע צום בוך "מסעות בנימין השלישי". אין אַ שטורעם־צייט, קיעוו 1930, ז' 6.
3 פּראָבלעמען פון פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, 1932, ז' 64, 180.
4 שלום־עליכם, מעשהס און געשיכטעס, 1930, פאָררעדע, ז' 9.
5 דאָרט, ז' 10.
6 דאָרט, דאָרט.
7 י. נוסינאָוו, דער טעאַטער פון סאָציאַליסטישן יידישן פאָלקס־שאַפן, סאָוועטיש, 1939, נומ. 10־9, ז' 464.
8 דאָרט.
9 י. ל. פּרץ, געקליבענע ווערק, 1925, ז' 22.
10 צום ביישפּיל, פּרצעס פּובליציסטיק ערב 1915, און באַזונדערס די סעריע פעליעטאָנען אין דער וועלט פון אותיות, וואָס מאַכן קלוג" (הצופה, 1904). געגוי וועגן דעם, זע מיין אַרטיקל "אַ בלעטל פּרץ־פּובליציסטיק", ס"ה 1, 1965, זז' 137—142.
11 ציטירט לויט "סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 11, 1967, ז' 153.
12 "רויטע וועלט", נומ. 5, 1930, ז' 111.
13 דאָרט, ז' 115.

אַ נייטיק בוך

(י. סערעבריאַני: ״מיטצייטלער און קלאַסיקער״)

י. סערעבריאַני האָט אין זיין בוך ״מיטצייטלער און קלאַסיקער״ איינגעשלאָסן אַ ריי זיינע אַרבעטן, וואָס זענען געווידמעט דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור און דער קלאַסישער ירושה. פאַר י. סערעבריאַנין איז כאַראַקטעריסטיש די נטיה צו רעדן מיט דעם לייענער אויף אַ צוגענגלעכער שפּראַך, דערטראָגן צו אים אויף אַ צוטריטלעכן אופן (ניט אַריינפאַלנדיק דערביי אין פאַרייפאַכונג) די עסטעטישע ווערק פון די אָדער יענע ליטעראַרישע דענקמעלער. אין די אַרבעטן לאָזט זיך בולט מערקן די באַהאַוונטקייט פונעם קריטיקער אין פראַגן פון ליטעראַטור־געשיכטע, באַזונדערס אין דער געשיכטע פון דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור.

דאָס בוך ווערט געעפנט מיט אַ ברייטער אַרבעט ״די פאַרמירונג פון דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור״, וועלכע איז לכתחילה געווען געשריבן אין רוסיש און איז דעריבער אויסגערעכנט אויף אַ לייענער וואָס איז ווייניק באַקאַנט מיט דער יידישער ליטעראַטור. דעם קריטיקער האָט זיך איינגעגעבן אין אַ זייער געפּרעסטער פאָרם אויפצודעקן די וויכטיקסטע פּראָצעסן אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור, באַזונדערס אין איר ״שטאָם־און־דראַנג־פּעריאָד״, אין די 20ער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט. עס ווערט איבערצייגעוודיק באַוויזן ווי אָרגאַניש די סאָוועטישע יידישע ליטעראַטור איז געווען פאַרבונדן מיט די בעסטע טראַדיציעס פון דער יידישער ביז אָקטאָבערישער ליטעראַטור, אין די טיפסטע טיפעניִשן פון וועלכער ס׳זענען אויפגעקומען און רייף געוואָרן די אידעאיש־קינסטלערישע פאַר־הנחות פאַר אירע גרויסע נאָוואַטאָרישע אויפטוען.

״די פּראָגרעסיווע, רעאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס פון די יידישע קלאַסיקער — שרייבט י. סערעבריאַני — פון די רעוואָלוציאָנערע דיכטער־עמיגראַנטן, פון די שרייבער־דעמאָקראַטן א. רייזען, ד. פינסקי, י. מ. ווייסנבערג און אַנדערע, ווי אויך די טראַדיציעס פונעם דראַמאַטורג, דיכטער און גרינדער פונעם יידישן טעאַטער, אברהם גאָלדפאַדען, וועמעס לידער און פּיעסן זענען געווען זייער פּאָפּולער ביים פאָלק און זיינען דערפאָלגרייך אויסגענוצט געוואָרן מצד אונדזערע סאָוועטישע יידישע טעאַטערן, — אַלע די דאָזיקע טראַדיציעס שליסן זיך

בלי־ספק אָן, צו דער סאָציאַליסטישער ליניע, צו דער "גאָלדענער קייט" פון אונדזערע יונגער, אין שטרייטן און שווערע נסיונות געבאָרענער, סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור" (ז׳ 16).

גענוי ווערט אין דער אַרבעט דערציילט וועגן די גרויסע שוועריקייטן, וואָס זענען אויפגעפאַלן אויף דעם גורל פון די ראשונים פון דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור, וועלכע ס׳איז אויסגעקומען צו קעמפן ניט נאָר אויפן שלאַכט־פעלד קעגן דעם שונא אין פעריאָד פון בירגער־קריג, נאָר אויך "מיט זיך אַליין", מיט דער אייגענער אידעאישער און פּאָליטישער ניט־רייפקייט. באַרעכטיקט איז די באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט פונעם קריטיקער צו דעם אַזויגערופענעם "קיעווער פעריאָד" פון דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט, ווי באַוואוסט, אַרויסגערופן פיל וויכוחים אין אונדזער פאָרשונג. י. סערעבריאַני שטעלט פעסט, אַז די בעסטע פאָרשטייער פון דער "קיעווער גרופּע" — א. שוואַרצמאַן, ד. האָפּ־שטיין, פּ. מאַרקיש, ל. קוויטקאָ, ד. בערגעלסאָן, דער ניסתר — האָבן דורכגעלייגט אַ נייעם וועג אין דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור, ניט געקוקט אויף באַשטימטע אידעאישע שטרויכלונגען ביי יעדן פון זיי אין די ערשטע יאָרן פון זייער שאַפן. דער קריטיקער באַטאָנט די גרויסע השפעה וואָס די "קיעווער" האָבן געהאַט אויף דער יידישער ליטעראַטור אין אויסלאַנד. באַמערקנסווערט איז אין דעם פּרט די דורך אים ציטירטע וויניק באַקאַנטע אַרויסזאָגונג פונעם דיכטער סערגיי יעסענין וועגן דעם ענין. דער קריטיקער שרייבט, אַז ניט קיין קליינע באַדייטונג האָט אין דעם אינזיכט געהאַט דאָס ציטווייליקע געפינען זיך פון אַ ריי "קיעווער" אין אויסלאַנד — אַ טאַט־זאַך, וואָס האָט זיינערצייט אַרויסגערופן געוואַלדיקע פאַרוואורפן און אַן איבערגעטריבענע טאַדלונג מצד דער אייראָפּעאישער קריטיק. י. סרעבריאַני באַווייזט, אַז זייענדיק אין אויסלאַנד האָבן אַזוינע דיכטער ווי מאַרקיש, האָפשטיין, קוויטקאָ בייגעשטייערט צו דעם געוויסן אידעאישן פאָרשריט, וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט דורכגעמאַכט אין אויסלאַנד.

אין דער אַרבעט ווערט געגעבן אַ ברייט בילד פון דער פאַרצווייגטער נעץ פון יידישע ליטעראַרישע גרופּעס, וועלכע זענען אויפגעקומען אין פאַרשידענע שטעט פון ראַטנפאַרבאַנד, און פון די פעריאָדישע אויסגאַבן, וואָס זענען דערשינען אין יענע יאָרן. עס ווערט דערציילט, אמת שוין צופיל לאַקאָניש און במילא וואו־ניט־וואו עטוואָס פאַריינפאַכט, וועגן די חלוקי־דעות, וועלכע האָבן געהערשט צווישן די פאַרשידענע ליטעראַרישע גרופּירונגען.

אינטערעסאַנט זענען די באַאָבאַכטונגען פונעם קריטיקער איבער דער קעגנ־זייטיקער ווירקונג פון דער סאָוועטישער יידישער, פון איין זייט, און רוסישער, אוקראַאינישער און ווייסרוסישער ליטעראַטורן, פון דער צווייטער זייט. דער דאָזיקער פראַגע איז געווידמעט אויך אַ ספּעציעלער אַרטיקל "מאַיאַקאָווסקי און די יידישע דיכטונג".

ריכטיק איז י. סערעבריאַניס רעזומע, אַז אין סוף פון די צוואַנציקער יאָרן באַפרייט זיך די סאָוועטישע יידישע ליטעראַטור פון פאַרשידענע סימבאָלישע, אַרכאַאישע קאַטעגאָריעס און פעסטיקט זיך איין אויף אינטערנאַציאָנעלע, סאָציאַ־ליסטיש־רעאַליסטישע פּאָזיציעס.

אין בוך זיינען אַריין אַ ריי אַרבעטן, וועלכע באַהאַנדלען די שאַפונג פון באַזונדערע שרייבער און דיכטער. די דאָזיקע אַרבעטן זיינען ניט גלייכוועַרטיק, אייניקע זיינען מער געלונגען, אַנדערע — ווייניקער. לויט דעם כאַראַקטער געפינען זיי זיך כמעט אַלע אויפן ראַד צווישן דער קריטישער שטודיע און ליטעראַרישן פּאָרטרעט — אַ זשאַנער, וועלכן דער קריטיקער האָט באַזונדערס ליב. אַלס ליטעראַרישע פּאָרטרעטן זיינען די אַרבעטן באַהויכט מיט אַ געוויסער לירישער וואַרעמקייט, דערביי, אָבער, פעלט אייניקע פון זיי די נייטיקע פאַר קריטישע שטודיעס וויסנשאַפטלעכע גרינטלעכקייט.

צו איינער פון די אַמערסטן געלונגענע אַרבעטן געהערט דער ליטעראַריש־קריטיקער עסיי וועגן שמואל האַלקין "דער גוטער נאָמען". דאָ ווערט נאָכגעפאָלגט דער אידעאיש־קינסטלערישער וואוקס פונעם דיכטער, אָנהייבנדיק פון זיין ערשטן בוך "לידער" (1922) און ענדיקנדיק מיט די לידער, וואָס זיינען געווען געשריבן אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן. י. סערעבריאַני טאַדלט מיט רעכט די דאָגמאַטישע קריטיק, וועלכע האָט דעם יונגן האַלקינען פאַרגעוואָרפן כלערליי זינד און האָט אין זיין פריע ליריק "פאַרזען די גרעסטע מערהייט לידער, וועלכע זיינען גאַנץ ווייט פון סקעפּטיציזם, יאוש און פריי פון וועלכע ניט איז ספקות און וואַקלונגען לגבי דער ליכטיקער צוקונפט פון אונדזער לאַנד און פון אַלע ברידערלעכע פעלקער, וואָס וואוינען אין דעם. אין די דאָזיקע לידער הערשן מונטערע און מוטיקע מאָטיוון, ליכטיקע און פריידיקע פאַרבן. די לידער באַזינגען דאָס שעפע־רישע, פרידלעכע לעבן, די סאָציאַליסטישע בויאונג, די ליבע, די נאַטור" (ז' 76).

אינטערעסאַנט זיינען י. סערעבריאַניס באַאָבאַכטונגען איבער דעם אידעאיש־קינסטלערישן מהות פון האַלקינס נאָך־מלחמה לידער, באַזונדערס פון די לידער, וואָס זיינען געווען געשריבן אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן. ער אַקצענטירט די אייגנטימלעכע פאַר זיי רייכע בילדערישקייט, פילאָסאָפישע באַדאַכטקייט, זייער אָנגעזאָפּטקייט מיט "ריינע מענטשלעכע איבערלעבונגען און ראַפינירטע ליידנשאַפט". ציטירנדיק איינע פון האַלקינס לעצטע לידער "איך בין מיט גלוסטונגען, גלייך ווי אַ מילגרוים פול", באַמערקט י. סערעבריאַני:

"אַזוי האָט געקענט זאָגן בלויז האַלקין! פאַר אים איז כאַראַקטעריסטיש די דאָזיקע "קייטלדיקע רעאַקציע", די אידעע וויקלט זיך פאַנאַנדער און קאָנקרע־טיזירט זיך אין אַן אַלץ ברייטערן קרייז עמאָציאָנעל־אָנגעלאָדענע געדאַנקען, מאָטיוון און בילדער. דער פינאַל קומט ווי אַ בליציקער "אויפריס", וואָס באַלייכט און פאַרסך־הכלט די גאַנצע פּאַנאָראַמע אין דעם ליד" (ז' 86).

ווערטפול איז דער אַנאַליז פון האַלקינס דראַמאַטורגיע, וועגן וועלכער עס איז גאַר קנאַפּ געשריבן געוואָרן אין אונדזער ליטעראַטור.

געניי ווערט כאַראַקטעריזירט דער שעפערישער וועג פונעם דיכטער איזי כאַריק אין דער אַרבעט "דער כראָניקער פון זיין עפּאָכע".

אינעם קורצן עסיי וועגן ל. קוויטקאָ איז מיט רעכט אויסגעטיילט דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר זיין דיכטונג — ערדישקייט, אומאויסשעפּלעכע לעבנס־לוסט, פאַרליבטקייט אין דעם נאַטור פונעם לאַנד. פיל וואַרעמע שורות זיינען געווידמעט קוויטקאָס דיכטונג פאַר קינדער.

אויך אין דער כאַראַקטעריסטיק פון חיים מאַלטינסקיס שאַפונג ווערט באַטאָנט דאָס ווירקלעך אייגנטימלעכע פאַר אָט דעם דיכטער — די אָפּטימיסטישע לעבנס־אויפפאַסונג, וועלכע ס'האָבן ניט געקענט איינברעכן אַלע שווערע נסיונות, וואָס עס איז אויסגעקומען איבערצולעבן מאַלטינסקין דעם שלאַכט־מאַן. דער קריטיקער ווייזט עס קאָנקרעט אויף דעם אַנאַליז פון דעם דיכטערס נאָך־מלחמה לידער. יעדנס מאַלטינסקיס געדיכט, וואָס איז געשריבן אין די נאָך־מלחמה יאָרן — שרייבט י. סערעבריאַני — איז טיף באַזיניקט און פאַרבונדן מיט שטאַרקע פאַר־זענלעכע איבערלעבונגען. אין זיינע לידער קען מען טרעפן ניט נאָר מונטערע מאָטיוון, נאָר אויך טיפן מענטשלעכן טרויער, טיפע ליידן. נאָר אָ וואונדערלעכע זאַך! אַפילו די "מינאָר"־לידער פונעם דיכטער פאַרטיפערן בלויז ביים לייענער די אָפּטימיסטישע וועלט־אויפפאַסונג, דעם ליכטיקן גלייבן אין אונדזער ווירק־לעכקייט, אין אונדזער צוקונפט" (ז' 204).

אַלס מוסטער פון אַ גרינטלעכן אידעאיש־קינסטלערישן אַנאַליז פון אַ באַזונדער ליטעראַריש ווערק דאַרף באַצייכנט ווערן די אַרבעט "אַ ווערטפולער דענקמאָל", געווידמעט מ. קולבאַקס פּאָעמע "דיסנער טשיילד האַראָלד".

צו די בעסטע אַרבעטן וועגן אונדזערע מיטצייטלער־פּראָזאַיקער געהערט דער ליטעראַרישער פּאָרטרעט פון נח לוריע. דאָ ווערט נאָכגעפאָלגט דער לעבן־און־שאַפונגס־וועג פונעם שרייבער, פון זיינע ערשטע טריט ביז די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, געניי ווערט כאַראַקטעריזירט דער קאַמף, וועלכן דעם שרייבער איז אויסגעקומען צו פירן מיט דער לאַסט פון אָפּגעלעבטער טראַדיציע אין זיין אייגענער שאַפונג. שטאַפּל נאָך שטאַפּל שפירט נאָך דער פאָרשער די אידעאיש־קינסטלערישע עוואָלוציע, וואָס נח לוריע האָט דורכגעמאַכט. סערעבריאַנין איז געלונגען אויפצודעקן די קינסטלערישע אייגנאַרטיקייט פונעם עכט אָריגינעלן שרייבער, "דעם זינגער פונעם געזונטן און שיינעם אויף דער ערד!" באַזונדערס אינטערעסאַנט איז דער אַנאַליז פון דעם ראָמאַן "אין וואַלד", וואָס ווערט פונעם קריטיקער מיט רעכט געשטעלט אין איין ריי מיט די גוט־באַקאַנטע אויטאָביאָ־גראַפישע ראָמאַנען — "געשיכטעס פון דער קינדהייט" — אין דער ליטעראַטור פון די ברידערלעכע פעלקער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די אַנדערע אַרבעטן וועגן אונדזערע פּראָזאַיקער (צום בײַשפּיל, וועגן נ. זאַבאַרען, י. ראַבינען), זײַנען באַזונדערס ווערטפול דערמיט, וואָס אין זיי ווערן צוערשט קריטיש באַהאַנדלט, ווערק, וועלכע האָבן גאַרניט לאַנג דערזען די ליכטיקע שײַן.

סערעבריאַניס אַרבעטן וועגן אונדזערע גרויסע קלאַסיקער צייכענען זיך אויס מיט וויסנשאַפטלעך־פאַרשערישער סקרופּולעזקייט און פּאָלעמישער פּאַר־שאַרפקייט. מענדעלען איז געווידמעט די פאָרשונג „דאָס וויכטיקסטע אין מענדעלעס שאַפן״, אין וועלכן ס׳ווערט מיט רעכט דורכגעפירט אַ געוויסע איבערשאַצונג פון אייניקע אָנגענומענע אין דער מענדעלע־פאָרשונג דאָגמעס. סערעבריאַני באַטאָנט די אייגנאַרטיקייט פון מענדעלעס „אויפקלערונג״, אַקצענטירט די דעמאָקראַטיש־קייט פון זײַן שאַפן שוין בײַם סאַמע אָנהייב, ווען ער איז אַרויסגעטראָטן אַלס שרײַבער־משׂכּיל.

„פון זײַנע ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור — שרײַבט י. סערעבריאַני — ווײַזט מענדעלע אַרויס אַ מער טיפע, אין פאַרגלײַך מיט אַנדערע משׂכּילים, רעאַלע באַנעמונג פון פּראָצעסן און דערשיינונגען, אַ גרעסערע פּאַראינטערעסירטקייט אין באַנײַען די סאָציאַלע לעבנס־פאָרמען און אין דער זעלבער צײַט אַ טרײַקייט צו די טראַדיציעס, וועלכע ווערן דורך אים דאָך קריטיש אויפגעפּאַסט... מענדע־לעס ׳אויפקלערונג׳ איז פול מיט אייגנאַרטיקייט. הגם אויך זי דינט דער אומ־ענדערונג און סעקולאַריזירונג פונעם יידישן לעבן, דער באַנײַונג פון אַ ריי טראַדיציאָנעלע מיטלעלטערלעכע אינסטיטוציעס (דעם חדר, די תּלמוד־תּורהס אד״ג), איז דאָך מענדעלע אַוועק פיל ווײַטער אין פאַרגלײַך מיט די אַנדערע משׂכּילים. ער שטעלט פאַר זיך אַ ריי קאָנסטרוקטיווע צילן, פאַר וועלכע ער קעמפט מוטיק מיט וואָרט און טאַט. טאַקע דערפאַר קומט ער אין גיכן אין אַ צוזאַמענ־שטויס מיט די אידייען פון דער השׂכּלה. מענדעלע האָט געשילדערט אין זײַנע ווערק אויך ׳פאַלשע משׂכּילים׳, האָט פון זיי אַראָפּגעריסן די מאַסקעס און געוויזן, אַז פון זייער סביבה קומען אַרויס די שטאָנדהאַפטס, די גלאַסנעס און די פאַרשטייער פון די נאָך־מער נידערטרעכטיקע נײַע ׳בעלי־טובֿות׳״ (ז׳ 242).

דער פאָרשער וואַרפט אָפּ די ווײַט־פאַרשפּרייטע אין דער פריערדיקער ליטע־ראַטור וועגן מענדעלען טענדענץ צוצושרײַבן אים רעליגיעזקייט, פּעסימיסטישע און רעאַקציאָנערע מאָטיוון, אידילישע ראָמאַנטיזירונג פון דער פאַרגאַנגענהייט אין אַזוינע ווערק ווי דער לעצטער וואַריאַנט פון דער „קליאַטשע״, „דאָס ווינטש־פינגערל״, „שלמה רב חיימס״. י. סערעבריאַני באַווײַזט קאָנקרעט, אַז אין די דאָזיקע ווערק לאָזט זיך ערטערווײַז מערקן דווקא אַ פאַרשטאַרקונג פון מענדעלעס איראָניע אין בעצוג צו די הערשנדיקע געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען, אַן אָנוואוקס פון סאָציאַלן פּראָטעסט. צום בײַשפּיל, אינעם לעצטן וואַריאַנט פון דער „קליאַטשע״ איז פיל שאַרפער די קריטיק פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, פון דער

בורזשואַזער "ציוויליזאַציע". עס ווערט בולטער באַוויזן די צעשטערערישע ווירקונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער טעכניק, פון דער אימפּעריאַליסטישער קאָלאָניאַלער רויבעריי. סאַרקאַסטישער ווערט אַנטבלויזט דער תוך פון דער בורזשואַזער "פריי־הייט פון פּרעסע".

דער פאַרשער באַטאָנט, אַז איז זיינע לעצטע קינסטלערישע ווערק בלייבט מענדעלע ניט נאָר טריי זיינע דעמאָקראַטישע אידעאַלן, נאָר אין אַ ריי פאַלן ווערן זיי ביי אים אַפילו פאַרטיפט. אין "שלמה רב חיימס" איז בולטער ווי אין די פריערדיקע ווערק אויסגעדריקט מענדעלעס סימפּאַטיע צום אַרבעטנדיקן פאָלק, צו זיין מענטשלעכער ווירדע. דאָ ווערט פיל אָרט געגעבן דער לאַגע פון דעם בעל־מלאכה, פון די קינדער פון דער אָרעמקייט. "שרייבנדיק זיין אויטאָביאָ־גראַפיש ווערק, אין וועלכע עס איז דאָ, נאַטירלעך, אַ סך בענקשאַפט און ראָמאַנטיק — באַמערקט י. סערעברי‌אַני — איראָניזירט, אָבער, מענדעלע אָפט איבער דעם חדר און די מלמדים, לאַכט אויס די חסידישע פריידיקער און בעלי־ניסים, די כלי־קודש פון אַלע ראַנגען... ווי אין זיינע פריאיקע ווערק, געברויכט מענדעלע אין לעצטן וואַריאַנט פונעם 'ווינטשפינגערל' און אין זיין אויטאָביאָ־גראַפיע 'שלמה רב חיימס' פאַרשידענע פובליציסטישע און לירישע אָפּווייכונגען, און דאָ זעען מיר דייטלעך, אַז מענדעלע איז אין תוך געבליבן טריי זיינע פאַר־געשריטענע אידעאַלן און טרוימען ביזן סוף פון זיין לעבן" (ז׳ 252).

יאָרן־לאַנג האָט זיך י. סערעבריאַני באַשעפטיקט מיט דעם שאַפן פון אונדזער גרויסן פאָלקס־שרייבער, שלום־עליכם. אינעם רעצענזירטן בוך זיינען אַריין דריי אַרבעטן וועגן אים: "שלום־עליכם דער דעביוטאַנט", "שלום־עליכם אַרבעט איבער דעם ראָמאַן 'מנחם־מענדל'", און "שלום־עליכם און די פּראָבלעמען פון קינסטלע־רישער איבערזעצונג". יעדער פון די אַרבעטן שטעלט מיט זיך פאָר אַ באַשטימטן בייטראָג אין דער ליטעראַטור וועגן אונדזער גרויסן קלאַסיקער. אין דער ארבעט "שלום־עליכם — דער דעביוטאַנט" ווענדט זיך דער פאַרשער צום סאַמע אָנהייב פון שלום־עליכמס שאַפן, וועלכע איז ווייניקער אויסגעפאַרשט. אויפן סמך פון אַ ריי מאַטעריאַלן, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין די צייטונגען פון יענער צייט, באַווייזט י. סערעבריאַני, אַז שלום־עליכמען איז דאַן אויסגעקומען צו פירן אַ קאַמף אויף צוויי פראָנטן: קעגן דער בורזשואַזער ליטעראַטור אין העברעיש, און קעגן דער בולוואַר־ליטעראַטור אין יידיש. "איצט איז שוין ניט געשטאַנען די פראַגע וועגן שאַפן אַ ליטעראַטור אין יידיש, עס האָט זיך אין תוך געהאַנדלט וועגן שאַפן אַן ערנסט הויך־קינסטלערישע ליטעראַטור, וועלכע איז אויסגערעכנט אויף די ברייטע לייענער־מאַסן און שפּיגלט־אָפּ זייערע לעבנס־אינטערעסן" (ז׳ 266). אין דער אַרבעט ווערן געבראַכט אַ ריי מאַטעריאַלן, וועלכע באַרייכערן אונדזער וויסן וועגן דעם תוך און דער באַדייטונג פון שלום־עליכמס שטרייט מיט שמרן, וועגן די שוועריקייטן, וועלכע ס׳איז אויסגעקומען גובר צו זיין אין דעם דאָזיקן

קאַמף, וועגן דער געוואַלדיקער העץ־קאַמפּאַניע, וואָס האָט זיך אין דעם צוזאַמענהאַנג צעפלאַקערט אַרום דעם יונגן שרייבער.

בולט האָט זיך אַרויסגעוויזן די כאַראַקטעריסטישע פּאַר י. סערעבריאַנין פאַרשערישע סקרופּולעזקייט ביים אַנאַליזירן ליטעראַרישע דערשיינונגען אין איינער פון זיינע בעסטע פאָרשונגען — שלום־עליכמס אַרבעט איבער דעם ראָמאַן ״מנחם־מענדל״. סערעבריאַני האָט אונדז ממש אַריינגעפירט אין דער שעפערישער לאַבאָראַטאָריע פונעם גרויסן מייסטער און באַוויזן, פאַרגלייכנדיק וואָרט מיט וואָרט, שורה מיט שורה, ווי אַזוי שלום־עליכם האָט פון פילצאָליקע זיינע ״פעליעטאָנען״, וואָס זיינען געווען צעזייט אין פאַרשידענע צייטונגען, אויסגעפורעמט דעם מאָנומענטאַלן ראָמאַן, שטאָפּל נאָך שטאָפּל אויסגעבילדעט יענע וואונדערבאַרע קינסטלערישע שלמות, מיט וועלכער ס׳צייכנט זיך אויס דאָס דאָזיקע שלום־עליכמישע מייסטער־ווערק.

עס איז גוט באַקאַנט שלום־עליכמס גרויסער אינטערעס צו די איבערזעצונגען פון זיינע ווערק אין אַנדערע שפּראַכן, און באַזונדערס אין רוסיש; זיין טרוים ״אַרויסצושווימען אינעם אָקעאַן פון דער רוסישער ליטעראַטור״. אין דער אַרבעט ״שלום־עליכם און פּראָבלעמען פון קינסטלערישער איבערזעצונג״ ברענגט י. סערעבריאַני אַ ריי וויכטיק באַקאַנטע מאַטעריאַלן, באַזונדערס שלום־עליכמס בריוו, פון וועלכע ס׳לאָזט זיך קלאָר אַרויסזען, ווי גרויס איז געווען ביי אונדזער קלאַסיקער דאָס געפיל פון אחריות לגבי דעם אייגענעם שאַפן און דער יידישער ליטעראַטור בכלל, בעת עס פלעגט אים אויסקומען דעביוטירן פאַרן רוסישן פּובליקום.

אינטערעסאַנט זיינען די מאַטעריאַלן, וועלכע באַווייזן ווי ערנסט און פאַראַנטוואָרטלעך שלום־עליכם האָט זיך באַצויגן צו זיינע אייגענע איבערזעצונגען פון די רוסישע קלאַסיקער. זייער באַלערעוודיק איז אין דעם פּרט דער בריוואויסטויש מיט ל. נ. טאָלסטאָי, וואָס ווערט געבראַכט אין דער אַרבעט. דער פאָרשער רעזומירט מיט רעכט, אַז ״די געדאַנקען, וועלכע שלום־עליכם זאָגט דאָ אַרויס וועגן די פּרינציפּן פון איבערזעצונג און די ביישפּילן פון מייסטערישער איבערזעצונג, וואָס ווערן דאָ געבראַכט, געפינען זיך אויף דעם ניוואָ פון אונדזערע היינטצייטיקע פאָדערונגען צו דער קונסט פון איבערזעצונג און זיינען באַלערעוודיק פאַר די היינטצייטיקע איבערזעצער פון זיינע ווערק״ (ז׳ 285).

י. סערעבריאַניס ״מיטציייטלער און קלאַסיקער״ איז אַ נייטיקער בוך, וואָס וועט העלפן דעם יידישן און ניט־יידישן מאָסן־לייענער זיך ברייטער צו באַקענען מיט די ווערק פון דער היינטצייטיקער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור און פון דער יידישער ליטעראַטור פון דער פאַרגאַנגענהייט.

העפט 2, 1973

אונדזער פּאַטער אהרון ראַסקין

פון רות און פרידא

אהרן בן זלמן ראַסקין איז געבוירן אין אַ שטעטל מיטן נאָמען: נאַסאָוויטשי, גאָמעלער געגנט, ביי אַ משפּחה לערערס. גענוי ווי זיין פּאַטער האָט אויך אהרון אויסגעקליבן פּעדאַגאָגישע אַרבעט ווי זיין פּראָפעסיע און וועג אין לעבן.

אָנהייבנדיק פון 1928 לערנט ער אין פּאָליטעכניקום פון גאָמעל, אויף דער אָפּטיילונג פאַר יידישער שפּראַך און ליטעראַטור. נאָכן פאַרענדיקן דעם קורס ווערט ער אָנגענומען אַלס לערער אין אַ יידישער שולע אינעם שטעטל כאַיניקי. שוין ווי אַ יינגער לערער געפינט ער גלייך דעם וועג און צוגאַנג צו קינדער. ער צייכנט זיך אויס מיט באַזונדערן און עמאָציאָנעלן אונטעריכטן די יידישע שפּראַך און ליטעראַטור.

אונדזער מאַמע, פאַניע ראַסקין-פּערצאָווסקי, וועלכע איז געווען דעם פּאַטערס אַ שילערין, האָט פיל זכרונות וועגן זיינע אינטערעסאַנטע לערן-שטונדן וועלכע פלעגן פאַרכאַפּן די שילער מיט דעם ברייטן און טיפן וויסן פון די פאַרגעטראָגענע לימודים און וועגן דער פאַרליבטקייט פון דעמאָלט יונגן לערער אין זיין פאַך.

שוין ביים שטעלן די ערשטע טריט אויפן געביט פון פּעדאַגאָגישער טעטיקייט הייבט אָן דער 18-יעריקער לערער אויך צו פאַרעפנטלעכן לידער און קריטיק-אָפּהאַנדלונגען וועגן שאַפונגען פון אונדזערע קלאַסיקערס. אינעם זשורנאַל „אָקטיאַבר", וואָס דערשיינט אין ווייסרוסלאַנד, פאַרעפנט-לעכט ער אויך זיין ערשטע און איינציקע פּיעסע, לויט שלום-עליכמס „טוביה דער מילכיקער". די טעקסטן צו די לידער פונעם דאָזיקן ספּעקטאַקל שרייבט ער אַליין.

אין 1932 ווערט ראַסקין אָנגענומען ווי אַ סטודענט אין מאָסקווער לערער-אינסטיטוט א.נ. פון לענינען, זעלבפאַרשטענדלעך אויף דער אָפּ-טיילונג פאַר דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, וואָס ער האָט אויס-געצייכנט פאַרענדיקט אין 1936. אין יענע סטודענטישע יאָרן האָט ער צוזאַמען מיט זיין אינסטיטוט-חבר און פריינט, שפּעטער דער באַקאַנטער פּאָעט שלמה רויטמאַן, פאַרעפנטלעכט מעטאָדיק-נאָטיצן צו אונטערריכטן

די יידישע שפּראַך און ליטעראַטור פאַר לערער אין די יידישע שולן. צום באַדויערן איז די "מעטאָדיק" שוין נישט דערשינען. דער כתב-יד איז פאַרפאַלן געוואָרן אין די מלחמה-יאָרן.

נאָכן ענדיקן דעם מאָסקווער לערער-אינסטיטוט אַרבעט ראַסקין ווי אַ לערער אין איינע פון די מיטלשולן ביי מאָסקווע. אין דער צייט האָט ער חתונה-געהאַט מיט זיין געוועזענער שילערין, פאַניע פּערצאָווסקי.

ראַסקינען איז נישט באַשערט געווען צו פאַרנעמען זיך אין דער אַספּיראַנטור, וואו ער איז אָנגענומען געוואָרן אין 1938, מיט זיין באַליבטן געביט יידישע פילאָלאָגיע. דאָס איז געווען מחמת דער פּאָליטיק פון דער סאָוויעטישער מאַכט אין יענע יאָרן. ער האָט געמוזט ענדערן זיין "פּראָפיל" און זיין דיסערטאַציע ווידמען די שאַפונגען פון — היינריך היינע, אַנשטאָט די שאַפונגען פון שרייבער אין יידיש.

באַלד ביים אָנהייב פונעם צווייטן וועלטקריג ווערט ער מאָביליזירט אין דער אַרמיי און אַרבעט די גאַנצע צייט אַלס איבערזעצער אין די קריגס-שטאָבן, מיטמאַכנדיק דעם וועג ביז בערלין. פאַר זיין טרייער דינסט ווערט ער באַשאָנקען מיט צוויי אָרדנס פון "רויטן שטערן" און נאָך אייניקע מעדאַלן. טייערער פון אַלע אויסצייכענונגען איז פאַר אים אָבער געווען די ליבע, פריינטשאַפט און איבערגעגעבנקייט מצד זיינע חברים אין דער אַרמיי — סאָלדאַטן און אָפיצירן. אין זיינע טאָגביכער און בריוו צו דער פרוי, זענען נאָטירט פיל עפּיזאָדן וועגן דער גוטער באַציאונג צו אים מצד אַלע מיטקעמפער. ווי אַ באַשיידענער ערלעכער קריסטאַל-ריינער מענטש, און הויך-קוואַליפיצירטער פּראָפעסיאָנעלער איבערזעצער, האָט ער זיין דיוויזיע געבראַנגט אומגעהויערן נוצן אין משך פון גאַנצן קריג, ביזן אָנקומען נאָכן זיג קיין בערלין.

נאַטירלעך האָט ראַסקין געחלומט נאָך דער מלחמה צוריקצוקערן זיך צו זיין באַליבטער פּראָפעסיע — די ליטעראַטור. די באַדינגונגען זענען אָבער געווען אַנדערע. מען לאָזט אים איבער אויף נאָך גאַנצע פינף יאָר אין דייטשלאַנד — אין דינסט פון דער סאָוויעטישער קריגס-אַדמיניסטראַ-ציע. אַלע יאָרן מאַכט ער באַמיאונגען צו באַפרייען זיך פון דאָזיקן אַמט אין דרעזדען, אָבער ערשט אין 1950 קערט ער זיך צוריק אַהיים צו זיין משפּחה.

דווקא אין דעם פּעריאָד איז אין סאָוויעט-רוסלאַנד אָנגעגאַנגען דער קאַמף קעגן "קאָסמאָפּאָליטיזם". אין תוך איז דאָס געווען אַן אַקציע פונעם צעיושעטן אַנטיסעמיטיזם. ראַסקין באַקומט נישט קיין אַרבעט אין זיין פאַך ווי אַ פּעדאַגאָג. נאָך לאַנגע זוכענישן ווערט ער אָנגענומען ווי אַ לעקטאָר פאַר אויסלענדישע ליטעראַטורן אין קורסקער לערער-אינסטיטוט. דאָ האָט

ער אין משך פון צוואַנציק יאָר געפירט אַ קורס פאַר אַנטיקע און מערב-אייראָפּעישע ליטעראַטורן. זיינע לעקציעס האָט ער געהאַלטן אין רוסיש ווי אויך אין דייטש, און האָט אַרויסגערופן צו זיך אַכטונג און ליבע ביי זיינע צוהערער און קאָלעגן.

דאָס גאַנצע לעבן זיינס האָט ראַסקין געשטרעבט צו פאַרפולקאָמונג, צו שלימות, צו טיפער און ברייטער בילדונג. מיט התמדה און טיפן אינ-טערעס האָט ער זיך געגרייט צו יעדער לעקציע און דעריבער זענען זיי טיף איינגעקריצט געוואָרן אין זכרון פון זיינע סטודענטן. ער פלעגט דערוועקן ביי זיי ליבע צו ליטעראַטור, און דאָס האָט אויך געפונען אויסדרוק אין די פילפאַרביקע ליטעראַרישע אָוונטן און פאַרשטעלונגען פון זיינע סטודענטן און זייער צוזי דורך אים מיטצואַרבעטן אין דער סטודענטישער ליטעראַטור-צייטונג, וועלכע ער האָט אַלע יאָרן רעדאַגירט.

ווען מען האָט אים קעגן זיין ווילן אין 1972 אַרויסגעשיקט אויף פענסיע, איז דאָס געווען אַ קלאַפּ אויך פאַר זיינע קאָלעגן און תלמידים. זיי האָבן זיך פון אים געשיידט ממש מיט טרערן אין די אויגן. קיינער האָט אָבער נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס ער ווערט באַזייטיקט פון זיין אַרבעט. דער שליסל צו דער רעטעניש איז געווען אַ פשוטער: עמיצן פון די „טשיגאָווניקעס" אין קורסק האָט זיך פאַרגלוסט „אויסצוצייכענען" זיך דורך אַנטפּלעקן אַן אידעאָלאָגיש-פאַרבאָרגענעם „שונא" בעת יענער אַקציע פון יאָגד נאָך נאַציאָנאַליסטן און ציוניסטן. דאָס האָבן זיי געוואָרפן אויף אים אַן „אויג" און אים אַרויסגעשטויסן פון זיין פעדאַגאָגיש-מעטאָדישער טעטיקייט.

אַלע יאָרן פון זיין פעדאַגאָגישער טעטיקייט אין קורסק פאַרנעמט זיך ראַסקין אויך מיט זיין וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. זיינע מאמרים וועגן מערב-אייראָפּעאישער ליטעראַטור ווערן כמעט יעדעס יאָר פאַרעפנטלעכט אין אָרגאַן פון קורסקער אינסטיטוט „פעדאַגאָגישע שריפטן". זיינע אַרבעטן נעמען אַרום אַ ברייטן דיאַפּאַזאָן פּראָבלעמען אין די שאַפונגען פון היינע, שילער, געטע, מאָליער, שעקספּיר א.אַ. אַנפאַנגנדיק פון אויסשליסלעך טעאָרעטישע פאָרשונגען (ווי למשל „דאָס פאָרמירן זיך פון עסטעטישע אַנשויאונגען אין היינעס שאַפונגס-פּראָצעס") ביז צו פּאָפּולערע וויסנ-שאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען וועגן וועלט-ליטעראַטור ווי הילפס-מאַטעריאַל פאַר לערערס אין מיטלשולן.

ראַסקין דער פאָרשער פון דער מערב-אייראָפּעאישער ליטעראַטור האָט אָבער קיינמאָל נישט פאַרגעסן זיין ערשטע ליבע — די יידישע ליטע-ראַטור.

ווי נאָר עס האָט אין 1961 אָנגעהויבן דערשיינען „סאָוועטיש היימלאַנד"

ווערט ער צוגעצויגן, ממש פון ערשטן טאָג אָן, ווי אַן אַקטיווער מיט-אַרבעטער.

דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביזן יאָר 1977, ווען מיר — זיינע טעבטער מיט אונדזערע משפחות — זענען עולה-געווען קיין ישראל. ווערגעליס האָט גלייך אויפגעהערט צו דרוקן זיינע אַרבעטן וואָס האָבן יאָרן-לאַנג באַשיינט די טריבונע און אַרויסגערופן גרויס אינטערעס צוליב זיין ברייטער באַ-האַוונטקייט אין דער יידישער און אויך אין דער העברעאישער ליטעראַטור.

אונדזער פאָטער האָט געחלומט אין משך פון אַ סך יאָרן עולה-זיין קיין ישראל. מיט דער עליה פון זיינע צוויי טעבטער אין 1977 טרעט אַריין דער חלום אין סטאַדיע פון פאַרווירקלעכונג. אין 1978 גיט ער אַן די דאָקומענטן פאַר זיך און זיין פרוי אין „אָוויר". אָבער אַנשטאָט אַן אַרויספאָר-דערלויבעניש הייבן די סאָוויעטישע מאַכט-אָרגאַנען אָן אַ פאַר-פאָלגונגס-אַקציע און די שוין נישט-יונגע ראַסקינס באַקומען אַ סעריע „אָטקאַזן" (אָפּזאָגן).

זיבן יאָר צייט האָט געדויערט דער קאַמף — דאָרט אויפן אָרט דורך אונדזערע עלטערן און דאָ, דורך אונדז און זיינע פריינט. אין דער יידישער וועלט דערשיינען אַרטיקלען וועגן די ראַסקינס מיט דער פאָדערונג זיי צו דערלויבן אַרויספאָרן צו זייערע קינדער אין ירושלים. דער פאָטער זיצט דערווייל נישט ליידיק און פאַרטיפט זיינע קענטענישן אין עברית מיט דער האָפענונג, אַז באַלד נאָכן אָנקומען אין לאַנד פון זיינע חלומות זאָל ער קאָנען „זיך נעמען צו דער אַרבעט". ער איבערזעצט פיל פון זיינע מאמרים אויף עברית. אין איינעם פון זיינע לעצטע בריוו שרייבט ער צו אונדז:

„מיר איז געווען זייער אָנגענעם צו לייענען אַ שיינעם אָפּרוף אויף מיינע בריוו, געשריבן אין עברית. פיל קאָמפּליצירטער איז זעלבפאַרשטענד-לעך דאָס איבערזעצן קריטיש-וויסנשאַפטלעכע מאמרים. איך פאַרטיף זיך אין די אוצרות פון דער שפּראַך און וואָס ווייטער באַנעם איך די אומ-באַנעמקייט פון איר געוואַלדיקער ברייטקייט, רייכקייט און שיינקייט. נאָר דווקא אין דעם איז באַהאַלטן די צוציאונגס-קראַפט פאַר מיר און מיין פאַנטאַזיע, און דאָס העלפט מיר לעבן און קעמפן אין אָט דעם שווערן פעריאָד פון מיין לעבן".

דעם נישט גלייכן קאַמף איז אים נישט באַשערט געווען אויסצו-האַלטן. דאָס זענען געווען שווערע יאָרן פון גייסטיקע יסורים און ליידן, ווען אויף זיינע פלייצעס איז געלעגן דער טאָפּלטער יאָך פון צעשיידונג מיט דער משפחה און מטפל-זיין זיך מיט דער פרוי וואָס איז אין גייסטיקן זין געווען פיל שוואַכער („טוביה איז נישט קיין יידענע" — פלעגט זייער אָפט זיך איבערחזרן אין זיינע בריוו).

אונדזער פֿאַטער אהרון ראַסקין

אהרן ראַסקין איז נפטר-געוואָרן פֿון אַ פּלוצימדיקער האַרץ-אַטאַקע דעם 7טן אַפּריל 1984.

ערשט נאָך זיין טויט האָט זיין פֿרוי באַקומען די דערלויבעניש אַרויס-צופֿאָרן צו אירע קינדער קיין ירושלים.

יידיש : מלך ארז

אינהאַלט

	זייט
הקדמה — גרשון ווײַנער, אפרים שעדלעצקי	7
הקדמה — בעברית	9
מענדעלע אין ייִדיש און העברעאיש	11
מענדעלעס דערציילונגען אין די 80ער און 90ער יאָרן	28
דער העברעאישער וואַריאַנט פון "טוביה דעם מילכיקן"	40
אַ נײַע פאָרשונג וועגן שלום-עליכמען	57
אַן איבערגעניצעוועטער שלום-עליכם	75
פרץ און ביאַליק	91
ביאַליק אין די יאָרן פון דער ערשטער רוסלענדישער רעוואָלוציע	99
נײַע לעבנס-פאָרמען — נײַע קונסט (דוד בערגעלסאָן)	116
באַמערקונגען וועגן בערגעלסאָנס שאַפונגס-פּראָצעס	133
איזי כאַריק	149
דער טראָט פון דורות (פרץ מאַרקיש)	169
דאָס לעבן און שאַפן פון לייב קוויטקאָ	179
הײַנטצײַטיקע ייִדישע סאָוועטישע נאָוועלע	187
מיט דער מאָס פון מענטשלעכקייט (שירע גאָרשמאַן)	204
בײַ די קוואַלן פון לעבן (שמואל גאָרדאָן)	214
טוביה געגנס ראָמאַן "אונדזערע צײַטן"	272
דער שעפערישער וועג פון אַ ליטעראַטור-קריטיקער (י. נוסימאָוו)	240
אַ נייטיק בוך (י. סערעבריאַני)	258
אונדזער פאָטער אַהרן ראַסקין — ביאָגראַפיע געשריבן דורך רות און פרידאַ	265